STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04666

# IN FAYER FUN GESHEENISHN

Berl Frymer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר בערל פרימער

# אין פייער פון געשעענישן

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון
„קרן תל־אביב לספרות ולאמנות״ און פון דעם
„אליעזר פּינעס פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור״.

# ד״ר בערל פרימער

# אין פייער פון געשעענישן

## עסייען און אַרטיקלען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב תשמ״א — 1981

Dr. BERL FRYMER
IN FAIER FUN GESHEENISHN

ד״ר בערל פרימער
אין פייער פון געשעענישן

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel

נדפס בישראל תשמ״א

י. ל. פרץ־פאַרלאַג
רח׳ אלנבי 31 — תל־אביב

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481

☆

דאָס בוך איז אַ המשך, כאָטש נישט קיין כראָנאָלאָגישער, פון מיינע „יידישע האָריזאָנטן". עס איז אַ שטרענג סעלעקטיווע זאַמלונג פון עסייען און אַרטיקלען אין פיר געביטן: פובליציס־טיק וועגן יידישע צייטפראַגן, אידעאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע אַרבעטן, רייזעס איבער דער וועלט און יידישע ישובים, ליטעראַ־טור־קריטיק און רעצענזיעס.

ס'איז נאָך אַלץ בלויז אַ טייל פון מיין שרייבערישן האָב־און־גוטס. כ'האָף נאָך צו פאַרעפנטלעכן אַ „רייזע־פנקס" און אַ באַזונדערן באַנד ליטעראַרישע סקיצעס, מאָנאָגראַפיעס און רעצענזיעס.

דערווייל שיק איך אַרויס דאָס איצטיקע בוך „אין פייער פון געשעענישן" אין דער ליכטיקער וועלט. איך באַדאַנק מיין רעדאַקטאָר און חבר שלמה שווייצער, דעם „קרן תל־אביב לספרות ולאמנות" און דעם „אליעזר פינעס־פאָנד" פאַר דער פריינדלעכער הילף וואָס זיי האָבן מיר געגעבן.

ב. פ.

# נייע אויספאָרשונג וועגן געמישטע חתונות

צום יערלעכן צוזאַמענפאָר פונעם „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גרינדלעכע און אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג וועגן געמישטע חתונות.

די אויספאָרשונג פירט איין אַ נייע צעטיילונג אין די געמישטע חתונות: צווישן אַזעלכע, ווו דער נישט־יידישער צד האָט זיך מגייר געווען און אַלגעמיינע. דער אונטערשייד צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס איז, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער, אַ ווייטגייענדיקער.

די פאַמיליעס פון די יידיש־געבוירענע מענער אין די געמישטע חתונות זענען מער יידיש און טראַדיציאָנעל ווי אין פאַל פון פרויען. 41% פון אַט די יידיש־געבוירענע מענערס פאַמיליעס זענען געגאַנגען אין טעמפּלס, בלויז 30% אין פאַל פון יידיש־געבוירענע פרויען. 85% פון די אויסגעפרעגטע געמישטע פאָרלעך האָבן קינדער. וואָס שייך די רעליגיעזע אַפיליאַציעס פון די עלטערן, שטעלן זיי מיט זיך פאָר דעם טיפּיש אַמעריקאַנער דורכשניט, אַממערסטן קאָנסערוואַטיווע, דאַן רעפאָרמירטע, אָבער אויך (טרויעריק כאַראַקטעריסטיש) אָרטאָדאָקסישע. (אויך די נישט יידישע פאַרטנערס קומען פון פאַרשיידענע רעליגיעזע דענאָמינאַציעס. אַרום 53.7 פּראָצענט פון קאַטוילישע, 13.7 פּראָצענט פון פּראָטעסטאַנטישע). די גרעסטע מערהייט קומט פון די גרויסע שטעט, וואָס איז נישט אַנדערש פון דער אַלגעמיינער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אומקערנדיק זיך ווידער צום אָפּשטאַם — 70% פון די עלטערן פון די וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט אַ קריסט אָדער קריסטן האָבן געהערט צו אַ שול, 65% זענען געווען אַ ביסל רעליגיעז. וואָס שייך רעליגיעזע אָביעקטן — ביי 54.7% האָט זיך געפונען אַ מזוזה אין הויז, אין 45% היימען האָט מען

געצונדן שבת־ליכט. בלויז 7% האָבן געפירט אַ כּשרע קיך. אין 38% הייזער זענען געווען יאַרמלקעס. בלויז איין פּראָצענט איז געווען אַנטי־רעליגיעז.

וואָס איז די יידישע דערציונג פון די, וואָס האָבן חתונה געהאַט „אין דרויסן״? פון 62 ביז 64 פּראָצענט (די ציפערן זענען רונדע) האָבן זיך געלערנט אין זונטיק־און נאָכמיטאָג־שולן. נאָר 11% מענער און 3% פרויען האָבן באַקומען אַ טאָגשול־דערציונג מיט אַן ערנסטן יידישן פּראָגראַם.

זיי זענען אָבער אַלע כּמעט אויסגעוואַקסן אין אַן איבערוועגנדיקער יידישער סביבה — אויסער 2 ביז 15 פּראָצענט. וואָס מער מ׳האָט זיך דערנענטערט צו „דעיטינג״, זענען די קאָנטאַקטן צווישן געשלעכטער פון פאַרשיידענע רעליגיעס געוואָרן אָפטערע. די געמישטע חתונה איז כּמעט שטענדיק אַ פּועל־יוצא פון אָט די באַגעגענישן.

זייער באַלערנדיקע זענען די פאַקטן וועגן דער שטעלונג פון די עלטערן צו אָט די חתונות. וואָס שייך יידן — 19.7% זענען געווען שטאַרק קעגן, 39.5% קעגן, אָן שום שטעלונג 35%. פּאַר — בלויז 5.8%. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז די היימען זענען געווען גאַנץ לעבלעך. יעדנפאַלס איז נישט געווען קיין שטאַרקער ווידערשטאַנד. די עלטערן האָבן נישט איבערגעריסן מיט זייערע ווידערשפּעניקע קינדער און מ׳האָט נישט געריסן קיין קריעה. וואָס שייך נישט־יידישע טאַטע־מאַמע — 75% פון זיי געהערן צו אַ קירך, אָבער די קעגנערשאַפט צו די נישט־איינהייטלעך רעליגיעזע חתונות איז נאָך אַ קלענערע ווי ביי יידן.

נאָך אַ וויכטיקער פאַקט: די מערהייט פון די חתונה־געהאַטע האָבן איבערגעגעבן, אַז זייער פאַמיליע־לעבן איז אַ האַרמאָנישס און אַז זיי קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג בנוגע דעם רעליגיעזן אינהאַלט פון הויז, דערציונג פון די קינדער אאַז״וו. מיט דעם ווערט ווי אָפּגעלייקנט די טעאָריע וועגן רייבונגען און שפּאַנונגען אין די געמישטע חתונות.

עס איז נישט חרוב געוואָרן די „ברייטערע פאַמיליע״. מ׳טרעפט זיך מיט די עלטערן רעגולער און גאַנץ אָפט. 30% זעען זיך מיט די עלטערן ראש־השנה און יום־כּיפּור און גאַנצע 44.8% פּסח־צייט. ווייניקער אָבער אויך באַדייטנדיק זענען די באַגעגענישן מיט די קריסטלעכע עלטערן בעת זייערע יום טובים. צוויי דריטל פון די יידישע צדדים אין געמישטע חתונות

האָבן דערקלערט, אַז זיי באַטראַכטן זיך ווי יידן און אַז יידישקייט איז פאַר זיי וויכטיק. בלויז אַ פאַרעקשנטע מינדערהייט האָט מאַניפעסטירט אַ גלייכגילט צו יידישקייט. וואָס שייך דעם נישט־יידישן צד האָבן אין די הייראַטן אָן גיור בלויז 13% זיך באַטראַכט אַלס יידן און 7.3% אַלס טיילווייז־יידיש. 22% פון געמישטע חתונות (אָן גיור) האָבן דערקלערט אַז זיי האָבן אַ פאַרבינדונג מיטן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, 37% גיבן איינשטייערונגען פאַרן פאַראייניקטן יידישן אַפּיל. אַ סך, אָבער נישט דראַמאַטיש ווייניקער, ווי אין ריין יידישע חתונות, 18% געהערן צו אַ טעמפּל, פון דעם 34% צו די רעפאָרמירטע און בלויז 7% צו דער אָרטאָדאָקסיע.

וואָס טראַכטן זיי וועגן דער צוקונפט פון די קינדער? צוויי דריטל האָבן דערקלערט אַז זייערע קינדער זענען אָדער וועלן ווערן געמלט. בלויז אַ דריטל האָט געזאָגט, אַז מ׳וועט פייערן אַ בר־מצווה. ווי שוין פריער אָנגעוויזן, געהערן די חתונות מיט גיור צו גאָר אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. אין 21% פון די געמישטע חתונות האָט זיך דער נישט־יידישער צד מגייר געווען. דאָס מגייר זיין זיך קומט מער פאַר ביי פרויען (27%) ווי ביי מענער (14%). פאַראַן אַ סך מער גיור, ווען די עלטערן פון דעם יידיש־געבוירענעם צד זענען געווען רעליגיעז. דאָס צוזאַמען מיט דעם רעליגיעזן גלייכגילט פון דעם נישט־יידישן צד, דערקלערט דעם שטויס צו ווערן יידן.

דער פאַקט פון מגייר זיין זיך ברענגט צו דראַמאַטישע אונטערשיידן אין די געמישטע חתונות:

83% האָבן זיך דערקלערט ווי יידן. די מערהייט פון די גרים זענען אַקטיוו באַטייליקט אין די שולן. אַ סך מער ווי אין די ריין יידישע האָמאָגענע הייראַטן. 80% באַטראַכטן זייערע קינדער אַלס יידן און וועלן זיין אומגליקלעך, אויב זיי וועלן זיך אָפּרייסן פון יידנטום, דאָס אין פאַרגלייך מיט בלויז אַ דריטל אין סתם געמישטע חתונות. די גיורים זענען געווען 31% אָרטאָדאָק־סישע, 28% רעפאָרמירטע און 19% קאָנסערוואַטיווע. אַ סך אָבער פון די, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די אָרטאָדאָקסישע פאָרם פון גיור, האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין רעפאָרמירטע טעמפּלען. אין סתם געמישטע חתונות זענען בלויז 10% מקודש געוואָרן דורך אַ רב. דער הויפּט־פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, וואָס אין די אָן־גיור־חתונות לעבט דאָס פּאָרל נישט ווייניקער

יידיש ווי אין געוויינלעכע יידישע חתונות און היימען, וואָס זענען אין אַלגעמיין אַסימילירט. עס איז נישטאָ דאָס געפיל אַז מען איז „פון עפּעס אַוועק". בכלל, ווי שוין געזאָגט, איז עס אין אונדזערע צייטן נישט קיין טראַגעדיע. מ׳רייסט נישט קיין קריעה און מ׳זיצט נישט קיין שבעה.

מ׳דאַרף געדענקען אַז די מערהייט פון דעם נישט־יידישן צד איז זיך נישט מגייר. די קינדער זענען נישט אויסגעשטעלט צו קיין שום יידישער השפּעה. דעריבער זענען די, וואָס האַלטן, אַז די געמישטע חתונות וועלן גאָר צוהעלפן לייזן די דעמאָגראַפישע שוועריקייטן, אין אַ טעות. די פאָרשונג צילט, ווייזט אויס, צו באַווייזן די וויכטיקייט פון דער גיור־באַוועגונג וועמעס טשאַמפּיאָן ס׳איז ד״ר שינדלער. ס׳איז אָבער קלאָר אַז נישט אין דעם ליגט די ישועה. די געמישטע חתונה איז נישט קיין סיבה, נאָר אַ סימפּטאָם פון יידישער אויסליידיקונג און אַנשטאָט צו „יידישן" גוים, דאַרף מען פאַריידישן יידן, אָבער נאָר נישט גיין צו עקסטרעמען. די פאָרשונג באַווייזט דאָך אַז די געמישטע חתונות זענען נישט דער סוף פון יידישקייט. מ׳קען נאָך אַ סך אויפטאָן מיט געדולד, טאַקט, יידישער עקשנות און גרויסער דערציערישער אַרבעט.

1979

# יידן און די אַמעריקאַנער פּאָליטיק

וואָס איז דער פּאָליטישער פּרצוף פון אַמעריקאַנער יידנטום? ווי אַזוי שטימט דער יידישער וויילער? די פראַגע שיינט צו זיין צו אַלגעמיין און זי איז פאַרבונדן מיט אַ סך אַ ברייטערן ענין: צי שטימען יידן ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַן עטנישע גרופּע, אָדער צי זענען זיי צעטיילט אין זייערע איבערצייגונגען אָן אַ מעגלעכקייט צו פאָרמולירן אַ דורכשניט? וויפל איז פאַראַן אמת אין דער אָפט געהערטער מיינונג, אַז פּונקט ווי די אַנדערע טיילן פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט זיך דער יידישער כלל אַ רוק געטאָן רעכטס אָדער צי איז עס נאָך אַלץ אמת אַז יידן שטימען מערסטנטייל אין פולן

קעגנזאַץ צו זייער מאַטעריעלן מצב און סאָציאַלן שטאַנד? און דער עיקר: צי איז פאַראַן אַזאַ זאַך בכלל ווי „אַ יידישע שטימע", אָדער צי איז עס איינער פון די מיטאָסן, וואָס צוליב זייער באַגלויבטקייט ווערן זיי כמעט אַ ווירק־לעכקייט.

ווי געזאָגט, קען קיינער אויף דעם נישט ענטפערן קאַטעגאָריש און פּינקטלעך.

פון דעסטוועגן האָט די מאָדערנע פאָרשונג געשאַפן סטאַטיסטישע און סאָציאָלאָגישע כלים פאַר מער אָדער ווייניקער גענויע פעסטשטעלונגען. מ׳קען האָבן אַ באַגריף ווי אַזוי עס שטימען די קאַטאָליקן, די פּראָטעסטאַנטן, ווען מען ריכט זיך לויט רעליגיעזע קריטעריעס, אָדער וואָס זענען די שטי־מונגען ביי די נעגערס, פּאָרטאָריקאַנער, איטאַליענער, ווען מ׳גייט לויט עטנישע אָנגעהעריקייטן. ס׳זענען פאַר דעם פאַראַן בולטע קענצייכנס. (לויט סביבות, ווו די גרופּעס קאָנצענטרירן זיך, לויט קליינע אַנקעטעס פאַר די וואַלן אאַז״וו).

עס איז אַ סימן־מובהק פון יידישן איינפלוס אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַז מ׳אינטערעסירט זיך באַזונדערס און אומאויפהערלעך מיט זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען און טעטיקייטן. נאָך די וואַלן האָט מען אַ ספּעציעלן אינטערעס צו אונטערזוכן די סך הכלען ביי יידן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי אַ וואַכזאַמע און פּירנדיקע גרופּע. דאָס יידישע שטימצעטל איז עפּעס מער ווי דאָס אַלגעמיינע. עס ווייזט וווהין דער ווינט בלאָזט. עס איז אַ מאָטאָר און אַ סייסמאָגראַף אין דער זעלבער צייט. אויב אַזוי, איז לויט וועלכע פּרינציפּן שטימט ער? וואָס באַוועגט אים? אַלגעמיינע אָדער יידישע מאָטיוון? אָדער אפשר ביידע צוזאַמען? לויט וועלכער מאָס משפּט ער דעם קאַנדידאַט פאַר אַ פּאָזיציע? לויט זיין שטעלונג צו ספּע־ציפיש־יידישע פּראָגעס אָדער לויט זיין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן רעקאָרד? וואָס געשעט, ווען די ביידע זאַכן גייען נישט צוזאַמען? און לסוף, וואָס מיינט ישראל אין דעם גאַנצן שפּיל?

אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פון 11־טן נאָוועמבער 1978 פּרוווט אַדאַם קלימער ענטפערן אויף אַ גרויסן טייל פון די פּראָגעס פאַרבינדנדיק עס מיט די ערשט אָפּגעהאַלטענע „בין הזמנים־וואַלן" (גאָווערנאָרס, אַ טייל סענאַטאָרן

און אַלע מיטגלידער פון „הויז״). די יידישע וויילערס זענען מער דעמאָקראַטיש און ליבעראַל ווי אַנדערע. זיי זענען צעטיילט גלייך אויף גלייך בנוגע דער שטעלונג צו פּרעזידענט קאַרטער.

די מערהייט פון זיי, בלויז אַ ביסל ווייניקער ווי די קאַטאָליקן, וואָלטן געוואָלט זען אַלס פּרעזידענט עדוואַרד קענעדי. וואָס שייך זייער אָפּשאַצונג פון קאַרטערן איז זי אַ סך נעגאַטיווער ווי צו אַנדערע געוועזענע דעמאָקראַטישע פּרעזידענטן.

די „ניו יאָרק טאַימס״ און די סי־בי־עס־אויספאָרשונג האָט אַרומגענומען 331 יידן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון קרוב 9 טויזנט אויסגעפרעגטע. דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ גענוגנדיקער מוסטער מיט אַ מעגלעכקייט פון אין גאַנצן 8% פון טעותן.

ס'ווערט קלאָר, אַז יידן שטימען מער צאָלרייך ווי אַנדערע עטנישע גרופּעס. זיי באַטרעפן 4% פון די וויילערס, בעת זיי שטעלן מיט זיך פאָר בלויז 2.7 פון דער באַפעלקערונג.

כדי דערוויילט צו ווערן מוזן די קאַנדידאַטן אָנקומען צו די יידישע שטימען אין די גרויסע שטאַטן ווי: ניו יאָרק (נ. י.), קאַליפאָרניע (לאָס אַנדזשעלעס), פלאָרידע (מיאַמי), אילינאָי (שיקאַגאָ), מערילענד (באַלטימאָר), מישיגען (דעטראָיט), ניו דזשוירזי (נואַרק) און פּענסילוועניאַ (פילאַדעלפיע). דאָס איז געבליבן ריכטיק אויך אין אונדזערע טעג, ווען יידן האָבן פאַרלאָזט די גרויסע שטעט און זיך קאָנצענטרירט אין די פאָרשטעט. עס האָט אויך נישט געווירקט דער נייער עטנאָגראַפישער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג מיט דעם גרויסן אימיגראַציע־צופלוס פון די שפּאַניש־ריידנדיקע עלעמענטן. די יידן בלייבן נאָך אַלץ אַ גאָר חשובער באַשטאַנדטייל פון דער גרויסער מערהייט־קאָאַליציע פון די גרויסע שטעט, סינדיקאַטן און עטנישע מינדערהייטן.

יידן האָבן אָנגעהאַלטן זייער פּאַרטיי־לאָיאַליטעט. 72 פּראָצענט האָבן דערקלערט אַז זיי האָבן געשטימט פאַר די דעמאָקראַטן צו דעם „הויז״ אין פאַרגלייך מיט 60 פּראָצענט קאַטאָליקן און אין קעגנזאַץ צו די פּראָטעסטאַנטן, וואָס זענען צעטיילט גלייך אויף גלייך צווישן די צוויי גרויסע פּאַרטייען מיט אַ לייכטן עודף פאַר די רעפּובליקאַנער. ביז די וואַלן האָט קאַרטער

באַוויזן צו פֿאַרטאַכלעווען זיין קעמפּ־דיווויד פּאָפּולאַריטעט ביי יידן און אַ סך איז אָפּהענגיק פֿון זיינע צוקונפֿטיקע שריט בנוגע ישראל. 85% פֿון די אויסגעפֿרעגטע יידן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר מער התחייבותן פֿון אַמעריקע לגבי ישראל, ווי זי האָט איצט. די מערהייט פֿון די נישט־יידישע ווײלערס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן.

ווען מ׳אַנאַליזירט ווייטער דעם מוסטער, קומט אַרויס קלאָרער און קלאָרער די ליבעראַלישקייט פֿון יידישן ווײלער. 37% פֿון זיי האָבן זיך דערקלערט אַלס ליבעראַלן אין קעגנזאַץ צו 27% קאַטאָליקן און 17% פּראָ־טעסטאַנטן. דאָס וואָרט „ליבעראַל״ דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן אין פּאָליטישן זינען און מיינט עפּעס אַנדערש ווי ליבעראַלן אין ענגלאַנד אָדער אין ישראל. זייער פֿאָרגעשריטנקייט שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין זייער שטעלונג צו אַנדערע פּראָגעס. למשל: זיי זענען פֿאַר דערלויבן די האָמאָסעקסועלע צו אונטער־ריכטן אין די שולן, זיי זענען פֿאַרן שניידן דעם מיליטערישן בודזשעט, זיי זענען פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט רוסלאַנד בנוגע דעם אַטאָמישן אָפּמאַך.

אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט דערקלערט אַז זייער הכנסה שטייגט איבער 25,000 $ אַ יאָר. זיי זענען אָבער נישט אַריבער צו די רעפּובליקאַנער און נישט געוואָרן פּאָליטיש קאָנסערוואַטיוו אַזוי ווי די קאַטאָליקן און פּראָטעס־טאַנטן אין דעם זעלבן עקאָנאָמישן שטאַנד. בלויז 16% האַלטן זיך פֿאַר קאָנסערוואַטיוו אין פֿאַרגלייך מיט 27% קאַטאָליקן און 37% פּראָטעסטאַנטן.

יידן זענען מער ווי אַנדערע גרופּעס פֿאַר דער „אַריינמישונג״ פֿון דער רעגירונג לטובת די אָרעמערע שיכטן.

רעזומירנדיק: די פֿאָרשונג האָט באַשטעטיקט די אַלגעמיינע מיינונג בנוגע דעם יידישן עלעקטאָראַט (כאָטש מ׳דאַרף שטענדיק געדענקען אַז די ערלעכסטע אַנקעטעס זענען נישט קיין תורת משה מסיני. אַלץ איז אָפּהענ־גיק ווער, ווען און ווי אַזוי מ׳פֿרעגט): יידן זענען נאָך אַלץ אַ פּאָליטישער כוח. די שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען און באַזונדערס צו ישראל איז נאָך אַלץ אַ וויכטיקער, אויב נישט דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין באַשטימען די יידיש־פּאָליטישע שטעלונג. יידן זענען, ווי שטענדיק, ליבעראַל און פֿאָרגעשריטן.

אַז מ׳רעדט שוין פֿון פּאָליטישן כוח, דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן צו

דערמאָנען אַז עס זענען פֿאַראַן 7 יידישע סענאַטאָרן און עטלעכע און צוואַנציק מיטגלידער פֿון „הויז". דאָס איז אויך כוח און כמות און נישט בלויז איינפֿלוס און איכות.

ס'איז איינער פֿון די דערפֿרייענדיקע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן: ס'איז אַ גליק פֿאַר ישראל און פֿאַרן יידישן פֿאָלק.

1978

## „שמע" — אַן אינטערעסאַנטער זשורנאַל

עס זענען מיר אַריינגעפֿאַלן אין די הענט אייניקע נומערן פֿון זשורנאַל „שמע", רעדאַגירט פֿון ראַבאַי יודזשין באָראָוויטש. כ'האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גייסטיקע הנאה. איך בין שוין לאַנג געווען פֿאַראינטערעסירט אין אָט דער אינטערעסאַנטער, אָריגינעלער, נישט־קאָנווענציאָנעלער און אַרויסרופֿערישער אויסגאַבע, וואָס פֿאַראייניקט אינטעגראַלע יידישקייט מיט פֿרייען קריטישן געדאַנק. „שמע" „ספּעציאַליזירט זיך" אין אומדערשראָקענע אָפֿט מאָל נישט פּאָפּולערע שטעלונגען צו אַקטועלע און קריטישע פּראָבּ־לעמען און דערשיינונגען אין יידישן לעבן. דער זשורנאַל האָט טאַקע אַ באַשטימטן נוסח, פֿילאָסאָפֿיע און סטיל, אָבער ער לאָזט איבער גענוג פּלאַץ פֿאַר מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן און אַ מאָל אפֿילו קאָנפֿראָנטאַציע און שאַרפֿע קעגנזאַצן. די נומערן זענען דינע קונטרסים אָבער וואָגיק און חשוב. דערביי זענען די אַרבעטן פֿריי פֿון איבערגעלאָדנקייט מיט ציטאַטן און אסמכתות.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע מוסטערן פֿון די טעמעס, וואָס ווערן באַהאַנדלט ווי אויך שמועסן צום גרעסטן טייל צווישן אינטעלעקטואַלן און עקספּערטן. חוץ דעם, וואָס דאָס וועט אונדז באַקאָנען מיט דער צייטשריפֿט, וועלן מיר פֿון דעם אַ סך לערנען וועגן די שטימונגען און מיינונגען פֿון אַמעריקאַנער יידנטום.

לאָמיר נעמען דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע און פּשוטסטע: די כסדר

פֿאַלנדיקע צאָל פֿון ייִדן אין אַמעריקע. ראַבאַי דאָלגאָוו (פֿעברואַר־אויסגאַבע פֿון 1979) שטעלט זיך אָפּ אויף דער אָנגענומענער „נעאָ־מאַלטוסיאַנער" פּראַקטיק פֿון נישט מער ווי צוויי קינדער אין אַ פֿאַמיליע, און ער זאָגט: מיר נויטיקן זיך אין מער ייִדן און נישט אין ווייניקער. די וויטאַליטעט פֿון ייִדישן קהילה־לעבן איז פֿון דעם אָפּהענגיק. אַ קהילה ווען זי איז קליין, וועט זי נישט זײַן בכוח אויסצוהאַלטן אירע אינסטיטוציעס און דורכפֿירן איר־ע מינימום־פּראָגראַמען. וואָס קלענער ס׳איז דער ישוב, אַלץ גרעסער איז, למשל, די צאָל פֿון געמישטע חתונות.

דער באַשלוס פֿון ייִדן צו האָבן אַ דריט אָדער אַ פֿערט קינד, דאַרף פֿאַרשטענדלעך אָנגענומען ווערן פֿון דער פֿאַמיליע אַליין, אָבער פֿון דעסט־וועגן שפּילט דאָ אַ ראָל ווי אַזוי דער אָרגאַניזירטער כּלל וועט העלפֿן פֿאַמיליעס אַריבערשטייגן די ליניע פֿון „בלויז צוויי". דאָס קלענסטע וואָס די קהילה קען טאָן, איז געבן די גרעסערע פֿאַמיליעס מאַטעריעלן פֿאָרצוג אין די פֿאַרשיידענע דינסטן, וואָס די אינסטיטוציעס גיבן, למשל, אין שכר־לימוד, טעמפּל־מיטגלידערשאַפֿט. מ׳דאַרף בכלל באַשטימען פּריאָרי־טעטן פֿאַר דעם גאַנצן ענין און מ׳דאַרף עס געניו אַנאַליזירן און שטודירן. מיט וואָס איז דאָס וויכטיקער ווי די מיליאָנען וואָס מ׳גיט אויס אויף באַקעמפֿן אַנטיסעמיטיזם? ווי שוין געזאָגט, טאָר מען אין דעם נישט זען קיין ריין פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן. אַ סך איז אָפּהענגיק פֿון דעם געזעל־שאַפֿטלעכן קלימאַט אין דער סביבה. (ס׳איז נישט קיין צופֿאַל וואָס אין די רעליגיעזע קרייזן איז די פּרוכטבאַרקייט גרעסער און אַז ישראל, טראָץ אַלע אירע שוועריקייטן, פֿאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין פּריה ורביה. ב. פּ.). ביי אונדז ייִדן, זאָגט דער מחבר, קען די ציוויליזירטע מאָדע פֿון קליינע פֿאַמיליעס בלויז ברענגען אַ צווייטע שואה, יעדנפֿאַלס אַן אָפּשוואַכונג פֿון פּאָליטישן און גייסטיקן איינפֿלוס.

אין קעגנזאַץ צו דער אויפֿקלערונג, וואָס דערמאָנט אונדז אין די אַרגומענטן אין ישראל פֿאַר אַ גרעסערער „אינערלעכער עליה", טרעט אויף פֿאַולאַ הײמאַן און עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס זי איז אַ פֿרוי און דערביי אַ פֿעמיניסטין. זי טענהט אַז וואָס מען דאַרף איז מער קוואַליטעט ווי קוואַנ־טיטעט. זי גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון אַז דער אַרגומענט פֿאַר אַ שנעלערער

פֿאַרמערונג איז מער אָנלאָקנדיק, באַזונדערס ווען מ׳לעבט אין דעם נאָך חורבן־פּעריאָד און מ׳וויל מאַכן אַ ביאָלאָגישן בייטראָג צום המשך פֿון יידישן פֿאָלק.

זי דערמאָנט אָבער, אַז אַ נידעריקע געבורטס־ראַטע, די צאָל פֿון געבוירענע יידן איז בלויז איין פֿאַקטאָר אין דער פּעסימיסטישער פֿאָרויסזעונג וועגן יידן אין 21־סטן יאָרהונדערט. דאָס פּראָבלעם איז נישט אַזוי וועגן יידן וואָס ווערן נישט געבוירן, ווי וועגן די, וואָס ווערן פֿאַרלוירן. וויכטיק און אַנטשיידנדיק איז די אַסימילאַציע, די געמישטע חתונות, דאָס פֿרייוויליקע פֿאַרלאָזן דאָס יידנטום.

און דער עיקר (און דאָ קומט אַריין דאָס ווייבלעכע) טאָר מען נישט פֿאַרגעסן דעם באַזונדערן אינטערעס אין דער פֿראַגע פֿון דער פֿרוי און מוטער, וואָס אייגנטלעך טראָגט זי פֿערזענלעך אויס די רעזולטאַטן פֿון אַט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. זייער וויניק פֿרויען זענען באַגייסטערט פֿון דער אויסזיכט אָפּצוגעבן די בעסטע 10 יאָר פֿון זייער לעבן פֿאַר האָדעווען קינדער. זי זעט אפֿילו אין דעם וואַרפֿן אַזאַ לאָזונג אַן אויסדרוק פֿון מענלעכן עגאָ׳יזם און די צעטיילונג צווישן מענער און פֿרויען. די שרייבערין גיט צו צו די נאַטירלעכע אַרגומענטן אַ ביסל היסטאָריאָזאָפֿיע: דער יידישער כוח איז קיין מאָל נישט באַשטאַנען אין גרויסע צאָלן. די גלענצנדיקסטע פּעריאָדן פֿון גרויסע ישובים, ווי די שפּאַנישע גאָלדענע תקופה, זענען געווען אין צייטן, ווען די צאָל יידן איז געווען אומפֿאַרגלייכלעך קלענער ווי דער אַמעריקאַנער קיבוץ (250 טויזנט פֿאַרן גירוש אין שפּאַניע). אין פּוילן זענען יידן געווען אין זייער שעפֿערישסטן פּעריאָד בלויז 450 טויזנט, 4.5% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. אַוודאי איז זי פֿאַר שטיצן און דערמוטיקן גרעסערע פֿאַמיליעס, אָבער זי איז קעגן פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר יידישער פּריה ורביה. די דאגה וועגן דער גרויס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג דאַרף נישט פֿאַרטונקלען דאָס באַוווסטזיין „אַז דעם קאַמף פֿאַר יידישן המשך דאַרף מען פֿירן אויף פֿאַרשיידענע פֿראָנטן".

מיר ווילן נישט און קענען נישט אַריינגיין אין אַט דעם אַלטן וויכוח. דאָס איז איינער פֿון די טיפּישע ביישפּילן פֿון „ביידע צדדים זענען גערעכט". וואָס מיר ווילן אָבער יאָ זאָגן איז אַז אין אַלגעמיין איז דער קעגנזאַץ צווישן

כמות און איכות — באַזונדערס אין פּראָגעס פון פאָלקס־קיום — אין אונדזערע אויגן געקינצלט און פאַלש. אַ קליינע צאָל איז נישט דווקא אַ גאַראַנטיע פון הויכער קוואַליטעט. אַ ירידה אין צאָלן מיינט נישט עליה אין קוואַליטעט. ס׳איז פשוט אַ דאָפּלטער אומגליק...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו „שמע״. אַ גאָר אינטערעסאַנטער וויכוח האָט זיך אַנטוויקלט אַרום אַ צווייטער קאַרדינאַלער פראַגע, וואָס עס האָט אָנגעהויבן נאָראַ לעווין אין דער נאָוועמבער־אויסגאַבע פון 1978 און דאָס איז די מאָס פון יידישן וויסן פון די סאָציאַלע אַרבעטער, דעם סטעף פון יידישע קהילה־צענטערס, די פאַרוואַלטערס פון פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, די דירעקטאָרן פון געלט־קאַמפּעינען אאַז״וו, אאַז״וו. מיט דעם איז פאַרבונדן דער ברייטער קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען אַרום דעם יידישן אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער ריזיקער צאָל אַנשטאַלטן, וואָס מ׳האָט אויפגעבויט אין אַמעריקע און וואָס דינען שוין אין אַ גרויסער מאָס דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און נישט בלויז די יידן. נאָראַ לעווין שטעלט זיך אָפּ אויף דער טענדענץ אַריבערצוטראָגן דעם גאַנצן כוח פון פּלאַנירונג און באַשלוסן צו עקספּערטן און ספּעציאַליסטן. אָט די שליסל־מענטשן אין יידישן לעבן גרייט מען ווי פאַכמענער צו די באמת וויכטיקע געביטן פון אַדמיניסטראַציע, בודזשעטירונג, פּלאַנירונג פון קהילה־אַקטיוויטעטן. צום גרויסן צער אָבער מיידט מען אין גאַנצן אויס צו נעמען אין באַטראַכט די יידישע קוואַליפיקאַציעס, די מאָס פון יידישער קענטעניש און דערקענטעניש פון די איצטיקע און צוקונפטיקע פּראָפעסיאָנעלע יידן. פאַרכאַפּט פון די גרויסע אַלגעמיינע זאַכן, האָט מען פאַרגעסן די קליינע אותיותלעך. די דירעקטאָרן זענען טאַקע גרויסע בריות אין זאַמלען פאָנדן אין „פּאַבליק רילעישאַנס״, אָבער וואָס טוען זיי, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס קענען זיי טאָן אויפן יידישן געביט. ווי אַזוי קענען די פּריוויליקע און די פּראָפעסיאָנעלע פירערס העלפן באַקעמפן געמישטע חתונות, אָפּשוואַכן דעם צויבער פאַר דער יידישער יוגנט פון די קולטן, ווען זיי פאַרמאָגן אַזוי ווייניק גייסטיקן וויסן וועגן דעם.

צו דעם קומט נאָך צו אַ צווייטער מאָמענט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן ערשטן. די מערהייט פון די דירעקטאָרן פון די קהילה־צענטערס, פון די

פאַמיליע־און קינדער־אַגענטורן זענען טיפּישע סאָציאַלע אַרבעטער. דאָס איז אַ באַשטימטע מענטאַליטעט און פילאָסאָפיע, וואָס פּאַרט זיך נישט מיט יידישע נויטן פון נאַציאָנאַלן לעבן, מיטן אָפּהיטן אידענטיטעט, מיט פאַרבלייבן יידן דורך עקשנות און גערעאַנגל.

די טעאָריע פון די סאָציאַלע טוערס און זייערע ריכטליניעס און פּרינציפּן איז אָפּצוהיטן און קולטיווירן די זעלבסטבאַשטימונג פון דעם עולם וואָס מען באַדינט, און מאַכן פּלענער באַזירט אויף די ווונטשן און געשמאַקן פון די „קליענטן און קולטור־און פאַרווייַלונג־אָפּנעמערס". „גיב זיי וואָס זיי ווילן". דעריבער דאַרף מען אויך נישט באַשטיין דווקא אויף יידישע פּראָגראַמען „אויב זיי אינטערעסירן נישט אָדער לאַנגווייליקן דעם עולם". ס'איז חלילה נישט קעגן יידישע פּראָגראַמען און מען אַנאָנסירט זיי, אָבער ספּאָרט, שפּילן און אַנדערע צייט־פאַרטרייבן זענען פיל באַקוועמער דורכצופירן. יידישע אַנוועזנהייט איז שוין היינט נישט אין גאַנצן און זיכער נישט אויסשליסלעך פאַרזיכערט. און צוריק גערעדט: ווי אַזוי קען מען קעמפן פאַר אַ זאַך פון וועלכער מ'האָט נישט קיין אַנונג און אַנפילן אַ צענטער מיט אַן אינהאַלט, וואָס מ'פאַרמאָגט אַליין נישט. פון דעסטוועגן איז דאָס נישט אין גאַנצן קיין פאַרלאָרענער קאַמף. נאַראַ לעווין ברענגטביישפּילן פון ספּעציעלע פאַקולטעטן פאַר סטודענטן, וואָס גרייטן זיך צו קהילה־קאַריערעס אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט, אין ספּערטוס־קאָלעדזש אין שיקאַגאָ, אין באַל־טימאָרער יידישן קאָלעדזש אאַז"וו. דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

דזשאַניס רעזניק האָט אַפילו פאַרגעלייגט צו „געבן ציין אָט דעם פּראָג־ראַם": געבן פּריאָריטעטן ביים אָנשטעלן און העכערע געהאַלטן צו די אָנגעשטעלטע מיט יידישן וויסן. אין אַ שאַרפן קעגן־אַרטיקל האָט דער דירעקטאָר פון אַ פאַמיליע־דינסט אין וווסטער זיך אונטערגענומען צו פאַרקויפן דעם טרויעריקן סטאַטוס־קוואָ. ער פּרובירט אַנטקעגנשטעלן קאָמפּעטענץ־פעיקייטן און פאַך־קענטעניש צו יידישן וויסן און באַוווסטזיין. דעם קאַמפּיינער קעגן משולח. די אַלטערנאַטיווע איז — אָדער קוואַליפיצירטע פּראָפעסיאָנאַלן, אָדער נאַציאָנאַל געשטימטע באַאַמטע. ס'פאַלט אים גאָר נישט איין, אַז מ'קען פאַרלאַנגעןביידע זאַכן.

און ווידער אַ מאָל די זעלבע טענה אַז מ'דאַרף נישט די יידישע פּראָ־

גראַמען, צו וועלכע ער קומט קיין מאָל נישט און וואָס שייך יידישקייט ווייזט ער אָן „ווו אַ גוטער ייד וווינט", דהיינו די טעמפּלען. מ׳דאַרף זיך באַפרייען פון באַגריף, אַז אַלץ וואָס איז יידיש איז פּאָזיטיוו, גוט און געוווּנטשן. ווי געזאָגט, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע אָפּשפּיגלונג פון אַ וויכוח, וואָס איז נישט בלויז אַ פראַגע, נאָר דאָס פּראָבלעם פון יידישן קיום גופא.

1979

# מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע

פון אַלע רעליגיעזע שאַטירונגען איז די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע אַם־וויניקסטן באַקאַנט און פאָרמולירט. די צוויי טיילן פון באַגריף זעען אויס קעגנזעצלעך, אָדער ווי ד״ר וויצמאַן פלעגט זאָגן „אַ וואַרעמער פראָסט". לאָזן זיך אָט די סתירותדיקע עלעמענטן האַרמאָניזירן אָדער לכל הפחות, לעבן צווישן זיך בשלום? אויף דער דאָזיקער פראַגע, וואָס רירט אָן אַ סך טויזנטער יידן פּריוואַט ענטפערן, אָדער אויפקלערן לאָורענס קאַפּלאַן פון מאָנטרעאָלער אוניווערסיטעט אין דעם זייער וויכטיקן זשורנאַל „דזשודאַיזם" (יידישקייט) פון האַרבסט, 1979.

דער מחבר הויבט אָן פון דער פעסטשטעלונג, אַז די שטריכן פון אַ מאָדערנעם אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקס זענען נישט קלאָר אָנגעצייכנט. „די פּשוטע דעפיניציע וואָלט געווען אַז דאָס איז אַ ייד, וואָס פאָלגט אויס געטריי די טראַדיציעס, יידישע דינים און מנהגים אָן זיך צו דערווייטערן פון דער היינטצייטיקער וועלט. אין פלוג זעט עס אויס גאַנץ גלאַטיק און עס טיילט אים אָפּ בפירוש פון דעם עקסטרעם פרומען אָרטאָדאָקס, וואָס האָט זיך יאָ דער־ווייטערט בכוונה פון דער אַרומיקער גייסטיקער סביבה. די פראַגע שטעלט זיך אָבער, צי איז ער טאַקע מאָדערן? אָדער אפשר איז ער אין תוך אידענטיש מיט זיין מער, אַזוי צו זאָגן, קאָנסעקווענטן ברודער? האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן איבערגאַנג־אָרטאָדאָקסיע, וואָס קאָעקזיסטירט מיט גרויסע שוועריקייטן און אויף אַן אויבערפלעכלעכן אופן מיט די מאָדערנע אַנטוויקלונגען

און פאַדערונגען. דער פאַקט וואָס עס זענען פאַראַן אַזוי פיל יידן, וועלכע רופן זיך מאָדערנע אָרטאָדאָקסן ענטפערט נאָך נישט אויף דער פראַגע, וואָס דאָס מיינט.

ווי אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען מיידט אויס די פראַגע, פאַררופט זיך דער שרייבער אויפן בוך פון אַ יונגן אָרטאָדאָקסישן סאָציאָלאָג, וועלכער האָט ברייט שטודירט די רעליגיעזע שטרעמונגען ביי יידן, אונטערן נאָמען סאַמיועל איילמאַן. טריי צו זיינע פאַך־געוויסנהייטן, באַהאַנדלט איילמאַן די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע אויף אַ קאָנקרעטן אופן דורך דער באַשרייבונג פון איין שול „קהילת־קודש". ער זאָגט טאַקע, אַז זיין כוונה איז זיך צוצוקוקן ווי אַזוי די נעאָ־אָרטאָדאָקסן פירן זיך אויף אין שול ווי סאָציאַלע יחידים און נישט אויפן אינהאַלט און אויף דעם רעליגיעזן תכלית, וואָס די שול האָט פאַר די מיטגלידער ווי גלויביקע.

דער הויפּטשטריך פון דעם לאָיאַלן, מאָדערנעם אָרטאָדאָקסישן שולגייער איז, אַז ער פילט זיך ווי אַ זינדיקער. אין תּוך, וואָלט ער געדאַרפט אַרויס־ווייזן די זעלבע לאָיאַליטעט צו דער אָרטאָדאָקסיע און צו דער היינטציי־טיקייט. פאַקטיש אָבער זענען דאָס נישט קיין גלייכע קאָמפּאָנענטן. די אַזוי גערופענע מאָדערנע פאַדערונגען זענען פאַקטיש אַרויפגעצוווּנגענע קאָנצע־סיעס, וואָס באַשווערן אים אָפּצוהיטן די מצוות. זיין אָרטאָדאָקסיע איז אייגנטלעך די זעלבע, ווי פון די שלומי אמוני ישראל און חסידים, מער נישט. ער פאַרמאָגט נישט זייער כוח און אויסגעהאַלטנקייט. ער פילט זיך רעליגיעז מינדערווערטיק, ווי איינער וואָס מאַכט פשרות מיטן געוויסן. די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע פאַרמאָגט נישט אין זיך געגנוג אידעישע חיות, וואָס זאָל באַרעכטיקן „דעם מאַרש מיט דער צייט". די מאָדערנקייט ווידער באַלויכט נישט, אינטערפּרעטירט נישט און פאַרטיפט נישט זיין געטריישאַפט צו דער הלכה. פאַרקערט, ער פילט אַז די אַלטמאָדישע טראַדיציאָנאַליסטן פילן אויס די מצוות פון די אָרטאָדאָקסיע אַ סך מער ווי ער. דאָס איינציקע וואָס די מיטגלידער פון דער „קהילת־קודש" קענען פאַרוואַרפן דער קלאַ־סישער אָרטאָדאָקסיע איז אַז אירע אָנהענגערס זענען נישט אַזוי בקי אין ענגליש (אין ברייטן זין פון וואָרט, וואָס נעמט אַרום דעם וועלטלעכן וויסן) און אַז זיי איזאָלירן זיך פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

ווען זיי פירן עפּעס איין אין דער שול, מאַכן זיי עס אויף אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישן אופן. עס איז פאַר זיי נישט גענוג אַ מחיצה צווישן פרויען און מענער, נאָר זיי מוזן האָבן אַן עזרת־נשים ביזן סופיט. דער גאַנצער ענין פון רעליגיעזן סטאַטוס פון יידישע פרויען אינטערעסירט זיי נישט. די גרויסע און שטאַרקע באַוועגונג פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג און באַפרייונג פון פרויען, וואָס שפיגלט זיך אָפּ אויך אין יידישן לעבן, לאָזט זיי אין גאַנצן גלייכגילטיק. זייער יידישקייט, דערציילט איילמאַן, באַשטייט פון דעם טיפּישן אייגנאַרטיקן דיאַלעקט פון אַ פאַריידישטן ענגליש, דאָס איז נישט קיין געמיש פון ענגליש מיט יִדיש אָדער העברעיִש; ס׳איז ענגליש מיט אַ געענדערטער פאָנעטיק, וואָס פאַרהיימישט דאָס לשון. (אגב מאַכט אונדז קאַפּלאַן אויפמערקזאַם אַז דער אַמעריקאַנער יידישער שפּראַך־נוסח ווערט נישט באַנוצט בלויז דורך דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע, נאָר אויך אין די טראַדיציאָנעלע פּעסטונגען, ווי די טעלזער און לעיקוואודער ישיבות). אויךביים לערנען תורה זוכט מען זיך צו דערנענטערן צו דער ישיבה־וועלט און מ׳מאַכט זי נאָך, מיט קליינע ענדערונגען. רעזומירנדיק אָט די באַטראַכטונגען, קען מען זאָגן אַז אַ שול פון דעם טיפּ פון קהילת־קודש, געפינט זיך נישט אויפן קרייצוועג צווישן צוויי גרויסע רעליגיעזע שטרעמונגען. ס׳איז פשוט אַן אָרט, וווּ דער ייד קען אַראָפּוואַרפן פון זיך די נישט־לעגיטימע מאָדערנע זיטן און זיך אויפפירן „ווי אַן אמתער ייד״. אַ מאָל ווייזן יאָ אַרויס די מתפּללים אַ נייגונג צו דעמאָנסטרירן די פאַרבינדונג צווישן די צוויי טיילן פון זייער טעאָריע און פּראַקטיק. דאָס איז בעת מען פּרוווט אויסטייטשן, „אויסגלייכן״ אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן שווערע „קאָמפּליצירטע״ און נישט פאַרשטענדלעכע טעקסטן. זיי מאַכן עס אָבער, זאָגט איילמאַן, אויף אַ זייער אויבערפלעכלעכן אופן. איילמאַן דערציילט, ווי אַ קאָנגרעגאַציע־מיטגליד האָט געפּרוווט באַווייזן די ענלעכקייט צווישן אַ פּסק־דין און אַ באַשלוס פון העכסטן געריכט. כאָטש דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסן אינטערעס און אַפילו אַ דיסקוסיע צווישן די מתפּללים, איז מען שנעל געקומען צום אויספיר אַז דיביידע דעציזיעס האָבן אַ קליינע שייכות איינע צו דער צווייטער.

היוצא מדברי איילמאַן: אַז דער מאָדערנער אָרטאָדאָקס זוכט איינצו־

האַלטן אַ דעליקאַטן באַלאַנס צווישן צוויי אין תּוך קעגנזעצלעכע באַגריפֿן. דאָס קומט צום אויסדרוק ווען מען וויל אינטערפּרעטירן פֿאַרפֿלאָנטערטע טיילן פֿון תּנ״ך. זיי ווילן נישט צולאָזן דעם געדאַנק אַז דאָ האָט מען אָפּט צו טאָן מיט פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע טעקסטן, וואָס זענען צוזאַמענגע־פֿלאָכטן געוואָרן אין אַ נייעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס און אַז תּורת־משה איז נישט אין גאַנצן פֿון משהן אַליין. אַזוי ווייט גייט נישט זייער היינט־צייטיקייט. דעריבער מיידט מען אויס אָט די גליטשיקע און געפֿערלעכע וועגן. מ׳האָט נישט צוגעגרייט קיין אינטעלעקטועלן באַגאַזש כּדי זיך אַן עצה צו געבן.

דעריבער פֿאַרנעמען זיך די מתפּללים מיטן לייכטן שמועס, מיט אַ ביסל רכילות. מען גייט נישט צו צו ערנסטע פּראָגעס, ווייל זיי קענען עפֿענען אַ תּהום פֿון ספֿקות און באַוואָרעניש.

זאָגט איילמאַן: „אין משך פֿון די גאַנצע דריי יאָר, וואָס כ׳האָב שטודירט די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע, האָב איך קיין מאָל נישט געהערט קיין וויכּוח איבער טעאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע״.

בסך הכּל קומט ביי זיי פֿאַר אַ ויתרוצו. ווי מאָדערנע מענטשן זענען זיי נישט אין גאַנצן שווה מיט זייער אָרטאָדאָקסיע און ווי טראַדי־ציאָנאַליסטן קענען זיי זיך נישט געבן קיין עצה מיט דער היינטיקער וועלט. עס איז נישט קיין סינטעז פֿון עלעמענטן, וואָס באַפּרוכפּערן זיך קעגנזייטיק.

☆

אָט די גאַנצע פּעסימיסטישע קאָנצעפּציע פֿון איילמאַנען ווערט אָפּגע־וואָרפֿן דורך קאַפּלאַנען. לויט אים קומט אויס אַז די אַנשי־„קהילת־קודש״ זענען בכלל נישט טיפּיש פֿאַר דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע. ער ציטירט אַן אַנדער יונגן סאָציאָלאָג, אַ פֿאָרשער פֿון רעליגיעזע באַוועגונגען, דוד זינגער, וואָס נעמט פֿון זיין זייט אַלס תּנא דמסיע לך, דעם באַוווּסטן פּראָ־פֿעסאָר ליבמאַן. לויט זיין מיינונג צעטיילן זיך נישט די אָרטאָדאָקסן לויט דעם ווער עס איז מער אָדער ווייניקער פֿרום. פֿאַקטיש איז עס אַ געוויינלעך בילד פֿון אַ „קירכע־סעקטע־שפּאַלטונג״. די מאָדערנע אָרטאָדאָקסן זענען,

אַזוי צו זאָגן, אַ קירכע להבדיל, דער „עסטאַבלישמענט" און די „סעקטע" ווידער שאַפן די חסידים און די עקסטרעם־פרומע פון אַלע מינים.

די מאָדערנע אָרטאָדאָקסן האָבן אייגנטלעך צוויי שליחותן: באַווייזן די רעלעוואַנטקייט פון דער הלכה אין אונדזער תקופה און די אחדות פון אַלע ייִדן. די סעקטאַנטישע אָרטאָדאָקסיע שטייט אויף אויטאָריטעט און סעפּאַראַטיזם.

ווי אַזוי דערקלערט מען דעם חילוק און די גרינדלעך פאַרשיידענע אויפפאַסונגען פון דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע פון איילמאַנען און זינגערן? דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער האָט זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף דעם שולגייער פון „אַ גאַנץ יאָר", בעת זינגער און פּראָפעסאָר ליבמאַן האָבן געשעפּט זייער מיינונג פון דעם זשורנאַל „טראַדיציע". זיי האָבן הויפּטזעכלעך געהאַט אין זינען די אָריגינעלע אידעאָלאָגיש געשטימטע עליטע, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצודרינגען צווישן די גרויסע מאַסן פון די קאָנגרעגאַציע־מיטגלידער, פאַר וועמען זייער מין אָרטאָדאָקסיע איז וויניקער, אָבער נישט אַנדערש פון די שלומי אמוני ישראל־קרייזן. דער פּאָרטרעט פון דער אָרטאָדאָקסיע איז נאָך זייער פאַרנעפּלט, אָבער עס זענען זיכער פאַראַן אַ סך, צווישן זיי אויך מיטגלידער פון „קהילת־קודש", וואָס נעמען אויף אָרטאָדאָקסיע און היינטצייטיקייט ווי צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע. אַוודאי פילט אויך דער מאָדערנער אָרטאָדאָקס אַ געוויסן קאָנפליקט צווישן זיינע איבערצייגונגען און די באַדינגונגען פון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס רופט אָבער ביי אים נישט אַרויס קיין אומרו און שרעק, נאָר פאַרקערט, אַ שעפערישן אַרויסרוף. ער גייט זיך שאַרף פונאַנדער מיט די עקסטרעמע און פאַנאַטישע קרייזן, וואָס ברענגען נישט אַרויס די גאַנצע פילפאַרביקייט פון יידישקייט ווי העברעיִש, ליטעראַטור אין העברעיִש און יידיש, געשיכטע, און וואָס שאַפן אַזוי אַרום אַ פאַלש בילד וועגן יידנטום, ווי אַ הערמעטיש אָפגעשלאָסענער שבט, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין זיינע אייגענע געצעלטן.

דער מאָדערנער אָרטאָדאָקס וועט נישט זען אין דער צופאַסונג צו דער איצטיקער פיזישער און גייסטיקער וועלט קיין אַרויפגעצוואונגענע פשרה,

נאָר אַ באַשלוס, וואָס איז באַזירט אויף אַ ספּעציעלער אויפפאַסונג פון דעם יידן און זיין תורה.

אַט די מאָדערנע פרומקייט וועט זיך אָפּשפּיגלען אויף אַ סך פּראַקטישע געביטן ווי למשל די גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, אָדער לכל הפחות דעם אויפהויבן פון סטאַטוס פון דער פרוי אין רעליגיעזן לעבן און אין די מאָדערנע פילאָסאָפישע, געשיכטלעכע און ליטעראַרישע מעטאָדן אין לערנען תנ״ך.

מיט אַנדערע ווערטער: דער מאָדערנער אָרטאָדאָקס איז נישט און דאַרף נישט זיין קיין געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט, וואָס וואַרט אויף משיחן כדי צו לייזן זיינע גרויסע פּראָבלעמען. עס זענען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס קוקן נישט בלויז אין דער ווייטער צוקונפט, נאָר באַטראַכטן זייער איצטיק לעבן ווי אַ גליקלעכע געלעגנהייט.

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט און כמעט ווערטלעך איבערגעזעצט די אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג. מיר האָבן עס געטאָן נישט בלויז צוליב איר אינפאָרמאַטיוון באַטייט, נאָר ווייל מיר באַטראַכטן דעם ענין אַלס אַ וועזנטלעכן פאַר דער גייסטיקער צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב און אויף אַן אומדירעקטן אופן פאַר דעם רעליגיעזן פּרצוף פון מדינת־ישראל.

אין שייכות מיט דעם ווילן מיר בלויז מאַכן עטלעכע ראַנד־באַמערקונגען:

1) ס׳איז קלאָר אַז די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע, ווי עס שטעלט זיך פאָר פּראָפעסאָר ליבמאַן, איז דערווייל אַן אידעאַל און נישט קיין ווירקלעכקייט. דאָס נעמט ביי איר נישט צו די חשיבות, אָבער עס איז פאָרט צוקונפט־מוזיק, וואָס קען זיך זיין שיין און דערהויבן, אָבער מ׳קען דערווייל פון איר נישט האָבן קיין הנאה.

2) לויט אונדזער שכל־הישר קומט אויס אַז עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון די פאַרשיידענע טיילן פון דער אָרטאָדאָקסיע. עס האָט גאָר אַ גרויסע שייכות צו דער גרויסער שכנותדיקער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג. די גרענעצן צווישן דער אָרטאָדאָקסיע און קאָנסערוואַטיווע וועלן נאָך ווערן מער לויז און נעפּלדיק. די באַהאַנדלטע ענינים אין דעם אַרטיקל זענען אייגנטלעך די הויפּט־פּראָבלעמען פון קאָנסערוואַטיוון יידנטום, וועלכער איז

אינערלעך צעריסן פון די קעגנזעצלעכע אַנשויונגען און באַוועגונגען, וואָס הויזן אונטער זיין דאַך.

3) דער אַרטיקל דאַרף ערנסט געלייענט ווערן אין ישראל. רעליגיעז לעבן מיר אין דער מדינה אונטער דעם רעזשים פון שטרענגער אָרטאָדאָקסיע (כאָטש אויך דאָ זענען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות און מאָסן) אין אַלגעמיין אָבער איז דער הערשנדיקער מאָטיוו אין דער ישראלדיקער אָרטאָדאָקסיע, דער מער אָפּגעהיטער, באַזונדערס ווען עס קומט צו פּרינציפּיעלע ענינים. זיכער זענען די ווילדע סעקטעס פון מאה־שערים אַן אויסנאָם, אָבער אויך דער דורכשניט איז פאַרשלאָסן ווי אין אַ מויער. פונדאַמענטאַל איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער גרויסער שול אין תל־אביב, למשל, און די חסידישע שטיבלעך. אָט די פאַרשטייפטקייט, אָט די גרענעצלאָזע שנאה צו די רעפאָרמירטע און קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן מאַכן אַן אַ חורבן אין יידישע נשמות, דערווייטערן גרויסע טיילן פון יונגע דורות, וואָס זוכן זייער אייגענעם שטייגער פון גייסטיקער באַנייונג.

אפשר וועלן די מער מעסיקע עלעמענטן אין דער ישראלדיקער רע־ליגיעזער מחנה געפינען אַן אינטערעס אין אָט דעם וויכטיקן אַרטיקל. ס׳איז אפשר גאָרנישט אַזוי ווייט פון זייערע פּראָבלעמען, ראַנגלענישן און זוכענישן.

1979

# אייניזייטיקייט

דער זשורנאַל „שמע״ פאַרנעמט זיך אין זיין מאַי־נומער מיט אַן אויס־ערגעוויינלעכער טעמע: די באַציונג פון יידן צו זייערע נישט־יידישע שכנים — ווי אַ פאַרקערטער פּראָבלעם פון דעם, מיט וועלכן מען פאַרנעמט זיך כסדר אין אומצאָליקע וואַריאַנטן. די אַרטיקלען פון מישעל מענצער, הרב מאָרשאָוויטש, מימי האַלפּערן און ראַבאַי טענענבוים באַלייכטן די

אייביקע פראַגע פון קריסטלעך־יידישע באַציונגען פון אַן אַנדער קוקווינקל. ווי באַציט זיך די יידישע מינדערהייט צו דער אַרומיקער מערהייט? די באַטייליקטע אינעם סימפּאָזיום באַגרענעצן זיך נישט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר שפּרייטן אויס די טעמע סיי געשיכטלעך־טעאָלאָגיש און סיי אין געאָגראַפישן פּרט, אויף ישראל, אָדער בעסער געזאָגט יידיש־אַראַבישע באַציונגען. ווי שטענדיק באַצאָלט מען דעם פּרייז פאַר לאַקאָנישקייט און טעלעגראַפישן סטיל מיט איבערפלעכלעכקייט. מ׳נעמט זיך נישט די מי צו באַגרינדן, באַטראַכטן אַן ענין לויט אַלע זיינע ניואַנסן.

אָבער דאָס וואָס דער חשובער „פּאַנעל״ האָט יאָ באַוויזן אַרויסצוברענגען איז גענוג, כדי אַרויסצורופן ביים לייענער אַן ערנסטע קעגנערשאַפט, נישט בלויז צו דער אָדער אַנדערער אַרויסגעזאָגטער מיינונג, נאָר צום גאַנצן אופן אַוועקשטעלן דעם ענין. ס׳איז אַ נישט־באַלאַנסירטער און איינזייטיקער דאָקומענט. אַוודאי איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק (כ׳וואָלט געזאָגט אַ להבדיל באלף הבדלות) צווישן די עקסטרעם נעגאַטיווע — ממש אויפן שוועל פון זעלבסט־שנאה — אַרויסזאָגונגען פון מימי האַלפּערן און דער שטעלונג פון ראַבאַי טענענבוים. אָבער בכלל גענומען איז עס אַן אַקט פון שווערער קריטיק, וואָס נעמט אָפּט אָן די פאָרם פון אַליין־באַשולדיקונג. מ׳שפּרינגט ביי אונדז אַריבער פון לאַקריץ־זיסער אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור צום אָפּשמייסן זיך גופא. מישעל מענצער זאָגט טאַקע אין איר אַריינפיר־וואָרט, אַז די דיסקוסיע פּרעטענדירט נישט צו ברענגען די גאַנצע געשיכטע, ווייל זי קאָנצענטרירט זיך „אויף דער פּראָבלעמאַטישער זייט״ (לייען: נעגאַטי־ווער) פון די יידישע שטעלונגען. שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וואָס נישט ברענגען די גאַנצע „געשיכטע״ אָדער אַ באַלאַנסירטע ווערסיע פון אַ טייל פון איר? אַ פעסטשטעלונג איז נישט קיין סיבה און נישט קיין דערקלערונג.

דער אָרטאָדאָקסישער רב מאָוושאָוויטש זאָגט נישט קיין סך אין זיין אַרטיקל. ס׳איז אַ געמיטלעכע, אינטימע שיחת־חולין. דאָס גלייכוואָרטל, דער וויץ איז דאָ וויכטיקער ווי דער תוך. ער דערציילט וועגן צוויי שטאַנד־פּונקטן אין דער הלכה לגבי גויים. לויט איין נוסח זענען זיי גאָרנישט ווערט און לויט אַן אַנדערן זענען זיי פונקט אַזוי גוט ווי מיר, נאָר אַנדערש און

אַז „כהניך ילבשו צדק" באַציט זיך אויף די חסידי אומות העולם. פון דעסט־וועגן איז נישט קלאָר צי מ'מעג מחלל שבת זיין, כדי צו ראַטעווען אַ גוי. פּאַר אַ סך אָרטאָדאָקסן ווערן גוים בכלל נישט גערעכנט, זיי זענען שטויב פון דער ערד וכדומה. ער פּערזענלעך גלויבט, אַז עס נישטאָ קיין וועזנט־לעכער אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן, צווישן מצוות בני נוח און די תּרי"ג מצוות פאַר זיך אַליין.

ביי דער געלעגנהייט פאַרגעסט ער נישט אַ ביסל אַריינצוזאָגן די יידישע גוים: די רעפאָרמירטע און קאָנסערוואַטיווע. ער דערציילט אַז די אָרטאָדאָקסיע האָט זיי נאָך מער פיינט ווי די נישט־יידן, ווייל זיי ווילן זיין גוים און „שרעקן זיך". אָבער דער, וואָס דאַרף אַזוי צו זאָגן פאַרטרעטן דעם טראַדיציאָנעל־יידישן שטאַנדפּונקט, האַלט זיך אויך נישט איין פון זאָגן מוסר. יידן לעבן אין אַ „פּאַראָקיאַלער וועלט". צו וואָס דאַרף מען אַ מיליאָן גוים אין וואַרשע, ווען איינער קען דערפילן די פונקציעס פון אַ שבת־גוי, אַזוי ווערט דערציילט אין אַ מעשהלע, וואָס דער רב דערציילט. און אַ צווייטער אַנעקדאָט: מ'רעדט וועגן די וויכטיקסטע דענקערס פון אונדזער צייט ווי: מאַרקס, פרויד, איינשטיין און דאַרווין. ווי קומט עס, וואָס דער לעצטער איז נישט קיין ייד?

מיר געפינען אין זיין אַרטיקל מאָדנע אויסדרוקן, ווי למשל, „איך גלויב אין יידישקייט און נישט אין יידן", צוזאַמען מיט גערעכטע פעסטשטעלונגען, אַז יידן זענען נישט קיין ראַסנקלוב, ווייל יעדער איינער קען זיך אין זיי אַנשליסן. ער ענדיקט מיט אַ רעזיגנאַציע־זאָג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס וואָס איז נישט ראַציאָנעל; דו ווייסט עס, אָבער קענסט עס נישט אָפּלייקנען פון האַרצן. וואָלט איך נישט געוווּסט ווער ראַבאַי מאָושאָוויטש איז, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס זענען בלאָסע און היפּשלעך צעטומלטע שורות. יעדנפאַלס, ווען איך וואָלט געוווּסט אַז אָרטאָדאָקסישער אָדער אַפילו אַ קאָנסערוואַטיווער ייד, וואָלט איך געוווּסט זייער שטאַרק אומצופרידן פון אַזאַ פרעזענטאַציע פון די מיינונגען, פילאָסאָפיע און באַציונג פון פרומע יידן לגבי אַנדערש גלויביקע. אין דעם פּרט איז ער נישט געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיין טאַטן, דעם נעוואַסקער רב, וועגן וועלכן ער דערציילט אין זיין מאמר.

דערפֿאַר ווייסט שוין, צו אונדזער צער, מימי האַלפּערן וואָס זי וויל און דריקט עס אויס אין קלאָרע דיבורים. זי איז פֿול מיט צאָרן קעגן דער יידישער באַציונג צו דער אַרומיקער וועלט. זי איז געוועז אויף אַ מיסיע אין נאָענטן מזרח און דאָס איז פֿאַר איר געווען גענוג פֿעסטצושטעלן מיט דער טיפּישער קאַטעגאָרישקייט פֿון אַ דילעטאַנט, אַז יידן באַציִען זיך צו די אַראַבער ווי צו עמאָציאָנעלע, צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן, וואָס זענען נישט זייער גליכן; און מיט אַזאַ שטעלונג, זאָגט זי, קען מען נישט מאַכן קיין שלום.

נאָך דעם ווי זי האָט „דערליידיקט" דעם אַראַביש־יידישן פּראָבלעם גייט זי צו אַ ביסל נענטער צום ענין און שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּרשה נעגערס — יידן. ווידער אַ מאָל זענען מיר „כולו חייב". יידן האַלטן אַז די נעגערס זענען אַליין שולדיק אין זייער מצב, ווייל אין קעגנזאַץ צו יידן האָבן זיי נישט קיין רעספּעקט פֿאַר דער פֿאַמיליע, פֿאַר וויסן. די יידן האָבן די חוצפּה צו דערוואַרטן אַ קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג פֿון די נעגערס פֿאַר יידישע ענינים. טאַקע אַ ווילדע המצאה! און ווער האָט עס בכלל געזאָגט אַז יידן זענען אַקטיוו אין דער באַוועגונג פֿאַר בירגעררעכט פֿון די נעגערס? די יידן האָבן זיך נישט באַטייליקט אין גרויסן געראַנגל פֿאַר די שיפּמענטשן, פֿאַר אַנדערע מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. זי שעמט זיך נישט צוצוגעבן צו דער ליסטע פֿון אונדזער עגאָיסטישן פֿאַרזען די... קריסטן אין לבנון. זי איז, ווייזט אויס, נישט מחויב צו וויסן — אָדער זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק — אַז ישראל (אויך יידן) איז געווען די איינציקע פֿאַרטיידיקערין פֿון די לבנון־קריסטן, זיי געראַטעוועט פֿון שחיטה און העלפֿט זיי ביז צום היינטיקן טאָג. אָבער אַז מען האָט צו טאָן מיט זעלבסטהאַס איז דאָך נישט שייך. לויט איר קומט אויס, אַז ישראל־יידן זענען „ראַסיסטן" אָדער „אַראָגאַנט".

מיט דעם אָבער באַנוגנט זיך נישט די „שטאָלצע" יידישע טאָכטער. זי פֿאַרגעסט אויך נישט צו דערמאָנען, אַז ישראל באַהאַנדלט די ספרדים ווי צווייטראַנגיקע בירגערס. זי נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון די פּאַלאַשן, אָן ענין אין וועלכן זי האָט נישט די מינדסטע אַנונג. און וואָס איז מכוח דעם עצם ענין פֿון דער יידישער שטעלונג צו זייערע קריסטלעכע מיטבירגערס?

ווידער אַ מאָל די אײנזײטיקע שטעלונג. די קריסטן װײסן װעגן דער נעגאַטיװער שטעלונג צו זײ מצד די ײדן. אמת, זי איז גרײט צוצוגעבן „אַז עס איז אױך פֿאַראַן אַנטיסעמיטיזם, אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון ראַסיסטישע עלעמענטן, אַראַבישע העצע, אומזיכערקײט צוליב דעם אױל־פּראָבלעם״, אָבער זי דערמאָנט עס אגב־אורחא, כדי צו מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אָביעקטיװקײט.

און פּונקט װי די טרױעריק באַרימטע קריסטמעס־ענטוזיאַסטן, געפֿעלט איר אױך דער קריסטלעכער ריטואַל, דאָס מיסטישע געפֿיל, דער װײרױך און נאָך. דאָס אײנציקע װאָס זי װײס װעגן דער רבנישער שטעלונג איז דאָס װאָס זײ מאַכן שװער זיך מגיין צו זײן. דעם אמת געזאָגט, אַז אױב די גרים זאָלן זײן ענלעך צו מימי האַלפּערן, איז אפֿשר בעסער זײ נישט צו האָבן. היט מיך גאָט פֿון אַזעלכע ײדן, פֿון שונאים פֿון דרױסן װעלן מיר זיך שױן אַלײן באַװאָרענען.

האָבן מיר אַ שװערע טענה צו „שמע״: האָט ער שױן נישט געפֿונען קײן אַנדערע פֿאַרשטײערס פֿון דעם נישט־אָרטאָדאָקסישן און ליבעראַלן לאַגער װי מימי האַלפּערן? (זי איז אגב אַ מיטגליד פֿון דעם קאָמיטעט פֿון אױסערלעכע ענינים פֿון אַמעריקאַנער ײדישן קאָמיטעט). איז עס נישט קײן באַלײדיקונג פֿאַר הונדערטער טױזנטער ײדן, װעלכע געהערן צו דעם לאַגער? און פֿאַר דעם חשובן רעדאַקטאָר אַלײן?

װי פֿריִער געזאָגט, שטײט ראַבאַי טענענבױם מיט צען קעפּ העכער פֿון מימי האַלפּערן, לױט קאָמפּעטענץ, פֿאַרדינסטן, װיסן און די פּאָזיציע װאָס ער פֿאַרנעמט אין דער װעלט, אין דער באַװעגונג פֿאַר קריסטלעך־ײדישער דערנענטערונג. קײנער צװײפֿלט נישט אין זײן אױפֿריכטיקן און שטאָלצן אױפֿטריט װי אַ ײד, אָבער דער אמת איז אַז זײנע װערטער װאָס דאַרפֿן קומען „על פּי הגבורה״, פֿון „עסטאַבלישמענט״ אַלײן, האָבן אונדז דאָס מאָל אַנטױשט. נישט בלױז צוליב דעם װאָס די װוּנדט פֿון זײן ביוראָ זענען פֿול מיט בילדער „פֿון גלחים און קאַרדינאַלן װעלכע ער װאָלט אַנפּאַרטרױט דאָס לעבן פֿון זײנע אײגענע קינדער״. דאָס איז אַזױ צו זאָגן אַ געשמאַקזאַך... איך װאָלט זײ נישט אָנפֿאַרטרױט. מיר זענען נישט מסכּים, אַז ער קען בלױז פֿאַרשטײן די סענטימענטן פֿון נישט־צוטרױ צו די קריסטן בײ ײדן

וואָס „האָבן אַליין געליטן פון די הענט פון די קריסטן". און ווו איז די באַרימטע יידישע סאָלידאַריטעט און דער „כל ישראל ערבים זה לזה", וואָס זענען דער יסוד פון יידישן לעבן בכלל און פון אַמעריקאַנער באַזונדערס?

כ'נעם אויך נישט אָן די דערקלערונג, אַז די געטאָ־יידן האָבן געהאַט בלויז סטערעאָטיפּישע, אַבסטראַקטע געפילן לגבי קריסטן מיט וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין ריין מענטשלעכע קאָנטאַקטן. זיי האָבן שוין געהאַט צו פיל קאָנטאַקטן פון פּאָגראָמען, עקאָנאָמישן באָיקאָט, קירכע־אַנטיסעמי־טיזם און ענלעכס דערצו. פאַרגלייכן זייער באַציונג צו קריסטן צו די קאַריקאַטורן וועגן די שיילאָקס, פון דער אַנדערער זייט, איז פּשוט אומ־פאַרשטענדלעך.

מיר ווייסן אויך נישט פאַר וואָס ראַבאַי טענענבוים שטעלט זיך אַזוי פיל אָפּ אויף די עקסטרעם רעליגיעזע עלעמנטן אין ישראל, וואָס זענען אַן אַבסאָלוטע מינדערהייט, אַלץ כדי צו באַווייזן, אַז ישראל איז אַ „טעאָ־קראַטיע". און ווידער אַ מאָל: וואָס האָט עס צו טאָן מיט קריסטלעך־יידישע באַציונגען אין אַמעריקע. אַוודאי זענען מיר מיט אים מסכּים, אַז נישט אַנטי־קריסטלעכע באַציונגען דאַרפן זיין דער אינהאַלט פון אונדזער יידיש־קייט און אַז פּאָזיטיווע עלעמענטן פון יידישער אידענטיטעט דאַרפן פאַר־נעמען דאָס אָרט פון שרעק פאַר אַנטיסעמיטיזם. ווי זאָגט מען דאָס: ביי אונדז האָט ער געפּועלט.

אין סך־הכל: דער שרייבער פון די שורות האַלט נישט, אַז יידן זענען „אַ טלית שכולה תכלת". קעגן וואָס מיר רעאַגירן איז די איינזייטיקע, אויבערפלעכלעכע אויפפאַסונג פון — דער געשיכטלעכער און היינטצייטיקער יידישער שטעלונג צו קריסטן און קריסטנטום. איראָניש אָבער טרויעריק: די דיסקוטאַנטן זענען געפאַלן אַ קרבן פון אַנטי־יידישע פאָראורטיילן.

1979

# קערנער פון דער צוקונפט

מיר זענען שוין צוגעוווינט און אַפילו אַ ביסל איבערגעזעטיקט מיט די צאָלרייכע דיאַלאָגן און סימפּאָזיומס צווישן די אינטעלעקטואַלן פון די תּפוצות און פּערזענלעכקייטן פון ישראל. בכלל גענומען זענען עס וואַריאַציעס אויף דער זעלבער וויכטיקסטער יידישער טעמע פון אונדזער צייט: צווישן־באַציונגען, קעגנזייטיקע איינפלוסן און באַפרוכפּערונג צווישן מדינה און גלות. אַ מאָל איז עס איין שפּראַך מיט בלויז אונטערשיידן אין דיאַלעקט. אַ מאָל ווידער איז עס „אַ דיאַלאָג פון טויבע". אַ מאָל צילט און דרייט זיך דער שמועס אַרום „תּכלית" אין העכערן פילאָסאָפיש־געשיכטלעכן זין פונעם וואָרט, און אַ מאָל זענען עס בלויז „אינטעלעקטועלע איבונגען". די באַגעגעניש ווערט אַ ציל פאַר זיך אַליין און דער בליץ פון געדאַנק און די שיינקייט פון פאָרם באַרייכערן טאַקע, אָבער גלייכצייטיק פאַרטיפן זיי נאָך מער דאָס פונאַנדערגיין זיך „לשם שמים". מ'דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט מזלזל זיין אויך אין אַזעלכע „בטלנישע" וויכוחים, אין אונדזער צייט פון גרויסע פּאָסירונגען און מיטלמעסיקער מחשבה, וואָס וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט באַגלייטן, באַלויכטן און אינטערפּרעטירן די געשעענישן און אַנטדעקן זייער טיפערן מיין.

דעריבער האָט אויף אונדז געמאַכט אַ טיפן איינדרוק די קליינע ידיעה וועגן אַ צוויי־טאָגיקן דיאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מערב־לאָנדאָנער שול צווישן דער „פּראָ־ציון־באַוועגונג" (רעפאָרמירטע און ליבעראַלע טעמפּלען) און דעם „איחוד הקבוצות והקיבוצים". ס'איז פאַראַן אַ יסוד פאַר באַשיידנקייט. דער רעפאָרמירט־ליבעראַלער פליגל איז, אין קעגנזאַץ צום זעלבן רעליגיעזן שטראָם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ מינדערהייט־באַוועגונג אין רעליגיעזן לעבן פון ענגלישן יידנטום. אויך דער תּפוצות־פּראָגראַם פון דעם מין איז נאָך ניי, עקספּערימענטאַל און נישט אין גאַנצן קלאָר פאַר די איניציאַטאָרן אַליין. פון דעסטוועגן האָבן מיר, לייענענדיק דעם באַריכט („דזשואיש קראָניקל", דעם 23־סטן מערץ, ה. י.) געפילט, ווי עס בלאָזן אויף אונדז פרישע און דערקוויקנדיקע ווינטן און אַז ס'איז נישט בלויז נייקייט, נאָר אויך באַנייונג. די צופרידנקייט קומט נישט צוליב דער

„נאָווינע" פון דער זאַך. מיר ווייסן, אַז דאָס איז נישט דער סאַמע אָנהייב פון דעם ראָמאַן צווישן די קאָנסערוואַטיוו־רעפאָרמירטע אָרגאַניזאַציעס און דער קיבוץ־באַוועגונג. עס זענען שוין פון דעם ראָמאַן געבוירן געוואָרן קיבוצים אין די פאַרוואָרפענע און באַדראָטע טיילן פון ישראל און עס זענען שוין פאָרגעקומען אייניקע ענלעכע סעמינאַרן. מיר שרייבן אויך נישט וועגן דעם צוליב דער „פיקאַנטקייט", אויסטערלישקייט און אַפילו יוצא־דופנדי־קייט פון דעם צוזאַמענקום.

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דעם דיאַלאָג און ברענגען אים אויף דער ליכטיקער שיין, ווייל דאָ איז אויף אַ קלאָרן אופן אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער ציל און די מאָטיוון פון דער דערנענטערונג פון די צוויי כוחות, וואָס זענען אַזוי לאַנג געגאַנגען אויף ראַדיקאַל פאַרשיידענע וועגן און זיך סוף כל סוף פאַרט באַגעגנט.

אויף דער קאָנפערענץ האָט ראַבאַי מאַרגאָנעט, לערער פון תּנ"ך אין דעם לעאָ בעק־אינסטיטוט, גערעדט וועגן דעם אַז „דאָס פּראָגרעסיווע יידנטום דאַרף אין דער צוקונפט בויען בריקן צו די, מיט וועלכע מיר טיילן הומאַ־ניסטישע ווערטן". אָננעמענדיק די צענטראַליטעט פון ישראל אין יידישן לעבן, האָלט דעריבער דער חשובער געלערנטער אַז אַזאַ דיאַלאָג וועט העלפן אויסמיידן פּאָלאַריזאַציע פון באַוועגונגען אין יידישן לעבן.

ראַבאַי הוגאָ גרין האָט אויסגעדריקט די האָפענונג אַז דאָס נישט־אָרטאָדאָקסישע יידנטום וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער מדינה און אַז דער נייער קיבוץ יהלל האָט צוגעגעבן אַ נייע דימענסיע די שוין עקזיסטירנדיקע רעליגיעזע און דערציִערישע אינסטיטוציעס.

מוקי צור, איינער פון די אָריגינעלסטע און יינגערע דענקערס אין דער קיבוץ־באַוועגונג, האָט געהאַלטן אַ לענגערן רעפעראַט וועגן דער אידעאָ־לאָגישער קרובהשאַפט צווישן דעם קיבוץ און די פּראָגרעסיווע רעליגיעזע אָפּצווייגונגען. ביי ביידן איז דער בשותּפותדיקער מאָטיוו: די באַנייונג פון יידישן פאָלק.

מיר ווייסן נישט און עס איז אונדז אויך נישט באַקאַנט ווער ס'שטייט הינטער אָט דער איניציאַטיוו און ווער ס'איז געווען דער פּאָליטישער שדכן, וואָס האָט צונויפגעפּירט די צדדים. פאַר אונדז איז די איניציאַטיוו וויכטיק,

ווי אַן אויסדרוק פון אַ געוויסן פּראָצעס פון אַן אָפּטער דערשיינונג, פון אַ קלאָרער טענדענץ.

ווי אין יעדן גערעאַטענעם שידוך איז דאָ פאַראַן אַ האַרמאָניע פון ראָמאַנטיק און שכל. חוץ די בענקשאַפטן און יוירונגען געפינט איר דאָ לאָגישע און אָביעקטיווע מאָטיוון פאַר שותּפות.

כ׳גלויב נישט, אַז עס איז נויטיק זיך אַריינצולאָזן אין דעם אַנאַליז פון דעם (אַגב היפּשלעך איבערגעטריבענעם און אויפגעבלאָזענעם) „קריזיס פון דער קיבוץ־באַוועגונג". די אמתע פריינד און חסידים פון קיבוץ אין ישראל און אין דער וועלט פּאָלגן נאָך מיט אינטערעס און זאָרג די אומרו און די נישט־צופרידנקייט, וואָס הערשן ביים יינגערן דור און וואָס האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין די וווּנדערלעכע זאַמלביכער און סעמינאַרן. דער קיבוץ האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון המשך און ווערט שוין ווירטשאַפט־לעך געפירט דורך די שוואַרץ־האַריקע, ער איז איבערגעקומען די „קינדער־קראַנקייטן" פון פאַרשלאָסנקייט און „אינדזל־פּסיכאָלאָגיע" און איז אַרויס אויפן דרך־המלך פון פּאָליטישן אַקטיוויזם. פון דעסטוועגן איז פאַראַן אַ גייסטיקער „נישט־נחת", אומעטיקע מחשבותן און „אַפּיקורסותן". ס׳בענקט זיך נאָך דעם מעטאַפיזישן, וואָרצלדיק־יידישן, סימבאָלישן און אַפילו ריטו־עלן. פון דאַנען נעמען זיך די „נעאָ־רעליגיעזע שטימונגען" און דאָס שטרעבן צו געפינען פאָרמען פון אַ דורותדיקן דויער. ס׳איז מער נישט גענוג דאָס געפיל פון דער גרעסערער משפחה, וואָס מ׳רופט אַזוי פראַזאַיִש „משק". און נישט דער פּאַטריאָטיזם, וואָס איז דאָ בולטער, פערזענלעכער און לוי־טערער. מ׳פילט, אַז נישט בלויז אויף מאַטעריעלע דערגרייכונגען „יחיה האדם", מ׳זוכט „אויב נישט נאָך העכער".

וואָס שייך די רעפאָרמירטע און קאָנסערוואַטיווע טעמפּלען, איז, נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל מיטגלידער, אויף דער פּראַכט פון די סינאַגאָגעס און דער שפע פון די אינסטיטוציעס, זעט מען באַשיימפּערלעך, אַז גייסטיק גייט מען אויף צוריק. אָדער מ׳איז הויל פון אינהאַלט, אָדער מען טוליעט זיך צו דער אָרטאָדאָקסיע, פון וועלכער מ׳אונטערשיידט זיך בלויז דערמיט וואָס מ׳איז ווייניקער שטייף, נאָכגיביקער אין הלכה־ענינים אַרום וועלכע ס׳דרייט זיך זייער גאַנץ גייסטיק לעבן. די קאָנסערוואַטיווע,

למשל, זענען פֿאַרנומען טאָג און נאַכט מיט דער אויסטייטשונג פֿון דער הלכה לגבי, למשל, די רעכט פֿון פֿרויען. דאָס איז טאַקע זייער וויכטיק, אָבער פֿאַר אמתער רעליגיעזער וויטאַליטעט קלעקט עס נישט.

איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס מ׳זוכט אַ סאָציאַלן, געזעל־שאַפֿטלעכן און הומאַניסטישן אָנשפּאַר, אַ פּאָליטיש־אידעיִשע אָריענטאַציע. וואָס קען נאָך זיין לאָגישער ווי אַ שותּפֿות מיט דער קיבוץ־באַוועגונג, מיט אירע יידישע און הומאַנישע וויטאַמינען?

מיר האָבן אָנגערופֿן די באַגעגעניש „קערנער פֿון דער צוקונפֿט". ס׳איז דערווייל נאָך שטאַמלדיק און נעפּלהאַפֿט — קעמערלעך, יונגע שפּראָצונגען. ס׳וועט אָבער נעמען נישט לאַנג און ס׳וועט קומען דער שניט. אפֿשר צייכנט זיך אָן אַ נייע „גייסטיקע טעריטאָריע" אויף דער מאַפּע פֿון גרויסע באַוועגונגען?

1979

# אַ באַוועגונג פֿאַר גיור

ראַבאַי שינדלערס אַרויסטריט פֿאַר אַ ברייטער באַוועגונג פֿון מאַסן־גיור האָט אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿזען און ערנסטע וויכּוחים. ער האָט אָנ־גערירט אַ קאַרדינאַלע פֿראַגע פֿון רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועגן וועלכער עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך היסטאָרישע דערפֿאַרונגען און נישט ווייניק פֿאָראורטיילן.

קען זיין אַז דער פֿאָרשלאָג האָט געדאַרפֿט באַטראַכט ווערן אין די פֿירנדיקע רבנישע און סעקולאַרע קערפּערשאַפֿטן פֿאַר באַראַטונג, איידער ער איז ברייט פּובליקירט געוואָרן אין „ניו־יאָרק־טיימס".

פֿון דער אַנדערער זייט ווידער, דאַרף מען געדענקען, אַז אין דער אַמע־ריקאַנערווירקלעכקייט איז עס פֿון די הויפּטוועגן ווי אַזוי אַוועקצושטעלן אַן ענין אויפֿן סדר־היום, אַרויסרופֿן אַרום אים אַן אינטערעס און דערוועקן

אַן ערנסטע דעבאַטע. פאַראַן יידן, פאַר וועלכע די „טיימס" איז אויטאָרי־טאַטיוו.

איידער מיר פּרובירן אַריינצוגיין אין דעם תּוך פון עניין, לאָמיר באַ־מערקן אַז ווען מיר וואָלטן געוועזן אויפן אָרט פון ד"ר שינדלער וואָלטן מיר נישט פאַרבונדן און נישט גענוצט אַלס אַרגומענט די גרויל און קאַשמאַר פון די 900 מיטגלידער פון „פּיפּלס טעמפּל"־קולט. עס גיט טאַקע צו דעם אַרויסטריט פון דעם ראַבאַי אַ דראַמאַטישע אַקטואַליטעט, אָבער עס פאַר־פלאַכט אים. מ׳דאַרף נישט אָט דעם אַרגומענט, כדי צו פאַרשטאַרקן די וואָגיקע מאָטיוון צו פאַרלייכטערן דאָס אָננעמען די יידישע רעליגיע. מ׳ברענגט נישט קיין ראיה פון מטורפים וואָס זענען אַן אָביעקט פאַר פּסיכאָפּאַטישער באַהאַנדלונג. נישט מיט אָט די קולטן איז אונדזער פאַר־מעסט און נישט ווי אַ קאָנטראַסט צו אַזעלכע מוטנע סעקטעס שיינט אין זיין פּראַכט און אמת דער יידישער „ובחרת בחיים".

וואָס שייך דעם עצם פאַרשלאַג:

ד"ר שינדלער דערמאָנט, אַז אין קעגנזאַץ צו דער אָנגענומענער מיינונג האָט דאָס יידנטום קיין מאָל נישט פאַרווערט גיור. ער האָט בלויז האַרבער און קאָמפּליצירטער געמאַכט די באַדינגונגען איבערצוגיין צום יידנטום, און דאָס צוליב צוויי טעמים.

דער שווערער גורל, דער יאָך וואָס דערוואַרט דעם גר. מ׳האָט אים, אַזוי צו זאָגן, געוואָרנט קעגן די צרות צרורות אין וועלכע ער פאַלט אַריין. מ׳האָט אויך געוואָלט איינהאַלטן די אידעיש־מאָראַלישע און רעליגיעזע האַרבקייט און ריינקייט פון יידנטום, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געיאָגט נאָך רושם מאַכנדיקע ציפערן און נישט געזוכט צו כאַפּן נשמות און ראַטע־ווען די „פאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך". ס׳איז אָבער אמת, אַז אַפילו שלומי אמוני ישראל האָבן שטאַרק געשעצט דעם גר־צדק (צום אונטערשיד פון סתם אַ גר).

פון דעסטוועגן איז נישט צו פאַרלייקענען, אַז אין פאַלק האָט געהערשט אַן אומצוטרוי צו די גרים. מיטן שכל הישר האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט „רייסן קריעה" אויף אַ שמד אין אַ משפחה, זיך קעגנשטעלן מיטן גאַנצן כוח וואָס זיי פאַרמאָגן קעגן דער שמד־באַוועגונג און אין דער

זעלבער צייט עפּענען די טויערן פאַר גרים. מ׳האָט, אַזוי צו זאָגן, געזאָגט „מוחל טובות״ און געוואָלט אַ הערמעטיש פאַרמאַכטע יידישע קהילה פון וועלכער מ׳גייט נישט אַרויס און מ׳גייט נישט אַריין. אַזאַ איינשטעלונג און שטימונג איז שטאַרקער ווי אַ דין, און איר אויסדרוק איז אין דעם לאַקאָנישן און אכזריותדיקן זאָג „קשים גרים לישראל כספחת״.

ד״ר שינדלער באַמיט זיך דורכצוברעכן אָט דאָס אַלגעמיינע געפיל מיט דער טענה, אַז דאָס איז געווען די פּראַקטיק פון די לעצטע 400 יאָר, אָבער נישט פון די 4,000 יאָר פון אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע.

מיר האַלטן זיך נישט פאַר באַרופן אַריינצוגיין אין דעם טיפן היפּשלעך פאַרנעפּלטן רעליגיעזן אַספּעקט פון דעם ענין. וואָס עס איז אָבער שווער צו פאַרשטיין איז די קעגנערשאַפט און דער ווידערווילן פון די אַזוי־גערופענע „וועלטלעכע יידן״. ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס די נישט־רעליגיעזע יידן נעמען אָן אָפּט די שטעלונג פון עקסטרעם פרומע קרייזן. ס׳איז אַ געמיש פון סענטימענטאַליטעט, תשובה, נאָסטאַלגיע און פון אַ בענקשאַפט צו „אַ ברייטער פּלייצע״ אין אַ צייט פון גייסטיקע קריזיסן און צעטומלעניש. איך קען פאַרשטיין (כאָטש נישט באַרעכטיקן) די שטעלונג פון דער אָרטאָדאָקסיע. איך בין זיך משער אַז שוין דער עצם פאַקט, וואָס ער קומט פון אַ רעפאָר־מירטן ראַבאַי, מאַכט פאַר זיי דעם פאָרשלאָג טריף פּסול. ס׳איז אַ טייל פון זייער ווידערשטאַנד קעגן דער לייכטער יידישקייט, וואָס האָט דערפירט, לויט זייער איבערצייגונג, צו געמישטע חתונות און צו פראַווען חופה־וקידושין אַפילו, ווען דער נישט־יידישער פאַרטנער האָט זיך נישט מגייר געווען און די צערעמאָניע קומט פאָר אין אַ קירכע. נישט דער אַקט איז פּסול, ווייל די גרים זענען קיין גרים נישט ווען זיי טרעטן אַריין אין אַ יידישקייט, וואָס איז נישט קיין יידישקייט. שינדלער איז נישט גערעכט און זיין משפט איז נישט גערעכט. אָבער ווי געזאָגט: מיר זענען זיכער נישט באַרופן צו זיין אַ פּוסק־הלכה, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר געהערן נישט צו דעם רעליגיעזן עסטאַבלישמענט. ס׳זענען אָבער פאַראַן פאַרן פאָר־שלאָג פּראַקטישע און „ערדישע״ מאָטיוון (כאָטש ביי אונדז פערזענלעך האָט אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיטן קיום פון יידישן פאָלק אַ הייליקע און „הימלישע״ באַדייטונג).

1) דער ישוב אין אַמעריקע (און מיר באַגרענעצן זיך מיט אונדזערע באַטראַכטונגען צו אים אַליין. כאָטש עס איז קלאָר, אַז עס גילט אויך פאַר אַנדערע ענלעכע מערב־קהילות) גייט אָפּ אין בלוט דורך עקסטרעמער אַסי־מילאַציע, געמישטע חתונות (אַ דריטל פון אַלע הייראַטן) און נידעריקער געבורט (1.4 פאַר אַ פאַמיליע). נישט בלויז וואַקסן מיר נישט און דערגייען צו זעראָ־וווּקס, נאָר מיר גייען צוריק. הונדערטער טויזנטער יידן פאַלן אָפּ פון עץ־החיים פון יידישן פאָלק. קעגן אָט דער גייסטיקער שואה דאַרף מען רעאַגירן נישט בלויז מיטן כוח פון ישראל, נישט נאָר דורך יידישן חינוך און קולטור פאַר דערוואַקסענע, נאָר אויך דורך אויפנעמען מיט פריינדשאַפט די היפשע צאָל נישט־יידן, וואָס קלאַפּן אין אונדזער טיר.

אַז דאָס איז נישט איבערגעטריבן באַווייזן טאָקע די ציפערן פון גע־מישטע חתונות. אין פאַרגאַנגענעם יאָר אַליין האָט די רעפאָרם־באַוועגונג ווערבירט 10 טויזנט גרים, דער עיקר דורך געמישטע חתונות. פאַלט קיינעם נישט איין (און אין דער ערשטער ריי ד״ר שינדלערן אַליין) צו כשרן צוליב דעם די צווישן־רעליגיעזע הייראַטן, וואָס זענען אַ מכה שלא כתובה בתורה, אָבער מ׳טאָר אויך נישט מינימיזירן אָדער אין גאַנצן איגנאָרירן די קלאָרע דערשיינונג: 40% פון נישט־יידישע פרויען־פאַרטנערינס גייען אַריבער צום יידנטום, און אַפילו צווישן די נישט־יידישע מענער, ווי עס באַווייזט נישט איין דורכגעפירטע אַנקעטע, איז פאַראַן אַ נייגונג זיך צו באַטראַכטן אַלס יידן. דער אויסוואַל איז נישט ווי מיר וואָלטן עס געוואָלט, צווישן „געבוי־רענע״ אָדער „יידישיזירטער״ בירגערשאַפט פון אונדזער פאָלק, נאָר צווישן גרים און נישט־יידן. אַוודאי וואָלטן מיר די גרים נישט געמאַכט פאַרן רב פון פראַג, אָבער זיי זענען אונדז אַ סך נענטער ווי אַנטלאָפענע פון יידישן פאָלק, משומדים, אָדער זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד, פול־שטענדיק אַסימילירטע יידן. מיט וואָס קען מען באַרעכטיקן די פּאָליטיק פון פאַרשלאָסענע טירן? דאָס נישט געבוירן ווערן אַלס ייד, אָדער חלילה, ווי עס טענהן אונדזערע פאַרלוימדערס און שונאים, דאָס גוישע בלוט?

2) עס איז אויך אַ פראַגע צי מ׳דאַרף פּאַסיוו פעסטשטעלן אָט דעם באַשיידענעם וווּקס פון אונדזער פאָלק וואָס באַלאַנסירט אַ ביסל אונדזערע גוואַלדיקע פאַרלוסטן אָדער דערמוטיקן דעם פּראָצעס, און ריידן וועגן דעם

אָפּן מיט קלאָרע דיבורים. מיר זענען גענייגט אָנצונעמען די הנחה פֿון ד״ר שינדלער, אַז אַ געוויסער טייל פֿון די 61 מיליאָן רעליגיעז נישט־דעפֿינירטע (ער רופֿט זיי אָן „אָן טשוירטשעט״, ס׳הייסט וואָס געהערן נישט צו קיין קירכע) איז גרייט אָננעמען דעם יידישן גלויבן, בפֿרט ווען יידן האָבן דערגרייכט אַזאַ חשובן געזעלשאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן מעמד אין אַמעריקע.

צו די ווידער, וואָס האַלטן אַז מ׳דאַרף טאַקע מגייר זיין, אָבער מיט אַ מאָס, דאַרף מען זאָגן אַז זיי זענען נישט אויסגעהאַלטן. אויב מ׳נעמט אָן דעם פּרינציפּ, אַז מען גייט אויפֿן וועג פֿון מער ליבעראַלקייט אין די גיורים, איז שוין די קוואַנטיטעט נישט וויכטיק. מ׳קען נישט, ווי דאָס פֿאָלק זאָגט, זיין „אַ ביסעלע מעוברת״.

3) אגב, זענען מיר אפֿשר נישט געווען גערעכט אין אָנהויב פֿון אַרטיקל צו ראַבאַי שינדלער. ער לייגט בלויז פֿאָר, אַז אַלע קאָנסטיטוּירנדיקע טיילן פֿון זיין באַוועגונג זאָלן שאַפֿן אַ קערפּערשאַפֿט, וועלכע וועט געבוי באַטראַכטן דעם ענין און אויסאַרבעטן אַ גוט צוגעטראַכטן און פֿאַרזיכטיקן (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע) פּלאַן פֿון זיך „אויסשפּרייטן״ — אַ מין גוייִשע ווערסיע פֿון דעם חב״דישן „ופֿרצת״.

מיר וועלן פֿאַרענדיקן אונדזער מאמר מיט אייניקע תּוך־באַקערקונגען:

מיר זעען בשום אופֿן נישט אין ד״ר שינדלערס פֿאָרשלאָג אַ לייזונג פֿאַר די גרויסע דעמאָגראַפֿישע סכּנות, וואָס לויערן אויפֿן אַמעריקאַנער יידנטום. מיר זענען צו ציוניסטיש, כּדי נישט צו זען אין דער אויסגעברייטערטער און מאַסיווער גיור־באַוועגונג אַן ענטפֿער אויף די פּראָצעסן, וואָס ווירקן כּמעט אומפֿאַרמיידלעך, אין יעדן גלות, אַפֿילו אַזאַ באַקוועמען און אינטערעסאַנטן ווי אין אַמעריקע. מיר וואַרפֿן אָבער נישט מלכתּחילה אָפּ איינס פֿון די מיטלען, צו פֿאַרזיכערן אונדזער קיום.

ס׳איז עפּעס פֿאַראַן אין דער טענה אַז אַזאַ פּראָקלאַמירטע גיור־באַוועגונג וועט אַזוי צו זאָגן לעגיטימירן די שמד־אַקטיוויטעטן און אָוועקנעמען דעם יסוד אונטערן באָדן פֿון אונדזער געראַנגל קעגן די מיסיאָנערן. אָבער די מעלות פֿון דעם פֿאָרשלאָג וועגן אַריבער די חסרונות און ריזיקעס, בפֿרט ווען עס העלפֿט אונדז במילא נישט. די קריסטלעכע וועלט מאַכט זיך נישט

וויסנדיק, און דאָס פאַרמערן זיך פון פאַרמעלן שמד אָדער פון פאַקטישן אַנשליסן זיך אין קירכעס, קולטן און סעקטעס זענען סיי ווי סיי פּיינלעכע ווירקלעכקייט. וואָס זשע וועלן מיר געווינען דורך אונדזער „משה גרויס"־האַלטונג, וועלכע די נישט־יידישע וועלט קען בשום אופן נישט באַנעמען?

און לסוף: ס'איז נישטאָ קיין אַנדער פאָרם פון פאַרלאָזן אָדער אַנשליסן זיך אין יידנטום אָדער עס פאַרלאָזן ווי דער רעליגיעזער אין דורות־פאַר־הייליקטער דרך. אויב עמעצער וויל ווערן אַ טייל פון יידישן פאָלק קען ער עס טאָן נאָר דורך גיור. אַוודאי זענען צווישן די גרים פאַראַן אַ סך כּדאַיניקעס, און אַוודאי שליסן זיי זיך אָן אין יידנטום אין זייער גרויסער מערהייט נישט צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען. דער אמת איז אָבער, אַז מיר אַליין זענען שוין פון לאַנג נישט קיין „עדת קדושים וטהורים". מ'דאַרף נאָר האָפן, אַז „די נייע יידן" וועלן קומען „מתוך שלא לשמה" צו אַן אמתער אידענטיפיקאַציע מיט אונדזער שווערן אָבער הערלעכן לעבן.

1979

# ציוניסטישער מוסר־השכל

## א

איך ווייס נישט צי דאָס אַרטיקל וועט זיין פּאָפּולער, נישט אַזוי צוליב די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען ווי צוליב זיין עצם כּאַראַקטער. מיר האָבן זיך שוין פון לאַנג אָפּגעוווינט פון אַן אידעישער באַלויכטונג און מיר זענען זיך מסתּפק מיט בלויז רעאַגירן אויף פּאַסירונגען. ווייניקער פון אַלץ ליגט מיר אין זינען צו מאַכן פּאַרטייִש־ציוניסטישע חשבונות. עס קען אַפילו זיין, אַז אַלס נישט קיין אַמעריקאַנער בין איך עלול געשטרויכלט צו ווערן אין אַן איבערסימפּליפיקאַציע פון אַ קאָמפּליצירטן, נאָך אַלץ נישט קריסטאַ־ליזירטן ענין.

מיט די אַלע באַוואָרענישן אָבער, וואָלט עס געווען אַ גרויסער טעות נישט צו ציִען טעאָרעטישע מסקנות פון דער געפערלעכער פּאָרם, וואָס עס האָבן אָנגענומען די נעגראָ־יידישע באַציונגען, און דאָס אויפשטעלן פון אַן אָפענעם אַנטיסעמיטישן (דאָ וועלן מיר זיכער נישט שפּילן דעם געקינצלטן היפּאָקריטישן אונטערשייד צווישן אַנטי־ישראל און אַנטי־יידישע געפילן) כוח אין דעמאָקראַטישן אַמעריקע.

מיר וועלן זיך נישט צו פיל אָפּשטעלן אויף די שטענדיקע דעבאַטעס מיט די אַמעריקאַנער יידישע מנהיגים און טאָגעבערס (צווישן זיי אויך און אפשר דער עיקר ציוניסטן), צי אַמעריקע איז אַ גלות אָדער נישט, צי איז אָט דער גרויסער און מעכטיקער ישוב אויסגעשטעלט אויף די זעלבע געפאַרן ווי די אַנדערע, וויניקער מזלדיקע קהילות. מיר האָבן נישט אין זינען די צאָלרייכע קרבנות פון אַסימילאַציע, דעגענעראַציע, וואָס האָבן שוין אונדז געקאָסט הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען יידישלעך „געקוילעט געוואָרן אָן אַ מעסער" — נאָר דעם פּשוטן, דירעקטן אַנטיסעמיטיזם. יעדער פּרווו צו פאַרגלייכן אַמעריקע מיט דעם היסטאָרישן ווייַמאַר האָט אַרויס־גערופן אין די יידישע קרייזן אומגעדולד און כעס. אַמעריקע — האָבן זיי געטענהט — איז נישט קיין גלות פאַר יידן, נאָר אַ היים, וואָס זיי האָבן געהאָלפן בויען און געשטאַלטיקן. אַלע געזעצן פון דער יידישער געשיכטע האָבן זיך ווי אָפּגעשטעלט ביים האָדסאָן־טייך. נישט נאָר זענען יידן נישט אויסגעמישט געוואָרן מיט דער אַרום, נאָר זיי פאַריידישן אין אַ גרויסער מאָס דאָס לאַנד אין וועלכן זיי שפּילן אַ פּראָמינענטע ראָל. אַלע, וואָס האָבן געטראַכט אַנדערש, זענען פאַרשריען געוואָרן אַלס „נביאים פון חורבן" און שוואַרצע קראָען, רחמנא ליצלן.

ס'איז געווען זייער שווער מיט זיי צו דיסקוטירן, ווייל די אויבנאויפיקע פאַקטן זענען געווען אויף זייער זייט: מאַטעריעלע שפע, בכבודיקער סטאַ־טוס אין דער געזעלשאַפט, געוואַלדיקע, ממש היסטאָרישע אויפטועןפאַר ישראל און יידישע ישובים איבער דער וועלט, ערשטע פּלעצער אין קולטור־לעבן פון לאַנד און גרויסע השפעה אויפן פּאָליטישן לעבן.

מ'האָט זיך אין אַמעריקע באַפרייט, לויט זייער מיינונג, פון דער גלות־דיקער מענטאַליטעט פון אַפּאָלאָגעטיק און פון יאָר צו יאָר איז מען געוואָרן

בפירושער און קלאָרער אין יידישער הינזיכט. בקיצור: מ׳האָט זיך איינ־גערעדט, אַז אַמעריקע איז מחוץ לתחום פון יידישן גורל. אינטעגראַציע אין דרויסן און יידישער תּוך און אייגנאַרט פון אינעווייניק. אַ גליקלעכער אויס־נאַם. אַ היסטאָרישער נס.

דער אָפענער אַנגריף פון די נעגערס דאַרף נישט בלויז אָפּקילן דעם ענטוזיאַזם און אַ ביסל צעטרייסלען די זעלבסטזיכערקייט. ער דאַרף ברענגען צו אַ רעוויזיע אויף אַ סך פון די אָנגענומענע שטעלונגען. ער ברענגט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט אַ סך פון די ספקות, וואָס האָבן שוין לאַנג באומרויקט ערנסטע און דענקענדיקע יידישע קרייזן.

מ׳קען דעם גאַנצן ענין נישט פאַרנעמען אָן... אַ ביסל אַלטמאָדישער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און תּורה. מ׳דאַרף אָנווענדן די מעטאָדן פון אַנאַליז און אויספירן, וואָס זענען געווען אָנגענומען ביי אונדזערע אידעיִשע קלאַסיקערס. מ׳דאַרף זיך נעמען צום אַלטן סידור.

## ב

דער היסטאָרישער סצענאַר איז אַ גוט באַקאַנטער: אין צייטן פון קריי־זיס, שפּאַנונג און אומרו אין לענדער און געזעלשאַפטן ווערן יידן אויסגע־טיילט „פאַר ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט". עס שטייען אויף קעגן זיי כוחות, וואָס מאַכן זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַל דאָס שלעכטע אונטער דער זון. אַלע אָנגעזאַמלטע אמתע אָדער אויסגעטראַכטע קריוודעס לאָזט מען אויס צו די יידישע קעפּ. די יידן מעגן אַפילו נישט האָבן די מינדסטע שייכות מיט דער געשאַפענער לאַגע, מיט די צרות און פורעניותן. ס׳איז נישט וויכטיק. יידן זענען היסטאָריש באַשטימט געוואָרן פאַר דער ראָל פון אַ „שעיר לעזאזל".

די יידן־פיינדלעכע כוחות זענען שטאַרק פאַרשיידן אין זייער כאַראַק־טער. אַ מאָל איז עס די מאַכט אַליין און אַ מאָל מיליטערישע קליקעס, פּאָליטישע באַוועגונגען און געקריוודעטע שיכטן, פאַר וועלכע עס איז צו־געפּאַסט דער זאַג פון בעבעלן, אַז „אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים". עס הייבט זיך אָן מיט סתּם העצעס, אָבער עס ענדיקט זיך ליידער אָפט מאָל מיט כוליגאַניזם, גוואַלדטאַטן און אויסראָטונג.

דער אַנטיסעמיטיזם קען זיך לייכט צוטשעפּען צו אַלע אידעאָלאָגיעס אין דער וועלט. ס׳איז אַ סחורה אויף וועלכער עס געפינען זיך שטענדיק אָפּנעמערס.

ס׳איז אָבער פאַראַן איין באַדינג פאַר דער הצלחה פון דער אַנטי־יידישער אַטאַקע. די פּאָגראָם־העלדן זענען בטבע גרויסע פּחדנים, זיי מוזן „גיין אויף זיכער" און האָבן ערגעץ ווו אַ שטאַרקן אָנשפּאַר, אַ ברייטע פּלייצע. אַ מאָל בויען זיי אויף דער אָפענער אָדער שטילער הסכמה פון דער רעגירונג און אַ מאָל גאָר פאַררופן זיי זיך אויף די אַזוי גערופענע קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטישע גאַראַנטיעס. די פרייהייטן ווערן ביי זיי אַ גורם, וואָס שטייט אויף קעגן זיין ליבעראַלן באַשעפער. ווי עס זאָל נישט זיין, בלויז די רעגירונג קען דערשטיקן די גיפטיקע אָנהייבן און אָפּשטעלן זייערע וויסטע פּלענער און מעשים.

## ג

דער נעגראָ־יידישער קאָנפליקט איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פאַר דער אויבן געשילדערטער אַנטוויקלונג.

עס האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסער (העכער 20 מיליאָן) מינדערהייט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע קאַמפּאַניע קעגן די יידן אין אַמעריקע (דער אונטערשיד, וואָס מ׳פּרוווט מאַכן צווישן דעם פאָלק „און די פירערס" איז בכלל, און ספּעציעל אין דעם פאַל, אַ פאַלשער און פאַרפירערישער). נישט וויכטיק איז אין דעם מאָמענט דער דירעקטער תירוץ פאַר דעם אויסברוך (די יאַנג־רעזיגנאַציע איז געווען מער אַ פּרעטעקסט, אַ געלעגנהייט, ווי אַ סיבה), אַפילו די קאָמפּליקאַציע, דאָס אַריינברענגען אין דער שפּיל די פּי.על.אָ. און דאָס ווערן פּלוצלינג אַ מחותן און בעל־יועץ אין אַראַביש־ישראלדיקן קאָנפליקט, איז נישט מער ווי אַ היסטאָרישער צופאַל. דער קאָנפילקט וואָלט אויסגעבראָכן מיט אָדער אָן דער „דיפּלאָמאַטיע" פון די נעגערישע פירערס. דער פאַקט איז, אַז דאָס איז דער ערשטער פון אַזאַ פאַרנעם און כאַראַקטער אַנטיסעמיטישער אָנגריף אין אַמעריקע.

אָט די קאַמפּאַניע האָט אין זיך אַלע באַקאַנטע און טרויעריק באַרימטע סימנים פון יודאָפאָביע.

מען אַטאַקירט יידן אַלס אַ גאַנצקייט, מען דערקלערט זיי פאַר קאָלעק־טיוו שולדיק. זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך אַלס יידן, אַלע אָן אויסנאַם. די מאַסן אַזוי גוט ווי די פירערס.

מען זעט אין זיי די סיבה פאַר אייגענע צרות און דורכפאַלן. מ׳האָט מיט זיי אַ באַזונדערן חשבון. זיי האָבן (כ׳וויס נישט צוליב וואָס און פאַר וואָס) אַ באַזונדערע פליכט. זיי זענען משה מחויב. פונקט ווי יידן וואָלטן געדאַרפט געבן אויסקויפגעלט פאַר זייער עצם עקזיסטענץ, שוין נישט ריידנדיק וועגן זייער דערפאָלג.

דער פאַקט, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן דווקא די נאָענטסטע און די אַממערסטן פריינדלעכע גרופּע איז אויך נישט קיין נייעס. אַזוי איז עס געווען אין דעם גאַנצן לויף פון אונדזער געשיכטע. די יידן האָבן זיך שטענדיק געפונען אין געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער שכנות מיט זייערע צוקונפטיקע שונאים. מען פאַרגעסט שנעל די אַמאָליקע טובות, אָבער די היינטיקע שוועריקייטן צעבלאָזט מען און מען באַצאָלט מיט שטיינער פאַר גוטס. דאָ קען מען נוצן מיט אַ פאַראַפראַזע שעקספּירס אַ זאָג „דער ייד האָט זיינס געטאָן, דער ייד קען גיין".

טיפּיש איז אויך געווען די רעאַקציע פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס און פירערשאַפט. אַזוי ווי אין אַלע צייטן און אומעטום בעת אַ צרה, האָבן זיך די מיינונגען ביי יידן צעטיילט צווישן די, וואָס האָבן געוואָלט אַ קלאָרע און שאַרפע קעגן־אַקציע און די (אין דעם פאַל די מערהייט) וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף נישט „איבערגרעאַגירן" און אַז מ׳דאַרף לאָזן די זאַך זיך „אָפּקילן". קען זיין, אַז זיי זענען גערעכט און אַז איצט וואָלט עס געווען נישט מער ווי „קאָזאַק שעם זיך". אָבער דאָס איז בלויז טאַקטיק. גלויבן אַז דער ענין איז נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, אַ פאַרבייגייענדיקער אומגליק, איז אַ נאַרישע איינבילדונג. עס איז אַ לאַנג דויערנדיקער קאָנפליקט און פרי׳ער אָדער שפּעטער וועט מען נישט אויסמיידן אַ קאָנפראָנטאַציע. העכסטנס קען מען אָפּשטעלן דערווייל די סימפּטאָמען, אָבער נישט ראַדי־קאַל היילן די שווערע מחלה.

מיר האַלטן נישט פון דעסטוועגן, אַז עס איז שוין דער הימל ביי דער ערד, און אַז מיר שטייען שוין אין אַמעריקע, חלילה, פאַר אַנטיסעמיטישע

גוואַלדאַקטן אָדער פּראָפּאַגאַנדע נוסח נאַצי־דייטשלאַנד אָדער סאָוויעט־רוסלאַנד. אַזוי ווייט גרייכט נישט אַפילו מיין פּעסימיזם. מען דאַרף אָבער לערנען פון די טרויעריקע געשעענישן און אָנהייבן טראַכטן אין אַנדערע קאַטעגאָריעס. עס איז געוויזן געוואָרן, אַז דאָס „איז מעגלעך אויך אין אַמעריקע" און אַז די פעסטונג אַמעריקע איז נישט אַזוי סאָליד און... אַז גלות בלייבט גלות.

1979

# אַמעריקאַנער יידן ווי אַ פּאָליטישער כוח

וואָס איז דער פּאָליטישער כוח פון אַמעריקאַנער יידנטום, ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַן עטנישע אייגנהייט? וואָס איז זיין ווירקונג אין אַ צייט פון שאַרפסטן ענערגיע־קריזיס, אָפּגעשוואַכטער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן און בעת דער פאַרמינערונג פון איינפלוס פון פּרעזידענט אין לאַנד? שטעלנדיק די פראַגע, האָבן מיר נישט דווקא אין זינען דעם עלעקטאָראַלן כוח פון יידן, וואָס שטייגט איבער זייער צאָל, אין אָט דעם לאַנד פון כסדרדיקע וואַלן. מיר זענען אויך נישט אויסן די גרויסע צאָל יידן וואָס דערגרייכן צו די סאַמע שפּיצן פון פּאָליטישער פּראָמינענץ אַ דאַנק זייערע אינדיווידועלע פעיקייטן. די טעמע פון אונדזערע באַטראַכטונגען איז די פּאָליטישע ראָל, וואָס יידן שפּילן אַלס רעליגיעזע מינדערהייט וועמענס באַזונדערקייט איז גענוג בולט, טראָץ דער אַסימילאַציע און טראָץ זייערע אַמעריקאַנער שטריכן און לעבנסשטייגער. מיר וועלן זיך אויך דאָ נישט פאַרנעמען מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער פּאָזיציע פון ישוב אין וועלט־יידנטום און זיין חשיבות לגבי ישראל — ווי אַ רעזולטאַט פון זיין מאַסיווער הילף און פון דעם ערשטראַנגיקן מעמד אין וועלט־ענינים פון אַמעריקע.

ס'זענען פאַראַן גענוג אָביעקטיווע און אויסערלעכע כוחות, וואָס צווינגען אַמעריקאַנער יידן ממש אויף צו דערשיינען ווי אַזעלכע. עס איז נישט גענוג,

וואָס זיי זאָגן אַלס בירגערס, אַלס מענטשן מיט פּאָליטישע אַנשויונגען, אַלס מיטגלידער פון די גרויסע פּאַרטייען. מ׳וויל אויך וויסן און עס ווערט געטוי געפאָרשט ווי אַזוי זיי רעאַגירן און האַנדלען ווי אַ פירנדיקע עטנישע גרופּע. עס זענען שוין דאָ וויניק ענינים, וואָס מען זאָל אויך נישט באַטראַכטן פון אָט דעם ספּעציפישן קוקווינקל. אַוודאי איז נאָך וויכטיק וואָס עס זאָגט דער אָדער יענער באַוווּסטער און איינפלוסרייכער ר׳ ישראל, נאָר אַ סך מער מאַסגעבנדיק איז די שטעלונג פון כלל־ישראל. אין אַלע אַנקעטעס פון עפנטלעכע מיינונגען אין דער פּרעסע געפינט זיך אַ שטענדיקער איבערבליק וועגן דער מיינונג פון יידישע פירערס, ראַבאַיס און כלל־טוערס. אָפט מאָל וועגן ענינים, וואָס אין פלוג זענען זיי אויס ווייט פון יידישן אינטערעס.

פאַראַן גרויסע פּראָבלעמען אין וועלכע יידן זענען געווען און זענען אויך איצט דירעקט און וועזנטלעך פאַראינטערעסירט, למשל: דער ענין שטאָט און קירכע און זייער צעטיילונג, אימיגראַציע־פּאָליטיק, ראַסן־העצע און אַנטיסעמיטיזם, דאָס אָפּהיטן די קאָנסטיטוציע, ספּעציעל אין דער פראַגע פון מענטשן־און בירגעררעכט, אויסערלעכע פּאָליטיק פון דער רעגירונג אויף וויפל זי איז נוגע דעם נאָענטן מזרח בכלל און מדינת ישראל בפרט און באַציונגען מיט לענדער וואָס פאַרפאָלגן יידן.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט זיך די צאָל פּראָבלעמען, צייטפראַגן, געשעענישן אויף וועלכע יידן, וועלנדיק אָדער נישט־וועלנדיק דאַרפן רעאַגירן, שטאַרק אויסגעברייטערט. אָט זענען עטלעכעביישפּילן: יידישע פירערס, אַלס אַזעלכע, אַלס וואָרטזאָגערס פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך עפנטלעך באַצויגן צום פּרעזידענטס ענערגיע־רעדע נאָך דער גרויסער קאָנפערענץ אין קעמפּ־דעיווויד. אין פלוג, וואָס אייגנטלעך איז דאָ די סמיכת־הפרשות מיט יידן, ס׳איז דאָך לכל הדעות אַן אַלגעמיין פּראָבלעם און אויל אין אַמעריקע ווייס נישט פון ראַסע, אָפּשטאַם און רעליגיע; אָבער מען דאַרף זיך אין דעם ענין טיפער אַריינטראַכטן. די אויל־פראַגע איז אין אַמעריקע קאַרדינאַל און שאַרף און זי איז אין אַ געוויסער מאָס (כאָטש לויט אונדזער מיינונג, נישט אַנטשיידנדיק) אַ רעזולטאַט פון דעם אַראַבישן דרוק. ווער געדענקט נישט די אַנטי־יידישע שטימונגען בעת דעם אויל־קריזיס אין 1967 און 1973? צום גליק האָט זיך עס נישט איבערגעחזרט דאָס מאָל בעת

דעם מאַנגל אין גאַזאָלין, וואָס האָט דאָס גאַנצע לאַנד אַרויסגעבראַכט פון די כלים. מ׳הערט נישט דערוויל, צום גליק, די העצע, אַז „יידן זענען שולדיק״. מען האָט אויסגעלאָזט דעם כעס און צאָרן צו די גרויסע אויל־קאָנצערנס און די אָפּעק־רעגירונגען. פון דעסטוועגן קענען יידן נישט טענהן, אַז עס איז נישט זייער ענין. זייער אייגענער אינטערעס פאָדערט אַז זיי זאָלן שטיצן פּראָגראַמען, וואָס צילן צו פאַרקלענערן די אָפּהענגיקייט פון דער עקאָנאָמיע פון אימפּאָר־טירן אַראַבישן אויל און וואָס שטרעבן צו אַנטוויקלען סינטעטישן אויל, זון־ענערגיע און וואָס רופן צו שפּאָרזאַמקייט און קאָנסערוואַציע פון די היפּשע אָבער נישט־גענוגנדיקע רעזערוון אין לאַנד. ס׳איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס יידישע פירערס פון אַלע ריכטונגען האָבן באַגריסט דעם גראַנדיעזן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן פּראָגראַם, וואָס דער פּרעזידענט האָט געבראַכט צו די מיליאָנען צוהערערס.

אָדער אַ צווייטער ענין, נאָך אַ סך אַ ווייטערער: הילף פאַר די הונדער־טער טויזנטער אַרויסגעטריבענע, אומגליקלעכע פּליטים, וואָס זענען געוואָרן אַזוי ברוטאַל און אוממענטשלעך אויסגעוואָרצלט פון זייער לאַנד און צעוואָרפן איבער אַלע זיבן ימים. יידן האָבן עפנטלעך אַרויסגעוויזן זייער מיטגעפיל מיט די פּליטים, ווייל דאָס האָט זיי דערמאָנט אין דעם גורל פון דער שארית־הפליטה, נאָך דעם היטלער־חורבן. מ׳דאַרף נישט גיין אַזוי ווייט און מאַכן פאַרגלייכן מיט דער שואה, וואָס איז אָן אַ פּרעצעדענט און אָן אַנאַלאָגיע. פון דעסטוועגן איז עס געווען קלאָר פאַר יידן אַז זיי מוזן זיין באַזונדערס אַקטיוו אין דער רעטונגס־אַקציע. נישט בלויז האָבן זיי דערמוטיקט די רעגירונג אין פאַרדאָפּלען די צאָל אַריינגעלאָזטע פּליטים, נאָר האָבן אַליין זיך גענומען צו מעשים. דער „האַיאַס״, למשל, האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרנע־מען מיט 6,000 פּליטים און זיך אויפפירן לגבי זיי פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען יידישע אימיגראַנטן, לעגאַלע הילף, אַדאַפּטירונג דורך פאַמיליעס, אאַז״וו. דעם ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן די קאָנדאַדער יידן. דאָס ריין־מענטש־לעכע און ס׳יידישע האַרץ גייען דאָ צוזאַמען, און צו דעם מעג מען אויך צוגעבן: פּאָליטישער שכל־הישר.

דער פּאָליטישער איינפלוס פון אַמעריקאַנער יידן גייט אַריבער די גרענעצן פון לאַנד. זיי ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַקטאָר. מען הויבט זיך

אָן צו רעכענען מיט זיי אין פֿאַרשיידענע לענדער. מען באַהאַלט עס מער נישט אויס. יידן דערשיינען ווי אַן אַנערקענטער צד, מיט וועלכן מען פֿאַרהאַנדלט און ביי וועלכן מען וויל עפּעס פּועלן, נעמנדיק אין אַכט זייער ווירקונג אין אַמעריקע. עס פֿעלן נישט קיין ביישפּילן. דאַרף מען דערמאָנען די ממש דעציזירנדיקע ראָל וואָס עס שפּילט די באַהאַנדלונג פֿון יידן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און פֿון גרעסערן אַרויספֿאָר פֿון דאָרט, ביים באַשטימען די עקאָנאָמישע קאָנצעסיעס פֿאַר סאָוויעט־רוסלאַנד? ווייס דען נישט רוסלאַנד, אַז יידן האָבן וועגן דעם אַ סך צו זאָגן? לעצטנס האָט דער רומענישער פּרעזידענט טשאַושעסקו אָפֿיציעל אויפֿגענומען אַ דזשאָינט־דעלעגאַציע און דורך איר אַפּעלירט צו אַמעריקע, אַז זי זאָל אַנערקענען פֿאַר זיין לאַנד דעם סטאַטוס פֿון „פֿאַוואָריזירטן פֿאָלק" אין האַנדל, טראָץ דער פֿאַרקלענערטער עליה.

עס מערקט זיך אויך דאָס זעלבע אין דער פֿאַרוויקלטער און טרויעריקער פּרשה אַרגענטינע. אָן שום ספק האָבן יידן געלאָזט הערן זייער אַמעריקאַנער שטים בנוגע דעם טימערמאַן־פֿאַל, דאָס פֿאַרשווינדן פֿון הונדערטער ווילקיר־לעך אַרעסטירטע יידן, אאַ"וו. יידן פֿאַרלייקענען שוין גאָרנישט אָט די דאָזיקע אינטערווענץ און דערוויל האָבן מיר נישט געהערט קיין אַנווענדונג, לגבי דעם, מצד די אַמעריקאַנער רעגירונגס־קרייזן. אָפֿט מאָל גייט אָן אָט די דיפּלאָמאַ־טישע שליחות צוזאַמען מיט מדינת ישראל, אַ מאָל פּאַראַלעל, אָבער קיין מאָל נישט אין קאָנפֿליקט. צוליב אָט דער פּאָליטישער אינטערווענץ ווערט אויך פֿאַרשטאַרקט דער פּרעסטיזש פֿון די אויסלענדישע אָפּטיילונגען פֿון די גרויסע יידישע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער ענין.

די הצלחה פֿון דער גראַנדיעזער טעטיקייט קומט נישט בלויז צוליב דער העגעמאָניע פֿון אַמעריקע און פֿון דער פֿירנדיקער פּאָזיציע פֿון יידן אין איר, נאָר צוליב אַנדערע, ווייניקער מאַטעריעלע סיבות. יידישע אינטערעסן פֿאַלן דאָ צונויף מיט אוניווערסאַלע גערעכטיקייט־פּרינציפּן. אַוודאי זענען יידן ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט אין דעם פֿרייען אָדער לכל־הפּחות מאַסנ־האַפֿטן אַרויספֿאָר פֿון יידן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָס פֿאַלט אָבער צונויף מיט דעם אוניווערסאַלן רעכט פֿון עמיגראַציע־פֿרייהייט, וואָס איז איינער פֿון די פּרינציפּן פֿון דעם העלסינקי־דאָקומענט. אמת, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד

גייעןביידע זאַכן נישט אָן און אויב זי דערלויבט איצט אַ מער ליבעראַלע עמיגראַציע, איז עס צוליב אירע קאָמערציעלע אינטערעסן. אַזוי צי אַזוי האָט דער קאַמף פון אַמעריקאַנער יידן אַ וויכטיקן גייסטיקן און אידעישן אָנשפּאַר. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דעם אומאויפהערלעכן דרוק וואָס ווערט אויסגעאיבט דורך די יידן אויף דער רעגירונג בנוגע די נאַציס, וואָס האָבן דאָ געפונען אַ מקום־מקלט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָ איז אַ קלאַסישער ביישפּיל ווי אַזוי די יידישע גרעאַנגלען שפּאַרן זיך אָן אויף דער קאָנסטיטוציע פון געזעצגעבונג פון אַמעריקע וואָס פּאַרווערט ראַסן־העצע און קען נישט טאָלערירן אַמאָליקע און איצטיקע נאַציס.

נישט שטענדיק אָבער גלייכט זיך אויס דער יידישער חשבון מיט אַלגעמיינע אויסרעכענונגען. ס׳געשעט אַ מאָל, ווען דער אַבסאָלוטער און ריינער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע קומט אין צוזאַמענשטויס מיטן יידישן אינטערעס. אַ פּאָר ביישפּילן: עס האָט זיך דאָ געטומלט מיט דעם אַריינגעטראָגענעם פּאָרשלאָג איבערצואַנדערשן דעם אופן פון וואַלן פּאַר אַ פּרעזידענט. ווי עס איז באַקאַנט ווערט פּאָרמעל דער פּרעזידענט אויסגעקליבן דורך עלעקטאָרן, וואָס רעפּרעזענטירן די שטאַטן אין אַמעריקע, לויט אַ פּאָרויסבאַשטימטן שליסל. ביז איצט האָט נאָך נישט געטראָפן אַז אַ פּרעזידענט זאָל דערווילט ווערן דורך אַ מינדערהייט פון די אַלגעמיינע וואַלן אָן אַ מערהייט פון עלעקטאָרן. אָבער אַזאַ טעאָרעטישע מעגלעכקייט עקזיסטירט. ס׳האָט געפעלט אַ האָר, אַז דאָס זאָל געשען ביים אויסוואַל פון קאַרטערן. אַוודאי האָבן די פּאָטערס פון דער קאָנסטיטוציע געהאַט זייערע אייגענע כוונות ביים איינשטעלן דעם סיסטעם, ווי למשל: אונטערשטרייכן דעם ווערט און די חשיבות פון די באַזונדערע שטאַטן. יעדנפאַלס קען מען זיי נישט באַשולדיקן אין נישט גענוג דעמאָקראַטיע, אָדער אין וועלן פּאַרקריפּלען דעם ווילן פון פאָלק. קיין אַבסאָלוטע דעמאָקראַטיע איז עס אָבער נישט. דעריבער איז מען שוין אַ סך מאָל געקומען מיט אַ פּאָרשלאָג צו מאַכן דעם ענין פּשוטער און דירעקטער, ווי אין אַנדערע לענדער, וווּ דער פּרעזידענט ווערט אויסגעווילט דורכן פאָלק. פּאַר יידן און די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וואָלט עס נישט געטויגט. עס וואָלט ביי זיי צוגענומען די השפּעה אין די באַזונדערע שטאַטן און באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט זייער פּאָליטישן כוח. כאָטש עס האָבן

זיך געפונען סענאַטאָרן און קאָנגרעס־מיטגלידער פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער עלעקטאָראַלער ענדערונג, איז אָבער געווען גוט באַקאַנט, אַז יידן זענען קעגן און צום גליק זענען זיי נישט געווען אַליין. מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען אַנדערע עטנישע און נאַציאָנאַלע גרופּעס. די פּאָליטישנס האָבן זיך געמוזט מיט דעם רעכענען און לסוף איז דער פאַרשלאָג דורכגעפאַלן און וועט שוין אין דער נאָענטסטער צוקונפט קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין. כאַראַקטעריסטיש איז געווען די מאָטיווירונג פון די קעג־נערס אַז דאָס וועט זיי ברענגען שאָדן ווי אַ קאָלעקטיוו און באַזונדערע גרופּע. דער עולם האָט אָנגענומען די דאָזיקע אַרגומענטן ווי אַ נאַטירלעכע דערשיי־נונג, אַזוי ווייט זענען מיר שוין דערגאַנגען אין אַמעריקע אין אָנערקענען דעם מולטי־עטנישן כאַראַקטער פון דער מדינה. עס איז אונדזער טיפסטע איבער־צייגונג, אַז די יידן דאַרפן פאַרלאַנגען פעדעראַלע שטיצע פאַר זייער „פּאַראָ־קיאַלן שולסיסטעם", כאָטש עס איז אין סתירה צו דעם הייליקן פּרינציפּ פון צעטיילונג צווישן שטאַט און קירכע און אַז עס קען אָפּשוואַכן די אַלגעמיינע עפנטלעכע שול.

ריינע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן צווישן די ריכטערס זענען נישט געווען גרייט צו פאַרווערן, למשל, די נאַצי־דעמאָנסטראַציע אין סקאָקי, אין נאָמען פון דער גאַראַנטירטער דורך דער קאָנסטיטוציע פרייהייט פון וואָרט, דעמאָנסטראַציעס, אאַ"וו, סיידן עס איז פאַראַן „אַ קלאָרע און קאָנקרעטע געפאַר". מיר וואָלטן געקענט ברענגען נאָך אַזעלכע ביישפּילן. אָן אַ ספק־ציעלן באַשלוס האָבן יידן זיך בייזיך געפּועלט, אַז דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן לעבנסוויכטיקע ענינים פון קיום זענען זיי וויכטיקער ווי מעכאַניש פאַרשטאַנענע פּרינציפּן פון די, וועלכע האַלטן זיך בוכשטעבלעך ביים געזעץ, וואָס איז אין תוך אַנטי־דעמאָקראַטיש און דינט די שונאים פון אַמעריקע, געגנוי ווי פון די יידן.

דער פּאָליטישער כוח פון אַמעריקאַנער יידנטום דריקט זיך אויס נישט בלויז כלפּי־חוץ, נאָר אויך כלפּי־פנים, לגבי ישראל און אַנדערע ישובים אין דער וועלט. דאָס גייט שוין אָבער אַרויס פון די ראַמען פון דעם איצטיקן אַרטיקל. מיר קענען בלויז רעזומירן מיט אַ גרויסער מאָס באַפרידיקונג,

אַז דער פּאָליטישער כּוח אין אַט דעם גרויסן ישוב איז געבליבן כּמעט אומבאַרירט. ס'איז אַ גרויסער אוצר, וואָס דאַרף אָפּגעהיט ווערן מיט זאָרג און וואַכזאַמקייט.

1979

# מער ווי אַסימילאַציע

אין דער אָריגינעלער און אינטערעסאַנטער צייטשריפט „מאָמענט", וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפעסאָר לעאָן פיין, האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ טיפער, ממש דערשיטערנדיקער דעבאַטע וועגן אַסימילאַציע און „אויב נישט נאָך נידעריקער". אַרויסגערופן דעם וויכוח האָט אַן אַרטיקל פון דער שרייבערין ען ראָוּפ. דער אויסגאַנגפּונקט פון איר ספק מאמר און ספק ווידוי איז דער קריסטמעס־בוים, וואָס זי דעקאָרירט מיט אים דאָס הויז חגא־צייט. אַט דער, לײדער, ברייט פאַר־שפּרייטער מינהג אין אַמעריקע ביי יידן איז ביי פרוי ראָוּפ בלויז אַ סימבאָל פון אַ גאַנצער וועלט־אַנשויונג פון אַן איבעררייס מיטן יידנטום אַלס רעליגיע און אַלס ציוויליזאַציע און אַ געלעגנהייט צו אַנטוויקלען אירע פילאָסאָפישע און לירישע מיינונגען און רעפלעקסן וועגן רעליגיע און אַלץ מיט אַ לײכט־קייט, אָדער בעסער געזאָגט, לײכטזיניקייט און אָראַגאַנטער זעלבסט־זיכער־קייט. איידער מיר גיבן איבער בקיצור איר „אני מאמין" און אירע אַרויס־זאָגונגען, איז כּדאַי זיך צו באַקענען מיט איר הינטערגרונט, מיט אירע מישטיינס געזאָגט משפּחה־וואָרצלען און מיט אירע פאָרמאַטיווע יאָרן.

עס איז אַ טיפּישע, כּמעט סטערעאָטיפּישע געשיכטע. דער זיידע, וואָס האָט קיין מאָל נישט באַזוכט קיין מוזיי, ווייל דאָרט געפינען זיך אַזוי פיל בילדער פון יעזוסן אין וועמענס נאָמען מען האָט פּאַגראָמירט זיין שטעטל, פאַרברענט זיין שול און פאַרטריבן זיינע שוועסטער און די באָבע, וואָס האָט געפירט אַ גלאַט כּשר הויז. פאַר זיי האָט זי גרויס דרך־ארץ, שעמט

זיך אַ ביסל און זי פֿילט, אַז „זי איז זיי שולדיק אַ דערקלערונג״, פֿאַר וואָס זי זינגט מיט אירע קינדער די קריסטמעס־קעראָלס און פֿילט אַן יעדן שופֿלאָד אין שטוב מיט די שיינענדיקע מתּנות.

דאַקעגן האָט זי נישט קיין גוט וואָרט פֿאַר איר מוטער, אַזוי צו זאָגן, פֿאַר דעם צווייטן דור אין דער משפּחה. די מוטער האָט שוין געפֿירט אַ כּשר־סטאַיל ייִדישקייט, אַ כּמו ייִדישקייט. זי איז געגאַנגען אין טעמפּל צוויי מאָל אַ יאָר און פֿאַר דעם זיך איינגעקויפֿט ספּעציעלע מלבושים, זי האָט געצונדן אַ יאָרצייט־ליכט, וואָס האָט זיך געפֿונען צווישן די קאָסמע־טיקס און צירונג, האָט דערציילט וויצן אין ייִדיש און געשפּילט קאַנאַסטאַ. זי האָט טאַקע געהערט צו אַ ייִדישן קאָונטרי־קלוב און האָט געהאַט בלויז ייִדישע פֿריינד, אָבער מיט דעם האָט זיך געענדיקט איר ייִדישקייט. לסוף האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געקויפֿט אַ קריסטמעס־בוים. דער מאַמען איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס פּאַרט זיך נישט מיט ייִדישקייט, לויט איר קאָנצעפּציע. צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון איר משפּחה (וועגן איר פֿאָטער דערמאָנט זי נישט) גיט זי צו דעם קאָמענטאַר, אַז „פֿאַר אירע קינדער האָט די געטאָ פֿאַרלוירן די רעליגיעזע ענערגיע. דער ייִדישער גאָט איז צו גרויזאַם און די וועלט איז פֿול מיט פֿאַרשיידנאַרטיקייטן און אונטער־שיידן. מיר זענען נישט געווען אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט דורך געגנוג פֿאָראורטיילן און קעגנזייטיקער שנאה. עס איז געווען אומפֿאַרמיידלעך אַז אירע קינדער (דער מאַמעס) זאָלן זיך נאָך מער אַסימילירן״. מיט אָט דעם „ייִדישן״ באַגאַזש איז ען אַרויסגעפֿאָרן אין דער גרויסער און פֿאַרכּישופֿנ־דיקער וועלט.

אומקערנדיק זיך צום קריסטמעס־בוים זאָגט זי אַז עס איז טאַקע געווען נישט קיין רעליגיעזע איבערלעבונג, נאָר וואָכעדיק אין כאַראַקטער, פֿון דעסטוועגן האָט עס געהאַט „אַ שיין און אַן אַנטציקונג״, אַ מין קריסטלעכע ווערסיע פֿון דעם ברענענדיקן דאָרן. זי באַנוגנט זיך נישט מיט דעם אומ־געלומפּערטן פֿאַרגלייַך, נאָר זאָגט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די קאָלירפֿולע סימבאָלן האָבן איבערגעלעבט די בילדער פֿון דעם חורבן. פֿאַר וואָס זי האָט אַזוי פֿאַרשווּכעריש אַרויסגערופֿן די שואה, ווייס איין גאָט. פֿון דעסטוועגן פֿילט זי אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און זי פּסקנט

מיט אַ דעליטאַנטישער זיכערקייט: „ווען גאָט וואָלט עס אויסגעקליבן זיין פאָלק פאַר אַזאַ אומגליק?״ אָט אַזוי האָט זי איינס און צוויי אָפּגעפּטרט דעם טראַגישן פּראָבלעם, מיט וועלכן עס ראַנגלען זיך גרויסע דענקערס, טעאָלאָגן, גלויביקע יידן און מיר אַלע.

מיט דער צייט האָט מען אָפּגעשאַפט אין דער פאַמיליע דעם סדר־פּסח, וואָס איז פונקט געווען אַזוי נישט רעליגיעז, ווי די קריסטמעס־פייערונג. ווען די איידעלע און פיינפילנדיקע פרוי האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט, ווי אַזוי גאָט האָט אָנגעשיקט אויף די מצרים די מכות און דערנאָך די שטראָף פון בכורים, האָט זי פאַרלאָזן דעם טיש. זי וועט נישט ליבן אַ גאָט, וואָס איז אַזוי שבטימדיק, אַז ער ברענגט שאָדן און פאַרוויסטונג אויף איין שבט צוליב אַן אַנדערן, נישט מער און נישט ווייניקער: נישט די פּיין און יסורים פון קנעכט, נישט די שנאה צו טיראַנען, נישט די בשורה פון פרילינג, נישט דעם יום־טוב פון פרייהייט. זי האָט מסתמא קיין מאָל נישט געהערט דעם לירישן, רירנדיקן מדרש וועגן גאָט, וואָס האָט געצאָרנט אַז „מיינע קינדער זינקען אין ים און איר זאָגט שירה״ און פון וואַנען זאָל זי פאַרשטיין דעם טיפן זאָג, אַז „אין אַלע דורות זעען מיר זיך, ווי מיר אַליין וואָלטן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים״.

אגב, פאַר וואָס דווקא קריסטמעס, פאַר רעליגיעזער און ריטואַלער יום־טובדיקייט, און נישט חנוכה, וואָס פאַלט אויס אין דער זעלבער צייט?

אָבער די חנוכה־געשיכטע „איריטירט זי״. פאַר וואָס אַזאַ קליינער נס? פון אַן אויל־לאָמפּ פאַר אַכט טעג. „דאָס ריכטיקע״ וואָלט געווען, אַז די רוימער (די „גרויסע היסטאָריקערין״ ווייסט נישט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן די גריכן) וואָלטן נישט געווען אַזוי בלוטדורשטיק און געזוכט צו באַ־הערשן די וועלט. כאָטש גיי און מאַך פאַר איר איבער די געשיכטע לויט איר געשמאַק. בכלל איז זי קעגן טראַדיציע און יידישן נוסח. זי דערמאָנט זיך, אַז זי איז אַ פעמיניסטקע און באַשליסט ביי זיך, אַז דאָס איז בלויז די יידישע רעליגיע, וואָס האָט דיסקרימינירט די פרויען.

ס׳איז אַ ביליקער מישמאַש. די קריסטמעס־ליכט דערמאָנען איר דווקא יאָרצייטליכט. די קאָמערציעלע באַפּוצונגען קריגן ביי איר אַ טיפן אינהאַלט, אָבער דער עיקר זענען, פאַרשטייט זיך, אירע קינדער. זיי האָבן ווייניק

צו טאָן מיט דער פּאַראָקאַליער, אַלט־מאָדישער יידישקייט. זיי וועלן זיין קאָרעספּאָנדענטן, דאָקטוירים און „רענטשערס". זיי וועלן אַריינקומען אין דער באַצויבערנדיקער וועלט פון קונסט, פילאָסאָפיע. בקיצור — ברייטע האָריזאָנטן. און וואָס וועט זיין אויב די העלע האָפענונגען וועלן נישט פאַרווירקלעכט ווערן? זי האָפט אַז די קינדער וועלן האָבן די מעגלעכקייט פון אויסוואַל און אַז די וועלט וועט זיי לאָזן די פרייהייט פון אַ ברירה. זי זאָגט אונדז צו אַז אויב עס זאָלן זיך אָנהויבן מאַסן־פאַרפאָלגונגען, וועט זי אויך טראָגן דעם מגן־דוד (פונקט ווי דאָס וועט זיין געוועגדט אין איר). אויף דעם קען מען אויף פּראָסט יידיש זאָגן: מוחל טובות...

די רעדאַקטאָרן האָבן גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן געווידמעט אַ לענגערע, ערנסטע, און איידעלע תשובה אויף אָט דעם אויפרעגנדיקן אַרטיקל. זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט אָפּדרוקן אירע ווערטער אָן פּירושים, כדי אויפצודעקן דעם מיאוסן פּרצוף פון דער אַסימילאַציע, אָדער בעסער גע־זאָגט פון פּאַקטישן שמד. ליידער איז זי אויך נישט קיין ריין פּסיכאָלאָגישער פאַל, נאָר אַ טיפּישער אויסדרוק פון טויזנטער, וואָס דענקען און פילן אַזוי אין דער יידישער אַמעריקע. מ'האָט אויך נישט געקענט זי אָוועקמאַכן מיט דער האַנט ווי אַן אומוויסנדיקע פרוי, כאָטש זי איז אַ בולטע דילעטאַנטין מיט אַ טאַלאַנט פאַר שרייבן, אָבער מיט ווייניק וויסן, באַזונדערס אויפן יידישן געביט.

אָבער גראָד דער אינטעלעקטועלער אָנשטעל רעגט אויף. ביי יידן פלעגט מען זאָגן: „אַז גאָט וויל שטראָפן אַן עם ארץ, גיט ער אים אַריין אַ פּסוק אין מויל". מיט רעכט האָבן די רעדאַקטאָרן אָנגעוויזן אויף „איר אַראָגאַנץ", איר שטילע איבערצייגונג אין איר סופּעריאָריטעט, איר איינ־זייטיקייט לגבי יידישקייט קעגן קריסטנטום און שטעלן זיך אויף דער זייט פון דער נישט־יידישער וועלט, וואָס איז שיין, ריטערלעך, קינסטלעריש, הומאַניסטיש אין קאָנטראַסט מיט דער שבטימדיקייט פון יידישקייט. ס'וואָלט געווען צו פיל פון איר צו פאַרלאַנגען זי זאָל פאַרשטיין, אַז דער אויסוואַל איז נישט צווישן אוניווערסאַליזם און אַ קליינער שבט־פּסיכאָלאָגיע. די גאַנצע וועלט באַשטייט פון אַזעלכע „שבטים", גרויס צי קליין. אַוודאי פעלט איר דער יידישער חדר, ווו מ'זאָל מיט איר איינקנעלן און דערקלערן אַז

יידן האָבן גלייכצייטיק אָפּגעהיט זייער נאַציאָנאַל לעבן, אָבער אויך געזוכט די גאולה פֿאַר דער גאַנצער וועלט. די אינטעלעקטועלע שרייבערין פֿאַר־שטייט נישט און באַנעמט נישט די סובטעלע און מיסטעריעזע וועגן פֿון יידישן גאַנג אין דער וועלט־געשיכטע.

דאָס פּראָבלעם, ווי געזאָגט, זענען אירע קינדער, וועלכע זי לאָזט נישט אַרויס פֿון מויל. די רעדאַקטאָרן דריקן אויס די האָפֿענונג אַז זיי וועלן זיך בעסער באַציִען צו איר, ווי זי צו איר אייגענער מאַמען, וועלכע זי האָט אַזוי נעגאַטיוו און סאַרקאַסטיש געשילדערט. איינס פֿון די ביידע: אָדער זיי וועלן אַריבערגיין פֿון יעזוסן דעם סימבאָל צו יעזוסן דעם קעניג, אָדער זיי וועלן זיך באַמיִען צו וויסן מערער וועגן זייער יידן, וועגן זייערע וואָרצלען און ירושה. עס פֿעלן נישט קיין פּרעצעדענטן אין דער יידישער געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער יידן פֿאַר ביידע עווענטואַליטעטן. אפֿשר וועלן זיי זיך אומקערן נישט צוליב, נאָר טראָץ איר מוטער.

אויף דער שרייבערין איז אַ ביטערער רחמנות, וואָס זי וויס נעבעך נישט אַלס אַ יידישע טאָכטער, וואָס פֿאַראַ אוצרות עס געהערן צו יידן און זעט אונדז אַלעמען בלויז ווי מיטגלידער פֿון קאָונטרי־קלובן און קאַנאַסטאַ. זי מאַכט אויך אירע קינדער פֿאַר גייסטיקע אָרעמעלייט. צו אונדזער גרויסן צער, ווי געזאָגט, איז זי נישט די איינציקע. אפֿשר האָט זי אויך אַ פֿאַר־דינסט, וואָס זי האָט געבראַכט אויפֿן צונג, וואָס ביי אַנדערע אַסימילאַציע־שיכורים ליגט אויף דער לונג

1979

# פּאַלידאָקסן

האָט איר געהערט וועגן דעם רעליגיעזן שטראָם אין דעם אַמעריקאַנער יידנטום מיטן נאָמען פּאַלידאָקסן? טאָמער נישט, זאָלט איר נישט זיין גע־פֿאַלן ביי זיך און נישט צווייפֿלען אין אייער אינטעליגענץ און יידישן וויסן: בסך־הכל האַנדלט זיך עס אין אַ קליינער עקסטראַוואַגאַנטער, היפּער־ראַדי־

קאַלער (אין רעליגיעזער הינזיכט) גרופּע, פאַר וועלכער אַפילו די רעפאָר־מירטע זענען נישט גענוג „היינטצייטיק און אָפן״. פון דעסטוועגן האָבן זיי זוכה געווען צו אַן אָנגעזעענער „סטאָרי״ אין וועלטבאַרימטן „ניוסוויק״ און פון דער נאָטיץ באַקומען מיר אַ ביסל פּרטים וועגן אָט דער נייער טעאָלאָגישער מחנה.

ווי קליין די גרופּע זאָל נישט זיין, פאַרמאָגט זי גרויסע אַמביציעס און אַ שפּאַר ביסל פּרעטענזיעס. דער פירער פון דער גרופּע ראַבאַי ריינעס פון סינסענעטי האָט אַ זייער פּעסימיסטישן קוק אויפן עתיד פון אַמעריקאַנער ישוב; ס׳איז טאַקע אין דער געשיכטע נישט געווען נאָך אַ צווייטער פאַל פון אַזעלכע רייכע, רעספּעקטירטע מיטגלידער פון אַ קהילה און יידן אויפן גאַנצן ערדקיילעך אין אַלע דורות האָבן נישט גענאָסן פון אַזאַ רעליגיעזער פרייהייט. אָבער אַ חסרון — „די כלה איז צו שיין״ און פון יידישן שטאַנדפּונקט געפינט זיך דאָס יידנטום אין צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג. לויט ראַבאַי ריינעס וועט אין יאָר 2100 פאַרבלייבן פון די 5 מיליאָן און 800 טויזנט יידן נישט מער ווי איין מיליאָן (שטעלט זיך פאַר, ווען אַזעלכע אַפּאָקאַליפּטישע פאַרויסזאָגונגען וואָלטן געקומען פון אַ ישראלי ווי אַלע וואָלטן אויף אים אַרויפגעפאַלן ווי אויף אַ נביא פון חורבן, אַ פּאַניק־זייער א. אַז. וו.).

ראַבאַי ריינעס איז נישט דער איינציקער, וואָס איז אַזוי שוואַרץ־זעעוודיק. דער „ניוסוויק״ באַמערקט, און מיט רעכט, אַז דער פּעסימיזם וועגן יידישן קיום און דווער איז אַן אייביקע טעמע אין די קאָנגרעגאַציעס און קהילה־צענטערס. אַלע זוכן אָפּצוהאַלטן דעם קומענדיקן סוף דורך די קלאַסישע מיטלען: פאַרגרעסערן די געבורט־ראַטע, פאַרטיפן די פאַרבינדונג מיט ישראל, פאַרשטייפן דעם קאַמף קעגן שמד און געמישטע חתונות און מיסיאָן־אַקטיוויטעטן. אָבער דאָ ענדיקט זיך די אַנאַלאָגיע מיט ריינעסעס אַנאַליזעס און וועגן. ער האָט (און צוזאַמען מיט אים זיין עקסטראַוואַגאַנטע סעקטע) אַן אייגענע קאָנצעפּציע. לויט אים קומט אויס אַז די סיבה פון דעם ביאָלאָגיש־דעמאָגראַפיש גייסטיקן קריזיס ביי יידן איז אין דעם, וואָס זיי גלויבן נישט אינעם טראַדיציאָנעלן יידנטום און אַן גלויבן וועט דאָס יידנטום פאַרשווינדן. ביי ריינעסן און זיינע אָנהענגערס איז אַפילו, ווי שוין

געזאָגט, דאָס רעפאָרמירטע יידנטום נאָר ליבעראַל אויף דער העלפט, שוין נישט רעדנדיק וועגן די הלכה־אָריענטירטע קאָנסערוואַטיווע און פאַנאַטישע אָרטאָדאָקסן רחמנא־לצלן. דער אמתער אויסלייזנדיקער ענטפער, די גרויסע בשורה וועט קומען פון די פּאָלידאָקסן און ווי ס׳איז דער שטייגער ביי יידן ווערט אַלץ באַלד אָרגאַניזירט און קריסטאַליזירט. ס׳איז שוין פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון פּאָלידאָקסישע יידן און מען גייט שוין שאַפן אַ לאַנד־פעדעראַציע.

אָבער וואָס מיינט פּאָלידאָקסן, און אין וואָס באַשטייט זייער תורה? „ס׳איז אַן אָפענע לערע, אין וועלכער איין זאַך איז אַבסאָלוט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַבסאָלוט״. מען קאָן נישט זאָגן, אַז ס׳איז אַ שפּאָגל נייע אָריגינאַליטעט. מיר דערמאָנען זיך די אַנקעטע ביי די רעפאָרמירטע ראַבאַיס און דעם פּראָצענט פון די, וועלכע האָבן זיך דערקלערט אַלס אַגנאָסטיקערס און אַפילו אַפּיקורסים. אָבער לכל־הפחות האָט מען נישט פּרובירט צו שאַפן אַ נייע באַוועגונג מיט טעאָלאָגישע און נאַציאָנאַלע אַמביציעס.

ריינעס גלויבט, אַז זיין באַוועגונג איז ביכולת אָפּצושטעלן דעם חורבן־פּראָצעס דורך דעם, וואָס מען וועט מאַכן יידישקייט נאָענטער, היינטצייטיקער, אַ סך מער ווי ס׳האָבן דאָס געטאָן אַנדערע רעפאָרמאַטאָרן.

למשל, ביי די פּאָלידאָקסן טאָר מען נישט דערמאָנען דעם נאָמען גאָט, ווייל זיי גלויבן נישט אין אַ פּערזענלעכער רחמים־ און צדקה־פולער ענטיטעט. אויפן אָרט פון כביכול באַנוצט מען זיך מיט פאָרמולירונגען: „דער שטראָם־כוח פון לעבן״, „דער כוח פון שאַפן״. די תנ״ך־געשיכטעס פאַר יידישע קינדער זענען פאַלש. אברהם אבינו איז נישט אַריין אין צוגעזאָגטן לאַנד צוליב דעם געטלעכן ברית, נאָר צוליב דער טריקעניש אין חרן.

אין קעגנזאַץ צו דער אוניטאַרער קירכע, וואָס איז נישט קיין רעליגיע און דער עטישער קולטור־געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מער מיט עטיק ווי מיט גלויבן, האַלט ריינעס, אַז פּאָלידאָקסיע איז יאָ אַ רעליגיע. אַזוי ווי ס׳איז אַ כלל גדול אין אַמעריקע און באַזונדערס אין יידישן אַמעריקע, אַז עס איז גאָרנישט דאָ אויף דער וועלט קיין באַוועגונג, שיטה אָדער מאָדע, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אָנהענגערס, הערן מיר שוין טאַקע וועגן 75 ראַבאַיס, קאָנגרעגאַציעס אין ריטשמאָנד ווירדזשיניאַ און אַפילו אין פּרע־

טאַריע, אין דרום־אַפריקע, וואָס האַלטן פון ראַבאַי ריינעסעס תורה.

מיט אַט דעם טיף־רעליגיעזן יידישן באַגאַזש לאָזט זיך אַרויס די באַ־וועגונג אין וועג אַריין. מיט אַט דעם, לויט גערשווינס ליד „פון פלענטי אָף נאַטינג", מיט דעם סך הכל פון ניהיליזמען וויל מען דאָס איינהאַלטן אַסימילאַציע און אויסטריקענען דעם אָקעאַן מיט דעם אייגענעם נאַזיכל.

איידער מיר פאַרענדיקן די געשיכטע פון דער עקסטראַוואַגאַנץ, פיל איך, אַז כ'בין שולדיק די לייענערס אַ פּערזענלעכע דערקלערונג: וואָס מישט זיך דער שרייבער פון די שורות, וועלכער געהערט נישט בכלל צום רעליגיעזן לאַגער, אַריין אין אַ היימישן, טעאָלאָגישן וויכוח? וואָס נעמט ער זיך אָן די קריוודע פון די אַנדערע שטראָמען און וואַרפט זיך מיט כעס אויף דער נייער באַשעפעניש? מיר טוען עס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס איז רעליגיע אַ צו וויכטיקע זאַך, כדי זי איבערצולאָזן פאַר רעליגיעזע. מען דאַרף גאָר נישט באַלאַנגען צו אַ טעמפּל און דאַווענען פון אַ באַשטימטן סידור צו באַגרייפן אַז רעליגיע איז אין אַמעריקע נאָך ישראל דער וויכטיק־סטער אויפהאַלטונגס־כוח, דער קוואַל פון חיות, דער מקור פון יצירה; אין דער הינזיכט בין איך אַ טייל פון איר און זאָרג זיך וועגן איר מיט אַלע מיינע חושים און געפילן. און צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, מיר ראַנגלען זיך מיט אַלע כוחות קעגן די, וואָס גייען אַוועק פון יידישן מקור, פון אויטענטישן, פון דעם באַזונדערן. יעדער וואָס „קאָסמאָפּאָליטיזירט" און פאַרגוייִשט יידישע פאָרמען, ווערטן און סימבאָלן, פאַרשנעלערט די אַסימי־לאַציע. נישט מיט וויניקער, נאָר מיט מער וועלן מיר צוציִען יונגע דורות. מיר אַליין, מיט אונדזער מאָגערער יידישקייט, קענען נישט ביישטיין די צעשטערנדיקע כוחות, נאָר מיר מוזן רופן צו הילף טויזנטער יאָרן פון אונדזער קולטור. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די אָרטאָדאָקסיע, פון וועלכער איך גרענעץ זיך אַזוי אָפּט און ליידנשאַפטלעך אָפּ, אַ טעזע און די פּאָלי־דאָקסיע — אַן אַנטיטעזע. זייער ריכטיק האָט זיי דער „ניוסוויק" באַצייכנט ווי „יידן, וואָס האָבן גאָרנישט צו דינען".

אין סך־הכל — אַ טשיקאַווע געשיכטע אָבער מיט זייער אַ טרויעריקן מוסר השכל...

1978

# יידישקייט דורך אַ שליח

אין דעם וואָגיקן און ערנסטן זשורנאַל „רעקאָנסטרוקשיאָניסט" איז דערשינען אַן אַרטיקל א. ב. „דזשוס ביי פּראַקס" פון סידניי דזשייקאָבס. אין פלוג איז עס נאָך איינער פון דעם שטראָם אַרטיקלען, רעדעס און און סימפּאָזיומס אין דער וועלט וועגן ישראל און די תפוצות. אויב מיר שטעלן זיך אָפּ אויף אים, איז עס צוליב דער קלאָרקייט, אָריגינעלקייט און זיין באַזונדערן צוגאַנג. ס'איז נישט סתם אַ יובילעום־מאמר לכבוד דעם 25־טן געבורטסטאָג פון דער מדינה, ס'איז אויך נישט קיין וואַריאַציע אויף דער אייביקער טעמע פון די קעגנזייטיקע השפעות צווישן דעם ישראל־צענטער און דער פּעריפעריע, וועגן צווישן־באַציונגען, געמיינזאַמער ראַם פאַר באַ־האַנדלונג רעכט פון קריטיק א. א. וו. ער רירט אָן דעם סאַמע תוך פון דעם ענין: וואָס האָט ישראל צוגעטראָגן צום יידיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון דעם גרויסן צפון־אַמעריקאַנער ישוב? האָט זי אָפּגעשטעלט די אינערלעכע דעגענעראַציע־פּראָצעסן פון אַסימילאַציע, און אויב נישט, צי איז עס איר שולד? צי קען מען עס פון איר פאַרלאַנגען? צי איז זי לויטן לשון פונעם מחבר — „דער כוח פון ענערגיע", פון „עלאַן וויטאַל", וואָס זאָל באַוועגן אַט דעם טייל פון די תפוצות צו וועלן לעבן ווי יידן? אַוודאי דאַרף מען זיך פרייען און פייערן דעם געבורטסטאָג פון דער יידישער סוווערענטיעט נאָך צוויי טויזנט יאָר פון נאַציאָנאַלער אָנמאַכט, און אַוודאי איז עס נאַ־טירלעך אַז ס'זאָל זיין פאַרבונדן מיט גרויסע געלט־זאַמלונגען פאַר דער מדינה. אָבער צי פאַרזיכערט טאַקע די מדינה דעם גייסטיקן קיום פון אַמעריקאַנער יידנטום? צי האָט זי אונדז אָנגעשטעקט מיט יידישער אָנט־שלאָסנקייט נישט נאָר צו שטיצן ישראל, נאָר אויך צו פירן אַ ממשותדיק יידיש לעבן?

סידניי דזשייקאָבס באַנוגנט זיך נישט מיט דעם אַלגעמיין פאָרמולירטן פּראָבלעם. ער צעגלידערט עס און צעטיילט עס אויף שאַרף פאָרמולירטע פּראַגעס ווי למשל:

1. צי האָבן מיר (מיר ציטירן) געלייזט אונדזער אידענטיטעט־קריזיס?

2. צי האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ רעפּרעזענטאַטיוו און אָרגאַניזירט יידיש קהילה־לעבן סיי נאַציאָנאַל און סיי לאָקאַל ?

3. צי האָבן מיר איינגעפירט געוויסע סטאַנדאַרדן פון פירערשאַפט, אָדער אַרויסגעשטופּט גרויע מענטשן צוליב זייערע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן ?

4. צי האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן מיט דער רעליגיעזער צעמישונג, מיט דער דערשיינונג פון טעמפּלען, וואָס זענען פּאַקטיש וועלטלעך און אַפילו גאָטלאָז און מען פאַרדעקט דאָס אונטער דער פראַזע פון די דריי אַמעריקאַנער רעליגיעס ?

5. צי האָבן מיר אַנטוויקלט אַ קעגן־מיטל צו דער אַנטווישונג פון דער יוגנט אין דעם יידישן „עסטאַבלישמענט״ ?

6. צי האָבן מיר סוף כל סוף באַגריפן אַז סיי די מעטאָדן און סיי דער אינהאַלט פון די יידישע שולן האָבן אַ קנאַפּע שייכות צו די גייסטיקע הצטרכותן פון יידישן לימוד אין די עלעמענטאַרע, מיטל־ און אוניווערסיטעט־אינסטיטוציעס, און אַז דאָס איז נישט אָפּהענגיק פון דער צאָל שעהען פון די לימודים נאָר פון אַ ראַדיקאַלער רעוויזיע און איבערבויונג?

7. צי האָבן מיר אַנטוויקלט פּראָגראַמען וואָס זענען נישט אַזוי ישראל־צענטרירט און וואָס שאַפן אַן אַלטערנאַטיווע פון יידישקייט אויסער עליה ?

כמעט אַלע פראַגעס זענען ריין רעטאָרישע. דער ענטפער אויף זיי איז אַ טראַגיש קלאָרער. ער ווערט געגעבן שוין אין דער הקדמה אַז אַלץ איז אין קעגנזאַץ צו ישראל, וואָס איז געגאַנגען פון איין דערגרייכונג צו דער צווייטער טראָץ דער מיליטערישער אומזיכערקייט.

עס ווערט באַלד פון אָנהויב פעסטגעשטעלט „אַז אויב מיר האָבן פאַרפעלט לגבי דעם אַמעריקאַנער ישוב — איז עס נישט די שולד פון ישראל — ס׳איז אַן אינערלעך פּראָבלעם״. אָבער פון דעסטוועגן איז דאָ אין דער אַמעריקאַנער יידישע פּסיכאָלאָגיע אַ ישראל־עלעמענט. אין תוך גענומען גייט דאָ אויף אַן אומדירעקטן אופן אַריין ישראל. און דאָ קומען מיר צו צו דער הויפּטטעזע פון דעם גאַנצן ענין. אַלץ וואָרצלט אין דעם „חטא־קדמון״ פון די אַמעריקאַנער יידן און איז אַ רעזולטאַט פון דעם — ווי רב

דר. מרדכי קאַפּלאַן האָט עס אָנגערופן — „עקזיסטירן גלייכצייטיק אין צוויי ציוויליזאַציעס", אָבער אויפן אָרט פון לעבן אין ביידע ספערן, האָבן מיר פאַקטיש געלעבט נאָר אין איינער און די צווייטע — קאָמפּענסירט דורך געלט און שטיצע.

פאַרן חורבן איז עס געווען מזרח־אייראָפּע. מען האָט געלעבט אויף איר טיש, אויפן טיש פון דער אַלטער היים. דורך שיקן געלט און פּעקלעך פאַר קרובים האָט מען געשטיצט לעבעדיקע יידן וואָס דאַווענען, וואָס לייגן תפילין, וואָס לערנען זייערע קינדער יידישקייט, וואָס אַנטוויקלען אַ יידיש טעאַטער א. א. וו. מען האָט עס נאַציאָנאַל אויסגעברייטערט דורך לאַנדס־מאַנשאַפטן און „דזשאָינט". די מאָטיוון זענען אָבער נישט געווען קיין ריין פילאַנטראָפּישע. אַמעריקאַנער יידן האָבן מיט דעם יוצא געווען פאַר זייער יידישקייט, ווי אין פאַל פון געדונגענע קדשים. זיי האָבן געלעבט אַזוי צו זאָגן דורך אַנדערע, דורך שטעלפאַרטרעטערס, דורך אַגענטן.

ווען די היסטאָרישע קהילות זענען פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ און אין אַנדערע מקומות, האָט ישראל איבערגענומען די ראָל פון דער אַלטער היים, אָבער מיט דעם אונטערשיד וואָס צו ישראל האָבן זיך אַנט־וויקלט שטריכן „וואָס נישט נאָר זיי האָבן אונדז געגעבן באַפרידיקונג, נאָר זענען אויך באַוווּנדערט געוואָרן דורך דער נישט־יידישער וועלט און אַזוי אַרום אויך געגעבן דיווידענדן פאַר אינוועסטיציעס".

אָבער „דאָס לעבן יידישלעך דורך ישראל ווערט אַלץ שווערער און שווערער" נישט ווייל לעבן מיינט אַ פּערזענלעכע, אַן אינדיווידועלע, אַן אָרגאַנישע אייגענע דערפאַרונג, און ווען מען דערגרייכט דאָס — הויבט מען אָן צו זוכן חטאים אויף ישראל: „איר אַטעיזם, אָראָגאַנטישקייט" און מען פאַרגעסט (און דאָ מאַכט דזשייקאָבס אַ ראַדיקאַלע און שאַרפע באַהויפּ־טונג): „אַז ישראל איז נישט אין די ביזנעס פון ראַטעווען יידישע נשמות אין פרעמדע לענדער, אַז דעם סאַברע גייט נישט אָן צי יידיש לעבן האַלט אָן אָדער גייט אונטער אין אַמעריקע" און אַז לויט דער „שלילת הגולה"־טעאָריע און לויט דער טרויעריקערווירקלעכקייט איז עס גאָר פאַר איר קלאָר אַז „מיר זענען אַ קהילה וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג".

און דזשייקאָבס פרעגט: „וואָס וועט זיין ווען ישראל וועט פייערן איר

50־יעריקן יובילעום און ישראל וועט דאַן באמת זיין אומאָפּהענגיק מיט זיכערע גרענעצן, מיט אַ סטאַבילער פינאַנציעלער לאַגע, מיט אַ שלום מיט אירע שכנים און וועט זיך מער נישט נויטיקן אין יידישער, אַמעריקאַנער הילף. וואָס וועט זיין דאַן דער תירוץ, די סיבה פאַר עקזיסטענץ? צי מוז דער מזל־טוב פאַר ישראל זיין באַגלייט מיט זעלבסט־צעשטערונג?".

איז וואָס זשע איז דער פועל יוצא פון דעם אַלעמען? וואָס איז פון דעם געדרונגען? וואָס דאַרף מען טאָן?

קודם־כל „מאַכן אַן אָרגאַניזירטן, אַרומנעמענדיקן חשבון הנפש פון אייגענעם לעבנססטיל. נישט פאַרקלענערנדיק דעם אינטערעס פאַר ישראל, מוזן מיר אין דער זעלבער צייט נישט דערלאָזן אַז די זאָרג פאַר דער מדינה זאָל אונדז אָפּווענדן פון דער דילעמע פון אייגענעם לעבן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קריזיס פון דער שול, יידישער דערציִונג, קהילה־אָרגאַניזאַציע א. א. וו. נישט נאָר ישראל נאָר אויך יידיש לעבן אין אַמעריקע קען נישט אונטערגעטראָגן ווערן אויף אַ זילבערנער טאַץ, מען מוז מאַכן אַ קאָנצענטרירטע אָנשטרענגונג דאָס אַלץ צו לייזן שעפעריש און פּאָזיטיוו".

און דער אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיט דער פאַטעטישער פראַגע: „התחיינה העצמות היבשות האלה"?

מיר האָבן געבראַכט דעם תוכן פון דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל, ווייל ער איז כאַראַקטעריסטיש און דריקט אויס די שטימונגען פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און ער קומט פון אַ נאַציאָנאַלן יידן און פריינד פון ישראל. מיר זענען מיט אים מסכים אין אַ ריי הינזיכטן:

1. אין דער פעסימיסטישער שילדערונג פונעם גייסטיקן יידישן אינהאַלט פון אַמעריקאַנער יידנטום.
2. מיט דער נייגונג אין אַמעריקאַנער יידנטום צו לעבן „יידישלעך" אויסערלעך און דורך אַנדערע יידן, כאָטש די אַנאַלאָגיע צווישן ישראל און מזרח־אייראָפּע פון אַמאָל, זעט אונדז אויס נישט גענוי.
3. ס'איז אויך ריכטיק אַז דער יידישער צוריקקער אין אונדזער לעבן און אויפלעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן קען און מוז קומען פון אינעווייניק, קודם כל מיטן כוח פון די אַמעריקאַנער יידן גופא.

מיר טיילן זיך אָבער שאַרף פונאַנדער מיטן מחבר אין זיין אַנטקעגנ־

שטעלן (אפילו אומדירעקט און אפילו אין גאנצן לטובת דער מדינה) ישראל און דעם אמעריקאנער יידנטום אלס צווי באזונדערע ענינים אין דער טעאָריע פון פריאָריטעטן, בעת מיר זענען פאַקטיש אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. נישט נאָר באַרייכערט ישראל די „יידישע נשמה" — זי איז אַן אָרגאַנישער טייל פון איר.

מיר וואַרפן אויך אַנטשיידן אָפּ די באַהויפּטונג פונעם מחבר אַז „ישראל איז נישט אין די ביזנעס פון ראַטעווען דאָס יידישע לעבן". דער אמת איז אַ פאַרקערטער! ישראל איז אין דעם בלוטיק פאַראינטערעסירט! דער פּראָנט קעגן אַסימילאַציע און פאַר יידישער שעפערישקייט — איז איר זיכערקייט־גרענעץ. דאָס איז אַן אויבערפלעכלעכע און ווולגאַרע אויפ־פאַסונג פון „שלילת הגלות" און איז אין סתירה מיט דער פילאָסאָפיע, געשיכטע און פּאָליטיק פון ציוניזם.

אַוודאי זענען מיר מסכים אַז די ענערגישע טעטיקייט פאַר ישראל איז אָפט מאָל אַ סוראָגאַט פאַר אייגענער יידישער לעבעדיקייט און אָפט מאָל אַפילו אַ תירוץ פאַר אַ גוישן לעבנס־שטייגער, עפּעס אַ סאָרט „יוצא זיין" אָבער אויך אין תוך גענומען איז עס אַ קאָמפּאָנענט פון יידישן לעבן, אַן איינהייט־צעמענט — אַן אינסטיטוציע פאַר יונגע דורות — אָפט מאָל אַ פאַקטאָר וואָס פאַרטרעט דאָס אַנעמישע ביסל רעליגיעזקייט אין וועלכן מען טאָר אויך נישט מזלזל זיין.

נישט מחוץ פון ישראל, נישט אָן דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דער מדינה וועלן אויפלעבן די טרוקענע ביינער — און דאָס איז אמת נישט נאָר פאַר אַמעריקע אַליין.

1973

# קריסטלעך־יידישע באַציִונגען

פון צייט צו צייט איז כדאַי זיך אומקערן צום וויכטיקן ענין פון קריסטלעך־יידישע באַציונגען, צום עקומענישן דיאַלאָג. ס׳איז געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער עלעמענט אין יידישן לעבן, אַ געביט מיט וועלכן ס׳באַ־שעפטיקן זיך די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס. די סימפּאָזיומס, סעמינאַרן און קאָנפערענצן צווישן גייסטלעכע פון ביידע רעליגיעס זענען אַן אָפטע און שטאַרק פּובליצירטע דערשיינונג. זייער ווירקונג באַגרענעצט זיך נישט בלויז אויפן ריין טעאָלאָגישן געביט. די קירכע איז אומעטום אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער כוח און איר שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון נאָענטן מזרח און ישראל איז פון ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג.

איז ווי האַלטן מיר מיט אָט דער חשובער פּרשה? וואָס האָט זיך געענדערט (צום גוטן פאַרשטענדלעך) זינט דער באַרימטער דעקלאַראַציע „נאָסטראַ עטאַטע״? ווי שפּיגלט זיך אָפּ די פּרינציפּיעלע ענדערונג אין דער טאָג־טעגלעכער אויפפירונג, קאַטעכיזם, פּאַסטאָראַלע דרשות, ליטורגיע און רעליגיעזע טעקסטביכער? וויפל סם איז נאָך פאַרבליבן אין דעם גייסטיקן געטראַנק וועלכן ס׳האָבן געטרונקען מיליאָנען גלויביקע? און דער עיקר ווי האַלט עס מיט דער שטעלונג צו מדינת ישראל, צו דעם גורלדיקן ירושלים־ענין, צום פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער און זייערע „נאַציאָנאַל־מלוכישע אַספּיראַציעס״?

מיר האָבן געפונען אַ שפע מאַטעריאַל אין די צוויי לעצטע דעצעמבער־און פעברואַר־נומערן פון „קריסטלעכע שטעלונגען צו יידן און יידנטום״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס. מיר וועלן זיך מיט אים באַנוצן אַלס קוואַל פון אינפאָר־מאַציע (אגב שטייט די פּובליקאַציע אויף אַ גאָר הויכן אינטעלעקטואַלן, ליטעראַרישן ניוואָ).

דער אַרטיקל פון שאַרל אַנזשע, דעם וויצע־דירעקטאָר פון עקומענישן ראַט, קען דינען אַלס אַן אַלגעמיינער אַריינפיר. ווי ס׳דרינגט אַרויס טאַקע פונעם קעפּל „עליות און ירידות פונעם דיאַלאָג״, פּרובירט ער אונטערציִען אַ סך־הכּל.

קודם־כל דערגרייכונגען. מיט אַ צייט צוריק האָבן יידן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיטן דאָקומענט וואָס האָט פאַרגעלייגט פאַר דער זעקסטער זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַטוילישן־יידישן פאַרבינדונגס־ביוראָ, פּראָפעסאָר פּעדעריקאָ פון פּאָנטיפיקאַלן אורבאַניאַנאַ־אוניווערסיטעט. ער האָט זיך דאָרט קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אויפשטעלן אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס דערציִערישע און סאָציאַלע, מיטן ציל צו שמדן יידן. פאַרקערט, מען דאַרף דערמוטיקן די קריסטן צו שטודירן די געשיכטע פון די יידן, אָנהייבנדיק פון תנ״ך און ממשיך זיין מיט אַנדערע יצירות, מיט דער מיסיע פון יידן, זייער אויסערגעוויינלעכקייט און שליחות און די באַזונדערע געטלעכע פּריווילעגיעס.

פון דאַנען דרינגט אַרויס, אַז מען דאַרף אויסשליסן יעדע פאָרם פון פּרעדיקן וואָס איבן אויס אַ מאָראַלישן און פּסיכאָלאָגישן אָדער קולטור־דרוק אויף יידישע קהילות און יחידים פאַר באַשלוסן וואָס זיי קענען אָננעמען גאָר מיטן פרייען ווילן. דער דאָקומענט וואָס איז אגב נאָך נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורכן הייליקן שטול, איז נישט געגאַנגען אַזוי ווייט. די קאַטוילישע קירכע הייבט אָבער אָן אָפּצוטרייסלען זיך פון מיסיאָנערישער טעטיקייט.

ס׳מערקט זיך אַ גרויסער אונטערשיד צווישן די פאָרגעשריטענע און דרייסטע שטעלונגען פון וויכטיקע קריסטלעכע פּערזענלעכקייטן און די שפּיצן פון דער קריסטלעכער היעראַרכיע, וואָס איז אָפט מאָל פּאַסיוו און פאַרגליווערט. דערפאַר טאָקע איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „סלוטשיק״, וואָס איז ראשי־תיבות אין איבערזעצונג פון אינטערנאַציאָנאַלן דינסט פאַר קריסטלעך־יידישער דאָקומענטאַציע, וואָס שטעלט צו מאַטעריאַל און סטימולירט אַקטיוויטעטן אויפן עקומענישן געביט, אין אַלגעמיין טאָר מען נישט מזלזל זיין מיטן ווייניקן, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן. אָט האָט דער סינאַגאָגן־ראָט, אין וועלכן עס זענען אויך אָנגעשלאָסן די אָרטאָדאָקסן, פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער ער לויבט די פּאַסטאָראַלע דעקלאַראַציע פון דער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער בישאָפס פון חודש נאָוועמבער. די פאַרדאַמונג פון אַנטיסעמיטיזם איז נישט קיין נייע זאַך, אָבער דאָ איז מען זיך מודה בפה מלא

אַז די אַלטע אַנטי־יידישע טעאָלאָגיע איז געווען דאָס סאַמע האַרץ פֿון דער יידן־שנאה.

יידן און קריסטן זעצן פֿאָר זייערע באַמיונגען צו באַזייטיקן די באַליי־דיקנדיקע און ווולגאַר אַנטיסעמיטישע שטעלן אין די טעקסטן און ליטורגיע פֿון פֿאַרשידענע קירכן. דער בישאָף־קאָמיטעט פֿון ליטורגיע האָט פֿאַר־אָרדנט אַרויסצונעמען פֿון די תּפֿילות פֿון גוטן פֿרייטיק די טענות (אַן איידל וואָרט פֿאַר גראָבקייטן און בלבולים).

דאָס זעלבע האָט געטאָן די עפּיסקאָפּאַלישע קירכע. די לוטעראַנער ווידער האָבן צוגעגעבן פּירושים צום אַלטן טעקסט. די נאַציאָנאַלע קאָנפֿע־רענץ פֿון קריסטן און יידן האָט אַרויסגעגעבן אַן אָפֿיציעלע אינטערפּרע־טאַציע פֿון קריסטוסעס ליידן, וואָס שוואַכט אָפּ דעם אַנטי־יידישן טאָן פֿון די פּאַסיאָן־געשיכטן.

דער ניי־באַשטימטער ראַטגעבער פֿאַר די קאַטוילישע בישאָפֿס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר קריסטלעך־יידישע באַציונגען, מיטן נאָמען פֿישער, האָט דורכגעפֿירט אַן אַנקעטע וועגן 15 רעליגיעזע טעקסטביכער וואָס ווערן באַנוצט אין די עלעמענטאַרע שולעס.

אין אַלגעמיין איז זייער שווער אויסצוואָרצלען די נעגאַטיווע סטערע־אָטיפּן קעגן יידן ווי ס׳איז שווער, למשל, אויסצושטרייכן אַנטי־שוואַרצע ראַסיסטישע באַמערקונגען פֿון דאָקומענטן, טעקסטן און שאַפֿונגען. פֿון דעסטוועגן האָט מען יאָ עפּעס אויפֿגעטאָן. אויפֿן אָרט פֿון „בלוטדורשטיקע יידן און שונאים פֿון יעזוסן״ באַנוצט מען זיך מיטן אויסדרוק פֿון „פֿײַנד פֿון יעזוסן״ און „געוויסע יידישע פּירערס״, כאָטש די פֿראַגע בלייבט נאָך אַלץ, צי קען מען אַפֿילו פֿאַראורטיילן „געוויסע יידן״ פֿאַר דער קרייצונג וואָס איז געווען אַ רוימיש שטיקל אַרבעט. ס׳מערקט זיך אויך אַ פֿאַרטיפֿונג אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿון יעזוסן אַלס ייד און אַ שטופּנווייזע אָפּשאַפֿונג פֿון דער עקלהאַפֿטער טעאָריע אַז די יידישע ליידן זענען גאָטס שטראָף פֿאַר ניִשט אָננעמען דאָס קריסטנטום. ס׳קומט אויך פֿאָר (ליידער גאָר אין אַ שוואַכער פֿאָרם) אַן איבערשאַצונג פֿון ווערטן בנוגע דער שואה און דער קריסטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר איר.

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות אויב פֿון דעם אַלעמען וואָס מיר האָבן

ביז איצט געזאָגט וואָלט מען אַרויסגעצויגן די מסקנות אַז ס׳איז שוין „משיחס צייטן״, אַז דער קריסטלעך־יידישער דיאַלאָג איז גלאַטיק און אַז די קריסטן זענען שוין אַרויף אויפן דרך־הישר.

מיר ווילן דאָ דערמאָנען דעם קאָנפליקט מיט די עוואַנגעלישע קריסטן וואָס דווקא אין אַ סך אַנדערע הינזיכטן האָבן זיי בשותפותדיקס מיט יידן, ווי צום ביישפיל בנוגע ישראל אָדער דעם פרינציפ פון צעטיילונג צווישן קירכע און שטאַט. עפּעס אַנדערש איז, ווען עס קומט די מיסיאָנערישקייט. דאָס „טיילן זיך מיט דער גוטער בשורה״ מיט אַלע מענטשן, איינשליסנדיק יידן, איז די סאַמע עסענץ פון זייער רעליגיעזער באַזונדערקייט. לויט זיי קומט אויס, אַז פונקט ווי יידן האָבן רעכט מגייר צו זיין גוים, אַזוי קענען און דאַרפן דאָס טאָן קריסטן לגבי יידן.

אַוודאי שטייט אָט די פרינציפיעלע שטעלונג וואָס ווערט באַגלייט מיט מאַסן־אַקטיוויטעטן אין וועג פון דער פאַרשטענדיקונג מיט אָט דער קירכע. ווי אַזוי קען מען „פּראַטערניזירן״ מיט אַ כוח וואָס שטעלט זיך אַלס ציל אונדז אומצוברענגען אַ ל ס י י ד ן.

די גרעסטע שוועריקייטן אָבער פאַרן קריסטלעך־יידישן דיאַלאָג, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל געבראַכט צו קריזיסן, שאַפט די שטעלונג פון דער קירכע צו ישראל, צום ציוניזם, צו דער באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק און צו די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דעם אַראַביש־יידישן קאָנפליקט. עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן, אָבער נישט גענוג. די קריסטלעכע אויטאָריטעטן האָבן סוף־כל־סוף פאַרשטאַנען דעם צענטראַלן דאָמינירנדיקן פּלאַץ וואָס עס פאַרנעמט ישראל אין דער רעליגיע, געשיכטע און לעבן פון יידן, און אַז אין דעם פאַל קען מען נישט אונטערשיידן צווישן דעם ריין רעליגיעזן און פּאָליטישן, צווישן דעם טעאָלאָגישן און נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגישן. זיי זענען אָבער נישט געגאַנגען צו ווייט און אָפט מאָל גייען זיי אַרויס מיט פיינטלעכע דערקלערונגען און אַרויסזאָגונגען. די קריסטלעכע שטעלונג ווערט פאָרמולירט אין צוויי שפּיצן־דערקלערונגען. איינע פון נאַציאָנאַלן ראַט פון די קירכן פון דעצעמבער 1974 און די צווייטע פון דער נאַציאָנאַ־לער קאָנפערענץ פון קאַטוילישע בישאָפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער ראַט פון די פּראָטעסטאַנטישע קירכעס זאָגט צווישן אַ סך מליצות

צווײ עיקרדיקע זאַכן: זײ רופן ישראל און די פּאַלעסטינער צו אָנערקענען אײנער פאַרן צװײטן די זעלבע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט וואָס זײ ווינטשן פאַר זיך אַלײן. און טאָמער וואָלט מען געצווייפלט ווען און וואָס מען מײנט, רופט דער ראַט אַמעריקע אָנצוקניפּן ענגע קאָנטאַקטן מיט דער פירערשאַפט פון די פּאַלעסטינער אײנשליסנדיק פּ. ל. אָ., כּדי צו פאַרגרע־סערן די אויסזיכטן פון שלום.

די קאַטױלישע בישאָפן זענען נישט פיל בעסער און אין געוויסע טײלן פון זײער דערקלערונג אַפילו ערגער. נאָך דעם טובה־טוענדיקן „אָנערקענען דאָס רעכט פון ישראל צו עקזיסטירן", זאָגן זײ אין פונקט 2: „די אָנערקע־נונג פון די רעכט פון די פּאַלעסטינער, אײנשליסנדיק שותפות אין אַלע אונטערהאַנדלונגען, די רעכט אויף אַ מדינה און קאָמפּענסאַציע פון ישראל פאַר די שאָדנס, וואָס די אַראַבער האָבן געליטן אין 1948". אסור מיר, אויב סאָדאַט וואָלט געקענט פאַרלײגן אין דעם ענין פּאַלעסטינער אַן אַנדער פּלאַן. בנוגע ירושלים באַנוצט די דערקלערונג אַ כּוונהדיק נעפּלהאַפטן לשון: „ירושלים זאָל ממשיך זײן איר פּלוראַליסטישע עקזיסטענץ אַלס קהילה מיט גלײכע פאַרזיכערונגען פון די רעליגיעזע און בירגערלעכע רעכט פון אירע בירגערס". דאָס אָפּטע באַנוצן דאָס וואָרט פּלוראַליזם אין ליכט פון דעם אַל־געמײנעם טאָן פון דעם דאָקומענט רופט אַרויס באַרעכטיקטע חשדים.

אײנס דאַרף זײן קלאָר, אַז כּל־זמן עס וועט נישט באַזײטיקט ווערן דער אבן־נגף, כּל־זמן אַז אין אָט דעם צענטראַלן, פּאָליטישן ענין וועט נישט זײן קײן פאַרשטענדעניש מצד דער קריסטלעכער וועלט, וועלן אַלע פײנע זשעסטן און אויסדרוקן פון גוטן ווילן נישט זײן עפעקטיוו.

עס איז כּדאַי צו ברענגען צום סוף פון אָט דעם אַרטיקל למען באַלאַנס די אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וואָס דער טשיף־ראַבאַי פון ענגלאַנד האָט געמאַכט אין דעם אינטערוויו מיטן קאַטױלישן וואָכנשריפט „טאַבלעס". ער זאָגט זיך דאָרט אַרויס קעגן דעם טעאָלאָגישן דיאַלאָג און ער זעט דעם הויפּטגעביט פון קריסטלעך־יידישער קאָאָפּעראַציע אין געמײנזאַמער סאָ־ציאַלער טעטיקײט. ער וואַרפט אָפּ די בשותפותדיקע תפילות בציבור. ער האַלט, אַז די אינערלעכע באַציונגען צווישן אַ יחיד און גאָט (אין דעם פאַל איז דער יחיד אַ גאַנץ פאָלק) זענען אַזוי אינטים אַז מען קען זײ נישט טײלן

מיט אַנדערע, עלעהיי די פּריוואַטע באַציונגען צווישן מאַן און פרוי. ער גלייבט אין רעליגיעזער פאַרשיידנקייט. ער האַלט אַז אַ קריסט, וואָס האַלט טייער זיין רעליגיעזן און מאָראַלישן גלויבן, איז פּונקט אַזוי אָנגענומען אין די אויגן פון גאָט ווי אַ ייד וואָס היט אָפּ די מצוות.

אונדז יידן איז געגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע צו זיין די רעליגיעזע וועגווייזערס. דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַלע אַרבעט גענוי ווי אַנדערע פעלקער האָבן זייערע שליחותן. יידן און קריסטן זענען אין פלוג נאָענט צו זיך. פאַקטיש אָבער זענען זיי ווייטער ווי מזרח פון מערב. אויף דער פראַגע פאַר וואָס ער נעמט נישט אָן די קריסטלעכע קאָנצעפּציע פון משיחן, ענטפערט ער אַז לויט די נביאים וועט נאָך משיחס קומען זיך אָנהייבן די תקופה פון אוניווערסאַלן שלום: איין פאָלק וועט נישט נוצן קיין וואָפן קעגן צווייטן. אַ וואָלף וועט ליגן מיטן שעפּעלע, א.א.וו. ווי אין פּסוק שטייט. צי זעט מען כאָטש אַ סימן פון דעם?

מען קען אין גאַנצן אָדער טיילווייז מסכים זיין מיטן חשובן רב, אָבער מען מוז מודה זיין אַז אין זיינע ווערטער שטעקט אַ סך חכמה און דערפאַרונג, און דער עיקר אַ לויטערע אָפּשאַצונג פון אַ תלמיד־חכם.

1978

# אויפן הימל אַ יריד

ענדלעך האָט זיך געענדיקט „דער גרעסטער ספּעקטאַקל אויף דער וועלט״ און דער פויפסט האָט זיך פון אַמעריקע אומגעקערט קיין רוים. ס'האָט זיך אָפּגעשלאָסן דאָס היסטאָרישע (אָדער אפשר היסטערישע) קאַ־פּיטל פון מאַסן־עקסטאַזע. די גאַסן האָבן זיך אויסגעליידיקט פון מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן באַגריסט דעם גרויסן קעניג אָן אַ מלוכה; דעם אַבסאָלוטן הערשער „אָן דיוויזיעס״, אָן אַ פיזישן כוח און איינעם פון די יחידים אויף דער וועלט, וועלכער ווערט פאַרגעטערט דורך הונדערטער

מיליאָנען. באַלד וועלן פאַרגעסן ווערן די צענדליקער דרשות און רעדעס, די פייערלעכע תפילה־צערעמאָניעס, די סצענעס פון באַוווּנדערונג און אַנטציקונג, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך טעלעוויזיע אויף אַ מייסטערדיקן שטייגער.

איצט קומט די צייט פאַר אויסניכטערונג; פון קאַלטן חשבון וועגן דעם מהות, צילן און פאַרלויף פון דער „פּילגרים־רייזע". היסטאָריקערס און דענקערס וועלן אַוודאי פּרובירן אָפּשאַצן די רייזע פון טעאָלאָגישן, פּאָליטישן און אַפילו קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. ווי אַזוי וועט זיין די ווירקונג פון אָט דעם טריומפצוג און וואָס וועלן זיין זיינע אויסווירקונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע? וויפל איז דאָ געווען שוישפּיל און וויפל אויפריכטיקע געפילן? וויפל פּאַכמעניש אָרקעסטראַציע און וויפל אויפריכטיק רעליגיעזע געפילן און לעכצונג פון די מאַסן נאָך עפּעס דערהויבנס?

עס איז אויך כדאַי אַז מיר זאָלן מאַכן אונדזער אייגענעם חשבון. מיר זענען נישט סתם קיין טייל פון דעם אוניווערס וועלכן דער הייליקער פאָטער נעמט אַרום אונטער זיינע ברייטע פליגל; און נישט בלויז קיין חלק פון אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס האָט אים אַזוי פייערלעך אויפגענומען. יידן קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק אָדער סתם נייגעריק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קריסטנטום מיט וועמען מיר קאָנפראָנטירן זיך שוין קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר.

מ'קען נישט און מ'טאָר נישט פאַרגעסן אונדזער טראַגישן און בלוטיקן חשבון מיט דער קירכע. עס איז אויך נאַטירלעך, אַז אַלע אונדזערע חושים זאָלן זיין אָנגעשפּיצט צו דער שטעלונג פון וואַטיקאַן בנוגע ירושלים, בפרט נאָך ווען ער האָט אונדז נישט „פאַרגעסן". אין זיין רעדע פאַר דער יו־ען האָט ער זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויפן נאָענטן מזרח און האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַגריסן ספּעציעל די יידישע פאַרשטייערס און אַנטוויקלען געוויסע געדאַנקען וועגן די יידיש־קאַטוילישע באַציִונגען, דיאַלאָגן, דערנענטערונג און פאַרענדיקן מיטן העברעיִשן וואָרט „שלום".

צו אונדזער גרויסן צער מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז פון יידישן שטאַנדפּונקט איז דער באַזוך געווען אַ ביטערע אַנטוישונג. נישט בלויז האָט ער נישט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די דערנענטערונג צווישן קריסטנטום און יידנטום, נאָר מיר האָבן דעם איינדרוק אַז ער האָט געמאַכט אַ טריט

צוריק. אפשר איז דאָס אַן אויסדרוק פון זיין אַלגעמיין־קאָנסערוואַטיווער שטעלונג צו דאָגמעס, ריטואַלן און קלויסטער־טראַדיציעס.

ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס ביים ריידן וועגן נאָענטן מזרח און דעם קאָנפליקט האָט ער אַפילו נישט דערמאָנט מיט איין וואָרט מדינת־ישראל. לא יזכר ולא יפקד. ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו ריידן וועגן „דער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פראַגע". וועגן דעם קעמפּ־דעיוויד־אָפּמאַך האָט ער גערעדט פאַרנעפּלט, נישט אָנרופנדיק אים ביים נאָמען און נישט פאַרגעסנדיק צו דערמאָנען אַז ער איז בלויז וויכטיק ווי דער ערשטער שטיין. משונהדיק און ממש אומפאַרשטענדלעך איז געווען זיין דערקלערונג בנוגע לבנון. דער פירער פון דער קאַטוילישער וועלט האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם בלוטיקן פאַרנעם פונעם דאָרטיקן בירגער־קריג: אויסראָטונגען און שחיטות פון די קריסטן אין דרום־לבנון, און האָט זיך בלויז באַגרענעצט צום ווונטש, עס זאָל געפונען ווערן אַ לייזונג פאַר אַ פּרוכטבאַרער קאָ־עקזיסטענץ פון „די פאַרשיידענע קהילות". דאָס בעסטע וואָס קען געזאָגט ווערן וועגן זיין דערקלערונג אין שייכות מיט ירושלים איז, אַז זי לאָזט זיך אויסטייטשן ווי מען וויל; כאָטש דאָס באַטאָנען דעם ספּעציעלן סטאַטוס, די אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס, די גלייכע הייליקייט פאַר אַלע דריי רעליגיעס זאָגט נישט אָן קיין גוטס. בכל־אופן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר באַגייסטערונג און צופרידנקייט מצד די יידן; און אין דעם פאַל זענען די דערקלערונגען וועגן דעם ענין פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר יהודה בלום, געווען אַ סך קלאָרער און ווירדיקער ווי די היפּער־אָפּטימיסטישע אינטערפּרעטאַציעס פון אַמעריקאַנער יידישע פירערס.

דער פּויפּסט, וואָס איז אַ קלוגער רעאַל־פּאָליטיקער, האָט אין ניו־יאָרק געזאָגט עטלעכע ווערטער צו די יידישע פאַרשטייערס. לויַדער איז אין זיין „מעסעדזש" נישט געווען עפּעס וואָס איז כדאַי צו פאַרצייכענען. ער איז געווען אין די ראַמען פון געוויינלעכער העפלעכקייט און איז געגאַנגען אויפן זיכערן וועג פון באַטראַכטן אַלץ פון טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. דהיינו: צווישן־רעליגיעזע באַציונגען. ער האָט צוגעזאָגט אָנצוהאַלטן דעם דיאַלאָג, וואָס עס האָט אָנגעהויבן פּאָול דער זעקסטער. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן

צו דערמאָנען די בשותפותדיקע ליידן פון יידן און פּאָליאַקן, כאָטש דער משל איז טויזנטער מיילן ווייט פונעם נמשל.

דאָס טרויעריקסטע דערביי איז, וואָס די יידישע פירערס האָבן אויף ס׳כּוח געוואָלט געבן די דערקלערונגען פון פּויפּסט אַן אהבת ישראל־כאַ־ראַקטער. ראַבאַי אַלעקסאַנדער שינדלער, למשל, האָט געזאָגט: „דער פּויפּסט האָט אַרויסגעגעבן אַ פיין באַלאַנסירטע דערקלערונג, וואָס אָנערקענט יעדן פאַקטאָר אין מיטעלן מזרח״; און אויך אַז „דאָס איז אַ דערקלערונג, וועלכע מיר דאַרפן דערוואַרטן פון אַ גרויסן רעליגיעזן פירער, וואָס דריקט אויס די סענטימענטן, וועלכע רירן אונדזער האַרץ״. (ציטירט לויט ייט״אַ פון 4טן אָקטאָבער ה. י.). אין דער דערקלערונג פון פּויפּסט וועגן לבנון זעט ער גאָר אַ „דורכברוך״ אין דעם לאַנגן שווייגן פון קריסטנטום וועגן דער אַגאָניע פון לבנון. עס איז שווער צו באַנעמען סיי דעם פאַרקרימטן פירוש אויף אַזעלכע קלאָרע ווערטער, סיי די מאָטיוון, וועלכע ברענגען צו אַזעלכע מאָדנע אויספירן. אָבער דאָס איז נאָך אַ גרויסער להבדיל לגבי אַנדערע יידישע וואָרטזאָגערס.

פאַר מיר ליגט דער „וואַשינגטאָן סטאַר״ פון 7טן אָקטאָבער, 1979 מיט אַן אַרטיקל פון ה. בוקבינדער (פאָרשטייער אין וואַשינגטאָן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט) אונטערן קאָפּ „דזשאָן פּאָול באַווייזט פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער דערפאַרונג״. דער מחבר צעגייט זיך ממש פון התפעלות פאַר דער פּערזענלעכקייט פון פּויפּסט און ער שענקט אים אומבאַגרענעצטן צו־טרוי. ווען בוקבינדער איז געשטאַנען אין אוישוויץ האָט ער וועגן עפּעס אַנדערש נישט געהאַט צו קלערן ווי וועגן דזשאָן פּאָול, וואָס אויך ער האָט באַזוכט דאָס אָרט און געזאָגט זיינע באַקאַנטע, נישט פיל מיינענדיקע ווער־טער וועגן דער אויסראָטונג פון יידן. פאַר אים איז דאָס געוועזן „דאָס בעסטע און אַלץ, וואָס האָט געקענט געזאָגט ווערן״. ער איז אָבער צופרידן, וואָס דער פּויפּסט זעט ווי ער, די „אוניווערסאַלקייט״ פון חורבן. אַ חוץ מערדערס, זענען אויך צווישן די פּאָליאַקן און אַפילו דייטשן, געווען אַזעלכע וואָס האָבן געראַטעוועט יידן ריזיקירנדיק מיט זייערע אייגענע לעבנס. (דעם חשובן יידישן פאָרשטייער פעלט גאָר נישט אײַן צו פרעגן: ווו איז געווען דער כּלל און ווו דער אויסנאַם; וויפל האָבן געהרגעט און וויפל האָבן געראַטע־

וועט ?). ער דערמאָנט אים אַלע מעשים־טובים און זאָגט אים צו, אַז יידן וועלן נישט האָבן קיין פּאַראורטיילן קעגן די פּאָליאַקן וכדומה. מיטן גאַנצן דרך־ארץ פאַר די פּאָליטישע פּאַרדינסטן און קאָמפּעטענץ פון הער בוק־בינדער, קען איך נישט אַנדערש כאַראַקטעריזירן זיין אַרטיקל ווי מיטן אַלטן אויסדרוק „מה־יפית".

דער מוסר־השכל: נישטאָ עפּעס מער שעדלעכס אין אונדזער שווערער לאַגע אין דער וועלט ווי אין ישראל, אָדער אין ישוב פון אַמעריקע, ווי פּאַרטושן, פאַרגלעטן און זייען לייכטן אָפּטימיזם. מ׳דאַרף זען זאַכן, ווי זיי זענען, קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין און נישט זיין... פּויפּסטלעכער פונעם פּויפּסט.

1979

# אַ פרעמדע חתונה...

ס׳איז געווען הימל און ערד און דער פּויפּסט אין פּוילן, און נישט אומזיסט: ס׳איז אָן ספק איינס פון די גרעסטע פּאָליטישע געשעענישן פון אונדזער צייט. לויט דעם שטייגער פון קאַטאָליציזם איז עס געווען אַ פּאַר־ביִקער, בונטער און פאַרכאַפּנדיקער ספּעקטאַקל. פרומע עקזאַלטירטע מאַסן, וועלכע האָבן געציילט אין די הונדערטער טויזנטער, האָבן באַגעגנט אין קאָמוניסטישן לאַנד, וואָס איז אַרויס פון די כלים, דעם פּויפּסט מיט באַ־גייסטערונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פאַרגעטערונג. דאָס אַלץ אין סאַמע האַרץ פון אַן אָפיציעל אַטעיִסטישן לאַנד און אונטערן נאָז פון די שכנותדיקע אונגאַרישע און טשעכישע „פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס".

כ׳וויס נישט וואָס עס איז געווען די אמתע כוונה פון דער רייזע פון דעם יוגנטלעכן, דינאַמישן און אומגעהייער פעיִקן און אינטערעסאַנטן פּירער פון 700 מיליאָן גלויביקע. מיר דוכט זיך אָבער, אַז דער באַזוך האָט אַריבער־געשפּרייזט די אָנגעצייכנטע גרענעצן און אין געוויסע מאָמענטן האָט דער

הערשער איבער הערצער און מוחות, אַליין פאַרלאָרן די קאָנטראָל. דער וויזיט איז זיך אַליין איבערגעוואַקסן. ווו איז ער נישט אַלץ אויסגעוועזן אין זיין הייסגעליבטן לאַנד? אין דער גייסטיקער הויפטשטאָט קראָקע, אין דער שטאָל־ און אייזן־שטאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין דער אולטראַ מאָדערנער מאָדעל פון אַן אַגנאָסטישן כרך ביי דעם שאַרפן טויער פון דער טשענסטאָ־כאָוו־מאַדאָנע, אין זיין היימשטעטל וואַדאָוויצע און אין דעם טאָל פון אומ־קום — אוישוויץ. וואָס האָט ער אַלץ נישט געזאָגט אין זיינע צענדליקער רעדעס בעת צערעמאָניעס אין די הייליקע פלעצער? זייער דין פאַרשלייערטע קריטיק אויף דער פוילישער רעגירונג, ווען מען ס „גאַסט״ ער איז געווען; אידעאָלאָגישע פּאָלעמיק מיטן מאַרקסיזם, וואָס איז פון דעסטוועגן, אַזוי צו זאָגן, די הערשנדיקע רעליגיע פון לאַנד. אין וועלכער פאָרם איז ער נישט דערשינען? אַלס גייסטיקער פאַסטעך און ווי אַ באַריידעוודיקער „פּאָליטישן״, וואָס קושט קליינע קינדער. אַ פאַרהערלעכטער פאָטער און אַן „אייגענער״, וואָס זינגט פוילישע פאָלקסלידער, געקליידט אין פאַרביקער טראַכט. בקיצור — גלענצנדיקער אַרטיסט, וואָס שפּילט אויף אַלע כלים. דער עיקר אָבער, ער האָט ממש פּראָוואָצירט די אויטאָריטעטן אין קלאָר פּאָלי־טישע רעדעס פאַר וועלכע אַ פּשוטער בשר ודם וואָלט געגאַנגען אין חד גדיא אָדער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד.

דער באַזוך וועט פאַרשריבן ווערן ווי אַ וויכטיקע דאַטע אין די טויזנט־יאָריקע אַרכיוון פון וואַטיקאַן. עס איז נישט בלויז אַ הויכפּונקט אין דעם געראַנגל צווישן מאַרקסיסטישע און קאַטוילישע כוחות, וואָס פאַרמירן זיך אין אַזוי פיל לענדער אַלס פּאָליטישע פאַרטייען. ער וועט אַריין אין די אַנאַלן ווי אַ לעגענדע, וואָס פרומע קריסטן וועלן איבערגעבן פון דור צו דור.

עס איז נאָך צו פרי אָפּצושאַצן די אימפּליקאַציעס פון דעם שטורמישן באַזוך נישט בלויז פאַר פוילן, נאָר אויך פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד. דערווייל וויל איך זיך באַנוגענען מיט עטלעכע באַמערקונגען:

עס איז ווידער דעמאָנסטרירט געוואָרן — און דאָס מאָל באַשיימפּערלעך און דראַמאַטיש — דער גרויסער כוח פון דער אָרגאַניזירטער און עטאַבליר־טער רעליגיע און פון דער מאַגישער ווירקונג פון דעם סימבאָלישן און מיסטישן און זייער פאַרצוג לגבי דעם טרוקענעם און ראַציאָנאַליסטישן.

עס איז אוממעגלעך אונטערצושאַצן דעם כוח פון טראַדיציע, באַזונדערס ווען זי איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אַ פאָלק. אַפּיום אָדער נישט — די רעליגיע באַהערשט נאָך אַלץ דעם מענטשן. די מעכטיקע מדינות פון לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן סיסטעם האָבן געמוזט, נאָך אַ קורצן פּעריאָד פון אָפֿענער פֿיינדשאַפֿט און רעפּרעסיעס, אָננעמען די אַלטע ביר־גערלעכע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע איינשטעלונג אַז „רעליגיע איז אַ פּריוואַטער ענין". זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן צו אַ געשפּאַנטער און אויף זיי אַרויפגעצוווּנגענער „קאָ־עקזיסטענץ".

דאָס איז איצט געקומען צום אויסדרוק אין דעם אָרטאָדאָקסיש־קאָמו־ניסטישן פּוילן, וואָס איז גלייכצייטיק דאָס קאַטוילישסטע לאַנד אין אייראָפּע. די אָפּט אויסגעלאַכטע „דיוויזיעס" פון פּויפּסט האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ריזיקער ביוראָקראַטיע און האָבן זי, לכל הפחות אויף אַ געוויסער צייט, בייגעקומען.

די מאַכטהאָבערס האָבן פּלוצלינג דערזען אַז גאַנצע צענדליקער יאָרן פון פּאָליטישער אויפקלערונג, פּראָפּאַגאַנדע, פון אומצאָליקע לעקציעס, ראַ־דיאָ און טעלעוויזיע־אודיציעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס שפּינוועבס. דאָס הייליקע וואַסער און דער צלם האָבן ווי פאַרטריבן די שדים פון וועלטלעכ־קייט. עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן זייער איינפלוס אַפילו ביי זייערע בעסטע „קליענטן" — די יוגנט און די אינדוסטריעלע אַרבעטער — די סאַמע באַזע פון רעזשים.

אוודאי האָט דער פּויפּסט נישט גערופן צו אויפשטאַנד, און אַפילו נישט צו ווידערשטאַנד קעגן רעזשים. דערצו איז ער רעאַליסטיש און ניכטער. ער האָט אַפילו געפּריידיקט די תורה פון צוזאַמענאַרבעט מיט דעם „עסטאַ־בלישמענט", כאָטש עס טיילן אים פון אים „גאַנצע תהומען", אָבער מ׳דאַרף נישט קיין דעקלאַראַציעס, ס׳איז אַ קאָנקורענץ פאַר דער נשמה פון פאָלק. עס וועלן פאַרשטאַרקט ווערן די פאָדערונגען פון דער קירכע אויפן געביט פון קינדער־דערציונג, נייע קלויסטערס אאַז״וו.

נאָך מער ווי פון רעליגיע איז די רייזע געווען באַהויכט פון פּאַטריאַ־טיזם, פון גרויסער ליבע צום פּוילישן פאָלק, צו זיין שפּראַך און קולטור, צו די גרויסע מאָמענטן אין זיין געשיכטע. דער אַלוועלטלעכער פירער פון

דער אוניווערסאַלער קירך, דער פירער פון דער אימפעריע וואָס ווייס נישט פון קיין גרענעצן און באַזונדערע טעריטאָריעס, דער שטעלפאַרטרעטער פון ישו האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ פּוילישער פּאַטריאָט, ווי אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק, ממש אַ שאָוויניסט רחמנא לצלן. אומאויפהערלעך האָט ער דערמאָנט, אַז ער איז „אַ פּוילישער פּויפּסט", אַ מאָל האָט ער זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק „סלאָוויש" (וואָס באַווייזט אַז די קאַרדינאַלן האָבן אים נישט סתם אויסגעוויילט מיט געטלעכער אינספּיראַציע, נאָר האָבן דערביי געהאַט ערדישע, פּאָליטישע כוונות).

ער האָט געקושט די פּוילישע ערד, נאָסטאַלגיש זיך אַריבערגעטראָגן צו דער היים פון זיינע אָבות, וועמעס קברים ער האָט באַוויינט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנדסמאַן, וואָס קומט צוריק אַהיים.

אַוודאי זענען די פּאָליאַקן שטענדיק געווען היפּער־פּאַטריאָטיש. אין זייערע זעלטענע פילאָסעמיטישע מאָמענטן האָבן זיי זיך ליב געהאַט צו פאַר־גלייכן צו די יידן, וואָס פּונקט ווי זיי, האָבן זיי זיך גענויטיקט צו פאַרפּאַנ־צערן קעגן די פיל שטאַרקערע און גרעסערע שכנים, די „מאָסקאַלעס" און „שוואָבן". זיי האָבן אויך דורכגעמאַכט, ווי די יידן, חורבן, וואַנדערונגען, טראַגעדיעס. נישט אומזיסט האָט מיצקעוויטש אונדז אָנגערופן „דער על־טערער ברודער". אין דעם פּרט איז דער פּויפּסט געבליבן אַן „ענגהאַרצי־קער" נאַציאָנאַליסט, צוגעבונדן צו זיין היימלאַנד אין אַלע דורות. לויט אונדזער מיינונג האָט דער פּויפּסט געגעבן אַ לעקציע די פעלקער פון דער וועלט. ער דינט אויך ווי אַ ביישפּיל מיט אַ מוסר־השכל פאַר יידן.

דעם אמת געזאָגט, איז עס פאַר אונדז יידן אַ פרעמדע חתונה. נאָך קלאָרער געזאָגט, עס דאַרף אונדז נישט אָנגיין. אין אונדזער ביטערן אַנטאַ־גאָניזם צום קאָמוניזם, ווי באַרעכטיקט ער זאָל נישט זיין, טאָר מען נישט פאַרלירן דעם קאָפּ און אַריינפאַלן אין קעלבערנער התפּעלות, ווי דאָס גע־שעט, צום באַדויערן, גאַנץ אָפט. אַוודאי קען איך, אַליין אַ געבוירענער אין פּוילן, דעם באַזונדערן יידישן סענטימענט פאַר פּוילן, טראָץ די פּאָגראָמען, יסורים און רדיפות, וואָס די יידן זענען זיך דאָרט אויסגעשטאַנען. ס'איז מער אַ נאָסטאַלגיע נאָך „אונדזער פּוילן", ווי נאָך דעם לאַנד. בלויז די פּאָליאַקן זענען זוכה געווען צום נאָמען „עמלקים". און פּוילן איז אפשר,

חוץ נאַצי־דייטשלאַנד, געווען דאָס אַנטיסעמיטישסטע לאַנד אין דער וועלט. ווי קענען מיר מיטמאַכן די הילולא פון די בערדרייסערס, פריידיקערס פון באַיקאָט, קאַלאַבאָראַנטן מיט די נאַציס? צי האָבן מיר שוין פאַרגעסן דעם פּאָגראָם אין קעלץ און דעם גאַמולקאַ־אַנטיסעמיטיזם?

און וואָס שייך דעם פּויפּסט און זיין רייזע: מ'האָט אַ סך געשריבן וועגן דעם ספּעציעלען באַזוך אין די לאַגערן אוישוויץ און בירקענאַו. מיר זענען אַזוי צוגעווינט צו דער קאָנספּיראַציע פון פאַרשווייגן און דעם באַוווסט־זיניקן פאַרטושן דעם גרויסן פאַרברעכן פון פאַרניכטן מיליאָנען יידן, פון פאַרוואַנדלען אונדזערע קדושים און אַדרעסלאָזע באַשעפענישן אַז דער עצם פאַקט, וואָס דער פּויפּסט האָט באַזוכט דעם טאָל פון טויט און אויך געזאָגט אַ פּאָר געציילטע ווערטער וועגן די ליידן פון די קינדער פון אברהם, איז געווען גענוג אַרויסצורופן איבערגעטריבענע באַגייסטערונג, דאַנקבאַרקייט, און זאָל מען מיר מוחל זיין פאַר מיין אויסדרוק, מה־יפית. צו וואָס זענען מיר עס אַלץ דערגאַנגען? דער פּויפּסט איז דאָרט נישט דערשינען ווי די פאַרקערפּערונג פון קריסטנטום, וואָס האָט זיך, מיט קליינע אויסנאָמען, נישט קעגנגעשטעלט און האָט אַפילו מיטגעאַרבעט מיט די מערדערס און וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם בלוטיקן שניט. אַוודאי איז ער „פּערזענלעך", לויט אַלע ידיעות, נישט פאַראַנטוואָרטלעך און האָט אַ גוטן רעקאָרד, אָבער דאָס הייסט נישט אַז ער איז היסטאָריש, ווי דער סימבאָל, פון דער קירכע, נישט שולדיק.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש אַז אַלס סימבאָל פון דעם לאַגער און אַלס העלד האָט ער אויסגעקליבן דעם גלח, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין שכן. דאָס אַלץ וואָס ער האָט געזען און פאַרהייליקט אין אָנבליק פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט קודם־כל געטראָפן „דעם אויסדערוויילטן פאָלק". צי קען נאָך זיין עפּעס מער פאַרקריפּלט ווי דאָס? צי איז „פאָטער" קאָלבע אַ בייַשפּיל, אַ מוסטער פון קריסטלעכער אויפפירונג אין יענע שוידערלעכע טעג? וואָס האָט אייגנטלעך דער עלאָקווענטער און באַרידעווודיקער פּויפּסט געהאַט צו זאָגן בנוגע יידן, אַ חוץ די עטלעכע טעאָלאָגישע זאַצן? דער ווירוויך האָט ווייזט אויס פאַרבלענדט גוט־מיינענדיקע יידן. ס'האָט אונדז פאַרדראָסן, וואָס די פּעדעראַציע פון די פּוילישע יידן,

דער אַמעריקאַנער יידישער קאַמיטעט און אַנדערע האָבן זיך צוגעאיילט צו „באַגריסן“ אַט דעם „מוטיקן אַקט“. אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט איז גע־וואָרן אַן אַקט פון קוראַזש און עטלעכע נישט פיל מיינענדיקע ווערטער (נישט קיין חרטה און נישט קיין בעטן סליחה ומחילה) זענען געוואָרן אַ היסטאָרישע דעקלאַראַציע, און מ׳רעדט שוין, ווי דער שטייגער איז, וועגן פויליש־יידישן „דיאַלאָג“, און אַזוי ווי עס איז שוין כמעט נישטאָ קיין יידן אין פוילן וועט מען דיאַלאָגירן... מיט פּאָליאַקן אין אַמעריקע.

ווי שוין געזאָגט, ס׳איז אַ פרעמדע חתונה, מיר זענען אומגעבעטענע מחותנים. לאָמיר אָפּהיטן אַ ביסל צוריקגעהאַלטנקייט און ווערדע.

1979

# פּרצופים פון אַנטיסעמיטיזם

## א.

די גייסטרייכע און גלענצנדיקע (ווי אַלץ, וואָס ס׳גייט אַרויס פון זיין פען) אַרבעט פון מילטאָן הימלפאַרב האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ גאַר אַלטער טעמע, כמעט אַזוי אַלט, ווי יידן אַליין. אין דער אַרבעט: „די גריכן, רוימער, דער קאַפּיטאַן דרייפוס“ („קאָמענטערי“ פעברואַר 1973) אַנאַלי־זירט דער מחבר די פאַרשיידענע געשטאַלטן און פּאַזעס פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלע דורות, און די רעאַקציע פון די אַסימילאַטאָרן פון אַלע צייטן.

הייבן, הייבט אָן הימלפאַרב פון די קלאַסיקערס, פון די רוימער און גריכן, פּאַקטיש פון די ערשטע אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס אין געשריבענעם וואָרט, ער דערמאָנט ציצעראָס רעדע „פּראָ פלאַקאָ“. עס האַנדלט זיך וועגן רוימישן גובערנאַטאָר אין אַזיע מיטן נאָמען פלאַקוס, וועלכער האָט אַ ביסל איבערגעטריבן מיט זיין גייציקייט. ציצעראָ זאָגט אַז די יידן האָבן פאַריבל אויף פלאַקוסן צוליב דעם גאָלד, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַרן בית המקדש, (וועלכער איז חרוב געוואָרן אַ יאָר שפּעטער) און דערציילט וועגן דעם

יידישן המון, וואָס באַלאַגערט ממש דאָס גערעכטהויז. און „איר ווייסט — זאָגט ציצעראָ — ווי צאָלרייך די יידן זענען, ווי זיי האַלטן זיך צוזאַמען, און ווי וויכטיק די יידישע שטימע איז". ס'קלינגט זייער אַקטועל...

ביי האָראַצן געפינט מען אייניקע פּאָעמעס, אין וועלכע ער דערמאָנט יידן. ער זאָגט: „זאָל אין דעם אַפּעלאָ דער ייד גלויבן — איך נישט". ער באַציט זיך אַזוי צו זאָגן, אויף יידישע פאָראורטיילן. אין אַ צווייטער פּאָעמע רופט ער אויס: „צי ווילט איר באַליידיקן די געמלטע יידן?"

דער גרעסטער טייל פון אַרטיקל איז געווידמעט צו אַן איבערזיכט פון דעם באַקאַנטן בוך פון טעאָדאָר ריינאַך, „טעקסטן פון גריכישע און רוימישע שרייבערס, וואָס באַציִען זיך אויף יידן". דאָס בוך איז דערשינען אין פראַנצויזיש אַ חודש פאַר דער דרייפוס־אַפּערע. עס ווייזט זיך אַרויס אַז די קלאַסישע ליטעראַטור איז אָנגעפילט מיט אַ ביטול־ און פיינדשאַפט־באַציונג צו יידן און יידישקייט. דאָס איז נישט שטענדיק אַזוי געווען און אין פלוג לייגט זיך אויך נישט אויפן שכל. כמעט אַלע קלאַסיקערס האָבן געהאַט אַ נייגונג צו אַ מין נעפּלהאַפטן מאָנאָטעיִזם און פּאַנטעיִזם, וואָס זיי האָבן באַקוועם צונויפגעפּאָרט מיט דער געצן־דינעריי און די מאַסן. טאָ ווי אַזוי האָבן זיי נישט געקענט רעספּעקטירן די יידן, וואָס זענען צוגעקומען צו דער הויכער אידעע פון איינציקן גאָט און נישט אָנערקענען די מאָראַלישע ריינקייט פון יידישן גלויבן? די איינפאַכקייט און איידלקייט פון זייער גאָטעסדינסט און זייער קנאות פאַר דער תורה, וואָס האָט דערמאָנט אין די מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס.

זעט אויס אַז דאָ האָבן געווירקט און אַרויסגערופן פיינדשאַפט די צוויי שוין דערמאָלט כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יידנטום: רעליגיעזע אַנ־דערשקייט און סאָציאַלע באַזונדערקייט.

קיינער האָט נישט געהאַט דאַקעגן אַז יידן זאָלן האָבן זייער אייגענעם גאָט. אָבער פאַר וואָס פאַרלייקענען זיי די עקזיסטענץ פון אַנדערע געטער? די יידן האָבן דעם שלעכטן געשמאַק צו פאַרוואַנדלען דעם אוניווערסאַלן גאָט אין אַן אייגענעם און דאָס ווען אים אַנוואַרפן אויף אַנדערע פעלקער צוזאַמען מיט די ספּעציפישע יידישע נאַציאָנאַלע פאָרמען פון ריטואַלן. יידישע רעליגיעזע פּאַרטיקולאַרישקייט האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי פאַרראַט.

כדי אָפּצוהיטן זייער רעליגיע האָבן יידן נישט געקענט עסן צוזאַמען מיט די געצנדינערס, אָנטיילנעמען אין זייערע שפּילן, חתונה האָבן מיט זיי א״א״וו. במילא זענען זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס פרעמדע. און די פרעמדקייט (אַמיקסיאַ) איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיזאַנטראָפּיע. פיינדשאַפט פון דער מענטשלעכער ראַסע. אַ באַשולדיקונג, וואָס ס׳האָט איבערגענומען דאָס קריסטנטום. די ערשטע אַטאַקע אויף יידן אין דער גריכישער ליטעראַטור איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם העלעניזירטן עגיפּטישן גלח מאַנעטאָ, 260 יאָר פאַר קריסטוסן. לויט אים קומט אויס אַז די מצרים האָבן אַרויסגעטריבן אונדזערע עלטערן פון מצרים, ווייל זיי זענען געווען מצורעים. די רוימער האָבן איבערגענומען די געשיכטע און דאָס איז געווען די „באַגלויבטסטע״ ווערסיע וועגן דעם אָנהויב פון יידישן פאָלק.

פאַר די געצנדינערס זענען יידן געווען אומריין, מיט אַ שלעכטן גערוך. שוין דעמאָלט האָט זיך נישט געפאָדערט קיין לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט ווען ס׳איז געקומען צו יידן. זיי זענען געווען גלייכצייטיק קנעכטיש און רעבעליש, אימפּעדיק און פּחדנותדיק. זייער רעליגיע — אַ „באַרבאַרישער פאַראורטייל״. בקיצור, מיסט פון דער ערד. אין די קדשי־קדשים האָבן זיי געדינט צום גאָלדענעם קאָפּ פון אַן אייזל.

לויט אַפּיאָנען האָבן זיי יעדן יאָר זיך נוהג געווען צו כאַפּן אַ גריך, אים אויספּיטערן און דאַן אים ברענגען פאַר אַ קרבן. אָט האָט איר דעם אָנהויב פון בלוט־בילבול, וואָס האָט יידן אַזוי פאַרפאָלגט אינעם מיטלאַלטער.

די שפּעטער אַזוי גלאָריפיצירטע, זוניקע און פילפאַרביקע קלאַסישע וועלט, האָט אין יידישן היגזיכט גאָר געדינט אַלס ביישפּיל פאַרן פינצטערן מיטלאַלטער. אויפן אָרט פון אַן „עקליפּסע״ איז דאָס גאָר געווען אַ המשך און דאָס קריסטנטום האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ גוטער תלמיד, האָט פאַר־טיפט און אויסגעברייטערט די שנאה צו יידן, מאַכנדיק זי פאַר אַ מאַסן־דערשיינונג, אַ טעאָלאָגישע דאָגמע און אַ הויפּטמאָטיוו אין גייסטיקן און קינסטלערישן לעבן.

## ב.

אין דעם פּעריאָדישן זאַמלהעפט „קריסטלעכע באַציונגען צו יידן און

יידנטום״ (פעברואַר 1973) פאַרעפנטלעכט ד״ר שאַרלאָט קליין אַ באַלערנ־דיקן איבערזיכט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין דער ליטורגיע פון די מזרחדיקע קירכעס. עס האַנדלט זיך וועגן אַ טייל פון דער קריסטלעכער קירכע, וואָס איז כמעט נישט אָנגערירט געוואָרן דורך דעם נייעם עקומענישן גייסט פון פאַרשטענדניש פאַר יידן, פון דער רעוויזיע פון טעקסט, אָבערגלויבנס, און אָפענע פאַראורטיילן, מיטן ציל אויפצועפענען אַ קריסטלעך־יידישן דיאַלאָג.

די מחברין קלערט אויף אַז אין קעגנזאַץ צו די באַמיונגען, וואָס ס׳האָט געמאַכט די מערבדיקע קאַטוילישע קירכע, איז די מזרחדיקע ליטורגיע געבליבן אומפאַרענדערט.

די תפילות זענען געבליבן פאַרגליווערט, אַזוי ווי זיי זענען געווען אין דעם פינפטן יאָרהונדערט און זיי שפּיגלען אָפּ די דעמאָלטדיקע באַציונג צו יידן און יידנטום. זיי האָבן נישט דורכגעמאַכט אַלע סטאַדיעס פון דער מערבדיקער ביבל־קריטיק און זענען פונדאַמענטאַליסטיש און בוכשטעבלעך אין זייער קריסטלעכער קאָנצעפּציע. זיי האַלטן זיך ביי דער געטלעכקייט פון קריסטוסן און פאַרטונקעלן זיין בשר־ודמדיקן שטאַם און יידישן אור־שפּרונג. זיי זעען אין דער קרייציקונג אַן אוממענטשלעך פאַרברעכן, וואָס נאָר טייוולאָנים האָבן געקענט באַגיין.

די מחברין אַנאַליזירט געניוי די טעקסטן פון די געזאַנגען פון דער „הייליקער וואָך פון דער אָרטאָדאָקסישער ביזאַנטישער קירכע״, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון גריכיש. די אויסגאַבע איז פּאַליקאָפּירט און אַנטהאַלט נישט קיין נומערירטע זייטן און איז דערשינען אין 1969. אין די ״הייליקע דינסטיק״־הימנען ווערט גערעדט וועגן די יידן ווי דאָס „ווידער־שפּעניק פאָלק״. אינעם מיטוואָך־„קאַנטיקל״ ווערט דערציילט אַז דער סנהד־רין האָט זיך פאַרזאַמלט מיטן בלויזן פינצטערן ציל „אַרויסצוטראָגן אַ משפּט אויף דעם דערלייזער קריסטוס, וואָס איז אונדזער גאָט״. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן יעזוסן פון נצרת וואָס לעבט ווי אַ ייד צווישן יידן, נאָר וועגן קריסטוסן. זיי האָבן דערמאָרדעט גאָט אַליין.

נישטאָ דאָ קיין סימן פון דער אַלגעמיינער קאָנצעפּציע אַז יעזוס איז געשטאָרבן פאַר די זינד פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס ער האָט אויס־

געלייזט דורך זיינע ליידן, נאָר עס ווערט דאָרט געזאָגט: „די אַנדערע פון דער אַסיפה פון די יידן זענען אייליק געלאָפן איבערצוגעבן דעם שעפער און מייסטער פון אַלעמען צו פילאַטן, ה״ה אומגלויביקע! ה״ה פאַרברעכער! ווי גרייט זיי זענען געווען ברענגען צום געריכט דעם, וואָס וועט משפטן די לעבעדיקע און טויטע״. ווידער אַ מאָל די פאַרמישונג צווישן יעזוסן און דעם בורא־עולם.

נאָך בפירושער ווערט דאָס איבערגעחזרט אין אַן אַנדער „דאַנקערשטיק־געזאַנג״: „זאָל מען אים קרייציקן כריסטוסן, האָט געשריגן דער יידישער המון צוזאַמען מיט די כהנים״. די אומגעלומפּערטקייט פון אַריינגעבן אין יידישע מיילער דאָס וואָרט „קריסט״ (משיח) פאַלט גאָר נישט איין די „פיין־פילנדיקע״ מחברים.

און ווייטער: „די זינדיקע יידן, צי זענען זיי נישט אַז זיי שטייען פאַר דעם וואָס האָט זיי באַשאַפן?״.

די אידענטיטעט פון גאָט מיט יעזוסן קומט צום ווילדסטן צום אויסדרוק, ווען מ׳רעכנט אויס די טובות וואָס דער געקרייציקטער האָט געטאָן די יידן און זייער אומדאַנקבאַרקייט און פאַרברעכנס. אַלץ ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן, אַפילו ווען דאָס האָט אַפילו גאָרנישט צו טאָן מיט באַשריבענע געשעענישן. „אַפילו די ערדציטערניש בשעת דעם קרייצונג האָט נישט איבערצייגט די יידן״.

„אָ, איר געזעצגעבערס פון ישראל, איר יידן און פרושים, מען וועט שטענדיק אייך געדענקען צוליב דעם שעפעלע, וואָס איר האָט איבערגעגעבן צום קרייץ״. אָדער: „די יידן וואָס האָבן נישט געפונען קיין שולד אין דיר, האָבן געבעטן פילאַטן דיך צו קרייציקן. זיי האָבן באַפרייט באַראַבאַסן און דיך פאַראורטיילט, גיב זיי גאָט וואָס עס קומט זיי״.

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז אין יאָר 1969 האָט דער בישאָף פון חיפה איבער־געזעצט אין ענגליש דאָס ביזאַנטינער וואָכבוך פאַר די מזרח־קירכעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט רוים. דאָרטן זענען שוין אַרויסגענומען געוואָרן די אַלע שוידערלעכע שטעלן. ס׳זענען אָבער פאַרבליבן דריי פיינדלעכע אַלוזיעס צו יידן:

„קומט אַלע, איר קינדער, צום נייעם ישראל, וואָס איז די קירכע פון די קריסטן".

די צווייטע שטעלע — איז איינע פון די מילדסטע אין דער ליטורגיע און זי הויבט זיך אָן מיט דעם פאַררעטער יודאַס, וואָס איז געווען קראַנק מיט ליבע צו זילבער און גאָלד און האָט איבערגעגעבן דעם העכסטן ריכטער אין די הענט פון די שופטים און גערעכטיקייט. דער דריטער אויסצוג איז פון דער שבתדיקער ליטורגיע וואָס מ'זינגט אויפן קבר פון קריסטוסן: „גיבן מיר דעם פרעמדן וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דיין אייגן פאָלק אַלס אַ פרעמדער".

אָבער ווי געזאָגט, איז דאָס שוין מיילן אַוועק פון דעם אויבן ציטירטן געזאַנגבוך פון דער סעפּאַראַטער ביזאַנטישער קירכע. אַלץ איז דאָרט אין סימן פון דער ממש פּאָגראָמיסטישער העצע אַזוי ווי זי איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. און דאָס איז נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם שמוציקן זומפּ, וועלכן מ'הויבט ערשט אָן צו רייניקן און אויסטריקענען...

1975

# פּראָטאָקאָלן פון די שונאי־ציון

„די פּראָטאָקאָלן פון די אַנטי־ציוניסטישע זקנים" פון א. י. סאָלמאַר (סאָוויעטיש־יידישע אַנגעלעגנהייטן, 1978 *), איז זייער אַ וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אַרבעט. דאָס איז אייגנטלעך די איבערזעצונג פון אַ פּער־זענלעכן איבערבליק פון אַ באַטייליקטן אין אַן אידעאָלאָגישער אַנטי־ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע. דער סימפּאָזיום האָט פּרובירט פאָרמולירן דעם אידעאָלאָגישן הינטערגרונט פון דעם, וואָס ווערט אָנגערופן „פּאָליטישע דערציונג". די הויכע פּאָזיציעס

* דערשינען אין „קאָמענטערי" פון אַמעריקאַניש־יידישן קאָמיטעט.

פון די רעפערענטן און הויפּט־דעבאַטירערס, ווי זייער פאַך־קענטעניש אויפן געביט פון שנאת־ציון־אויפקלערונג גיבן דעם באַריכט אַ באַזונדער חשיבות. די קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אינסטיטוט פון אָריענטאַלישע שטודיעס ביי דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און האָט געזאָלט זיין מער אָדער ווייניקער פאַרטרוילעך.

שוין אין דעם דערעפענונג־וואָרט פון ב. ג. גאַפוראָוו, דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט, האָט זיך געמערקט אַ געוויסע באַשיידענע אַנדערשקייט אין צוגאַנג און אין סטיל: דער ציוניזם איז טאַקע אַן ערנסטער אָפּאָנענט, וואָס ברענגט שאָדן, אָבער מ׳דאַרף מיט אים דיסקוטירן אין אַ רויִקער אַטמאָס־פער. מ׳דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף דעם וואָס מ׳דאַרף טאָן און נישט אויף די פריִערדיקע מעשים און טעותן.

דעם הויפּט־רעפעראַט אויף דער טעמע „פּראָבלעמען פון דער וויסנ־שאַפטלעכער קריטיק פון ציוניזם" האָט געהאַלטן קיסיעלעוו, הויפּט פון דער ישראל־סעקציע פון דעם אינסטיטוט. צווישן דער אַלגעמיינער פּראָ־זעאָלאָגיע און די אַזוי באַקאַנטע סטערעאָטיפּן רייסן זיך דורך פון צייט צו צייט אַנדערע אַרויסזאָגונגען. ער איז מודה אַז געוויסע מחברים שאַצן איבער דעם שאָדן פון ציוניזם. ס׳איז טאַקע ריכטיק אַז דער ציוניזם שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן פון „מאָנאָפּאָליסטישער בורזשואַזיע"; אָבער „מ׳דאַרף געדענקען אַז זיין סאָציאַלע באַזע איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע און ס׳איז בויטיק אַ פילזייטיקער צוגאַנג". טייל לייענען אַרויס פון אָט דער שווערער עברי אַז מ׳טאָר נישט ריידן וועגן ציוניזם ווי אַ גאַנצקייט. אָט די אפּיקורסות ווערט נאָך שאַרפער דורך דער סענסאַציאָנעלער באַמערקונג אַז „מ׳קען נישט אין גאַנצן (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע) פאַרגלייכן ציוניזם מיט ראַסיזם". אָט די אַנאַלאָגיע ברענגט בלויז צום „יידישן איזאָלירן זיך פון דעם פאַראייניקטן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס". אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך דאַרף עס הייסן אַז עס פאַרשטאַרקט נאָר די יידישע קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם. ער וואָרנט אויך קעגן אַזעלכע איבערגעטריבענע אויסדרוקן, ווי: „דער ציוניסטישער אולטראַ־אימפּעריאַליזם" וכדומה. מ׳דאַרף אויך נישט, לויט זיין מיינונג, מיסברויכן מיטן אויסדרוק „ציוניסטישער קאַפּיטאַל" און מ׳דאַרף אים נאָר באַנוצן בנוגע דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס נעמט אָן

אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. לאָמיר דאָ מסכים זיין מיט דעם מחבר סאַלמאַר אַז מען דאַרף אויך נישט לייגן קיין צופיל וואָג אויף אָט די „אָפּנויגן". עס דויערט נישט לאַנג און דער רעפּערענט קערט זיך אום צום סקאַרבאַוון באַלשעוויסטישן נוסח. ער לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט בכדי צו שילדערן די מעכטיקייט פון ציוניזם, זיין קאָנטראָלירן טויזנט פּרעסע־אָרגאַנען. דער ציוניזם, זאָגט ער, פאַרמאָגט אַ סאָלידע פינאַנציעלע באַזע, ער דרינגט אַריין טיף אינעם לעבן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ער איז דיסציפּלינירט, צענטראַליזירט וכדומה (אַ פאַרגעניגן צו לייענען, הלוואי וואָלט עס אמת געווען... ב. פ.) און פון דער אַנדערער זייט טאָר מען נישט פאַרגעסן אַז עס האַנדלט זיך, וועגן אַ טאָטאַליטאַרן סיסטעם, וועלכער קאָנטראָלירט נישט בלויז מעשים, נאָר אויך געדאַנקען; ווו יעדער אָפּנייג איז אַ רעוואָלוציע. עס איז שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז קיסיעלעוו וואָלט געוואָגט אַזוי צו ריידן אַן אַ שטיקל ווונק אַז „מען מעג שוין".

זייער כאַראַקטעריסטיש איז זיין מיינונג וועגן דער באַטייטיקער יידישער עמיגראַציע פון סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַר וואָס פאַרלאָזן יידן, מער ווי אַנדערע עטנישע גרופּעס, דאָס לאַנד? וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן, די ספּעציפישע סיבות: ערשטנס עמיגרירט מען פון געביטן, וועלכע זענען רעלאַטיוו שפּעט צוגעקומען צום סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווי די באַלטישע לענדער, מערב־אוקראַינע (וואָלין). עס איז אין זיי נישט געווען קיין „פּראָלעטאַרישע באַזע" ביי יידן און ס'האָט דאָרט געהערשט אַ קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליזם. צווייטנס, האָט דער יידישער נאַציאָנאַליזם שטאַרקערע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. קיסיעלעוו פילט אַליין, אַז אָט די אָנגעגעבענע מאָטיוון זענען נישט צופרידנשטעלנדיק. ער האַלט דעריבער אַז אָט די עמיגראַציע פון סאָציאַליסטישן היימלאַנד צום קאַפּיטאַליסטישן ישראל דאַרף ספּעציעל שטודירט ווערן דורך סאָציאָלאָגן, פילאָסאָפן און אַנדערע. ער לייגט פאָר אַז מ'זאָל צענטראַליזירן די אַנטי־ציוניסטישע פּובליקאַציעס און מאַכן אַן אָפּטן געברויך פון וועטאָ־רעכט. דאָס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ קריטיק קעגן „די ווילדגראָזן", דהיינו די פּאַשקווילן פון יעווסעיעוו, בעגון, איוואַנאָוו און אַנדערע.

דער צווייטער רעדנער, קיטאָוו, פון אינסטיטוט פאַר אַמעריקע און קאַנאַדע ביי דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן, איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט שאַרף קריטיקירט די שרייבערס, „וואָס פאַרמישן ציוניזם מיט יידישן נאַציאָנאַליזם". ער האָט געוואָרנט קעגן אַזעלכע פראַזעס ווי: „ציוניסטישע וועלט־פאַרשווערונג". מ'דאַרף נעמען אין באַטראַכט די קאָמפּליצירטע סטרוקטור פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (אולטראַ־ציוניסטן, פּראָ־ציוניסטן, קלעריקאַלע, נישט־קלעריקאַלע אאז"וו). מיט אַנדערע ווערטער: מ'דאַרף אויפהערן טראַכטן וועגן ציוניזם אין מאָנאָליטישע באַגריפן. כאָטש ס'איז נאָך נישטאָ קיין קריזיס אין ציוניזם און מ'דאַרף נישט אונטערשיידן צווישן גוטע און שלעכטע ציוניסטן.

ס'איז פאַרשטענדלעך אַז אַזאַ „מילדער" און „רעוויזיאָניסטישער" צוגאַנג האָט נישט געקענט בלייבן אָן אַן ענטפער, אָן אַן אויסגלייך פון דער ליניע. דאָס וואָרט באַקומט י. יעווסעיעוו, דער פאַרביסענער שונא־ציון, דער טרויעריק באַרימטער מחבר פון „פאַשיזם אונטער דעם בלויען שטערן" און פון „ציוניזם, אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק". נאָך אַ מעסיקן אַריינפיר איז ער אַרויס מיט זיין מענה־לשון: ציוניזם איז „די שטורעם־דיוויזיע פון אימפּעריאַליזם". ער איז בולט מיט זיין אַנטי־קאָמוניזם, אַנטי־סאָוועטיזם און מיט קאָמסאָפּאָליטיזם און ראַסיזם. מ'בלאָזט אויף, טענהט ער, די סכנה פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַ סך אַ קלענערע סכנה ווי דער ציוניזם. דער ציוניזם נוצט אויס די מאַסן־מעדיאַס, כדי אָפּצונאַרן די מאַסן. ער לייגט פאַר אַרויסצוגעבן די ווערק פון מאַרקס, לענין און ענגעלס וועגן יידן און יידנטום. מ'דאַרף שאַרפער קריטיקירן „די ראַסיסטישע טעאָריעס" פון אחד־העם און בובערן (וואָס זאָגט איר אויף דער בקיאות פון דעם אַנטי־סעמיט? דוקא בובער און אחד־העם זענען פאַר אים אַ ביישפּיל פון ראַסיזם!).

גאַפּוראָוון אַליין לאָזט נישט צו רו די עמיגראַציע. ער נעמט אַרויס פון חשבון די יידן פון מערב־אוקראַינע, פון מערב־ווייסרוסלאַנד, פון די באַלטישע לענדער, וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון „קליינעם פּריוואַט־אייגנטום". ער ווייס אַז אַ סך האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכן זיך צו מאַכן אַ נאָמען אין דער מערב־וועלט, אָבער פאַר וואָס פאָרן אַרויס די יונגע און טאַלאַנטפולע?

פאַר וואָס עמיגרירן ספּעציאַליסטן אין וויכטיקע צווייגן פון וויסנשאַפט און ווירטשאַפט און לאָזן זיך אַריינגאַרן דורך די מאַנאָפּאָליסטן? מ׳דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן אויף דער פראַגע.

אויף דער קאָנפערענץ האָט נישט לאַנג געהערשט דער גייסט פון אַקאַדעמישע וויכוחים. פון צייט צו צייט האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם. די אַנטיילנעמערס האָבן זיך צעטיילט אויף „שפּאַרבערס" און „טויבן", ווי אַנהענגערס פון יעווסעיעווון און די מער מעסיקע. מ׳האָט זיך קעגנזייטיק איבערגעריסן מיט צווישנרופן און ס׳האָבן נישט געפעלט קיין פערזענלעכע אַטאַקעס.

ס׳איז כדאַי צו ברענגען די רייד פון א. קריוועלעוו פון דעם עטנאָ־גראַפישן אינסטיטוט. פאַר וואָס, האָט ער מיט אויפרעגונג געפרעגט, איז אונדזער פּראָפּאַגאַנדע אַזוי שוואַך צווישן יידן? צוליב דעם ווייל מ׳באַגייט נאַרישקייטן מחמת איגנאָראַנץ און מאַנגל אין פּאָליטישן טאַקט. ווי למשל, די אידענטיפיקאַציע פון ציוניזם מיטן פאַשיזם. דאָס שילדערן ישראל אַלס טעאָקראַטיע און דאָס פאַרעפנטלעכן אַזעלכע אַרטיקלען ווי זשוקאָווס איבער־זיכט וועגן בעגונס בוך אָדער דאָס בוך פון סקוראַטאָוון.

מ. ניקיטינאַ (די מחברטע פון בוך: „מדינת ישראל — אַ היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטודיע") האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון יעווסעיעוון. י. סאָקאָלאָוו (פון קאַנאַדישן און אַמעריקאַנער אינסטיטוט ביי דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן) האָט געזאָגט: „דער ציוניזם איז אונדזער שונא אין דער דריטער וועלט, ער איז אַ ביטערער און געאייניקטער קעגנער, וועלכן מ׳דאַרף נישט אַרויסווייזן קיין שום רחמים. מלחמה איז מלחמה".

צוליב דעם גרויסן טומל האָט גאַפוראָוו געשלאָסן די קאָנפערענץ, צו־זאָגנדיק אַ ספּעציעלן גרויסן צוזאַמענפאָר מיט דער באַטייליקונג פון דע־לעגאַטן פון די רעפּובליקן, וואָס וועט ברייטער און גרינדלעכער באַהאַנדלען די פראַגע. דערווייל האָט ער רעזומירט די פאַרהאַנדלונגען:

1) מ׳טאָר נישט פאַרגעסן אַז דער ציוניזם איז אַ דערפאַרענער און ערנסטער שונא, ער איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט פונעם וועלט־אימ־פּעריאַליזם קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד.

2) גלייכצייטיק מוז מען זיין זייער אָפּגעהיט ווען עס קומט צום אַנטי־

סעמיטיזם. מ׳האָט געמאַכט פעלערן אין דעם פּרט. מ׳דאַרף זיין פּאָרזיכטיק נישט אָנצורירן די נאַציאָנאַלע געפילן נישט בלויז פון די סאָוויעטישע יידן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט נישט קיין קלאַסן־באַזע אין לאַנד, אָבער עס זענען פאַראַן „אינדיווידועלע געפילן און שטימונגען״. מ׳דאַרף נישט דרוקן קיין ביכער, וועלכע באַליידיקן די יידישע געשיכטע, קולטור און טראַדיציע. אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן געשטאַמט פון יידן. לענין און אַנדערע באָל־שעוויקעס האָבן שאַרף באַקעמפט יידן־פיינטשאַפט.

*

עס איז שוין פאַרביי אַ געוויסע צייט זינט עס איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ און אויך אַ שפּעטערדיקער צוזאַמענפאָר וועגן דעם ענין, פון דער מאָסקווער פּאַרטיי. במילא קען מען זיך שוין שאַפן אַ געוויס בילד וועגן זייער ווערט. מיר גלייבן אַז די באַראַטונגען, אויב מ׳קען זיי אַזוי אָנרופן, האָבן אַ געוויסע באַדייטונג: אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז נישטאָ קיין שיידליניע צווישן דאָקטרין און פּאָליטיק, טעאָריע און פּראַקטיק. ס׳איז בלויז אַ חילוק אין סטיל. אַוודאי קענען דאָרט נישט געמאָלט זיין קיין „פּערזענ־לעכע שטאַנדפּונקטן״ און זייערס גלייכן. ס׳זעט אויס אַז די יידישע קעגן־אַקציע איז געווען אַ סך ווירקנדיקער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט; אַז מ׳פילט אין סאָוויעט־רוסלאַנד דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן דרוק; אַז מ׳איז נישט צופרידן פון דעם שאַרפן קורס און דאָ און דאָרט זענען אַפילו פאַראַן חרטה־געפילן. ס׳זעט אויס אַז אין דעם עסטאַבלישמענט זענען פאַראַן חילוקי־דעות בנוגע אַנטיסעמיטיזם און בנוגע די מעטאָדן פון באַ־קעמפן דעם ציונזים.

דערווייל אָבער קומט עס נישט צו תכלית. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַ־גאַנדע בושעוועט נאָך אין ראַדיאָ און אין דער טעלעוויזיע און דאָס זעלבע אין דער פּרעסע. ס׳איז נישט רעאַליזירט געוואָרן דער פּלאַן פון אַ צענטראַלן פאַרלאַג פאַר אַנטי־ציוניסטישע פּובליקאַציעס, וואָס וואָלט אפשר אַ ביסל געמעסיקט די אויסברוכן פון פּען־כוליגאַניזם. אין דער צווישנצייט איז אויך גרעסער געוואָרן די עמיגראַציע פון יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס וועט

היי יאָר דערגרייכן אַרום 50 טויזנט. דאָס מאַכט צו גאָרנישט אַלע טעאָריעס און סברות פון די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגן.

ווי ס׳זאָל נישט זײַן, איז די אַרבעט פון י. סאַלמאַר, באַזירט אויף אַ „סאַמאיזדאַט״, אַן אינפאָרמאַציע פון ערשטן קוואַל, אַ דירעקטע באַגעגעניש מיט די מיינונגען און שטימונגען פון אַ חשובן טייל פון סאָוויעטישן וויסנשאַפטלעכן ציבור. ער דאַרף און קען אונדז צונוץ־קומען אין אונדזער יידישן און ציוניסטישן געראַנגל.

1979

# וועלטלעכע יידישקייט

אין ראש־השנה־נומער פון „דזשואיש קראָניקל״ געפינען מיר אַ זייער ערנסטן סימפּאָזיום וועגן אַן אַלטער היסטאָרישער טעמע: די יידישקייט פון די וועלטלעכע יידן. עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען פון איין צד די ראַבאַיס דזשייקאָבס און גאָלדמאַן און פון צווייטן צד ד״ר זכריהו שוסטער און אַלפרעד שערמאַן.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז צום ערשטן האָט מען געדאַרפט קלאָר מאַכן דעם עצם באַגריף, וואָס איז אַזוינס וועלטלעכקייט און ווער איז אַ וועלטלעכער ייד.

לויט שוסטערן, ווען מען זאָגט וועלטלעך, מיינט מען נישט אַנטי־רעליגיעז און אַפילו נישט נישט־רעליגיעז. דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט פאַר אַ פּאָזיטיוון יידן, וואָס מוז אָננעמען די ברייטע יידישע קולטור־ירושה מיט אירע באַזונדערע ווערטן. דאָס שליסט אויך איין און איז ענג פאַר־בונדן מיט רעליגיע און מצוות, אָבער גיכער ווי אַן אויסדרוק פון יידישן געניוס און נישט, ווי אַ הייליקער געבאָט פון אויבן.

אויב אַזוי, איז וואָס איז זייער קענצייכן, אין וואָס באַשטייט זייער יידישקייט? איז עס טאַקע אמת, אַז די אַזוי גערופענע וועלטלעכע זענען

יידן בעל כּורחם אָדער מיטן כּוח פון געוויסע אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס רופן אַרויס יידישע לאָיאַליטעט (אַנטיסעמיטיזם, אידענטיפיקאַציע מיט ישראל, יידישער ווידערשטאַנד אין סאָוויעט־רוסלאַנד) און שאַפן אַ געפיל פון עטנישער אָנגעהעריקייט? צי איז עס נאָר דערפאַר, ווייל יידן איז קיין מאָל נישט דערלויבט געוואָרן זיך צו אַסימילירן און ווייל זיי קענען נישט ווערן קיין גוים? צי קען מען דאָס איבערגעבן בירושה? צי איז טאָקע אמת, אַז אויב די באַדינגונגען וועלן זיך ענדערן אין דער ריכטונג פון טאָלעראַנץ און אָפנקייט פון דער געזעלשאַפט, וועט דער סעקולערער ייד נישט האָבן קיין שום סיבה זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן געמישטע חתונות און קעגן טאָטאַלער אַסימילאַציע? צי האָט נאָר די רעליגיע דעם מאָנאָפּאָל אויף פּרינציפּיעלער אַפירמאַטיווער יידישקייט — מרצון?

דאָ קומט צום אויסדרוק דער אונטערשייד צווישן דעם רעליגיעזן און וועלטלעכן טייל פון סימפּאָזיום. די רעליגיעזע האַלטן, אַז נאָר די האָבן מיט וואָס און צוליב וואָס זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אַסימילאַציע און מאַניפעסטירן די כּדאיקייט „צו זיין אַ ייד".

די וועלטלעכע און באַזונדערס שוסטער טענהן ווידער, אַז אויך די יידישע וועלט פון נישט־רעליגיעזע איז גענוג רייך און נעמט אויך אַריין רעליגיע, ווי אַ סך הכּל פון סימבאָלן און אידעען. דאָס פּאַרטיידיקן די רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין גלות איז די זאָרג פון די פרייע נישט ווייניקער ווי פון די גלויביקע. פון דער צווייטער זייט איז די לאַגע פון רעליגיעזן יידן אין אַ טאָלעראַנטער געזעלשאַפט נישט ווייניקער קאָמפּלי־צירט. אויך ער איז נישט פריי פון שפּאַנונגען און סתירות, אויך ער לעבט אין צוויי וועלטן, באַזונדערס ווען ער וואַרפט נישט אָפּ די דרויסנדיקע סביבה און לעבט נישט אין איר ריין פיזיש און צייטווייליק. אַלע ווייסן, אַז רעליגיע לעבט איצט איבער אַ תקופה פון עראָזיע.

דער ענין ווערט נאָך שאַרפער, ווען מען גייט אַוועק פון דער פראַגע אַז מען קאָן בלייבן עקזיסטירן אָן אמונה און מ'שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פּראָבלעם, צי ס'איז כּדאי, נישט פאַר וואָס מען לעבט, נאָר צוליב וואָס? צוליב וואָס דאַרף מען האָבן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס שאַפן צעטיילונגען און קאָנפליקטן? פאַר וואָס נישט צוזאַמענגיסן זיך אין דעם

אַלגעמיינעם און אָפּהיטן דעם איחוד? די חשובע ראַבאַיס האַלטן, אַז מען האָט נאָך נישט געפונען קיין אַנדער מאָטיוואַציע, ווי די רעליגיעזע.

מצד די וועלטלעכע ווערן געגעבן צוויי תשובות, וואָס, כאָטש זיי קומען צו די זעלבע מסקנות, זענען זיי מהותדיק פאַרשיידן איינע פון דער צווייטער.

איינע איז פון שערמאַנען: בעל כּורחך אתה חי.

דער בעל כּורחך מיינט נישט נאָר אויסערלעכע צוואַנגען, נאָר אַ מין ייִדישן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. ייִדן קאָנען נישט אַנטלויפן פון זיך אַליין. די צרה איז, וואָס מיר אידענטיפיצירן די יוגנט מיטן אַגרעסיוון נייעם לינקס. די מערהייט נעמט אָן זייער ייִדישקייט ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט. אויב עמעצן ווילט זיך אָוועקוואַרפן 4 טויזנט יאָר קולטור און זיי אויסטוישן אויף אַ פרישער צווייטע האַנט־ענגלישקייט, זאָל עס אים וויל באַקומען. אָבער דער רוב בנין און מנין וועט דאָס נישט טאָן. און ווער עס אַנטלויפט פון ייִדישן כּלל, אַנטדעקט ער שפּעטער ווי ער פעלט אים אויס.

„...איר האָט קיין ברירה נישט, איר וועט זיין ייִדן אויף לאַנגע דורות. אויב איר מיינט, אַז איר קענט אויפהערן זיין אַ ייִד, מאַכט איר אַ טעות. איך קען אפשר נישט ענטפערן קלאָר פאַר וואָס ייִדן זאָלן בלייבן ייִדן, אָבער איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז פאַקטיש וועט דאָס אַזוי געשען און מען דאַרף דעריבער מאַכן „דאָס בעסטע פון דעם".

דער צווייטער וועלטלעכער דיסקוטאַנט, דר. שוסטער רעדט, ווי שוין אויבן דערמאָנט, וועגן דער גרויסער גייסטיקער ירושה און ער האָט נישט מורא אַפילו פאַר איראַציאָנעלע עלעמענטן, ווי למשל, אַז ייִדן האָבן אַ געוויסע ראָלע צו שפּילן אין דער וועלט, עפּעס וואָס איז אין זיי איינ־געפורעמט געוואָרן. ער נעמט אַפילו אָן דעם אתה בחרתנו אין דעם זין פון איינפירן גערעכטיקייט און עטבאַלירן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט. ער האַלט אויך, אַז די גאַנצע טערמינאָלאָגיע „רעליגיעז און וועלטלעך" איז אַ געקינצלטע און איז גענומען פון דעם באַגריפן־אוצר פון אַן אַנדער דור און אַן אַנדער סביבה. ייִדישע רעליגיע איז שטענדיק געווען אַ ציוויליזאַציע און אַ לעבנס־שטייגער. כּדי זיך אויסצולעבן ווי אַ ייִד מוז דער נישט־גלויביקער אָננעמען און היטן געוויסע

מצוות מעשיות. פון דער צווייטער זייט, אָבער, מוז דער מאמין אָננעמען געוויסע היינטצייטיקע באַגריפן, אמתן און קריטעריעס וועגן דער וועלט און איר אַנטוויקלונג.

און אויב אַזוי (און דאָ קומט דער סימפּאָזיום צו איינעם פון זיינע אינטערעסאַנטע דיגרעסיווע מאָמענטן) איז טאַקע מה נשתנה? וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ רעליגיעזן, ווי ראַבאַי דזשייקאָבס, אָדער גאָלדמאַן, וואָס נעמען אויך אָן דעם פּרינציפּ פון סעלעקטיוויטעט און דעם קריטישן צוגאַנג צו געוויסע דאָגמעס און צווישן אַזאַ אַפּיקורס, ווי שוסטער, און טויזנטער אַנדערע? אפשר וועט גאָר זיין לאָגישער צו פרעגן: ווער איז אַ רעליגיעזער ייד?

דאָ האָט דער רבנישער צד זיך פאַרפּאַנצערט און האָט קלאָר און לויט מיין מיינונג פון זיין שטאַנדפּונקט זייער לאָגיש פאָרמולירט זיין אני מאמין: עס איז דאָ אַן אַבסאָלוטער מינימום, וועלכן מ'קאָן נישט אַריבער־גיין. און דאָס איז, פּשוט געזאָגט, דער גלויבן אין גאָט און דער ווילן צו לעבן און זיך אויסצולעבן לויט אָט דער אמונה. דער דגש איז אויפן אתה און נישט נאָר אויפן בחרתנו. ראַבאַי דזשייקאָבס איז גענוג דרייסט אָנ־צונעמען, אַז פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט און ריין טעאָרעטיש האָט אַ גלויביקער ייד מער געמיינזאַמס מיט אַ פרומען קאַטאָליק, ווי מיט אַ נישט־גלויביקן יידן (כאָטש ער שטרייכט אונטער, אַז דאָס איז ריין טעאָרעטיש, איז עס איינער פון די קלאַסישע ביישפּילן פון חכמים היזהרו בדבריכם...).

ראַבאַי דזשייקאָבס וואָרנט נישט אַריינצופאַלן אין אַ פּאַסטקע און פאַרלייקענען די גרויסע ווערטן פון די נישט־רעליגיעזע. אָבער ס'איז נאָך אַלץ אַ גרויסער מהלך צווישן דעם רעליגיעזן, וואָס נעמט אָן געוויסע רעפאָרמען און מאָדערנע דעפיניציעס און דעם וועלטלעכן, וואָס נעמט אָן רעליגיע אַלס אַ וויכטיקן, אָבער ווייט נישט דעם איינציקן אויסדרוק פון דער מיסטעריע פון אונדזער קיום אין אַלע דורות און אין אונדזער תקופה.

נאָך דעם ווי ס'איז אָנגעצייכנט געוואָרן די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט, ענדיקט זיך דער געשפּרעך מיטן עיקר, מיט די אויסזיכטן פון די וועלטלעכע צו פאַרבלייבן יידן.

שערמאַן גלויבט, אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען זיך צו אַסימילירן און

מיט וואָס זיך צו אידענטיפיצירן. אַ מאָל האָט זיך אַ ייד געשמדט און איז געוואָרן אַקצעפּטירט. היינט האָבן אַלע געטער פאַרראַטן. אַט האָבן אַזוי פיל יידן אָנגענומען די קאָמוניסטישע רעליגיע, אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ביז צום שרעקלעכן אויסניכטערן זיך.

דר. שוסטער איז איבערצייגט, אַז ס׳זענען דאָ גרויסע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס דערמוטיקן דאָס אָנהאַלטן און דעם אומקער צום יידנטום און וועלן באַלאַנסירן די דעגענעראַציע־ און צעשטערונג־פּראָצעסן: די טראַומע פון היטלער־חורבן, דער אויפקום פון מדינת ישראל א. א. וו. די אַנטוישונג פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע מיט אירע רעליגיעזע און סאָציאַלע אַספּעקטן וועט אונדז מאַכן מער אָפּשאַצן אונדזערע אייגענע וויזיעס און די וווּנדערלעכע נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, די מוסטער־געזעלשאַפטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך אַ פאָלק אָן אַטריבוטן פון כוח און אָן מעגלעכקייטן צום צוואַנג.

אַוודאי קען מען זיין פּעסימיסטיש ווי ראַבאַי גאָלדמאַן און פּאָרויסזען, אַז די שואה וועט פאַרגעסן ווערן און אַפילו פאַרשווינדן פונעם באַוווסטזיין פון די צוקונפטיקע דורות און אַז ישראל איז צענטראַל נאָר צוליב די סכּנות אין וועלכע זי געפינט זיך, אָבער צי איז דען געשיכטע געמאַכט געוואָרן דורך שוואַרצזעערס און צווייפלערס, און נישט דווקא דורך גלוי־בערס און עקשנים?

דער היסטאָרישער פּאַראָל לא אמות כי אחיה איז שטענדיק שטאַרקער געווען ווי די נבואה פון חורבן, ווען ס׳באַגלייט איר נישט די וויזיע פון גאולה.

עד כאן דער אינהאַלט פון דעם שמועס. ס׳איז בכלל אַ ספק, צי מען קען עפּעס מחדש זיין אויף אַט דער אַלטער אייביקער טעמע. אויב אָבער די טעמע איז אַלט, זענען די באַדינגונגען נייע. ס׳איז מערב־אייראָפּע פון די זיבעציקער און נישט מזרח־אייראָפּע פון דעם אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען דער געראַנגל צווישן רעליגיעזע און פרייע אין יידישן לעבן און אין ציוניזם איז געווען דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו פון יידישן לעבן. ס׳איז נאָך און נישט פאַר דער שאַפונג פון דער מדינה און נאָך דער שואה. ס׳איז אין מיטן פון דער עראָזיע פון רעליגיעזן לעבן און פון

דעם פיזישן, אָדער גייסטיקן אונטערגאַנג פון אַ סך וועלטלעכע באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס.

מיר האָבן נישט בדעה אַריינצושטעקן דעם קאָפּ צווישן די הויכע בערג און אַריינצוגיין אין תוך פון דער דעבאַטע. מיר ווילן בלויז מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן ענינים, וואָס מעגן אויסזען צווייטראַנגיק און אַפילו טריוויאַל, און דערפאַר וואַרפן זיי זיך ממש אין די אויגן.

דער „טיפּ" איז ווייט נישט רעפּרעזאַנטאַטיוו. ס׳איז אַ צוזאַמענשטעל פון בלויז אַ ברוכטייל פון יידישן לעבן. דער סימפּאָזיום גלאַנצט ממש מיט דער אָפּוועזנהייט פון די, וואָס האָבן געדאַרפט אין אים אָנטיילנעמען. ס׳גייט נישט נאָר אין באַרייכערן און ניואַנסירן דורך נאָך אינטעלעקטועלע פּער־זענלעכקייטן און מיינונגען. אָן זיי זענען די מסקנות (אויב זיי זענען בכלל מעגלעך) פראַגמענטאַרע און טיילווייזע. דאָס איז נישט קיין פּאַרזען. ס׳איז אַ פעלער אין דער גאַנצער סטרוקטור.

א. ווו זענען, למשל, די יונגע, אָדער די יינגערע?

נישטאָ אין בריטישן יידנטום קיין יונגע מענטשן פון אַן אינטעלעק־טועלן קאַליבער, וואָס קענען זיך אַרויסזאָגן אין אַן ענין, וואָס איז זיי אַזוי שטאַרק נוגע? ביז וואַנען וועט מען רעדן וועגן זיי און נישט מיט זיי? צי מאַכט מען נישט דאָ דעם חשבון אָן דעם בעל־דבר?

ב. אונדז דאַכט זיך, אַז דער דיאַלאָג ליידט פון לעבלעכקייט און פון צו פיל געמיטלעכקייט אַפילו לויט בריטישע סטאַנדאַרדן. ס׳איז ווידער אַ מאָל דער באַרימטער קאָנסענסוס. ס׳איז אייגנטלעך אַ דעבאַטע צווישן צדדים, וואָס זענען שטאַרק ענלעך. ס׳פעלט דער פייער פון אַן אמתן אידעען־געראַנגל. און דערפאַר טאַקע — זאָלן מיר די ברילאַנטענע פּאָנע־ליסטן מוחל זיין — היפּשלעך לאַנגווייליק. עס איז קלאָר, אַז די חשובע ראַבאַיס פאַרטרעטן נישט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער אמתער אָרטאָ־דאָקסיע אין דאָגמאַטישער און אינסטיטוציאָנעלער הינזיכט. אָוודאי און אָוודאי איז עס ריכטיק בנוגע די וועלטלעכע.

צי איז עס אַ צופאַל, וואָס צווישן די אָנטיילנעמערס איז נישטאָ קיין איין אָפיציעלער איבערצייגטער ציוניסט? צי האָט דער נישט־רעליגיעזער ציוניזם, באַזונדערס דער אַרבעטער־ציוניזם, אַן אומגעהויערער פאַקטאָר

אין דער ייִדישער געשיכטע, גאָרנישט צו זאָגן וועגן אָט די לעבנספראַגן? צי איז ער נאָר אַ פּאָליטישע באַוועגונג און נישט אַ גײַסטיקער שטראָם מיט אַ באַזונדערער קאָנצעפּציע פון ייִדישער געשיכטע, מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון פּראָצעסן אין ייִדישן לעבן, מיט אַ קוק און אויסקוק אויף די מעגלעכקייטן און באַגרענעצונגען פון קיום אין גלות, פון שעפערישקייט און שקיעה אין אונדזער צעשפּרייטקייט? צו איז ציוניזם נישט געווען די הויפּט־אַרענע, אויף וועלכער ס׳זענען פאָרגעקומען די געראַנגלען און צוזאַמענשטויסן צווישן די רעליגיעזע און די פרייע און אויך זייער קעגנזײַטיקע שעפערישע באַפרוכפּערונג?

אפשר טאַקע דערפאַר פיגורירט כמעט נישט ישראל אין דעם גאַנצן וויכּוח. זי ווערט, אַזוי צו זאָגן, דערמאָנט אין כל הנערים, ווי איינער פון די פאַקטאָרן אין אַפּווערקאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, ווי איינער פון די יסודות, וואָס וועלן דערהאַלטן ייִדן ביים לעבן און נישט ווי דער סאַמע יסוד, ווי אַן עיקר, ווי כמעט די איינציקע האָפענונג.

אָבער דאָ גייען מיר שוין אַריין אין עצם וויכּוח און ,ווי פלעגט זאָגן מענדעלע מוכר ספרים, „נישט דאָס זענען מיר אויסן"...

1979

# ליבעראַליזם און די ייִדן

דער סימפּאָזיום „ליבעראַליזם און די ייִדן" (קאָמענטערי, יאַנואַר, 1980) איז איינער פון די גרעסטע פון דעם מין, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם אָנגעזעענעם זשורנאַל. די באַטייליקטע האָט מען געשטעלט די פאָלגנדיקע פראַגעס:

„אין משך פון לאַנגע יאָרן איז געווען אָנגענומען ביי דער מערהייט פון די אַמעריקאַנער ייִדן אַז זייערע אייגענע אינטערעסן פאַלן צונויף און קענען אַמבעסטן פאַרזיכערט ווערן דורך דעם סטאַנדאַרד־ליבעראַליזם. אָט די אַקסיאָמע ווערט געשטעלט אונטער אַ פראַגצייכן ביי די נײַסטע

אַנטוויקלונגען — די ברייט־פאַרשפרייטע שטיצע וואָס די ליבעראַלן גיבן די קוואָטעס, דער פאַרקלענערטער ענטוזיאַזם ביי זיי פאַר ישראל, די פאַרגרעסערטע סימפּאַטיע פון די ליבעראַלן פאַר דער „אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרייען פּאַלעסטינע", דער זייער שוואַכער פּראָטעסט פון זיי קעגן אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט אַרומגערינגלט די רעזיגנאַציע פון ענדרי יאַנג".

„אויף ווי ווייט עס באַאיינפלוסן אָט די אַנטוויקלונגען אייער דענקען אַלס אַ ייד וועגן ליבעראַליזם, דאַרף פון דעם אַרויסדרינגען אַן איבער־שאַצונג פון דער שטעלונג פון דער יידישער קהילה בנוגע דעם אַלגעמיינעם צושטימען צום ליבעראַליזם? דערוואַרט איר אַזאַ איבערשאַצונג? אין פאַל ווען אַזאַ וועט געשען, צי וועט עס מיינען דאָס אָוועקגיין פון דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי אין 1980?"

אין דער פאָרמולירונג פון די פראַגעס ווערט אין פאָרויס באַשטימט די שטעלונג און די כוונות פון דער רעדאַקציע. ס'קומט צום אויסדרוק די נייע אָריענטאַציע און פילאָסאָפיע פון דעם פּרעסטיזשפולן זשורנאַל, וואָס קען אָנגערופן ווערן — צוליבן מאַנגל פון אַן אַנדער נאָמען — „נעאָ־קאָנסערוואַטיזם". דערביי האַנדלט זיך עס נישט אין סתם אַ טעאָרעטי־שער דיסקוסיע, נאָר וועגן קאָנקרעטע פּאָליטישע ענינים. מ'וויל דערגיין צום תכלית, דהיינו צו די קומענדיקע וואַלן און „פאַר וועמען מ'זאָל שטי־מען". די ענטפערס פון די 52 אָנטיילנעמערס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם „ווער איז ווער" אין אַמעריקאַנער יידנטום, זענען פאַר זיך אַליין שוין אינטערעסאַנטע עסייען. די קאָמפּליצירטסטע זאַך אין אַזאַ סימפּאָזיום איז צו באַשטימען דעם „במה עסקינן", וואָס מיינט עס ליבעראַליזם בכלל און אין אונדזערע טעג בפרט. וועגן דעם זענען פאַראַן אַזוי פיל מיינונגען און דעפיניציעס ווי די צאָל באַטייליקטע.

איידער מיר פּרובירן זיי צו סומירן און אַנאַליזירן, ווילן מיר אויס־דריקן אונדזער באַוואָרעניש און קעגנערשאַפט צום פאַרבינדן יידישקייט אָדער יידן ווי אַ גאַנצקייט מיט אַ באַשטימטער פּאָליטישער פילאָסאָפיע און סיסטעם. אַוודאי איז דאָס צונויפפאָרן יידן מיטן ליבעראַליזם אונדז נעענטער צום האַרצן ווי די פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע פּרוּוון צו פאַרבינדן יידן מיטן קאַפּיטאַליזם און רעאַקציע. אָבער אונדזער פּרינציפּיעלע קעגנ־

נערשאַפט גילט אין אַלע פֿאַלן. יידן און דאָס יידישע פֿאָלק זענען אַ סך אַ טיפֿערער און דויערהאַפֿטער באַגריף ווי וועלכער עס איז „איזם". אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן.

## דעפֿיניצע פֿון ליבעראַליזם

לויטן פּראָפֿעסאָר מאָריס אַבראַם מיינט ליבעראַליזם אַ געזעלשאַפֿט־לעכע שיטה, וואָס איז באַזירט אויף פֿרייהייט און גלייכהייט אין קעגנזאַץ צום קאָנסערוואַטיזם, וואָס איז געבויט אויף סטאַטוס און ראַנג און אויף דורכן געבורט באַשטימטע אונטערשיידן. ליבעראַליזם מיינט די רעכט פֿון יחיד, וואָס קענען געצוימט ווערן דורך עקאָנאָמישע און דערציִערישע אומשטאַנדן.

מאַקס לערנער איז כּמעט דער איינציקער וואָס האָט אין זיינע ענטפֿערס וועגן דעם באַגריף ליבעראַליזם אַריינגעבראַכט קלאָרקייט. זיין הויפּט־טעזע איז, אַז עס האָט געמיינט פֿאַרשיידענע זאַכן אין פֿאַרשיידענע צייטן. ער רעדט וועגן דריי פֿאַזעס אין דער ליבעראַלער מחשבה און פּראַקטיק. אין דער ערשטער פֿאַזע איז עס געווען די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דעם נייעם מיטל־קלאַס אין איראָפּע און אַמעריקע און האָט, דער עיקר, אונטערגעשטראָכן השׂכּלה־וויסנשאַפֿט, פּראָגרעס און דעם „לעסעי פֿער" אין דער ווירטשאַפֿט. דער ליבעראַליזם האָט דעמאָלט געהאַט אַ ספּעציעלן רייץ פֿאַר די יידן, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן די איראָפּעיִשע געזעלשאַפֿט, כּדי צו געפֿינען פֿרייהייט און געלעגנהייטן אין אַמעריקע.

די צווייטע פֿאַזע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער קאָמוניסטישער און פֿאַשיסטישער רעוואָלוציע און דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין די פֿאַר־איייניקטע שטאַטן. דער ליבעראַליזם האָט דעמאָלט באַקומען אַ באַזונדערע דימענסיע. דאָס האָט געמיינט אַ פֿאַרגרעסערטע אינטערווענץ פֿון דער רעגירונג לטובת די שוואַכערע און אָרעמערע אין דער געזעלשאַפֿט און איז אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך דער „ניו־דיל־פֿילאָסאָפֿיע". ער האָט דעמאָלט דערגרייכט דעם הויכפּונקט פֿון פּאָפּולאַריטעט ביי יידן.

די דריטע פֿאַזע האָט זיך אָנגעהויבן מיט די „נייע לינקע" אין די שפּעטערדיקע 60־ער יאָרן און לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן דורך אַ ריי „קעגן" און „פֿאַר": קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, קעגן אַ פֿאַרגרע־

סערטן מיליטערישן בודזשעט, קעגן טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג אויפן מיליטערישן געביט, קעגן מיליטערישע באַזעס, קעגן אולטראַ־קאָנסערוואַ־טיווע רעגירונגען אין לאַטיין־אַמעריקע, קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע אאַז״וו. ווי געזאָגט האָט עס אויך געמיינט אַ ריי „פאַר״: פאַר דער „דריטער וועלט״, פאַר פרייזן־ און געהאַלט־קאָנטראָל, פאַר אַ קוואָטע־סיסטעם אין דער רעגירונג־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן, פאַר אַן אַבסאָלוטן צוגאַנג צו דער פרייהייט פון מאַסן־מעדיאַס אאַז״וו און ווייטער. אַ סך יידן, באַזונדערס די יינגערע עלעמענטן, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער ראַדיקאַלער אָריענטאַציע פון די ליבעראַלע וואָרטזאָגערס. דער סך הכל פון מאַקס לערנערס אַנאַליז איז אַ מין בענקשאַפט צו אַ סינטעז פון דער ליבעראַלער און קאָנסערוואַטיוו־טראַדיציאָנעלער פילאָסאָפיעס. ער האַלט אַז דער היינ־טיקער ליבעראַליזם מאַכט דעם פעלער פון אַ דאָפּלטן צוגאַנג צו רעכטע און לינקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, ער דערוויטערט זיך פון די טיפע אימפּולסן פון דער אַמעריקאַנער קולטור. ער באַנעמט נישט דאָס דעס־טרוקטיווע פון סתם ענדערונגען און מינימיזירט דעם גרויסן ווערט פון צוגעבונדנקייט צום אייגענעם לאַנד.

די פראַגע וואָס אינטערעסירט אַלע אָנטיילנעמערס איז: צי האָבן יידן פאַרלאָזן דעם ליבעראַליזם אָדער גאָר פאַרקערט?

ווי זאָגט פּראָפעסאָר עליאָט אַבראַמס? די אָפט געשטעלטע פראַגע איז: זענען יידן געוואָרן קאָנסערוואַטיוו אָדער דער ליבעראַלער עסטאַ־בלישמענט האָט פאַרראַטן זיינע אייגענע פּרינציפּן, למשל דורך שטיצן די קוואָטעס אאַז״וו?

די מיינונג פון דער מערהייט איז, אַז געענדערט האָט זיך דער ליבע־ראַליזם. ער זוכט צו פאַרענטפערן די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען דורך דער וואַקסנדיקער אינטערוועניץ פון דער רעגירונג און דורך פּאָליטישער פרייהייט צו געבן אַ גלעלגנהייט דעם יחיד לויט זיינע פעיקייטן. עס איז דעריבער שוין מער נישט קיין צופאַל, אַז יידן זאָלן אויטאָמאַטיש אויס־קלייבן און ווילן לינקס.

מ׳דאַרף, זאָגט ראָבערט אַלטער, אונטערשיידן צווישן ליבעראַליזם און ליבעראַלן. די לעצטע, זאָגט ער, האָבן אַריינגענומען אַנטי־ליבעראַלע

אידעען און ראַדיקאַליזם פון די שפּעטע זעכציקער יאָרן: דאָס אָפּוואַרפן דעם פּרינציפּ פון פעיִקייט און אָננעמען די סכעמעס פון „קאָמפּענסירנדיקער גערעכטיקייט", מיט אַנדערע ווערטער דעם „פאַרקערטן ראַסיזם", דעם „שוואַרץ איז שיין" און „ווייסע זענען דער ראַק פון דער געזעלשאַפט". מען קאָקעטירט מיט דער דריטער וועלט און מיט איר אויסטערלישער אויפפאַסונג און מיט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען.

וואָס איז די אַלטערנאַטיווע און וויפל איז פאַראַן אמת און איבער־געטריבנקייט אין דער ברייט־פאַרשפּרייטער מיינונג וועגן דעם קאָנסער־וואַטיוון קער פון די אַמעריקאַנער יידן?

טראָץ דעם וואָס די קאָנסערוואַטיווע לאָזונגען זענען אָפט נאָענט צו די אינטערעסן פון די יידן (קעגנערשאַפט צו קוואָטעס, פּראָ־ישראל־פּאָליטיק), גייט עס נישט אַזוי ווייט ווי זיך אָנשליסן אין זיי. היסטאָריש האָט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי זיך נישט אַרויסגעוויזן ווי אַ פעסטונג פאַר עניִים וואָס זענען זיי ליב און טייער, ווי דער קאַמף פאַר ציווילע רעכט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, באַזונדערס ווען ער ווערט געפירט דורך די טרעיד־יוניאָנס. וואָס בלייבט דאָן צו טאָן „אין ליכט פון דער פינצטער־ניש"? „איך וועל ווערן, ווי איך בין שוין אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן, אַ געדולדיקער אומאָפּהענגיקער, וואָס מאַכט אָפּהענגיק זיין פּאָליטישע שטיצע פאַר אַ קאַנדידאַט פון זיין שטעלונג צו ישראל" — זאָגט ווערנער דאונהאוזער. עס איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דער ליבע פאַר ישראל און פאַר אַמעריקע. ביידע זענען באַלאַגערטע דעמאָקראַטיעס. פּראָפעסאָר לעאָנאַרד פיין זאָגט טאַקע, אַז עס איז פאַראַן אַ ליבעראַלער קריזיס, וואָס טרעפט יידן און נישט־יידן, אָבער דער אויספיר קען בשום אופן נישט זיין אַ ווענדונג אויף רעכטס. דער נעאָ־קאָנסערוואַטיזם האָט טאַקע געצויגן אויפמערקזאַמקייט, אָבער האָט נישט געבראַכט צו קיין ראַדיקאַלער ווענדונג. יידן זענען פשוט אַרויסגעפאַלן פון דער פּאָליטישער סכעמע. די זעלבע מיינונג טיילט אויך אוירווינג האַו. ער איז אַן אָנהענגער פון סאָציאַלן ליבעראַליזם, וואָס איז אַן איבערבלייב פון דער מזרח־אייראָפּעישער ירושה און וועלכער איז אייגנטלעך די אַלטע און גוט באַקאַנטע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אויפפאַסונג. ער האַלט, אַז ליבעראַליזם איז נאָך אַלץ די בעסטע

ראַם אין וועלכער מען קען פֿאַרווירקלעכן מענטשלעכע ווערטן און גלײַכ־צײַטיק אַנטקעגנקומען די ספּעציפֿיש יידישע אינטערעסן. עס איז אויך לײַכטער צו פֿאַרטיידיקן ישׂראל צוליב איר דעמאָקראַטיש־ליבעראַלן כאַ־ראַקטער.

דערקעגן שטיצט דעם פּראַגמענטאַרישן און אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער פֿון דער יידישער שטעלונג גערטרוד הימעלפֿאַרב. עס טרעטן אַרויס שטאַרק פֿאַר לאָיאַליטעט צו דער דעמאָקראַטיש־ליבעראַלער באַוועגונג ראַבאַי באַלפֿור בריקנער, פּראָפֿ׳ אַרטור הערצבערג און אַנדערע.

פּרובירנדיק צו אַנאַליזירן דעם סימפּאָזיום, קענען מיר באַמערקן, אַז דאָס וויכטיקסטע און וועזנטלעכסטע אין די ראַדיקאַלע ענדערונגען פּיגו־רירן גאָרנישט אין די געשטעלטע פֿראַגעס און זענען נישט די דירעקטע טעמע פֿון סימפּאָזיום. דאָס איז קודם כּל די מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון „קאָמענ־טערי״ גופֿא. דער אינטעלעקטועלער אָרגאַן פֿון קעמפֿנדיקן ליבעראַליזם איז איצט דער וואָרטזאָגער פֿון נעאָ־קאָנסערוואַטיזם, פֿון בכורה און פּרע־פֿערענץ פֿון יידישע אינטערעסן איבער אַלעגמיינע לאָזונגען און פּראַגראַמען ווען זיי קומען מיט זיי אין קאָנפֿליקט. ווי עס באַמערקט דער ציוניסטישער אַרבעטער־טעאָרעטיקער בען האַלפּערין, באַשטייט די ענדערונג אין דעם וואָס מען אָנערקענט יידישע אינטערעסן ווי אַ יסוד, ווי אַ פֿאַקט און מען שרעקט זיך נישט מער נישט פֿאַר דער „דאָפּלטער לאָיאַליטעט״.

אין קעגנזאַץ צו דער פֿריערדיקער אָנגענומענער אײַנשטעלונג, אַז עס עקזיסטירט אַן אידענטיטעט צווישן דעם אַמעריקאַנער אידעאַל און חלום און די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע אינטערעסן, ווערט איצט אָפֿן גערעדט וועגן „די וועגן וואָס זענען זיך צעגאַנגען״ און די מיינונג פֿון דער איבער־וועגנדיקער מערהייט פֿון פּירערס און אידעאָלאָגן, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין סימפּאָזיום איז, אַז דאָס אייגענע עטנישע העמד איז נעענטער צום לײַב און מ׳דאַרף אָפּהיטן יידישן קיום און השפּעה אונטער אַלע באַדינ־גונגען. וואָס שייך ישׂראל איז עס כּמעט ווי אַ קאָנסענסוס, אַז איר פֿאַרטיי־דיקונג איז די ערשטע קריטעריע מיט וועלכער מ׳וועט אָפּשאַצן אַ קאַנדידאַט. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער קריטיק פֿון אַ סך דערשיינונגען אין לעבן פֿון דער מדינה. די הויפּט־סיבות פֿון דער דעגענעראַציע פֿון די

ליבעראַלן זענען, לויט דער מיינונג פון די חשובע געלערנטע און כלל־טוערס, די נישט־גערעכטע באַציונג, און אין בעסטן פאַל, וואַקלדיקייט לגבי דער מדינה. אָפּט מאָל גלויבן מיר אַליין נישט אונדזערע אויגן ווען מיר לייענען די דערקלערונגען. עס ווייזט זיך אונדז אויס „אַז די כלה איז צו שיין"... דער פועל־יוצא: עס וועט בלייבן ביים אַלטן. יידן וועלן ווייטער געהערן צום ליבעראַלן לאַגער, טראָץ דער „אַנטוישטער ליבע". אַ טייל וועט בכלל ווערן אפיקורסיש לגבי באַוועגונגען און פּאַרטייען, אַ טייל וועט באמת זיך רעאָריענטירן פּאָליטיש. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, אַז די פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב זעט די לאַגע „מיט יידישע אויגן". דאָס איז דאָס גרעסטע געווינס. אַלע זענען מסכים „אַז וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר".

1980

# די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג און די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע

דאָס איז דאָס קעפּל פון אַ זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון ראַבאַי סיימאָן גרינבערג, איינעם פון די באַדייטנדיקסטע פירערס פון דער קאָנ־סערוואַטיווער באַוועגונג אין די שטאַטן.

דער מאמר איז געשריבן אין פאַרבינדונג מיט די אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען, וואָס ווערן איצט געפירט וועגן אָנשלוס פון אָט דעם צאָלרייכסטן רעליגיעזן שטראָם פון אַמעריקאַנער יידנטום אין דער ציוי־ניסטישער באַוועגונג. ער שפּיגלט אָפּ די געראַנגלען, וויכוחים, ספקות און פאַרלאַנגען פון דער מחנה, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַ פאַרשיידנפאַרביקייט פון אידעאָלאָגישע, טעאָלאָגישע און אַלגעמיין יידישע שטעלונגען.

מיר זענען זיכער מסכים מיטן מחבר וועגן דער צייטיקייט און דרינ־

גענדיקייט פון אַוועקשטעלן דעם ענין אויפן סדר־היום און מיר וואָלטן געקענט צוגעבן צו די דורך אים אויסגערעכנטע סיבות (די פאָלגן פון דער יום כיפור־מלחמה, די טראַומאַטישע ענדערונג ביי די אויל־פּראָדוצירנדיקע אַראַבישע מדינות, די אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגעץ און די נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן אין איר דעם ציוניסטישן טייל), די אַנטי־ציוניסטישע קאַמפּאַניע מיט איר קלימאַקס אין דער רעזאָלוציע וועגן ראַסיזם און ציוניזם און, נישט ווייניקער, די טיף יידישע גייסטיקע אידענטיטעט פון די קאָנסערוואַטיווע מיט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און אירע פּאָליטישע און גייסטיקע אַספּעקטן.

אין קורצע אָבער פּילזאָגנדיקע ווערטער רעזומירט דער חשובער מחבר די גוט באַקאַנטע געשיכטלעכע איינשטימיקע און איינדייטיקע שטעלונג פון די קאָנסערוואַטיווע צו דער „שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אין דעם געטלעך צוגעזאָגטן לאַנד פון די אבות" און דעם גוט באַקאַנטן פאַקט, אַז די ברייטע מיטגלידערשאַפט און לא כל שכן די פירערס האָבן ברייטהאַרציק און לאָיאַל געשטיצט די מדינה.

ער באַמערקט אויך מיט אַ סך מוט אַז „אַ פאָרמעלע אַפיליאַציע וועט אָפּשאַפן דעם לעצטן רעשט פון ספק וועגן דעם צענטראַלן (די אונטער־שטרייכונג איז אונדזערע ב. פּ.) פּלאַץ וואָס די מדינה פאַרנעמט אין דער טעאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע" און אַז די אַפיליאַציע וועט דערמוטיקן אונדזערע ברידער אין ישראל און שטאַרקן די העגט פון די נישט־יידישע פריינד, וואָס געפינען זיך צוזאַמען מיט אונדז אין געראַנגל מיט דער ברייט פינאַנסירטער און מעכטיקער וועלט־אַגיטאַציע קעגן ישראל (דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן נאָך פאַר דער יו־ען־רעזאָלוציע).

גאָלדענע ווערטער. אויב אַזוי טאָ פון וואַנען דאָס צווייפלען? פאַר וואָס דאַרף די אַפיליאַציע קומען נאָך דעם אָנשלוס פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט אַ היפשע דאָזע פון „חטאת נעורים" פון אַנטי־ציוניזם און יאַהודיש־מעסיקער אַסימילאַציע? איז עס, חלילה, כדי נישט אויסצוזען ווי „נאָכשלעפּערס נאָך די רעפאָרמירטע?" מיר האָבן צו פיל דרך ארץ פאַר דער באַוועגונג כדי צוצולאָזן אַזאַ געדאַנק. ראַבאַי גרינבערג שטעלט אַרויס אַ רייע באַוואָרענישן און באַטראַכטונגען, וואָס דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי

קאָנטראַ־אַרגומענטן קעגן דעם אָנשלוס אָדער לכל הפחות ברענגען צום צווייפל און צו אַ פּאַוזע פּאַר איבערדענקען, כדי מען זאָל נישט אָנגעמען אַזעלכע באַשלוסן מיט אַ לייכט האַרץ.

ווילן מיר, ווי ווייט מעגלעך אָביעקטיוו, איבערגעבן די חששות און ספקות, אָבער (וואָס ס׳ווייזט אונדז אויס לאָגישער און וואָגיקער) אין אַ פאַרקערטן סדר ווי דעם מחברס: צום ערשטן די אידעאָלאָגיש־טעאָלאָגישע מאָטיוון און דערנאָך די אָרגאַניזאַציאָנעלע.

1) דער פּלאַץ פון רעליגיע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. לויט ראַבאַי גרינבערג האָט דער ציוניזם, וואָס איז דערשינען אַלס טאָטאַלע פילאָזאָפיע פון יידישן לעבן, שטענדיק באַהויפּטעט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז גלייך מיט אַנדערע פעלקער. זיין „שטעלונג צו דעם רעליגיעזן קאָמ־פּאָנענט פון דער יידישער ירושה איז בדרך כלל געווען אַ נישט־קלאָרע און אַ נעגאַטיווע״; אין ישראל פאַרנעמט רעליגיע אַ פּעריפעריאַלע ראָלע.ביידע טעזן און פעסטשטעלונגען זענען נישט קיין ריכטיקע. זיי זענען אויך נישט ניי און כמעט אַזוי אַלט ווי דער ציוניזם אַליין און אַ טעמע פאַר אומענדלעכע וויכוחים און סעריעס אַרטיקלען און אַרבעטן. לאָמיר עס לאַקאָניש פאָרמולירן: דער ציוניזם האָט נישט געוואָלט אָפּשאַפן דעם יחוד, די אייגנאַרט, די געשיכטלעכע ראָלע פון יידישן פאָלק. ער האָט נישט געשטרעבט אים צו פאַרגויאישן, נאָר פּונקט פאַרקערט — שאַפן נאָרמאַלע, גלייכע באַדינגונגען צו די פון אַנדערע פעלקער, כדי טאַקע צו פאַרזיכערן זיין זעלבסטשטענדיקן קיום. ער איז אַרויס פון דער הנחה — און אין אַן אַנדער שטעלע איז טאַקע ראַבאַי גרינבערג צו דעם פולשטענדיק מסכים — אַז דער קיום פון יידישן פאָלק אַלס אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע איינהייט איז אוממעגלעך אָן אַ סוווערענעם צענטער מיט נאָרמאַלע פאָלק־אַטריבוטן.

וואָס שייך רעליגיע, איז עס ממש אומגערעכט כלפּי דעם ציוניזם צו באַהויפּטן, אַז ער איז PER SE אַנטי־רעליגיעז, און איך גיב צו, אַפילו נישט־רעליגיעז אין ברייטערן זין פון וואָרט, כאָטש, ווי אין יעדער גרויסער באַוועגונג, זענען פאַראַן פאַרשיידענע צוגאַנגען און שאַטירונגען, צווישן זיי אויך אַגנאָסטיקערס און אַפילו אידעאָלאָגישע אַפּיקורסים. אחוץ אפשר אין די קינדער־יאָרן, (כאָטש אפילו הערצל, וואָס איז נישט געווען קיין מורה־

הלכה אין די פראַגעס, האָט געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז קודם כל אַן אומקער צום יידנטום) איז ער קיין מאָל נישט געגאַנגען אויף דעם וועג. אפילו די וועלטלעכסטע און מאַרקסיסטישע באַגרינדערס און אינטער־פּרעטאַטאָרן פון ציוניזם האָבן באַטראַכט די עטנישע און נאַציאָנאַלע ירושה אַלס איינעם פון די גרונט־עלעמענטן פון פאָלק און געהאַלטן אַז ס׳איז נישטאָ קיין יידישע פאָלקס־קולטור אָן רעליגיע. אַ סך וועלן מסכים זיין מיט ראַבאַי גרינבערג, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין צוויי קולטור־און דערציונג־דעפּאַרטאַמענטן אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. דער אַלגעמיינער דעפּאַרטאַמענט איז נישט אַפּיקורסיש און מאַכט נישט קיין „געצוווּנגענע" רעליגיעזע קאָנצעסיעס צו רעליגיע און דער תורה־דעפּאַרטאַמענט איז נישט אַזוי פאַנאַטיש און תורה־עקסקלוסיוו. דאָ גייען אַריין אין חשבון גאַנץ אַנדערע פאַקטאָרן, פון אַ מער פּראָזאַישן כאַראַקטער, מיט וועלכן אויך אַ ראַבאַי און בפרט אַ נישט־אָרטאָדאָקסישער דאַרף זיך רעכענען. בכלל זעט עס אויס מאָדנע, אַז דווקא די קאָנסערוואַטיווע זאָלן זיין די שטרענגע אָפּהיטערס פון רעליגיע אין דער מדינה. מיר ווייסן דאָך, אַז זיי ראַנגלען זיך פאַר דעם פּרינציפּ און דער פאָרמול פון אָפּטיילן די „קירכע פון שטאַט" (אַן אויסדרוק וואָס זעט אויס אגב אַ ביסל מעכאַניש און „אויסלענדיש").

2) וואָס שייך דעם אייביקן פּראָבלעם פון „ישראל און די תפוצות":
כ׳האָב געמיינט, אַז די מחלוקת האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן יעדער מאָס פון אַקטועלקייט און משמעות צווישן נאַציאָנאַלע יידן, ווי קען מען איצט געפינען עקסטרעמע גלות־פאַרלייקענערס אפילו אין טעאָרעטישער היג־זיכט? (אין דער פּראַקטיק איז עס שטענדיק געווען אויסגעזויגן פון פינגער). ציוניסטן זענען געווען די בויערס און וועגווייזערס פון אַלץ וואָס איז שעפעריש און אַליין־דערהאַלטנדיק אין יידישן לעבן, כאָטש אַן אילוזיעס און אָן התפעלות. עס האַנדלט זיך וועגן ישראל אַלס צענטער און נישט אויסשליסלעכער ראַם פאַרן יידישן קיום, לעבן און אַוודאי קענען מיר זיך נישט גאַנצן אונטערשרייבן אונטער דער באַהויפּטונג וועגן דער מעגלעכקייט און רעליגיעזער געוווּנטשנקייט (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע ב.פ.) פון יידישן לעבן אין גלות. מיר זענען אַ סך פּעסימיסטישער

און ניכטערער אויפן יסוד פון דער טרויעריקער היסטאָרישער דערפאַ־רונג, אָבער דאָס איז שוין אַ פראַגע פון לעגיטימע אונטערשיידן אין דער ציוניסטישער משפחה. זיי זענען אַ סך ווייניקער און מילדער, ווי די חלוקי דעות אין דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג גופא: צווישן „רעכטע״ און „לינקע״ אינאָוואַטאָרן און טראַדיציאָנאַליסטן, ווו יעדער טעמפל איז אַ וועלט פאַר זיך. און פון דעסטוועגן לעבט מען אונטער איין דאַך און גאָר נישקשהדיק.

וואָס שייך די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַוואָרענישן: דאָ האַנדלט זיך וועגן ריין עמפּירישע באַטראַכטונגען אין וועלכע אַ דרויסנדיקער קען נישט אַרויסזאָגן קיין מיינונג, ווי למשל: צי די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג האָט די געהעריקע מיטלען און מענטשן־כוחות פאַר אַן אמתדיקן און נישט בלויז פאָרמעלן אָנשלוס. צי דאַרף די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטיצן די אַקטיוויטעטן פון דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג, ווי זי טוט עס לגבי אַנדערע, אָדער מען דאַרף זיין קעגן אַזאַ מין פאָרם פון „נעם און גיב״, וואָס איז לויט ראַבאַי גרינבערג דער מנהג אין אָרגאַניזירטן ציוניזם? דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן, ריין אינערלעכע ענינים.

פאַר מיר איז קלאָר, אַז די טעאָריע, אַז פון שטאַנדפּונקט פון „פּאָבליק רילעישאָנס״ האָבן עפנטלעכע דערקלערונגען פון נישט־ציוניסטישע גרו־פּירונגען, מער וואָג און השפעה ווי די אַרויסזאָגונגען און דעקלאַראַציעס פון ציוניסטן, איז געבויט אויף לופט. באַזונדערס אין אונדזער צייט פון פראָנטאַלן אָנגריף אויף ציוניזם, וואָס פאַרלאַנגט אַן עפנטלעכע, מאַסיווע פאַרטיידיקונג פון אָפיציעלע ציוניסטן, וועלכע נעמען אויף דעם אַרויסרוף פון די שונאים מיט שטאָלץ און הונדערט־פּראָצענטיקער אידענטיטעט. אין דעם פּרט איז די דערקלערונג פון די קאָנסערוואַטיווע, אַז „כ׳בין אַ ציוניסט״ פון דעם העכסטן פּאָליטישן און מאָראַלישן ווערט.

*

וואָס שייך דעם עצם אָנשלוס, וואָס ראַבאַי גרינבערג איז ווייזט אויס גענייגט צו רעקאָמענדירן, דאַרף, לויט זיין מיינונג, געטאָן ווערן דאָס

פאָלגנדיקע: מ׳דאַרף פאַרמולירן די באַדינגונגען אונטער וועלכע די קאָנ־סערוואַטיווע באַוועגונג קען אַריין אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אָן שום באַוואָרענישן. דאַן דאַרף מען אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און קומען צו אַן עמק השוה.

אויב ווידער מען זאָל נישט קומען צו „האַרמאָנישער איינשטימיקייט״ קען פון דעסטוועגן געמאָלט זיין אַן אַפּיליאַציע מיט עפנטלעך־פאָרמולירטע רעזערוואַציעס. מיט דעם וועט מען באַווייזן, אַז מען נעמט נישט אָן דעם באַשלוס מיט אַ לייכט האַרץ, כדי „אַרויפשפּרינגען אויפן וואָגן״, אָדער כדי „צו האָבן אַ טובת הנאה״, נאָר מען מיינט אויסאיבן אַ השפעה און דורכפירן די געהעריקע ענדערונגען.

צווישן די געוווּנטשענע מהותדיקע ענדערונגען האָט ראַבאַי גרינבערג פאַר באַזונדערס וויכטיק דאָס ווידער־פאַרמולירן דעם אַריינפיר צום ציו־ניסטישן פּראָגראַם.

אָט איז דער נוסח פון אַ פאָרגעלייגטער הקדמה אין אַ נישט צו־געניטער יידישער איבערזעצונג:

„דער ציוניזם שטרעבט צו פאַרטיפן די רעליגיעז־קולטורעלע ירושה פון יידישן פאָלק און זי פאַרוואַנדלען אין אַ וואָס מער וויכטיקערן פאַקטאָר אין געשטאַלטיקן דעם כאַראַקטער פון יידישן יחיד, יידישער קהילה און די וועלט־ציוויליזאַציעס. ער גלויבט, אַז די עקזיסטענץ פון אַ דעמאָקראַ־טישער גייסטיק־פילבאַרער (עס פעלט מיר אויס אַ פאַראַלעלער אויסדרוק פון דעם ענגלישן סענסיטיוו אין דעם באַזונדערן מחברס מיין) מדינה אין דעם לאַנד, וואָס די ירושה איז מיט אים געווען פאַרבונדן עמאָציאָנעל, טעאָלאָגיש און היסטאָריש און וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק כדי צו דערגרייכן דעם אויבן־דערמאָנטן ציל״.

עד כאן דער נוסח. ס׳זענען דאָרט פאַראַן ציוניסטישע אמתן, וועלכע קיינער קען נישט אָפּפרעגן. דאָס איז די קאָרעקטע אויפפאַסונג פון ציוניזם צו זען די מדינה, נישט ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין, נאָר ווי אַן אינסטרומענט אויפצוהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק, נישט בלויז פיזיש, נאָר אויך גייסטיק־רעליגיעז, ווי אַ פּאָזיטיוון כוח און נישט ווי עפּעס וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס תשובה צו אַנטיסעמיטיזם.

עס זענען דאָ אין דעם נוסח אַ סך זאַכן, וועלכע דאַרפן נישט געזאָגט ווערן, יעדן פאַלס, נישט אַזוי עקסטרעם, אין אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער באַוועגונג וואָס וויל אַריינגעמען אַלע יידן פון אַלע שאַטירונגען, מיינונגען, אַריינגערעכנט אויך נישט־רעליגיעזע. אָבער דאָס איז זיכער נישט קיין יסוד פאַר „לעבן באַזונדער״. עס איז פאַראַן גענוג פלאַץ פאַר אַ וויכוח, וואָס קען נאָר אויפלעבן און אויפוועקן דאָס אידעיִשע לעבן אין ציוניזם, וואָס איז היפּשלעך פאַרפרוירן.

ווי זאָגט עס ראַבאַי גרינבערג ? „די קאָנסערוואַטיווע ווילן נישט ווערן נאָך אַן אָנטיילנעמער אין דעם צווישן־פּאַרטייאישן געראַנגל. זיי ווילן ווערן אַ גייסטיקער און אינטעלעקטועלער סטימולאַנט, וואָס וועט אַרויסרופן אַ רעליגיעז־קולטורעלע יוירונג אין די ציוניסטישע רייען״.

דער שרייבער פון די שורות איז זיכער, אַז קיינער קען נישט בעסער פאָרמולירן די אויפגאַבעס פון אַט דעם גרויסן כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר באַטראַכטן דאָס נישט אַלס „דראָונגען״ אָבער מיט איין אויסבעסערונג: צייט אין אונדזער שנעל־באַוועגלעכער תקופה איז אויך אַ פאַקטאָר און יפה שעה אחת קודם.

# דער קריזיס אין דער רעפאָרם־באַוועגונג

## א.

דזשוליוס ווייַנבערג פון דעם קליוולענדער אוניווערסיטעט האָט אין „קאָמענטערי״ פון נאָוועמבער, 1980 פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אַרבעט וועגן דעם קריזיס וואָס עס מאַכט איצט דורך די רעפאָרם־באַוועגונג אין די שטאַטן. דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, אָריגינעלסטע און טיפסטע עסייען, וואָס זענען ווען עס איז דערשינען אויף דער טעמע. כאָטש עס פילט זיך באַשיימפּערלעך, אַז דער מחבר איז נישט בלויז אַ גלייכגילטיקער אָבסערוואַטאָר, נאָר האָט אַ באַשטימטע מיינונג און שטעלונג, איז עס פון דעסטוועגן ווייט פון אַ פּאָלעמישן אַרטיקל. ס'איז אַ וויכטיקער

אָביעקטיווער און גרינדלעכער דאָקומענט. די אַרבעט איז אָנגעשריבן ביי דער געלעגנהייט פון 100 יאָר „אַמעריקען היברו קאָנגרעגעישאָן" (1874), „היברו יוניאָן קאָלעדזש" (1875) און פון דער צענטראַלער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער ראַבאַיס (1879).

פראָפעסאָר וויינבערג צעטיילט די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג אין 4 טיילן: די תקופה פון אָנהויב, דאָמינירט דורך די צוויי וויכטיקע פערזענלעכקייטן, דעם פּראַגמאַטישן דענקער אייזיק מאיר וויז און דעם עקסטרעמען אָנהענגער פון סאָציאַלער טעטיקייט, דוד איינהאָרן. דאָס איז געווען די צייט פון אוניווערסאַליזם, היינטצייטיקייט און גלייכגילטיקייט לגבי דעם ריטואַל. די צווייטע פאַזע האָט געדויערט פון אָנהויב 20־סטן יאָרהונדערט ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער עס האָט זיך קריסטאַליזירט דאָס וואָס ווערט אָנגערופן „די קלאַסישע רעפאָרם" און ווען די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע און זייערע קינדער האָבן אָנגעגריפן די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער באַוועגונג און זי געשטויסן צום אַלטן סטיל און נוסח און צו אַקצעפּטירן דעם ציוניזם.

אין דער דריטער פאַזע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מ'האָט געפונען דעם גאָלדענעם סינטעז צווישן אוניווערסאַליזם, ברייטער טעטיקייט אויפן סאָציאַלן געביט פון איין זייט און מזרח־אייראָפּעישער טראַדיציאָנעלקייט און יידישקייט פון דער צווייטער זייט.

דער איצטיקער מצב, דהיינו די פערטע תקופה, ווען די רעפאָרמירטע באַוועגונג האָט געליטן שווערע דורכפאַלן, פאַרלאָרן איר דינאַמישקייט, צייכנט זיך אויס מיט פאַרלאָרנקייט און צעטומלניש און גייסטיקער צעשפּליטערונג.

מיר האָבן פריִער דערמאָנט די דריטע פאַזע, ווען די רעפאָרם־באַוועגונג האָט, אַזוי צו זאָגן, געגעסן פון ביידע וועלטן און האָט קאָמבינירט „עטניסיטעט" און ליבעראַליזם. עס האָט כמעט אויפגעהערט די מחלוקת וועגן דער שטעלונג לגבי דעם ציוניזם. דער עלטערער דור האָט אויסגעדריקט זיין צוגעבונדנקייט צו ישראל דורך באַדייטנדיקעביישטייערונגען. ישראל איז געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דעם לערנ־

פראָגראַם אין די קאָנגרעגאַציע־שולן. יוגנטלעכע האָבן אויסגעפילט דעם בלויז אין רעליגיעזער אַטמאָספער און דערפאַרונג דורך ישראלדיקער טעטיקייט. מ׳האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אומגעקערט צום ריטואַל און צום נוסח, הגם דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון יעדער קאָנגרעגאַציע באַזונדער, איר געשיכטע און כאַראַקטער פון דער מיטגלידערשאַפט.

מ׳האָט ווידער איינגעפירט דעם בר־מצווה־ריטואַל, וואָס מ׳האָט היפּשלעך געהאַט פאַרנאַכלעסיקט און מ׳האָט עס געפייערט פריטיק־צונאַכט און שבת און אַ מאָל אויך זונטיק. דאָס זונטיק־דאַוונען האָט זיך כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. מ׳האָט איינגעפירט ווידער אַ מאָל די הבדלה, וואָס האָט אַפּעלירט צו די ייִנגערע עלעמענטן מיט איר פאַרביקייט און בילדלעכקייט. מ׳האָט אויך געענדערט דעם כמו פּראָטעסטאַנטישן כאַראַקטער פון די תפילות.

אין די סידורים האָט מען אַריינגענומען נייע נאַציאָנאַלע טעקסטן און מ׳האָט גענומען אין באַטראַכט די עטנישע, ליטורגישע און אידעאָלאָגישע נויטן פון די מתפּללים. מ׳האָט פאַרביטן די מוזיק פון מאָצאַרט און היידען אויף בינדערן און יאַסינאָווסקין. מ׳האָט אַפילו צוריק איינגעפירט די אינסטיטוציע פון אַ חזן, אַ זאַך, וואָס מ׳האָט זיך קוים געקענט פאָרשטעלן אין דער קלאַסישער רעפאָרם. בקיצור, ס׳איז געווען אַ תקופה „פאַר גאָט און פאַר לייטן״.

אָבער אין מיטן פון די 1960־ער האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן. אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פרעגצייכן און „דער גאָלדענער שליאַך״ איז ווי פאַרלאָרן געגאַנגען.

## ב.

דער גרויסער גייסטיקער אָנגריף פון די נײַ־לינקע ראַדיקאַלן קעגן די „בורזשואַזע״ נאָרמעס און אינסטיטוציעס האָט שווער געטראָפן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום בכלל און די רעפאָרמירטע בפרט. זיי זענען געווען די ערשטע זיך אונטערצוגעבן, משלים צו זיין „מיטן גייסט פון דער צייט״. זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט זיך „צופּאַסן״ און אַריינפירן אין

טעמפּל, אין סעמינאַר פרעמדע עלעמענטן און מאָטיוון מיטן ציל זיי צו אינטעגרירן אין יידישן רעליגיעזן לעבן.

מ׳האָט אַריינגעפירט אין די שולן די גיטאַרע, דעם „ראָק און ראָל״ אויפן אָרט פון אָרגל און לעוואַנדאָווסקיס ליטורגיע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון „קרעאַטיווע גאָטעס־דינסטן״, איין מאָל אַ יאָר אָדער אַפילו יעדן חודש.

די נייע מאָדע האָט זיך באַזונדערס אָנגענומען צווישן די תּלמידים פון רבנים־סעמינאַרן. די סעמינאַריסטן האָבן אַזוי צו זאָגן רעוואָלטירט סיי קעגן דער קלאַסישער רעפאָרם און סיי דער טראַדיציאָנעלער אָריענ־טאַציע פון די נאָך־מלחמה־יאָרן. מ׳האָט פאַרלאַנגט פון איין זייט די פריי־הייט צו „קאָמפּאָנירן״ תּפילות און פון דער צווייטער זייט די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן כּשרות און לייגן טלית און תּפילין. בקיצור אַ צעטומלעניש. פונקט ווי אין די אַלגעמיינע קעמפּוסעס, אַזוי האָבן אויך די אייפערדיק געשטיצט די וויעטנאַם־שלום־באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן אַ מין רעליגיע.

דער רעזולטאַט איז געווען אַז עס איז צעבראָכן געוואָרן די אידעאָ־לאָגישע און טעאָלאָגישע אחדות פון דער באַוועגונג.

צוויי גרויסע פאָרשונגען האָט אַמבעסטן אָפּגעשפּיגלט און אויסגע־דריקט דעם טיפן קריזיס און דערשיטערונג. איינע איז אונטערגענומען געוואָרן דורך דער „יוניאָן״ פון אַמעריקאַנער „היברו קאָנגרעגעישאַנס״ (די סעקולערע באַוועגונג) אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר ל. פיין, אונ־טערן נאָמען „רעפאָרם איז בלויז אַן אויסדרוק״; אַ צווייטע — דורך די ראַבאַיס אַליין אונטער דער אָנפירונג פון טעאָדאָר לעין. ביידע זענען דערשינען אין 1972. לעין דערקלערט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די רעפאָרם־באַוועגונג טראָגט אין זיך דעם „פּאָטענציאַל פון צעפאַלונג״. פּראָפעסאָר פיין ווידער רעכנט אויס די געפערלעכע מחלות פון וועלכע זי ליידט: זי איז נישט פעיִק צו געבן אירע מיטגלידער אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט צו אַ קהילה, זי פאַרמאָגט נישט קיין אידעאָלאָגיע און האָט נישט באַוויזן צו שאַפן קיין געהעריקע פאָרם פון רעליגיעזן אויסדרוק, אָדער ווי ער רופט עס אָן אויפן געלערנטן לשון: „די אַטראָפירונג פון יידישן אידיאָם״.

פראָפעסאָר לעין שטיצט די פעסימיסטישע אויספירונג פון פּראָפעסאָר פיין און מאָלט פון זיין זייט אַ טרויעריק בילד פון ראַבינאַט. די ראַבאַיס זענען אומזיכער וועגן דער דעפיניציע פון גאָט און אַ טייל צווייפלט בכלל אין זיין עקזיסטענץ. נאָך ערגער זענען די תּלמידים אין די רבנים־סעמי־נאַרן. אַ העלפט פון זיי באַטראַכט זיך אַלס „אַגנאָסטיש". מיט איין וואָרט, יידן אָן יידישקייט און רעליגיע אָן גאָט.

די ראַבאַיס זענען היפשלעך פאַרנומען מיט זייערע אייגענע פראָ־פעסיאָנעלע פּראָבלעמען (געהאַלט, „סאַבאַטיקל", פערמאַנענץ אין אַרבעט־אאַז"ו). דאָס פאַרשאַפט זיי מער זאָרג ווי די שוואַכקייט פון דער קאָנגרע־גאַציע און דער גלויבן פון די מתפּללים. זייער הויפּט־שליחות זעען זיי מער „אין העלפן מענטשן" ווי אין מצוות און רעליגיעזע פליכטן. עס פאַרשווינדט דער מין ראַבאַי, וואָס איז געבוירן אין אַן אָרטאָדאָקסישער היים, „קען די קליינע אותיעלעך" און איז בקי אין ריטואַל.

ביי די באַלעבאַטים ווידער איז זיין אַ ייד אַ סינאָנים מיט „זיין אַן עטישער מענטש". ס'איז נישט אַזוי וויכטיק צו גלויבן.

די באַוועגונג האָט זיך שאַרף צעטיילט אין דריי הויפּט־פּראָגעס, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך בייז בלוט און אַנטאַגאָניזם: דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, וואָס איז שטענדיק געווען קאָנטראָווערסיאַל (צי דאַרף מען און מעג מען געבן חופּה וקידושין אַ פּאָרל, ווו דער קריסטלעכער צד האָט זיך נישט מגייר געווען); דער ענין פון ריטואַל און דאָס אָרט וואָס עס דאַרף פאַרנעמען די סאָציאַלע טעטיקייט.

ווען מיר זאָלן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דער לעצטער פאַזע פון דער מחלוקת, וואָס האָט באַקומען איר אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ אין 1977, קען מען זען דעם תּהום וואָס צעטיילט די צדדים. די מערהייט גרענעצט זיך אָפּ פון דער ווירקלעכער פרייהייט אין דעם פּרט. זי באַזירט איר קעגנערשאַפט אויף דער סאָלידאַריטעט פון יידישן פאָלק, אויף היס־טאָרישע פּרעצעדענטן, אויף דער נויטווענדיקייט צו באַפרייען דעם ראַבאַי פון דעם דרוק פון די עלטערן, וואָס ווילן האָבן זיין אָפיציעלע ברכה.

די קעגנערס ווידער טענהן, אַז אַזוי צי אַזוי וועט די געמישטע חתונה פאָרקומען. אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון געבן חופּה וקידושין וועלן די

ראַבאַיס בלויז פאַרמאַכן אַ טיר, וואָס איז נאָך אַ ביסל אָפן. ווי באַקאַנט, האָט מען דאָ אָנגעגומען אַ „וואָרעמער פּראָסט־רעזאָלוציע", מ'האָט ווידער אַ מאָל פּראָקלאַמירט און געשטאַרקט דעם פּרינציפּיעלן איסור, אָבער מ'האָט גלייכצייטיק דערמאָנט וועגן דער אויטאָנאָמיע פון די באַזונדערע קאָנגרעגאַציעס. אַ רעזאָלוציע אָן ציינער. די מעכאַנישע איינהייט איז וויכ־טיקער ווי די אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט.

אין דער פראַגע פון הלכה, פון ריטואַל און נוסח, פון טעאָלאָגישע יסודות אין דעם באַגריף פון איין פאָלק, אין דעם ענין פון צענטראַליטעט פון ישראל — איז מען אויך שטאַרק צעשפּליטערט. פון איין זייט איז פאַראַן פּראָפעסאָר ריינעס, וועלכער האַלט, אַז מ'קען זיך באַפרייען פון היסטאָרישן באַלאַסט פון יידנטום. לויט אים קען מען אָפּוואַרפן די אידעע פון דעם הייליקן בונד צווישן גאָט און די יידן, מ'קען אָפּוואַרפן דעם גלויבן אין „תורה מן השמים" און זיך דערלויבן די פרייהייט, די מענטש־לעכע פאַרמען פון רעליגיעזן אויסדרוק.

עס איז אַפילו געשאַפן געוואָרן, אונטער דער פירערשאַפט פון מכאלי, אַ פראַקציע פון פּראָגרעסיוון יידנטום, וואָס וואַרפט אָפּ די צענטראַליס־טישע טענדענץ פון דער פירערשאַפט און איר אַריינמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון די טעמפּלען. די פראַקציע איז קעגן דעם צוואַנג אין ריטועלע נאָרמעס, קעגן ישראלס איינפלוס אויף דער באַוועגונג און קעגן דער עטניש־נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג פון יידנטום.

ראַבאַי פלאַוט און ראַבאַי פּעטושעווסקי ווידער שטרייכן אונטער דאָס פאַרקערטע. זיי לייגן דעם שווערפּונקט אויף „פּיפּלהוד" (פאָלקס־באַגריף). זיי ווילן באַפרייען די באַוועגונג פון איבערגעטריבענער ביבל־קריטיק, פון דער קאָנצעפּציע פון נייעם ציון אויפן אָרט פון היסטאָרישן היימלאַנד פון פאַרבייטן גלויבן אויף וויסנשאַפט.

עס איז אויך צעטרייסלט געוואָרן אַן אַנדער דאָגמע: דער גלויבן אין ליבעראַליזם ביי יידן בכלל און ביי די רעפאָרמירטע בפרט. דאָס איז געשען ווען לעבנסוויכטיקע יידישע אינטערעסן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ביז־איצטיקער טראַדיציאָנעלער שטעלונג בנוגע מענטשלעכע און ביר־גערעכט, גלייכבאַרעכטיקונג און אינטעגראַציע פון די נעגערס. מען האָט

דערפילט, אַז די גרויסע מאַסע פון אַפיליאירטע ציט זיך צוריק פון אַט די גרויסע טעטיקייטן און געפינט אַ גרעסערן אינטערעס אין „פּראַקטישע“ ענינים, ווי דער געראַנגל פאַר די סאָוויעטישע יידן, קאַמף פאַר ישראלס זיכערקייט און אַנטוויקלונג אאַז״וו. מ׳קערט זיך אום צום אַלטן קריטעריום: „איז דאָס גוט פאַר יידן?“

ווי אַזוי שפּאַנט מען אַריבער דעם תהום? ווי אַזוי היט מען אָפּ די איינהייט פון דער גרויסער באַוועגונג טראָץ דעם פּלוראַליזם פון אַנשויונגען און מיינונגען? וואָס איז די רעפאָרם, וואָס קען ראַטעווען די רעפאָרם־באַוועגונג?

דער מחבר שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דער ראָל פון ראַבאַי יודזשין באָראָוויטש אין שייכות מיט דער גרויסער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אַלס פאָרזיצער פון דער „פּלאַטפאָרמע־קאָמיסיע“ פון דער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער ראַבאַיס אין 1976. די קאָמיסיע האָט געדאַרפט פאָרטרעטן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון פּיטסבורג אין 1885 און פון קאָלאָמבוס אָהייאָ אין 1973, מ׳האָט געפּרוווט אויסצונוצן די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער יובל־שטימונג פאַר יידישע צוועקן, אָפּשטעלן די צעשפּליטערונג פון דער רעפאָרם־באַוועגונג און געבן איר אַן אַלגעמיינע ריכטלינע. דער רעזולטאַט פון די באַמיונגען איז געווען „די פּערספּעקטיוו פון אַ יאָרהונדערט“. מען פּרוווט דאָרט ווי עס איז צו פאַרלאַטען די חילוקי־דעות און אויסמיידן די דעליקאַטע פראַגע. מ׳גייט אַריבער איבער אַזעלכע קלייניקייטן ווי דאָס מהות פון גאָט און געטלעכקייט, ישראל און גלות, תורה, סאָציאַלע טעטיקייטן און מ׳רעדט בלויז וועגן דאָס זיכערע און פּאָזיטיווע, דהיינו, דעם גרויסן בייטראַג וואָס עס האָט געמאַכט די רעפאָרם־באַוועגונג אין דער געשיכטע פון מחשבה און לעבן פון יידן אין אַמעריקע. מ׳זוכט ווידער צו באַנייען די וואַרעמע און היימישע קאָמבינאַציע צווישן עטנישער אַנדערשקייט און אוניווערסאַליסטישע חלומות פון אַ נייער וועלט.

אין זיינע ביכער האָט באָראָוויטש אויסגעברייטערט און מער באַגרינדעט די אַלגעמיינע פּרינציפּן. ער שרייבט צו דער רעפאָרם־באַוועגונג אַלץ וואָס עס איז גוט און שעפעריש: חכמת ישראל, עסטעטישע פאָרמען פון ריטואַל, פּאָליפאָנישע מוזיק, אָריגינעלע דערציונגס־וועגן אאַז״וו. ער געפינט

נישט קיין פלאַץ פאַר אַ חשבון הנפש, ווי אַזוי די קלאַסישע רעפאָרם איז אַ מאָל געווען אַ צייטווייליקע היים פאַר אַסימילאַטאָרן, ווי אַזוי מען האָט אַוועקגעוואָרפן אוצרות פון ירושה, פאַרנאַכלעסיקט יום טובים, כמעט אַרויסגעוואָרפן העברעיש און זיך דערלויבט פרייהייטן אין ענין פון חתונות. ער „מאַכט זיך מיט געוואַלד אַ האַרץ" און גיט אַזאַ מין פאַטעטישן זאָג: „דער נסיון פון אונדזער יאָרהונדערט איז אַ באַשטעטיקונג פון דער רעפאָרם־רעוואָלוציע". דאָס איז אַזוי צו זאָגן פאַרטויבן די אינערלעכע מיחושן. ס'איז זיכער נישט קיין וועג פון תשובה. איינריידעניש האָט נאָך קיינעם נישט געהיילט.

מ'דאַרף אויך צוגעבן, אַז די רעפאָרם־באַוועגונג איז שוין נישט די איינציקע, וואָס געניסט פון „סטאַטוס". די מעכטיקע (לכל הפחות נומעריש) קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג איז גאָר אַן ערנסטער קאָנקורענט סיי לויט דער פאַרמעגלעכקייט פון די מיטגלידער און סיי לויט אירע דערגרייכונגען.

דער מחבר ענדיקט די ווערטפולע אַרבעט מיט דער אַלטער פראַגע: איז די רעפאָרם־באַוועגונג אַ מיטל פאַר אַסימילאַציע אָדער אַ וועג איינצוהאַלטן די יידישע ווערטן און לאָיאַליטעטן? איז עס אַ בייטראַג, אַ נייער וועג אָדער בלויז אַ לייכטע יידישקייט, וואָס ווערט דעפינירט אויפן נעגאַטיוון וועג, דהיינו, אַז אַ רעפאָרם־ייד איז דער וואָס האָט נישט קיין באָרד און פאות, טראָגט נישט קיין יאַרמולקע און אין וועמעס היים מ'צינדט נישט קיין שבת־ליכט? דאָס איז דאָס פּראָבלעם און די דילעמע.

*

מיר האָבן איבערגעגעבן געטריי דעם תמצית פון דעם אַרטיקל און מיר פילן, אַז מיר זענען שולדיק אַ דערקלערונג די לייענערס. פאַר וואָס „באַלעסטיקן" מיר זיי מיט אַן ענין, וואָס איז גייסטיק און פּסיכאָלאָגיש ווייט פון זייערע אינטערעסן? וואָס גייען זיי אָן אָט די וויכּוחים, אַ טייל פון זיי ריין טעאָלאָגישע?

איך גלויב, אַז מיר דאַרפן נישט פאַרלירן קיין סך ווערטער כּדי דאָס מסביר צו זיין:

עס האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק, וועגן הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע מיטגלידער און נישט בלויז אין אַמעריקע.

מיר שטייען אויך פאַר אַ פּרווו פון מאָדערנע עלעמענטן זיך אויך איינוואָרצלען אין ישראל. דאָרט רופט מען אויך צו געבן אַן ענטפער אויף די גייסטיקע נויטן פון פאַרשיידענע קרייזן (צווישן זיי אויך סאָציאַליס־טישע און קיבוצישע) צו שאַפן אַן אַלטערנאַטיווע צו דער שטרענגער אָרטאָדאָקסיע.

אונטער די רעליגיעזע וויכּוחים באַהאַלט זיך דער אייביקער געראַנגל צווישן יידישקייט און אַסימילאַציע, וואָרצלען און אויפגעכאַפּטע לאָזונגען און מאָדעס.

דאָס איז אַ געראַנגל צו וועלכן קיינער קען נישט און טאָר נישט בלייבן גלייכגילטיק.

1980

# ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם

דער מאמר פון פּראָפעסאָר יעקב כּץ „ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם" („קאָמענטערי", אַפּריל 1979), איז בלי־ספק אַן אינטערעסאַנטער בייטראָג צו דער אָפט דיסקוטירטער און קאָמפּליצירטער טעמע. דעם מחבּרס בקיאות און פילאָסאָפיש־אידעיִשע חריפות גיבן דער אַרבעט אַ געוויסע אָריגינעל־קייט, כאָטש ער דערווייטערט זיך נישט פון די אָנגענומענע יסודות. ער איז אויסן געווען צו באַווייזן, אַז טראָץ דער היסטאָרישער באַגעגעניש, איז צווישן זיי נישטאָ קיין מהותדיקע קרובהשאַפט. דאָס איז נישט בלויז דער־פאַר, ווייל ציוניזם איז געבוירן פון ליבע — מיטן ציל פון אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק — בעת דער אַנטיסעמיטיזם קומט אַרויס פון שנאה און שטרעבט אומצוברענגען יידן און יידישקייט. דאָך האָבן די צוויי אַרכי־שונאים זיך קעגנזייטיק „אויסגענוצט". דער אייראָפּעיִשער אַנטיסעמיטיזם איז געווען

אַ באַוועגנדיקער פאַקטאָר פאַרן אויפקום פון מאָדערנעם ציוניזם. איינער פון זיינע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע מאָטיוון איז טאַקע געווען די אומ־וויליקייט פון מערב צו אינטיגרירן יידן ווי גלייכע; און די פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע האָבן טאַקע געוואָלט פאַרמיידן אָט די גלייכהייט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט קיין יסוד פאַר פאַרמישן די יוצרות. זיכער האָט טייל מאָל געטראָפן, אַז שונאים פון יידן און יידישקייט האָבן באַנוצט אַן ענלעך לשון וועגן יידישער קולטור און רעליגיע ווי ציוניסטן. אָבער אין תוך איז עס אַ פאַרפירערישע אַנאַלאָגיע. די כוונות זענען שאַרף קעגנזעצלעך. אָט די הויפּטטעזע באַווייזט פּראָפעסאָר כץ מיט אינטערעסאַנטע אַרגומענטן און ביישפּילן.

קודם כל ווייזט ער אָן אויף דער אוטאָפּישער פאַזע פון ציוניזם (משה העס, למשל) און די פאַרגייערס פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם (ברונאָ באַוער, סעבאַסטיאַן גרונער וכדומה). דער היידעלבערגער טעאָלאָג העגריך עבער־האַרד גאָטלאָב פּאַולוס, למשל, איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין 1830, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען גבריאל ריסער. אין זיין בוך „די יידישע נאַציאָנאַלע סעפּאַראַציע, אירע אָנהייבן, אירע קאָנסעקווענצן און ווי אַזוי זי צו באַהערשן” אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז יידן זענען אַ באַזונדערע נאַציע, אַ פאָלק. זיי וועלן דאָס פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי זיי זענען פאַרבונדן מיט זייער רעליגיע. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס: די וועלכע זענען געבוירן פון אַ יידישער מוטער ווערן לויט דער הלכה פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלער איינהייט, אַפילו ווען זיי דערפילן נישט קיין מינימום פון רעליגיעזע התחייבותן און היטן נישט אָפּ קיין מצוות. וויכטיק איז זיין אויספיר, אַז יידן זענען נישט באַרעכטיקט צו גלייכקייט מיט זייערע נישט־יידישע מיטבירגערס, העכסטנס מעגן זיי דערוואַרטן שוץ פאַר זיך און זייער פאַרמעגן.

פּראָפעסאָר כץ ברענגט אַרויס די דירעקטע קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם באַוווסטן שונא־ציון ברונאָ באַוער און דעם מחבר פון „רוים און ירושלים”. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז איינע פון די זעלטענע רעצענזיעס אויפן ספר פון העסן איז דערשינען אין דער צייטשריפט „בערלינער רעוויו”. איר מחבר איז געווען ברונאָ באַוער, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיטן בוך

„יודענפראַגע״ און האָט פאָרגעזעצט זײנע אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָגן אין אַ בוך מיטן נאָמען „יידנטום אין דער פרעמד״. סיי אין דער רעצענזיע און סיי אין די ביכער קומט ער צום אויספיר, אַז יידן זענען אַ רעליגיעז־קולטורעלע און עטנישע אײנהייט. דאָס איז אָבער נישט, ווי ביי העסן, קיין טיפע אָפּשאַצונג פון יידיש־נאַציאָנאַלע כוחות, וועלכע דאַרפן קריגן זייער אויסדרוק אין אַ יידישן היימלאַנד, נאָר אַן אַרגומענט צו באַווייזן, אַז יידן זענען אַן אָפּגעריסענער וואַנדער־שבט, וועלכער קען נאָר לעבן פּאַראַזיטיש אויפן חשבון פון אַנדערע פעלקער. אַפילו דער געדאַנק וועגן אַ יידישער „מדינה״ אין „פּאַלעסטינע״ דערשיינט אין די שריפטן פון די אַנטיסעמיטישע ראשונים. פּראָפעסאָר כץ ברענגט ווי אַ ביישפּיל גיאָזאָ איזטאָצי, אַ צענטראַלע פיגור פון אונגאַרישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַזאַ פּאָרשלאָג אין אונגאַרישן פּאַרלאַמענט, אין 1887. זיין פּאָרשלאָג האָט ער באַגלייט מיט קאָמענטאַרן וועגן די ניי־דערוועקטע כוחות פון יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכע קענען מאַכן פון דעם מלוכה־פּלאַן אַ רעאַלע מעגלעכקייט. אָבער ווידער אַ מאָל איז עס בלויז געווען אַ פּאַסאַדע. דער פּאָרשלאָג גופא האָט בלויז געקענט אַרויסרופן געלעכטער ביי די צוהערערס. בעיקר האָט איזטאָצי געוואָלט אַרויסברענגען אַז יידן ווילן אויסנוצן זייער ענערגיע און כוחות איינצונעמען די וועלט און כיטרע געניסן פון „ביידע וועלטן״.

דער מחבר שטעלט זיך אויך אָפּ אויף פּאַסירונגען פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און קאָנטאַקטן מיט דער וועלט פון צוררים: די באַגעגעניש צווישן הערצלען און דעם צאַרישן מיניסטער פּלעווע; די זשאַבאָטינסקי־באַוועגונג אין פּוילן, וואָס האָט גערופן צו עוואַקואַציע; אַפילו דער פאַקט אַז די נאַציס האָבן זיך אַרומגעשפּילט מיטן געדאַנק פון אַ יידישן פּראָטעקטאָראַט אין מזרח־אייראָפּע אָדער מאַדאַגאַסקאַר. אָט די טייוולאָנישע „אַליאַנסן״ זענען מוטנע עפּיזאָדן, וועלכע די געשיכטע האָט אויסגעשפּיגן און וואָס זענען גלייך געווען טויט געבאָרענע איניציאַטיוון.

דער הויפּטאויספיר איז אַז די קאָנטאַקטן צווישן די צוויי כוחות זענען געווען זעלטענע. במשך פון זיין שטורמישער געשיכטע האָט דער ציוניזם קיין מאָל נישט געניאָסן פון אַנטיסעמיטישער אונטערשטיצונג. די שונאים האָבן פיינט די יידן ווי אַ מחלה, סיי ווי אַ מינדערהייט אין אַנדערע לענדער

און סיי אין זייער אייגענער מדינה. נישט דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַרויסגערופן דעם ציוניזם, נאָר פאַרקערט; דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַ רעאַקציע אויפן יידישן נאַציאָנאַליזם און דעם יידישן ווידערשטאַנד קעגן דעם אויסטאָן זיך פון אַלע יידישע קליידער ווי אַ פרייז פאַר דער עמאַנציפאַציע. עד כאן דער עיקר פונעם אַרטיקל (מיר לאָזן אַרויס אין אונדזערע באַטראַכטונגען כּצס מיינונג וועגן היינטיקן אַנטי־ציוניזם, דעם סינאָנים פון אַנטיסעמיטיזם).

הגם מ׳קען מסכּים־זיין מיט די אויספירן, לאָזט ער אונדז איבער אומבאַפרידיקט. מיר האָבן אַפילו ספקות אויב דעם מחבר איז געראָטן אויסצופירן זיין כוונה. ס׳דוכט זיך אונדז אַז נישט בלויז דער שרייבער פון די שורות, נאָר אויך אַנדערע יידישע און נישט־יידישע לייענערס זענען עלול צו ווערן אַ ביסל צעמישט. דער חשובער מחבר האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין דער עצם־פאָרשונג און גענויער צעגלידערונג פון דער אַנאַלאָגיע אַז ער האָט איר אָפּגעגעבן דעם הויפּט־חלק. אָבער בכדי אָפּצוגרענעצן זיך פון איר האָט ער בלויז געווידמעט עטלעכע לאַקאָנישע און פסקנדיקע שורות. פאַר מיר, למשל, איז פרעמד די באַהויפּטונג (אַפילו מיטן מחברס און אונדזער אַלעמענס „להבדיל") אַז אַרטור שאָפּענהאַוער האָט אַרויסגעוויזן „אַ טיף אַריינדרינגען אין דער נאַטור פון יידישער ווירקלעכקייט, ווען ער האָט דערקלערט אַז די היסטאָרישע צוזאַמענגעשלאָסנקייט פון יידן וועט זיך סוף־כל־סוף פאַרוואַנדלען אין אַ געראַנגל פאַר פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט". די בלינדע שנאה טרעט אַרויס אויך דאָ, ווען שאָפּענהאַוער איז קעגן באַצייכענען די יידן ווי אַ רעליגיעזע קהילה און לייגט פאָר צו באַטראַכטן זיי ווי אַ פאָלק. כ׳וואָלט אויך נישט געבראַכט, למשל, ריכאַרד וואַגנערן ווי אַ תּניא דמסייע פאַר אחד העם און זיין עסיי „אחדות בתוך חרות" און גלייכצייטיק געלויבט דעם אַנטיסעמיטישן מחבר פון „יידן אין דער מוזיק" פאַר זיין „דורכדרינגלעכן אַנאַליז פון יידישן געדאַנק".

ווי שטענדיק דאַרף אַן אַרבעט באַטראַכט ווערן נישט בלויז לויט דעם וואָס עס ווערט דאָרט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי זי וועט פאַרשטאַנען און אויסגענוצט ווערן דורך די לייענערס, באַזונדערס די פיינטלעכע צווישן זיי. מיר האָבן מורא, אַז דער אַרטיקל וועט ברייט ציטירט ווערן, כדי צו באַ־

ווייזן די קרובהשאַפט צווישן די צוויי באַוועגונגען — אַ באַליבטע טעמע פאַר אונדזערע שונאים פון לינקס.

און לבסוף: מיר מוזן אויך קאָמענטירן, כאָטש בקיצור, אונדזער "היימישן אַנטיסעמיטיזם" און זעלבסט־שנאה. אויך אין אונדזער שאַרפער זעלבסטקריטיק, אין אַנטי־גלות איפער, אין גראָטעסקן שילדערן פון שטעטל און אין דער בענקשאַפט צו אַ "נאָרמאַלן לעבן" האָבן מיר פאַרלאָרן יעדן חוש פון פּראָפּאָרץ. עס איז בכן נישט קיין וווּנדער וואָס אין ישראל און אין אַלגעמיין־יידישע קרייזן (א. קריב, ש. ראַווידאָוויטש, ווי אויך טיילווייז ז. שזר) איז געקומען צו אַ רעאַקציע. מען רופט זיך אומצוקערן צו ליבע און דרך־ארץ פאַר יידן אין די פריערדיקע דורות. ציוניזם קען נישט זיין בלויז אַ רעפלעקס דערפון, וואָס מ'לאָזט אונדז נישט ווערן גויים. זיין קוואַל איז געווען און וועט זיין אהבת־ישראל.

1979

# אין געראַנגל

## א. די נייע קאַריערע פון "מיין קאַמף"

עס רוען נישט און דרימלען נישט די בלוטיקע שונאים פון אונדזער פאָלק. פון צייט צו צייט דאַרף מען, מוז מען עס דערמאָנען, וואָרענען און אַפילו אַלאַרמירן. אמת, ס'איז טאַקע שווער צו באַגעמען, ס'איז גרויזאַם, עקלהאַפט און אַפילו אומגלויבלעך.

אָט געפין איך אין דעם זאַמלהעפט "פּאַטערנס אָף פּרעדזשידיס" (ביישפילן פון פאָראורטיילן) אַן אַרטיקל א. ד. ט. "נייע קאַריערע פון "מיין קאַמף", וואָס ווייזט אויף אַז דאָס קלאַסישע בוך פון נאַציזם לעבט איצט דורך אַ רענעסאַנס און ווערט ממש אַ "בעסטסעלער".

די ערשטע נאָך־מלחמה אויסגאַבע איז דערשינען אין ביירוט אונטערן נאָמען "מיין קאַמף פון אַדאָלף היטלער און נאַציזם". אין די רוקזעק פון

די געפאַנגענע אַראַבישע אָפּיצירן בשעת דער סיני־אַקציע האָט מען גע־פונען דאָס בוך, אַרויסגעגעבן פון דעם ביירוטער „פאַרלאַג און דרוקעריי״. דער איבערזעצער לואיס־אל־ריי האָט צוגעגעבן פאָטאָגראַפיעס פון היטלערן און פון נירנבערגער פאַרזאַמלונגען.

אין די אַראַבישע לענדער ווערט היטלער באַטראַכט ווי די אויטאָריטעט, ווי דער „תניא דמסייע״, און מען ציטירט אים אַלס באַשטעטיקונג פון די זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן און פון „יידישער הערשאַפט״ אין דער וועלט.

היטלערס בוך אַלס „ביבל פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם״ ווערט רעגלמע־סיק אַנאָנסירט אין דעם חודש־זשורנאַל פון די אַמעריקאַנער נאַציס און אין דעם „ביולעטין פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס״. געוויסע שטעלן פון בוך, וואָס האָבן צו טאָן מיט „קולטור־רייניקונג״, ווערן געבראַכט אין דער פראַנצוי־זיש־פּאָרטוגעזישער צייטונג „דעקוווערט״ און אין שוועדן האָט אַ נעאָ־נאַציסטישע צייטונג „נאָרדיסק״ געמאָלדן וועגן אַ לוקסוס־אויסגאַבע פון „מיין קאַמף״ און אָנגעוויזן ווו מ׳קען זי באַקומען.

אַ יונגער נעאָ־נאַציסטישער געלערנטער, אודאָ וואַלענד, האָט אין אַ הקדמה צו אַן אויפלאַגע פון דעם בוך, פאַרענטפערט היטלערן, זאָגנדיק, אַז אינעם בוך זענען בלויז פאַראַן אויסדרוקן פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און אַ פּאַרטיישעף, אָבער היטלער אַלס שטאַטסמאַן האָט זיך נישט געשטעלט אַזעלכע פינצטערע צילן...

אין 1969 האָט „לאַ סענטינעלע ד׳איטאַליאַ״ (אַ נעאָ־פאַשיסטישער פאַרלאַג) איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן דאָס בוך (אין דער קליינטשינקער סאַן־מאַרינאָ, כדי אויסצומיידן אַ קאָנפליקט מיט דער מאַכט). אין פאָרוואָרט זאָגט דזשאָוואַני דאַנאַאודי אַז, נישט קוקנדיק אויף זיינע פעלערן, איז היטלער געווען אַ מענטש פון אַ טיפן גלויבן און אַז דאָס בוך דאַרף באַ־טראַכט ווערן ווי אַ מאָדעל פאַר אַ פאַראייניקטער אייראָפּע און ווערן געלייענט דורך אַלע איטאַליענער און אַלע אייראָפּעער, ווייל עס דעמאַס־קירט די „היפּאָקריזיע פון דעמאָקראַטישן מיטאָס״. וואָס שייך ווידער די פאַרניכטונג־לאַגערן — אויב אַזעלכע האָבן בכלל עקזיסטירט — מיט וואָס זענען זיי ערגער פון די באָמבאַרדירונגען פון דרעזדען און הוראָשימאַ און פון די פאַרברעכנס וואָס גראָד יידן באַגייען קעגן די פּאַלעסטינער. אַ שרייבער

פון קינדער־דערציילונגען אין סאַן־פּאַולאָ (בראַזיל) מיטן נאָמען אַרוואָ האָט אין אַ פאָרוואָרט געשריבן (נאָך דעם ווי ער האָט גרויסמוטיק צוגעגעבן די זינד פון היטלעריזם) אַז „היטלער איז געווען אַ פון גאָט אינספּירירטער פירער, וואָס איז געווען באַהויכט פון שעפערישע שטראָמען פון געדאַנק". די בראַזיליאַנער רעגירונג איז נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם שריי־בערס התלהבות און האָט פאַרווערט דאָס בוך, ווי אַזאַ, וואָס כשרט די טע־ראָר־פּלענער פון די עקסטרעם רעכטע קרייזן.

אין שפּאַניע איז דאָס בוך דערשינען אין יאָר 1970 אין באַרצעלאָנאָ מיט דער הילף פון דער עקסטרעמיסטישער אָרגאַניזאַציע „דער שפּאַנישער קרייז פון פריינד פון אייראָפּע", וואָס איז פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג „אָרדר נוואָ" (די נייע אָרדענונג), וועלכע באַהאַלט כלל נישט אירע נעאָ־נאַצישע טענדענצן.

מ׳מוז צוגעבן, אַז די דייטשישע רעגירונג האָט זיך באַמיט צו פאַרמיידן דאָס פאַרשפּרייטן פונעם בוך אויפן יסוד דערפון, וואָס זי איז דער „לעגאַלער יורש און באַזיצער פון עקסקלוזיווע רעכט", אָבער נישט אומעטום האָט זי געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג.

אין שוועדן האָט דער פאַרלאַג „אַסקולד און קאַרנוקול" אַרויסגעגעבן אין מאַי 1970 אַ „קריטישע" אויסגאַבע פון דעם בוך אין 13.000 עקזעמפּ־לאַרן, פון וועלכע 5.000 זענען פאַרקויפט געוואָרן אין משך פון אַ פּאָר וואָכן. מ׳האָט דאָס געפּרוווט כשרן מיט „אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע און פּאָלי־טישע מאָטיוון". די יונגע סטודענטן, וואָס זענען פּאָליטיש וואָך, נויטיקן זיך אין אויטענטישע מקורות. ביבליאָטעקן האָבן טאַקע באַשטעלט אָט דעם „ווערטפולן מאַטעריאַל". מ׳האָט אַפילו געניצט יידן־פריינדלעכע מאָטיוון: אַז דאָס באַקענען זיך מיטן טעקסט וועט, כלומרשט, באַווייזן ווי ענלעך עס זענען די היטלעריסטישע העצעס צו די דערקלערונגען פון די „נייע לינקע" און פאַרביסענע אַנטי־ציוניסטן.

אַ לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דעם פאַרלאַג „האַטשיסאָן עט קאָמפּאַני" און דער בייערישער רעגירונג, וועלכע האָט גע־פּרוווט אָפּצוהאַלטן דאָס דערשיינען פון דעם בוך. פון דעסטוועגן איז דאָס בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגלאַנד אין יאָר 1969. אין אַלגעמיין האָט

די פרעסע אונטערגעשטיצט די פובליקאַציע מיט דער טענה, אַז זי וועט נישט סטימולירן אַנטיסעמיטיזם, נאָר וועט אים פאַרמיאוסן. דאָס בוך איז אויסגעכאַפּט געוואָרן און מ׳האָט עס אַרויסגעגעבן אין אַ „פּאָפּולערער אויפ־לאַגע״, כאָטש פאַר אַ גאַנץ טייערן פּרייז. גאָר אַנגעזעענע פּראָפעסאָרן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וועט נישט האָבן קיין ערגערע רעזולטאַטן ווי די נעאָ־סטאַליניסטישע און מאַאָיסטישע פּאַמפלעטן און אַז מ׳דאַרף נישט דיסקרי־מינירן און אויסער דעם איז דער אינטערלעקטועלער ניוואָ פונעם בוך אַזאַ נידעריקער אַז ער קען במילא נישט ברענגען קיין שאָדן.

דער „דזשואיש כראָניקל״ פון 14טן פעברואַר 1972 שרייבט אָבער מיט רעכט: „עס זענען דאָ עלעמענטן אין דעם בוך, ווי צ. ב. דער צוזאָג פון אַ דיסציפּלין־אָרדענונג, וואָס קענען אַפּעלירן און אַפילו פאַרפירן געוויסע קרייזן. דער מענטשלעכער זכרון איז אַ קורצער און מ׳האָט שוין מסתמא פאַרגעסן דעם בלוטיקן פּרייז וואָס מ׳האָט באַצאָלט פאַר אָט דער דיקטאַטור־אָרדענונג״. — „דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך איז אַן אַקט פון מאָראַלישער אַבדיקאַציע״.

מיר פון אונדזער זייט ווילן צוגעבן, אַז די אַרויסגעבערס פונעם בוך האָבן פאַר זיך נישט געהאַט קיין פילאָסעמיטישע כוונות. זיי קענען אַפילו נישט באַטראַכט ווערן ווי געלט־גייציקע. דאָס זענען פּשוט היטלער־ענטו־זיאַסטן, אָדער סתם פינצטערע רעאַקציאָנערן. אויך דער פאַרגלייך מיט סעקסועלער פּאָרנאָגראַפיע איז אַ ריין אויבערפלעכלעכער. דאָ האַנדלט זיך נישט אין רייץ און אין פּערווערסיע, מ׳שפּילט זיך מיטן גורל פון מענטשן און פעלקער.

## ב. די לעבעדיקע יורשים פון היטלערן

ווי עס זעט אָבער אויס, דאַרף מען גאָרנישט וואַרטן אויף אַ לאַנגזאַמען אַריינדרינגען פון היטלערס תורה. ס׳זענען דאָ כוחות — און נישט אָבי ווער — נאָר מדינות, לענדער און רעפּובליקן, וואָס נישט נאָר זיי סאָלידאַ־ריזירן זיך מיטן נאַציזם, נאָר שטייגן אַפילו אַריבער די היטלעריסטן גופא.

אין דעם אויבן דערמאָנטן זאַמלהעפט (סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1972),

ווערט איבערגעגעבן וועגן דער רעאַקציע פון די אַראַבישע מדינות, אַפּי־ציעלע גערילאַ־אָרגאַניזאַציעס (לייען: טעראָריסטן) אויף דעם מאָרד פון די ישראלדיקע ספּאָרטלערס אין מינכען. אַ חוץ ירדן, וואָס האָט אָפן און קלאָר באַדויערט און פאַראורטיילט דעם אַקט, האָבן אַלע איבעריקע פּאַקטיש אַנגעקוואָלן פון דעם „העראָזים" פון די אָנגרייפערס און גערנישט באַהאַלטן זייער פרייד איבער דעם צער פון ישראל און פון די יידן אין דער וועלט.

דאָ אָבער האָט מען נאָך צוגעגעבן צביעות צו חוצפּה. אָפיציעל האָבן איניקע אַראַבישע אַמבאַסאַדאָרן אין דייטשלאַנד אויסגעדריקט „באַדויער" און אַפילו געשיקט קאָנדאָלענצן צו די שווער געטראָפענע פאַמיליעס. ביי זיך אין דער היים האָט מען אַראָפּגעוואָרפן יעדע חרפּה און זיך געלאָזט ווילגיין. די מיניסטאָרן פון דער אַראַבישער ליגע אין קאַיר האָבן באַצייכנט דעם מאָרד אין מינכען ווי אַ „רעזולטאַט פון ציוניסטישן טעראָר און אַג־רעסיע קעגן דעם פּאַלעסטינער פאָלק". עגיפּטנס אויסערן־מיניסטער מוכאַ־מאַד ריאַד האָט באַרעכטיקט דעם טעראָר און האָט דורכגעפירט אַן אונטער־שייד צווישן אַגרעסיע און דעם ווידערשטאַנד קעגן איר, עלעהיי די ווידער־שטאַנד־באַוועגונג קעגן די נאַציס...

אין דער קאַירער פּרעסע האָט מען זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון דער בריהשאַפט פון די מינכענער מערדערס, וואָס קענען די „מלאכה" און מ'האָט באַוויינט די געטויטע מערדערס, פאַרשטעלנדיק זיי ווי מאַרטי־רערס. אין ליביע האָט מען זיי איינגעאָרדנט אַ גראַנדיעזע לויה. גרויסע מאַסן זענען נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון און די גדולים אַליין ווי אויך אַמבאַ־סאַדאָרן האָבן אָנטיילגענומען אין דעם טרויערצוג. אין אַלזשיר האָבן די רעגירונג־צייטונגען פאַרעפנטלעכט נעקראָלאָגן פאַר די העלדן „וואָס זענען געפאַלן אויפן פראָנט פון כבוד".

וועגן די פּאַלעסטינער גערילאַ־אָרגאַניזאַציעס איז שוין אָפּגערעדט. זשאָרזש כאַבאַש, דער פירער פון „פראָנט פאַר דער באַפרייונג פון פּאַלעס־טינע", האָט געשאָטן שבחים אויף די העלדן, וואָס „האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר דער יוגנט" און ער האָט אויסגעדריקט פאַראַכטונג דער עפנט־לעכער מיינונג, וואָס ווערט קאָנטראָלירט „דורכן יידישן קאַפּיטאַליזם און יידישן אימפּעריאַליזם". אַפילו דער „מעסיקער" יאַסער אַראַפאַט, דער

פירער פון „פאַטאַך״, האָט דערקלערט אַז „די מינכענער העלדן האָבן פאַר־טיידיקט זייער ציוויליזאַציע און זייער לאַנד״.

אָבער נישט נאָר די אַראַבער. אויך אין מערב און אין די לינקע קרייזן האָבן זיך געפונען געגנוג „אַדוואָקאַטן פון טיוול״. אַ דייטש־פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג פול מיט לויב פאַר „דער אַנטשלאָסענער און גאַלאַנטער האַנדלונג פון דער פּאַלעסטינער רעוואָלוציע״. אַ היידלבערגער סטודענטן־גרופּע האָט געטאָן דאָס זעלבע.

אין פראַנקרייך האָט די „טראָצקיסטיש־קאָמוניסטישע ליגע״ אויסגע־נוצט די געלעגנהייט, כדי זיך צו „סאָלידאַריזירן מיטן פּאַלעסטינער פאָלק״ און זייערע אַפּישן האָבן זיך באַוויזן אין בעזאַנסאָן, טולוז א. אַנד.

מיר האָבן געבראַכט אָט די ידיעות וואָס וואַרפן אָן אַן אימה, נישט קיין שרעק חלילה, נאָר כדי צו באַווייזן צו וועלכע אָפּגרונטן פון שפלות און פאַרברעכערישקייט די נאַציאָנאַליסטישע אַראַבישע באַוועגונג קען זיך אַראָפּקייקלען און ווי וואַכזאַם מיר דאַרפן זיין אין ישראל און אויף אַלע אַנדערע פראָנטן.

## ג. יידישער ווידערשטאַנד

צום גליק זענען איצט פאַראַן אַנדערע יידן. דער ביישפּיל פון ישראלס עקשנותדיקן מיליטערישן און פּאָליטישן געראַנגל און אירע נצחונות, דער דערפאָלגרייכער ווידערשטאַנד פון סאָוועטישן יידנטום, האָבן געהאַט זייער פעולה. ווען אין סירע איז די טרויעריקע יסורימפולע לאַגע פון די דאָר־טיקע יידן געוואָרן אומדערטרעגלעך ביז הגיעו מים עד נפש, האָט זייער געדולד געפּלאַצט און זיי האָבן אָפן דעמאָנסטרירט און פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט זייער רעכט. מאָלט אייך אויס: אין דעם פאַרביסנסטן, פיינד־לעכסטן לאַנד, וואָס האָט אַפילו נישט אָנערקענט די רעזאָלוציע פון אונ״אָ 242, אין מיטן פון מלחמה־צושטאַנד און בשעת דער פאַרשאַרפּטסטער מילי־טערישער שפּאַנונג אין רמת־הגולן — גייען אַרויס דאָרטיקע יידן מיט אַן עפנטלעכער דעמאָנסטראַציע אין די גאַסן און האָבן קיין מורא נישט עס צו טאָן.

צווישן די אַלע בידנע יידישע רעשטלעך פון די אַראַבישע ישובים געפינט זיך דאָס יידישע רעשטל אין סיריע אין דער ערגסטער לאַגע. די 4.000 יידן, וואָס זענען נאָך דאָרט פאַרבליבן, זענען באַרויבט פון אַלע רעכט, איינגעשפּאַרט אין געטאָס און עס איז זיי פאַרווערט צו באַוועגן זיך מער ווי 5 קילאָמעטער פון זייער הויז אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. זיי האָבן נישט קיין רעכט איבערצולאָזן קיין ירושה און בשעתן לעבן ליידן זיי פון נויט און אָרעמקייט.

דאָס געדולד האָט ביי זיי געפּלאַצט, ווען עס זענען אַרעסטירט געוואָרן די עלטערן פון דעם יונגוואַרג, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַלעפּאָ. הונדערטער יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול. דאָרטן איז באַשטימט געוואָרן אַ דעלעגאַציע צו דער אויספּיר־סעקציע פון דער אַרמיי. די דעלעגאַציע האָט בייגעלייגט 10 ביטעס, איינשליסנדיק דעם פאַרלאַנג צו באַפרייען די עלטערן פון די דערוואַקסענע קינדער פאַר זייער אַנטלויפן; די רעכט פון פרייער באַוועגונג; דאָס אויסמעקן דאָס וואָרט ייד פון זייערע פּערזענלעכע דאָקומענטן און פאַרן רעגולערן אָפּגעבן די בריוו וואָס קומען אָן אויף זייער אַדרעס דורך דער פּאָסט.

ווען די דעלעגאַציע האָט זיך פאַרזאַמט, זענען די יידן אין שול געוואָרן אומרויִק און אַרום 400 פון זיי האָבן זיך געלאָזט מאַרשירן צו דער אַרמיי מיט אויסרופן: „פרייהייט! פרייהייט". זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די מוסולמענישע און קריסטלעכע פאַרבייגייערס, וואָס האָבן זיי געזידלט און געשריגן: „איר האָט נאָך די אומפאַרשעמטע חוצפה צו שרייען: „פריי־הייט".

די דעמאָנסטראַנטן האָבן באַשלאָסן אויף מאָרגן צו מאַרשירן צום פראַנצויזישן קאָנסולאַט און דערלאַנגען אַ פּעטיציע. דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. די אַרמיי האָט געלאָזט וויסן אַז אַ יידישע דעלעגאַציע וועט אויפגענומען ווערן אויף מאָרגן דורך דעם הויפּטשעף.

די באַגעגעניש איז טאַקע פאָרגעקומען און אַלע אַרעסטירטע, איינשליסנדיק די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע זענען מיט אַ טאָג פריִער פאַרהאַלטן געוואָרן, זענען באַפרייט געוואָרן.

דעם באַריכט (לויט דעם „דזשואיש כראָניקל" פון 12־טן דעצעמבער

ה. י.) פילט אונדז אָן מיט שטאָלץ. מיר זענען געווען געווינט מיטצולײַדן און מיטצולעבן מיט די יסורים און באַלײדיקונגען פון די ייִדן אין די אַראַבישע לענדער און באַטײליקן זיך אין די וויכטיקע און גרויסע פּאָלי־טישע אַקציעס, וואָס האָבן טאַקע אַ סך פון די דאָרטיקע ייִדן געראַטעוועט פון דער תליה. אַוודאי האָבן מיר זיך געפרייט וואָס דעם גרעסטן טייל פון זיי איז געלונגען צו פאַרלאָזן זייערע „היימלענדער" און עולה זײַן.

אָבער דאָס מאָל דערשײַנען זיי אין אַ נײַעם ליכט — זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַז מען וויל, קען מען דאָס אָנרופן אַן אַקט פון פאַרצווייפּ־לונג. אָבער די ייִדישע געשיכטע, אײַנשליסנדיק די נײַסטע גבורה־קאַפּיט־לען אין ראַטנפאַרבאַנד, לערנט אונדז אַז מ׳טאָר קיין מאָל זיך נישט מיאש זײַן און אַז מוט איז אָפט מאָל די גרעסטע חכמה. ווער, אַזוי ווי מיר אין ישראל, קענען דעם סוד פון דעם טראַגיש־העראָישער לית בריה. פון דעם האָבן ייִדן געלערנט — אַפילו ווי אַ שוצלאָזע מינדערהייט — זיך נישט מיאש זײַן, נישט שלום מאַכן מיטן גורל, נאָר פאַרטיידיקן זיך בגוף ובנפש.

1972

# אַנטיסעמיטיזם און אַנטי־ציוניזם

צי איז אַנטי־ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם אײנס און דאָס זעלבע? זענען זיי סינאָנימען פאַר שנאה צום ייִדישן פאָלק, צו זײַן גײַסטיקער שאַפונג, ווערטן, רעליגיע און צו ישראל? צי קען מען באַקעמפן די מדינה און בלײַבן דערבײַ, אויב נישט פײַנטלעך, לכל הפחות אָביעקטיוו צו ייִדן?

מיר קערן זיך אום צו דער דאָזיקער אַזוי אָפט דיסקוטירטער טעמע, צוליבן הער מישקאָן, וויצע־פּרעזידענט פון דעם „באָרד אָף דעפּיוטיס" אין ענגלאַנד. בשעת אַ דיסקוסיע וועגן באַריכט פון דעם קאָמיטעט, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט צווישן־גרופּן־באַציונגען, האָט ער דערקלערט (מיר ציטירן לויטן ייט"א־באַריכט פון 22־טן דעצעמבער 1972): „...מיר מוזן נישט מאַכן

דעם פעלער און דענקען אַז יעדער איינער, וואָס שטיצט דעם אַראַבישן צד אין דעם מיטעלן מזרח־קאָנפליקט, מוז אומבאַדינגט זיין אַן אַנטיסעמיט״. ער האָט טאַקע צוגעגעבן אַז „ס׳איז אמת, אַז אַ סך אַנטיסעמיטן באַהאַלטן זיך אונטערן שירעם פון אַנטי־ציוניזם״. ער האַלט אָבער אַז ס׳איז אַ פאַלשע קאָנצעפּציע, אַז „יעדע קריטיק פון ישראל איז אַנטיסעמיטיזם״ און ער האָט, שוין גאָרנישט צום ענין, ציטירט חיים ווייצמאַנס דערקלערונג אַז „דער אַראַביש־יידישער קאָנפליקט באַשטייט אין וועלן פאַרריכטן צוויי אומגע־רעכטיקייטן, פון וועלכע די עוולה צו יידן איז שטאַרקער״. נעמענדיק אין אַכט, אַז הער מישקאַן איז אַ לאַנגיאָריקער אָרגאַניזירטער ציוניסט און שטייט אין דער שפּיץ פונעם קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און אַז ס׳איז דאָ אַ חשד אַז ס׳זענען נאָך דאָ אַ היפּש ביסל נאַציאָנאַלע יידן, וואָס טראַכטן דאָס זעלבע, טאָר דער ענין נישט פאַרשוויגן ווערן.

קודם כל דאַרפן מיר פעסטשטעלן אַז קיינער — אַפילו די ביטערסטע קעגנערס — וויל זיך נישט מודה זיין אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. דאָס איז היינט נישט אין דער מאָדע. כינע, למשל, וואָס גלויבט נישט אין וועלכער עס איז לייזונג פון דעם יידיש־אַראַבישן קאָנפליקט אַ חוץ דאָס אָפּווישן פון דער ערד די יידישע מדינה דורך געוואַלד און מלחמה, וועט אייך אָנ־קוקן ווי פריש און משוגע, אויב איר וועט זאָגן אַז זי האָט עפּעס בייזוויליקע כוונות לגבי יידן. אַנטיסעמיטיזם — וועט זי טענהן — שטימט נישט מיטן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן קאַטעכיזם און נישט מיטן רויטן ביכעלע פון מאַאָ. אין דעם גאַנצן אַכט הונדערט מיליאָניקן לאַנד זענען דאָ קוים אַ פּאָר הונדערט געציילטע יידן, ווי אַזוי־זשע קען מען פיינט האָבן עפּעס וואָס עקזיסטירט נישט?

ווען ס׳קומט צו סאָוויעט־רוסלאַנד — לייקענען זיי שטיין און ביין אַז זיי זענען אַנטיסעמיטן, דאָס איז מער נישט ווי אַ בייזוויליקע קאַמפּאַניע פון אימפּעריאַליסטישן ישראל און ציוניסטישע וועלט־קאָנספּיראַטאָרן. אַלע אָרגאַנען פון פּרעסע און ראַדיאָ — איינשליסנדיק די יידישע יוצר־משרתים — הערן נישט אויף איבערצוחזרן אַז זיי האָבן באַפרייט די יידן און געשאַפן פאַר זיי אַ גן־עדן אויף דער וועלט אין סאָוויעט־רוסלאַנד; אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרימינעלער פאַרברעכן אין ראַטנפאַרבאַנד אאַ״וו, אאַ״וו. זיי זענען

אַפילו נישט קעגן ישראל, וואָס האָט אַ רעכט אויף עקזיסטענץ, נאָר קעגן דער פאַרברעכערישער אַגרעסיע־פּאָליטיק פון ישראל און די ציוניסטישע וועלט־מאַגנאַפּאָליסטן, שטריקציערס פון אינטריגעס און קריג־אונטערשטיצערס.

איז מיר די וואָך אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און דאָקומענטן אין „יידן איז מזרח־אייראָפּע”, אויף דער טעמע: „יידן־שנאה — די פּראָפּאַגאַנדע פון האַס”. די זאַמלונג ציטירט — אמת אָן קאָמענטאַרן — די 32 זידל־און שמוץ־באַליידיקונגען, וואָס זענען דערשינען וועגן יידן, ציוניזם און ישראל אין איין יאָר פון 1972.

דעם 11־טן אָקטאָבער 1972 האָט די אָפיציעלע פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי” פאַרעפנטלעכט דעם שאַרפסטן אַנטיסעמיטישן עסיי וואָס איז ווען עס איז דערשינען זינט דער צעשמעטערונג פון נאַצי־דייטשלאַנד. ער אַטאַקירט די גאַנצע יידישע געשיכטע און רעליגיע. די ישראלדיקע אויטאָריטעטן ציען, נעמלעך, זייער קרימינעלע יניקה פון תורת משה אַליין און פון שולחן ערוך. וואָס־זשע זאָגן די דאָזיקע טעקסטן וואָס ווערן פאַרהייליקט דורך אַלע ישראלים און ווערן איבערגעזעצט אין מאָדערנע פּאָליטישע באַגריפן דורך די ציוניסטן: „די וועלט דאַרף באַלאַנגען נאָר צו די יידן”; „גוייש פאַרמעגן איז נאָר צייטווייליק, ביז עס וועט איבערגיין צום אויסדערוויילט פאָלק”; „די ,עכומס׳ דאַרפן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָלק, מ׳טאָר זיי נישט ראַטעווען פון טויט, מ׳טאָר זיי נישט היילן, מען מעג נאָר אויף זיי אויספּרובירן אַ ניי היילמיטל, אַ ייד דאַרף זיך פרייען ווען אַ גוי שטאַרבט, מען מעג אים אָפּנאַרן; בעסער וואַרפן אַ ביין צו אַ הונט ווי אים געבן אַ גוי; קינדער פון גויים זענען נידעריקער ווי די גרעסטע אידיאָטן פון יידישן אָפּשטאַם”. „און ווי ס׳איז גוט באַקאַנט: זענען די דאָזיקע געזעצן אַ טייל פון די רעגולאַציעס פון דער ישראל־אַרמיי, וועלכע „מ׳מוז דיסציפּלינאַר אויספאָלגן”. איז דען אַ וווּנדער אַז „אַגענטן פון ש. ב. (ישראלדיקן אויסשפּיר־דינסט) האָבן אויפגעריסן אַ ישראלדיקן עראָפּלאַן, טויטנדיק 40 פּאַסאַזשירן”, „אַז זיי וואַרפן באָמבעס אין פּאַריז און אין ביירוט, הרגענען אַראַבישע פירערס פון אויפשטאַנד און אין נאָמען פון ריינקייט פון דער

ראַסע — פאַרטרייבן זיי אַריין די אַראַבער אין געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און רעזערוואַטן".

די מערסטע טעקסטן זענען גענומען פון צאַרישן רוסלאַנד און פון נאַצי־דייטשלאַנד. עס האָט זיך נאָר געביטן די סעמאַנטיק. אויפן אָרט פון „זקני ציון" מיט זייערע געהיימע פּראָטאָקאָלן — איז איצט „די ציוניסטישע קאָנספּיראַציע"; אויפן אָרט פון די „יידישע וועלט־באַנקירן" — פיגורירט די „אינטערנאַציאָנאַלע יידישע בורזשואַזיע"; דאָס אָרט פון „נאַציזם" פאַרנעמט איצט ישראל און די רייכע יידישע בורזשואַזיע אַלס דער „הויפּט־שונא פון דער מענטשהייט".

אָט וואָס ס'געפינט זיך אינעם בוך פון יעווגעני יעסעניאָוו אונטערן נאָמען „פאַשיזם אונטער דעם בלויען שטערן": „..ציוניזם איז דער מאָדערנסטער פאַשיזם. ער פירט אַ פּאָליטיק פון באַהערשונג און גענאָסיד און וויל ברענגען די וועלט צו אַ נייער וועלט־מלחמה; ער עקספּלואַטירט און אונטערדריקט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. ער דאָמינירט די וועלט, מאַכט פאַלן און שטעלט אויף רעגירונגען. ער קאָנטראָלירט טויזנט צייטונגען און זשורנאַליסטן. דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פּוילן און טשעכיע איז געווען מיט דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון ציוניזם".

די אומפאַרשעמטע פרעכקייט דערגייט ביז צום שרייבן אַז „יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויסמאָרדן יידן אין באַבי־יאַר און אַז ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט אַז יידן האָבן שטענדיק מיטגעאַרבעט מיט אַנטיסעמיטן און פּאָגראָמשטשיקעס".

בכלל איז עס אַן אויסגעטראַכטע זאַך אַז „יידן האָבן געשפּילט וועלכע עס איז ראָל אין דער וועלטקולטור. משה העס, לעאָן פּינסקער, אחד העם, מאַרטין בובער און אַנדערע — דאָס אַלץ איז ראַסיזם און נאַציאָנאַלער שאָוויניזם". ווי אין דער מעשה מיט שלום עליכמס טעפּל, זאָגט דער מחבר: אַז ערשטנס — האָבן זיי בכלל נישט עקזיסטירט און ס'איז אַן אויסטראַכטעניש אַז ס'איז דאָ אַ האָמאָגעניש פאָלק; צווייטנס — טוען זיי אַלע דבר אסור; דריטנס — האָבן זיי זיך שוין לאַנג אַסימילירט... איליאַ ערענבורג איז שולדיק, ווייל ער האָט געלויבט דעם „חסידישן" ייד מאַרק שאַגאַל. אַפילו אהרן ווערגעליס ווערט באַשולדיקט אַז ער קוועסטיאָנירט לענינס

טעאָריע וועגן יידן. בקיצור: עס איז גאָר נישטאָ קיין ייד, וואָס זאָל נישט זיין קיין פּאָטענציעלער ציוניסט און וועלכן מ׳זאָל קענען גלויבן.

דאָס דאָזיקע בוך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ „פּאָפּולערער" פאַרקירצטער פאָרם אין 70 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אונטערן טיטל: „ציוניזם, אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק". אגב, האָבן 35 יידיש־סאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן פּראָטעסטירט פאַרן פּראָקוראָר פון סאָוויעט־רוסלאַנד, רודענקאָ, קעגן דעם בוך און געגעבן אַ ווירדיקן אויסשעפּנדיקן ענטפער.

די פּראָווינץ ווערט ממש פאַרפלייצט פון אַרטיקלען אין דער פּרעסע. אין „פּאַרטינאַיאַ זשיזן" שרייבט אַ געוויסער „דעוואָרין" (אַ ייד?): „ציוניסטן האָבן אויסגעטראַכט אַ נאָמען גוי, כדי צו באַצייכענען פיינטלעכע עלעמענטן צו יידן און מענטשן פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע; בשעת דעם בירגער־קריג פון 1915—1919 האָבן אין רוסלאַנד די ציוניסטן אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט די ווייס־גוואַרדייצעס פּאָגראָמען אויף יידן; ציוניסטן האָבן געהאָלפן היטלערן פאַר און נאָך זיין קומען צו דער מאַכט; אייכמאַן האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט ציוניסטישע פירערס און מיט זייער שטיצע דורכגעפירט די פאַרניכטונג פון די יידן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער; די ציוניסטן האָבן צוזאַמען מיט די היטלעריסטן באַקעמפט די פּאַרטיזאַנער אין פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע". אין „מאָלאָט אוקראַיני" ווערט „סטרומאַ" פאַרגעשטעלט ווי „אַ שיף וואָס היטלער האָט צוגעגרייט פאַר שפּיאָנען, וואָס זאָלן צוזאַמען מיט די יידן אינפילטרירט ווערן קיין פּאַלעסטינע פאַר זיינע צוועקן".

עס ווערן איבערגעגעבן שפּאַנענדיקע דעטעקטיוו־געשיכטעס פון וועלכע עס שטעלן זיך ממש די האָר קאַפּויער וועגן די פינצטערע מעשים פון ש. ב. אין אייראָפּע און אין דער וועלט. די אַלע אַרטיקלען, פון וועלכע מיר האָבן אַרויסגענומען נאָר אַ טייל און מיר זענען נישט זיכער, אַז דאָס זענען די סאַמע ערגסטע, ווערן באַגלייט מיט קאַריקאַטורן און בילדער, אין וועלכע עס פעלט קיין מאָל נישט דער באַנקירישער בויך, די לאַנגע נאָז און דער מגן־דוד אויף די שלאַנגען, וואָס מאָרדן אַ וועלט און צאַפּן איר אויס דאָס בלוט.

די דאָזיקע מטורפדיקע פּלאַפּלערייען ווערן אַרויסגעגעבן דורך וויסנ־

שאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, דורך דיפּלאָמירטע פּאַרשערס. אויב דאָס איז נישט אַנטיסעמיטיזם — טאָ וואָס איז אויף דער ערד אין אַלע דורות געווען מער ווי דאָס?

אויך די אַראַבער שווערן זיך ביי „אַללאַס" באַרד, אַז זיי זענען נישט קיין שונאים פון יידן — זייערע לייבלעכע קוזינען; אַז יידן האָבן געגאָסן פון ליבעראַליזם, גאַסט־פריינדלעכקייט און טאָלעראַנץ א. א. וו. און אַז נאָר דער ציוניזם איז אין אַלעם שולדיק, זיי זענען נאָר קעגן דער מדינה אא"וו. אַפילו די „העלדן" פון דער „סעפּטעמבער־נאַכט", די מערדערס פון מינכען, די וואָס זענען געשטאַנען הינטער די יאַפּאַנישע מאַסן־רוצחים אין לוד, די שיקערס פון די אויפרייס־בריוו, די טעראָר־מערדערס פון קינדער און שוצלאָזע זקנים — זענען אויך נישט קיין „אַנטי־יידן"; זיי זענען כידוע, דעמאָקראַטן, רעוואָלוציאָנערן און זיי רעדן אַפילו אַ מאָל וועגן אַ „געמיינזאַמער וועלטלעכער היים פאַר יידן און אַראַבער".

אָבער, פּונקט ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד, זענען זיי אומגעלומפּערט אין זייערע ליגנס. עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט זייער ליטעראַטור, וואָס די אַראַבישע ליגע־ביוראָס צעשיקן, כדי צו זען ווי זיי חזרן איבער אַלע אַנטיסעמיטישע טענות אַז יידן זענען נישט לאָיאַל צו זייערע לענדער וווּ זיי וווינען, אַז מ'טאָר זיי נישט טרויען, אַז זיי זענען אַלץ מקריב פאַר ישראל, אַז זיי האָבן שטענדיק געבראַכט גיפט און געזייט פאַרניכטונג אין די לענדער וווּהין זיי זענען אָנגעקומען. היטלערס לערע ווערט ברייט פאַרשפּרייט און ציטירט אין זייערע פּובליקאַציעס. עס ווערן אַרויסגעבראַכט און אַקצענטירט די סאַמע פיינטלעכסטע באַמערקונגען און דערקלערונגען פונעם נביא מאַכמעד און פון קאָראַן וועגן יידן. און פאַר וואָס נאָר טעאָריע? און ווו איז די פּראַקטיק? יידן אַלס אַזעלכע ווערן געפּייניקט, גערודפט, באַליידיקט אויפן שוידערלעכסטן, מיטלאַלטערלעכן אופן אין די אַראַבישע לענדער. ווי לאַנג איז עס ווען זיי האָבן גערעדט וועגן „אַריינוואַרפן די יידן אין ים אַריין" און וועגן „פיזישער פאַרניכטונג"?

אָבער מיר זענען זיכער אַז מ'וועט אונדז באַשולדיקן — און אפשר אויך מיט רעכט — אַז מיר קלויבן אויס די עקסטרעמען, און וועלן פרעגן: וואָס איז בנוגע די מער „סאָלידע", „אָביעקטיווע" קעגנערס פון ישראל?

נישט אַלע זענען דאָך דע גאָל אַליין, וואָס האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט קריטיק קעגן ישראל נאָר האָט דאָס צונויפגעפּאָרט מיט פיינטלעכע היס־טאָריאָזאָפישע באַמערקונגען וועגן דער נאַטור פון יידן און יידישן פאָלק. וואָס איז אָבער בנוגע די זאַכלעכע קריטיקערס? דאָס אַלץ פאַרלאַנגט שוין אַ באַזונדערע פאַרטראַכטונג.

1973

# סאָוויעט־רוסלאַנד און דער יידישער מוח

אין מאָסקווע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן די פּרעמירטע פון היי־יאָריקן סאָוויעטישן מדינה־פּרייז (דער יורש פון סטאַלין־פּרייז) צום 51־טן יאָר פון דער רעוואָלוציע. ווייזט זיך אַרויס אַז אויף 185 אויסגעצייכנטע געפינען זיך 32 יידן, דהיינו קרוב 18 פּראָצענט, כאָטש זיי מאַכן אויס קוים 2 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אויפן געביט פון וויסנשאַפטן זענען פאַראַן אויף 36 וויסנשאַפטלערס, וואָס האָבן באַקומען פּרייזן, 6 יידן, בעיקר אין נוקלעאַרער פיזיק און מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען פאַר פּלאַנירטער עקאָנאָמיע. אין טעכנאָלאָגיע זענען בולט 24 יידישע נעמען אויף 133, מערסטנטייל אין עלעקטראָנישע אינדוסטריעס.

די ערשטע רעאַקציע צו דער ידיעה איז שטאָלץ און יידישע פרייד. ווידער אַ מאָל שיינט פאַר אונדז דאָס גרויסע ליכט פון יידישן מוח. עס ווערט אויך קלאָר — אָן אַ שאָטן פון ספק — די פּיאָנערן־ראָלע וואָס יידן דערפילן אין אונדזער תקופה, אין אַנטפּלעקן אירע געהיימענישן, מעגלעכ־קייטן און גרויסע געלעגנהייטן.

אָבער נישט דאָס אַליין זענען מיר אויסן. אָט דאָס בינטל ציפערן ברענגט אונדז צו פאַרשידענע מחשבות און אויספירן. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל אַז די אָפיציעלע סאָוויעטישע אַגענטורן פאַרעפנטלעכן — אַפילו מיט אַ בכיוונדיקער אונטערשטרייכונג — ליסטעס מיט נעמען פון יידישע אינ־

טעלעקטואַלן און וויסנשאַפטסלייט. דאָס דאַרף דינען ווי אַ שלאָגנדיקער ענטפער אויף דער טענה קעגן דער קולטורעלער דיסקרימינאַציע פון יידן און אַלס באַווייז פון זייער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג אין די העכסטע ספערן פון דער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז נישט מער ווי שיטן זאַמד אין די אויגן. וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט די קאָלעקטיווע רעכט פון יידן אַלס רעליגיעזע, עטנישע און שפּראַכלעכע גרופּע? פאַרקערט, עס שטרייכט נאָך מער אונטער די טעמפּע, אכזריותדיקע באַציונג צו אַ שעפע־רישן קאָלעקטיוו, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע אינטעלעקטן. נאָר פאַר שונאים און נאַראָנים איז דאָס אַ סטאַטיסטישער צופאַל און נישט אַן אויסדרוק פונעם געניוס פון יידישן פאָלק.

דאָך איז עס וויכטיק. עס איז גוט אַז אַן אָפיציעלע פּרעמדע האָנט פאַרשרייבט פאַר יעדער מעגלעכקייט און עווענטואַליטעט. כאָטש צוריק־גערעדט, צי האָט עס אונדז געהאָלפן אין דייטשלאַנד? און צי האָט עס אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַליין אָפּגעהאַלטן דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם פון סטאַ־לינען, דעם מאָרד פון יידישן לשון און זיינע טרעגערס?

זייער משמעותפול איז אויך די פאַרטיילונג לויט צווייגן און געביטן:

די יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פּרעציזע וויסנשאַפטן, אויף „תכלית״־ענינים. ווי שוין געזאָגט, איז דאָס אַן אויסדרוק פון זייער חוש פאַר צייט און פון זייער נייגונג צו פאַרשן מיסטעריעס פון חומר און ענערגיע. אָבער עס קען אויך זיין אַז ס׳איז דאָ אַ מער ערדישע סיבה: דאָס זענען שטחים, וווּ מען דאַרף זיי נאָך האָבן און וווּ זיי זענען דערווייל נישט צום פאַרטרעטן.

מערקווערדיק, אין ליטעראַטור און אין קונסט זענען דאָ נאָר צוויי יידן פּרייזטרעגערס: אַן אַרכיטעקט און אַ פילם־דירעקטאָר, דאָס איז אין קעגנ־זאַץ צו דער בכורה־ראָל פון יידישע וואָרט־און בילד־מייסטערס אין דער מערב־וועלט. זעט אויס אַז יידן קענען דיכטן און שטאַלטן נאָר אין אַן אַטמאָספער פון פרייהייט. זיי זענען זוכעריש, אומרויִק, אפּיקורסיש, אינדי־ווידואַליסטיש, היינטצייטיק, שוין גאָרנישט לויטן געשמאַק פון פאַרשטייפטע און דאָגמאַטישע הערשערס. יידן זענען אַ מין פויגל, וואָס קען נישט זינגען אין שטייג.

און אפשר וועלן מיר צום סוף צוזינדיקן מיט אַ ביסל אַלטמאָדישן ציוניזם? צי איז עס טאַקע באַשערט אַז אַט די אַלע כּוחות פון וויסן און טאַלאַנט זאָלן זיין באַלנדזשענדיקע שטערן און אָפּגעריסן פון שטאַם און פון אייגענער ערד? צי איז עס דער אכזריותדיקער גורל פון אונדזער געשיכטע, וואָס רייבט אַוועק פון אונדז אַפילו אַ טייל פון אַט דעם גאָט־געבענטשטן שניט? און ביז וואַנען און ביז ווען וועט אָפּגעטיילט ווערן דער יחידישער אויפשטייג פון אונדזער נאַציאָנאַלן גאַנג אויף דער וועלט?

1968

## די וואָס וועלן פאַרבלייבן

אין „אָבסערוועה״ פון 18־טן דעצעמבער 1972 איז דערשינען אַן אַר־טיקל פון דעם מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט דייב מאַראָווקאַ א. ד. ט. „די ראָלע פון די יידן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד״. מ׳מוז נישט מסכּים זיין אין אַלע פּרטים און מיט אַלע מיינונגען פון דעם מחבר, כּדי צו האַלטן אַז ס׳איז איינער פון די קלאָרסטע און טיפסטע אַנאַליזן פון דער קאָמפּליצירטער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן אין פאַרבינדונג מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער עליה קיין ישׂראל. ער פאַרנעמט זיך נישט אַזוי מיט דעם צענטראַלן ענין פון עליה, ווי מיט דער אַלגעמיינער פּאָזיציע פון יידן אין דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט.

די יידן־פראַגע איז ענג פאַרקניפּט מיט צוויי פּראָבלעמען: דער ספּע־ציפישער מעמד פון יידן אין לאַנד און דער פּאָליטישער קלימאַט און סיס־טעם, אין וועלכן ס׳ווערט געפירט אַ געראַנגל פאַר אינדיווידועלער פרייהייט.

אויך צווישן יידן ווערט דעבאַטירט די פראַגע, צי ס׳איז פאַראַן אַ מאַסן־אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד. ס׳זענען פאַראַן אַ סך, וואָס זענען אי־בערצייגט אַז ס׳איז אַ פון אויבן דיריגירטער אַנטיסעמיטיזם, אַזוי צו זאָגן, אַן אָנגעוואָרפענע שנאה. אַנדערע, ווידער, גלויבן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם

קומט נישט פון דער אויבערשטער היעראַרכיע, נאָר האָט טיפע וואָרצלען אין דער באַזע ביי די פאָלקסמאַסן. ס׳איז פאַראַן דאָ אַ ברייט פאַרשפּרייטע סטערעאָטיפּישע פעסטשטעלונג פון אַ יידן: ער איז אינטעליגענט, כיטרע, רייך לויט אָנגענומענע סטאַנדאַרדן, ער אַנטלויפט פון פיזישער אַרבעט און איז צו פיל פאַרטראָטן אין די פרייע פּראָפעסיעס. דערביי איז ער שטענדיק פאַרשלאָסן. ווי דער שטייגער איז, מאַכט מען דעם יידישן כלל פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די נעגאַטיווע מעשים פון איינצלנע און זעלטענע. זיכער נעמט דאָ דער אַנטיסעמיטיזם נישט אָן קיין כוליגאַנישע, אָדער אַפילו ווירט־שאַפטלעכע פאָרמען. ס׳איז אָבער קלאָר אַז די פיינטשאַפט צו יידן פון „אויבן״ און די פאָראורטיילן און דער אומווילן פון „אונטן״ ווירקן און רעאַגירן איינער אויפן צווייטן, „באַפרוכפּערן״ זיך קעגנזייטיק צום שאָדן פון יידן.

ס׳איז אַ פאַקט אַז יידן ווערן מעטאָדיש, אויב אַפילו פאָרזיכטיק, אויס־געשלאָסן פון דעם הויפּטשטראָם אין פּאָליטישן לעבן. מען איז זיי חושד און יעדע רגע דאַרפן זיי באַווייזן זייער לאָיאַליטעט. די שפּאַנונג און די אומאויפהערלעכע נישט ראַציאָנעלע פאָדערונגען כלפּי זיי זענען איינע פון די סיבות פון דעם דראַנג פון די סאָוויעטישע יידן קיין ישראל, וווּ זיי וועלן זיך באַפרייען פון די פּחדים און חשדים.

ס׳חזרט זיך איבער אין 1972 די געשיכטע פון די ערשטע רעוואָלוציאָ־נערע יאָרן: די אָפיציעלע רדיפות און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן געטריבן אַ גרויסע צאָל יידן נישט נאָר צו עמיגראַציע, נאָר אויך און אפשר הויפּטזעכלעך צו דער פּאָליטישער אָפּאָזיציע צום רעזשים. זיי זענען געוואָרן אַ מעכטיקער, פירנדיקער עלעמענט אין דער רעוואָלוציע און נאָך איר נצחון פאַרנומען מאַכט־פּאָזיציעס און געהאַט גרויס השפּעה אויפן לעבן אין לאַנד.

זיי האָבן אָבער שנעל אויסגעפונען אַז זייער אָנזעעוודיקייט אין די שפּיצן אין די ערשטע צייטן און אין די מיטל־שיכטן פון דער פירערשאַפט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט ביי די נישט־יידן, חשד און אומצוטרוי ביי די העכערע און קנאה ביי די נידעריקערע פון זיי אין דער פּאָליטישער היעראַרכיע.

אין די טראַגישע יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע זענען די בייז־וויליקע געפילן און פאָראורטיילן פון דער באַפעלקערונג אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך. שפּעטער איז געקומען דער קלימאַקס: סטאַלינס יידן־פאַרפאָלגונגען, די „קרימינעלע פאַרשווערונג פון די דאָקטוירים" און די פינצטערע גירוש־פּלענער, וואָס נאָך דער טויט פון דיקטאַטאָר האָט נישט דערלאָזט זייער פאַרווירקלעכונג. פון דעמאָלט אָן איז דער אַנטיסע־מיטיזם אַ טייל פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווער ביוראָ־קראַטיע.

די יידן זענען געטראָפן געוואָרן צווייפאַכיק: אי מ׳האָט זיי אויסגע־שלאָסן פון יעדער השפעה אין דרויסן, אי מ׳האָט ביי זיי צוגערויבט זייערע אינערלעכע עטנישע סימבאָלן און ווערטן, די נאַציאָנאַלע יצירה און די זעלבסטווערדע. דאָס האָט געבראַכט אַ טייל פון זיי צו דער מיינונג אַז יידן דאַרפן פאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד און עולה זיין קיין ישראל און דאָס איז פאַר זיי די איינציקע לייזונג. דער מחבר האַלט אַז דאָס איז „עקסטרעמיזם" און „נישט רעאַליסטיש". ער גיט אָבער צו אַז דער 6־טאָגיקער טריומף און די האַס־פּראָפּאַגאַנדע פון מאָסקווע קעגן ישראל האָט דערפירט דערצו אַז די מער דענקנדיקע און „סאָפיסטיקירטע" יידן ווילן זיך נישט אָפּגרע־נעצן פון די „עקסטרעמיסטן".

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. שוין פריִער איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער אַנאַלאָגיע מיט דער פרע־סאָוויעטישער תקופה. אויך איצט איז דאָ די סכּנה און די מורא ביי יידן, זיי זאָלן ווידער אַ מאָל נישט אַריינגעמישט ווערן אין דעם ליבעראַלן, דעמאָקראַטישן געראַנגל. דאָס מוז זיין שעדלעך פאַר יידן, סיי אין דעם ריין טעאָרעטישן און אומוואַרשיינלעכן פאַל פון נצחון פון דעם אונטערגרונט און סיי אין פאַל פון זיין דורכפאַל. איןביידע עווענ־טואַליטעטן וועלן יידן באַצאָלן אַ טייערן פּרייז. אויף יעדן וועט אַרויפגעלייגט ווערן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַלע רעבעלישע עלעמענטן. אויב ווידער דער ווידערשטאַנד וועט מצליח זיין, וועלן יידן פריִער, אָדער שפּעטער, ווערן „גרויס אין די אויגן" פון די, וואָס זוכן איצט זייער הילף, שכל און איניציאַטיוו. מ׳האָט שוין געזען אַזוינס...

דער עצם פאַקט אָבער, וואָס יידן שטעלן אַ ווידערשטאַנד (און טיילווייז

אַ דערפאַלגרייכן) מאַכט זיי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אָפּאָזיציע־באַוועגונג, וואָס שטיצט זיי אין זייערע פאָדערונגען. פון דאַנען נעמט זיך אַ געוויסע ליבעראַלקייט בנוגע דער עליה (דער זעלבער „אָבסערוועער״ האָט אין אַ נומער שפּעטער פאַרעפנטלעכט די ידיעה וועגן די פאַרלייכטערונגען וועגן אויסקויף־געלט אונטער דעם סענסאַציאָנעלן קעפּל, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד וועט פון ערשטן יאַנואַר אָן לאָזן יעדן יידן עולה זיין, אויסער באַגרענעצונגען פון זיכערקייט־כאַראַקטער), מ׳וויל אַזוי אַרום זיי אָפּטיילן פון דעם צענטראַלן אָפּאָזיציע־פראָנט פון ליבעראַלן, אינטעלעקטואַלן און אַנדערע קעגנערישע עלעמענטן.

אין אַלגעמיין זעט זיך נישט קיין לייזונג. אַ טייל וועט עולה זיין. אָבער פאַר די, וואָס וועלן וועלן פאַרבלייבן, וועט ווערן ערגער.

דער מחבר פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם אַז די מאַכט־אָרגאַנען גיבן זיך נישט אָפּ די מינדסטע רעכענונג, וואָס פאַרא שאָדן זייער באַהאַנדלען די יידן־פראַגע ברענגט פאַר דעם גאַנצן געוועב פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט״.

אונדז דוכט זיך אַז דער ניכטערער און דורכדרינגענדיקער אַנאַליז שטייט אין סתירה צו די אויספירן פון מחבר. אויב די לאַגע איז טאַקע אַזאַ ווי ער שילדערט (און ס׳איז נישטאָ קיין שום ספק אין דעם), פאַר וואָס איז די לייזונג פון פּראָבלעם דורך עליה אַזאַ „עקסטרעמיזם״? אויב די פאַרבינדונג מיט דער אָפּאָזיציע קעגן ברוטאַלן רעזשים איז אַזוי געפערלעך פאַר יידן, סיי אין פאַל פון הצלחה און סיי פון מפּלה, טאָ וואָס־זשע בלייבט פאַר אַ יידן צו טאָן אַחוץ נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע און אַ מעמד פון פאַרדעכטיקטע, וואָס זייער לאָיאַליטעט ווערט שטענדיק קוועסטיאָנירט? וואָס פאַרא אוצרות (אין יעדן זין פון וואָרט) לאָזן זיי דאָרט איבער?

איז עס אגב דער ערשטער פאַל (אויך אין דער קאָמוניסטישער וועלט) ווו אַ גאַנצער ישוב האָט זיך פאַקטיש איבערגעפלאַנצט קיין ישראל (רומעניע, בולגאַריע א. אַ. וו.)?

און וואָס שייך רעאַליזם, האָט זיך ווער עס איז מיט איניקע יאָרן צוריק געקאָנט פאַרשטעלן אַז אַן עליה פון דריי צענדליק טויזנט יידן אַ יאָר וועט

זיין אַ רעאַליטעט? און דאָס זעלבע וועגן פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס, די איינציקע פון דעם מין אין אַ גרויזאַמער און ריקזיכטלאָזער סביבה. און פון דער צווייטער זייט פון דער מטבע, האָט זיך ווער עס איז אין זיינע בייזסטע חלומות געקאָנט פאָרשטעלן די גרוילאַקטן צו יידן מצד סטאַלינען, זיינע מיטאַרבעטערס און יורשים? וואָס איז „מעסיקייט", „פּראַקטישקייט" און וואָס איז „פאַנטאַזיע" און „עקסטרעמיזם" אין אונדזער מטורפדיקער צייט ביי אַ פאָלק וואָס איז כולו פּאַראַדאָקסן און היסטאָרישע „אוממעגלעכקייטן"?

ווידער אַ מאָל, קיינער ווייס נישט גענוי וויפל יידן וועלן קענען און ווילן עולה זיין. איינס קאָן מען שוין, אָבער, זאָגן, אַז די עליה־באַוועגונג איז דער צענטראַלער און אפשר דער איינציקער וויטאַלער און אַקטיווער יידישער כוח. עקסטרעמיזם, אָדער נישט — קיין אַנדער אַלטערנאַטיווע זעט זיך נישט. אין זיין זכות וועט אפשר קומען צו אַ נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און אויפלעבונג ביי די, וואָס וועלן צוליב די, אָדער אַנדערע סיבות, פאַרבלייבן אויף די פלעצער.

מ'דאַרף זיך גאָרנישט אַזוי פיל חקרנען צי ס'איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד. דער נייער שמוצשטראָם פון אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע, דער רינשטאָק פון בילבולים, העצעס, ממש מיטלאַלטערלעכע געשיכטן, אַטאַקעס אויף יידישער רעליגיע, קולטור און ווערטן, רעדן שטאַרקער ווי טעאָריעס. אויב דאָס איז נישט אַנטיסעמיטיזם — איז וואָס איז יאָ?

און צום סוף. ווי דראַמאַטיש און ספּעציפיש עס זאָל נישט זיין דער מצב פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז דאָס אייגנטלעך נאָר אָן אַקצענטירטער קאַפּיטל אין דעם גוט באַקאַנטן ספר פון דער יידישער לאַנגער געשיכטע. דאָס איז גלות! דאָס הייסט זיין אַ מאָל אַ טאָלערירטע און אַ מאָל אַ גערודפטע מינדערהייט. דער אויסוועג איז קלאָר און דורכזיכטיק. נישטאָ קיין אַנדערער.

1973

# דאָס סאָוויעטישע ייִדנטום אין ליכט פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען

די ישׂראל־סעקציע פון יידישן וועלטקאָנגרעס האָט לעצטנס אַרויסגע־געבן אַ זאַמלבוך א. נ. „בחינות" (שטודיעס און באַהאַנדלונגען וועגן די פּראָבלעמען פון יידנטום פון ראַטנפאַרבאַנד און פון מזרח־אייראָפּע). דאָס איז אַ זייער ווערטפולע זאַמלונג, אַן אוצר פון אינפאָרמאַציע, וויסן און ערנסטער דאָקומענטאַציע, כדי צו קענען דינען ווי אַ האַנטבוך און איז גענוג קלאָר און פּאָפּולער כדי צו קענען געלייענט ווערן מיטן גרעסטן אינטערעס און שפּאַנונג דורך טויזנטער. דאָס בוך באַשטייט פון לענגערע אַרבעטן איבער דעם נאָענטן עבר פון סאָוויעטישן יידנטום (ליטעראַטור, שול־וועזן, קאָלאָניזאַציע־פּרוּוון א. אַז. וו.), עסייען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־דאָקטרין אין ראַטנפאַרבאַנד, גבית־עדותן און פּערזענלעכע זכרונות, ביבליאָגראַפישע רשימה א. אַז. וו. אָבער דאָס וואָס איז, לויט אונדזער מיינונג, דאָס וויכטיקסטע און וועזנטלעכסטע אין דער זאַמלונג זענען די פאַקטן און דאָקומענטן געבראַכטע פון די ערשטע מקורות וועגן דעם סיסטעמאַטישן, אַכזריותדיקן אָנגריף אויפן היסטאָרישן און היינט־צייטיקן יידנטום: פאַלסיפיצירן די געשיכטע, פאַרטושן און אָפּווישן יעדן סימן פון יידישער שעפערישקייט, מינימיזירן אָדער אַפילו פאַרשווייגן יעדן יידישן בייטראָג פאַר דער מענטשהייט און צו דער מדינה. אַט דער טייל פון בוך גיט אים זיין פּאַטעטישן און טראַגישן כאַראַקטער. דאָס זענען פאַרמעט־בלעטלעך פון אַ פּנקס פון טעמפּער אַזכריות. און ווייל מיר צווייפלען צי דער מאַטעריאַל וועט דערגרייכן צו די פילע טויזנטער פאַר וועלכע ער איז באַשטימט, וועלן מיר אים טיילווייז פּרוּוון קאָנדענסירן.

## אַ וועלט אָן יידן

וויליאַם קאַריי (מיט דער מיטאַרבעט פון אינה שלעזינגער) האָט דורכ־געפירט אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון 15 טיפּישע טעקסטביכער פון גע־

שיכטע, וואָס ווערן באַנוצט אין די שולעס פון דער רוסישער רעפּובליק פון ס.ס.ס.ר. זיי דינען ווי אַ מאָדעל און וועגווייזער אויך פאַר די אַנדערע רעפּובליקן. די מחברים האָבן אויך בייגעלייגט מוסטערן פון היסטאָריע־טעקסטן אין אוקראַינע און אין די באַלטישע לענדער א. אַז. וו.

און אָט זענען עטלעכע ביישפּילן:

ווען מ׳באַהאַנדלט אין דער רוסישער געשיכטע די צאַרישע פאַרפאָל־גונגען פון פעלקער, דערמאַנט מען די טאַדזשיקן, די אַרמענער, די אַבי־דזשאַנער א. אַנד. אָבער מ׳פאַרשווייגט די פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. אין דעם קאַפּיטל נאַצי־אַכזריותן ווערט נישט דערציילט אַז אין די טויטלאַגערן האָט מען געמאָרדעט יידן. אין דער געשיכטע פון אַלטער־טום שטעלט מען זיך אָפּ אויף אשור, בבל, מצרים, רוים און גריכנלאַנד, אָבער נישט אויף די העברעער. זיי זענען בכלל נישט געווען קיין פאַקטאָר. מען גיט אַפילו נישט איבער וועגן דער השפּעה פון יידנטום אויפן קריסטנ־טום. מ׳שילדערט די גרויסע שטעט אין מיטלאַלטער, אָבער אָן די געטאָס. עס זענען טאַקע געווען קרייצצוגן, אָבער אָן פּאָגראָמען אויף יידן. ס׳האָט עקזיסטירט אָן אינקוויזיציע, אָבער אָן אָן אַנטי־יידישן כאַראַקטער.

אין דער מאָדערנער געשיכטע דערמאַנט מען ד׳איזראַעלי — אָבער נישט זיין יידישן אָפּשטאַם. מען פאַרשווייגט אַז קאַרל מאַרקס און „דער קעמפער פאַר פּראָגרעס״ היינריך היינע האָבן געשטאַמט פון יידן. מ׳רעדט וועגן פראַנקרייך, אָבער אָן דער דרייפוס־אַפערע.

ווען מ׳גיט איבער וועגן דער היטלער־תקופה פון די יאָרן 1933—1939, רעכנט מען אויס די אונטערדריקונג פון פּאָליטישע פרייהייטן, דעם גרויסן פון די קאָמוניסטן קעגן היטלערן, די שריפה פון רייכסטאַג, אָבער קיין זכר נישט פון אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען, פון דער קריסטאַלנאַכט, א. אַז. וו. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן „100.000 קאָמוניסטן״. דאָס איז אַלץ... בעת מ׳גיט איבער די געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט אַפילו מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאַנט, אַז די נאַציס האָבן אויסגעמאָרדעט מיליאָנען יידן. אין אַן אַנדער טעקסט פאַרשווינדט ישראל פון דער רשימה פון די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות נאָך

דער צווייטער וועלט־מלחמה. איר נאָמען ווערט אָבער דערמאָנט אין פאַר־בינדונג מיט דער סיני־קאַמפּאַניע פון 1956.

טעמפּע ביוראָקראַטן האָבן זיך פאַרנומען אונדז אויסצומעקן פון דער געשיכטע פון דער וועלט פון אַלע צייטן.

## יודאַיסטיק נוסח סאָוויעט־רוסלאַנד

יהושע א. גלבוע שרייבט וועגן „די צוויי אויסגאַבעס פון דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע — פון 1932 און 1952". אויך די ערשטע ווערסיע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אָביעקטיווער בקיאות, פריינד־שאַפט, און אינטעלעקטועלער אָנשטענדיקייט וואָס שייך יידן און יידישקייט. אָבער לגבי דער אויסגאַבע פון 1952 — שוין מיט די שפּעטערדיקע צוגאָבן — איז די פון 1932 ממש אַן אוצר, אַן אבן־טוב. מ'איז אין די 20 יאָר דורכגעגאַנגען אַ וויטן מהלך אין דער שנאה צו יידן.

און אָט אייניקע אילוסטראַציעס:

די פּאָזיציע „יידן" פאַרנעמט אין 1932 — 54 שפּאַלטן, וואָס זענען 14 זייטן. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן אייניקע קאָלומס וועגן אַנדערע יידישע ענינים. אין דער צווייטער אויסגאַבע — בלויז 4 קאָלומס, וואָס זענען צוויי זייטן און נאָך 4 קאָלומס פאַר ביראָ־בידזשאַן (בעיקר פון טאָ־פּאָגראַפישן שטאַנדפּונקט) אין דער צייט, ווען מען ווידמעט בהרחבותדיק גאַנצע זייטן פאַר קליינע שבטים, אַפילו אַזעלכע, פאַר וועלכע מ'האָט ערשט געדאַרפט שאַפן זייער אלף־בית.

יידן ווערן דעפינירט ווי „פאַרשידענע פעלקער־גרופּן, אָפּשטאַמיקע פון די אַמאָליקע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דער צייט פון צווייטן יאָר־הונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג". די „ענציקלאָפּעדיסטן" פּסקענען: די יידן זענען נישט קיין פאָלק, אַ טייל פון זיי רעדט יידיש און מ'האָט זיך באַנוצט מיט דעם לשון אין דער צאַרישער צייט.

אין דער צווייטער אויסגאַבע פון דער ענציקלאָפּעדיע זענען מער נישטאָ: בערגעלסאָן, שלום אַש, בערדיטשעווסקי, ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, שניאור, בראָד, טשערניכאָווסקי. אַפילו אין פּרצן האָט מען פאַרגעסן. די

יידישע רעוואָלוציאָנערע פיגורן, וואָס האָבן פיגורירט אין דער ערשטער אויסגאַבע, זענען פאַרשוווּנדן פון דער צווייטער. מ'האָט אויסגעריסן יהודה הלוי. אונטערן וואָרט „עספּעראַנטאָ" איז דאָ זאַמענהאָף, אָבער אָן זיין יידישן אָפּשטאַם. ס'פעלט שטיינבערג — דער ערשטער יידישער יוסטיץ־מיניסטער. מ'האָט אַרויסגעוואָרפן מאַרק שאַגאַלן.

פאַרשוווּנדן זענען בער באָראָכאָוו, משה העס און אויך הערצל. אַפילו די „הבימה", וועלכע איז גאַנץ פריינדלעך באַהאַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער אויסגאַבע, איז פון דער צווייטער אויסגעמעקט געוואָרן. מ'דערמאָנט זי נישט אַפילו אין שייכות מיט וואַכטאַנגאָוון.

פאַר ווייצמאַנען האָט מען גראַד פאַרגרעסערט דעם פאַלץ, אָבער מ'שרייבט וועגן אים מיט נאָך מער זידלערייען ווי פריִער לויטן באַקאַנטן לעקסיקאָן. אויף ח. נ. ביאַליקס לידער, ווידער, ליגט דער שטעמפּל פון נאַציאָנאַליזם און... קאָסמאָפּאָליטיזם.

וואָס שייך דעם „בונד", האָט מען אין דער אויסגאַבע פון יאָר 1932 אויסגערעכנט זיין טעטיקייט. איצט שענקט מען אים קנאַפּע שורות און מ'האָט פאַר אים קיין איין גוט וואָרט נישט. ווען מ'דערציילט וועגן באַרימטע רוסישע שטעט, פאַרגעסט מען וועגן די יידישע קהילות, וואָס האָבן זיי געמאַכט גרויס און באַרימט (ווילנע, ביאַליסטאָק א. אַנד.).

אַפילו וועגן די ווייטסטע יידישע שבטים אין די בערגיקע טיילן פון ראַטנפאַרבאַנד מיט זייער אָריגינעלער ליטעראַטור און אוצרות פון פאָלק־לאָר ווערט דערציילט „אויפן שפּיץ מעסער", אונטערן אויסדרוק „בערג־יידן" ווערט דערמאָנט אַז יידנטום איז „געווען" זייער אַ פאַרשפּרייטע רעליגיע.

אָט אַזוי זעען אויס די ידיעות וועגן יידן, מיט וועלכע עס שפּייזן דעם עולם די העכסטע וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן. אַזוי דאַרף אויסזען אין די אויגן פון מיליאָנען אַ גרויס, אַלט קולטורפאָלק, וואָס האָט פאַרמאָגט נביאים, פּאָעטן און פילאָסאָפן שוין דאַן, ווען די רוסן זענען אַפילו נאָך קיין היסטאָרישער באַגריף נישט געווען.

## פּרץ מאַרקיש „רעדאַגירט און פאַרבעסערט"

עס פעלן אויס ווערטער כדי צו קוואַליפיצירן די פאַרברעכערישע אָפּעראַציע, וואָס מ׳האָט געמאַכט איבער דעם בוך „טראָט פון דורות" פון פּ. מאַרקיש, נאָכן טויט פונעם מחבר. צום גליק האָט דאָס בוך איבערגעלעבט דעם דערמאָרדעטן גרויסן מייסטער און איז ניצול געוואָרן.

צום ערשט האָט זיך דאָס ווערק געדרוקט אין המשכים אין דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" און שפּעטער אויך אין „סאָוועטיש היימלאַנד". ענדלעך, נאָך לאַנגע אָפּלייגענישן, איז עס דערשינען אין בוכפאָרם, אָבער אָן צוויי כאַראַקטעריסטישע קאַפּיטלען, וועלכע זענען יאָ דערשינען אין דער וואַרשעווער צייטונג. פּראָפ. חנא שמערוק האָט זיך גענעבן די מי צו פאַרגלייכן ביידע טעקסטן און אָפּדרוקן די קאָנפיסקירטע און אויסגעמעקטע פראַגמענטן. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ הקדמה אונטערגעשריבן דורך מאַרקישעס אלמנה און ביידע זין, וואָס „דערקלערן" די ענדערונגען אין טעקסט דערמיט וואָס דער מחבר אַליין האָט נישט באַוויזן צו פאַרריכטן זיין בוך און באַזייטיקן פון אים „היסטאָרישע אומפּינקטלעכקייטן, איבערחזרונגען". דעריבער האָבן זיי, ד. ה. די וואָס האָבן די הקדמה אונטערגעשריבן, גענומען אויף זיך די אחריות פאַר די „נויטיקע פאַרקירצונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין ראָמאַן", קיצורים וואָס רירן, לויט זיי, אגב נישט אָן דעם גייסט פון מחבר און די גאַנצקייט פונעם בוך.

אין דעם ערשטן טעקסט ווערט דערציילט, ווי אַ יידישע מאַמע באַגעגנט זיך נאָכן חורבן מיט איר צוועלף־יעריק טעכטערל, וואָס אַן אַלטע באַרמהאַרציקע פּוילישע פרוי האָט אויסבאַהאַלטן. מיט אַן אומגעהויערער קינסטלערישער קראַפט ווערט געשילדערט דער צוזאַמענטרעף נאָך 5 יאָר צעשיידונג. דאָס קינד איז באַהערשט פון פּחד. עס האָט געזען דעם טאַטנס קאָפּ זיך וואַלגערן אָן די איבעריקע טיילן פון קערפּער. זי האָט זיך געשראָקן פאַר אירע יידישע אויגן, יידישן קול, מ׳זאָל זי נישט באַגעגענען און אַוועקפירן דאָרטן, ווו מען מאַכט זייף פון יידישע קינדער.

זי הייסט שוין היינט נישט רחלע נאָר מאַגדאַלענאַ און טראָגט אַ צלמל אויף איר האַלדז און, ווען די מאַמע זאָגט אַז יידן טראָגן נישט קיין צלמלעך,

ברעכט זי אויס אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. די אַלטע פּוילישע פּרוי פּילט זיך אומבאַקוועם און שולדיק, אויב נישט פאַר אירע אייגענע מעשים, איז פאַרן שכן, פאַר וועמען זי האָט זיך געשראָקן, ער זאָל זי נישט אויסגעבן פאַרן אייגענעם מאַן.

ס׳קומט פאַר אַ דראַמאַטישער דיאַלאָג צווישן דער מאַמען און דער פּוילישער פּרוי וועגן דער „מאַדליטווע" אין דער קירכע, וועגן דעם פּשוטן אָנגענומען דעם פאַקט אַז „מ׳הרגעט יידן". אַ טיפּישע נאָך־היטלער טעמע, אָבער באַהאַנדלט מיט שרייבערישער גבורה און טיפן ליריזם: קאָנפליקטן מיט דער קירכע, מיט פּאַליאַקן א. אַז. וו. אָט דעם יסורים־מאָטיוו האָט דער גייסטיקער „פּאַטאָלאָגישער אינסטיטוט" נישט געקענט פאַרטראָגן.

נאָך קלאָרער קומט עס צום אויסדרוק אין דעם געשפּרעך (פראַגמענט) צווישן אַ סאָלדאַט און בערנאַרדן אין וואַרשעווער געטאָ. בערנאַרד איז דאָרט מסביר די אַנדערשקייט און באַזונדערקייט פון יידישן געטאָ, די ספּעציפישקייט פון דער יידישער מערכה אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פראָנטן און פאַר וואָס אין אַנדערע לאַגערן זענען נישט געווען קיין געטאָס, פון וועלכע עס איז נישט געווען קיין אויסוועג און קיין רעטונג.

דאָס אויסמעקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז לויט דער ליניע פון צורויבן ביי יידן די „קרוין" פון זייערע מאַרטירערטום, דעם „יחוס" פון זיין דער הויפּט־שונא און הויפּט־קרבן פון נאַציזם. די סיבה איז, אַז גרויסע טראַגישע איבערלעבונגען פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַלן געפיל און אָנגעהעריקייט, זיי קענען חלילה אַרויסרופן חרטה־געפילן ביי דער באַפעל־קערונג, וועלכע דאַרף זיין זעלבסטגערעכט און צופרידן מיט זיך. מ׳דאַרף אויך אָוועקנעמען פון יידן דעם יסוד פאַר פאָדערונגען און טענות... אַלץ, וואָס די הערשערס פון קרעמל ווילן נישט.

די נאַציס האָבן זיך נוהג געווען אַרויסצורייסן די גאָלדענע ציין פון זייערע קרבנות. די סאָוויעטישע הערשערס פירן זיך נאָך באַרבאַרישער, זיי רויבן צו ביי זייער קרבן דאָס טייערסטע און שענסטע וואָס איז אים פאַרבליבן: זיין ליטעראַרישע ירושה.

פּראָפ. חנא שמערוק אין אין דעם זאַמלבוך אויסער דעם פאַרטרעטן

מיט אַ גרעסערער וואָגיקער פאַרשאַרבעט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

## זאָל שוין זיין גאָט — אַבי נישט ישראל

דער אויבן דערמאָנטער וויליאַם קאַריי ברענגט אין אַנהויב פון זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אונטערן קעפּל „אַ וועלט אָן יידן", די גוט באַקאַנטע געשיכטע, וואָס קלינגט ממש ווי אַ גראָטעסקע.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיך די קולטור־פאַרזאָרגערס אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַנגענומען מיט מוט און אַרויסגעגעבן פאַר דער יוגנט אין רוסיש (אייגנטלעך איבערגעזעצט פון פויליש) די „ביבלישע דערציילונגען". איז עס זיכער אַ כבוד פאַרן ספר־הספרים, איז אָבער פאַרבליבן אין צרה: מ׳רעדט דאָרט צופיל, אין דער ביבל, וועגן יידן און יידישן פאָלק און וועגן דעם פייערדיקן און פייערלעכן בונד צווישן גאָט און ישראל. זענען די רעדאַקטאָרן געפאַלן אויף אַ געניאַל־פּשוטער המצאה: זיי האָבן פּשוט אַרויסגענומען דאָס וואָרט „ייד" און זיך באַנוצט מיטן וואָרט „פאָלק", סתם אַזוי אַן אַנאָנימע מאַסע, מיט וועלכער דער כביכול רעדט זיך דורך. אָט דאָס הייסט „סמיעקאַלקע" — אי ליטעראַטור, אי געטריישאַפט צו דער גענעראַל־ליניע... פון די „ביבלישע דערציילונגען" איז געוואָרן „פאָלקס־דערציילונגען", אין וועלכע „ייד", „יידיש פאָלק" איז לא יזכר ולא יפקד — אַ פּשוט מעשה־ביכל פאַר קינדער און נישט מער.

## און פון דעסטוועגן ריזלט דער אַלטער קוואַל

ס׳איז כדאַי צו פאַרענדיקן אָט די גרויזאַמע רעצענזיע מיט „כי טוב", מיט עפּעס ליכטיקס און לויטערס, אויך צווישן די שווערע און טעמפּע פעלזן שלאָגן זיך דורך מחיהדיקע פרישע וואַסערלעך. אָט געפינען מיר אין דער זאַמלונג אַ לוסטיק סאַטיריש פאָלקסליד וועגן „יידן" און אַן אָריגינעלער פּאָעמע פון אַנדריי וואָזנעסענסקי וועגן אַ שטילער אָזערע,

וואָס באַהאַלט אונטער איר אידילישער אויבערפלאַך שטורמישע פּאַסירונגען און איז פול מיט יידישע אַסאָציאַציעס און מעטאַפאָרעס.

אין דער זאַמלונג ווערט אויך געבראַכט (אין רוסישן אָריגינאַל און אין דער העברעישער איבערזעצונג פון יעקב שרת) דאָס ווונדערלעכע ליד פון ס. ליפקין וועגן דעם אות י, וואָס איז איינס פון די אותיות אין רוסישן אַלף־בית און באַטייט אויך פאַרבינדונג („און") אין דער רוסישער שפּראַך. דער דאָזיקער אות י איז אָבער אויך דער ערשטער אות פון ישראל. דאָס ליד פאַרענדיקט זיך אַזוי: „אָן דעם דאָזיקן אות וועט פאַר־שטומט ווערן דער ווערטערבוך און די מענטשהייט וועט נישט קענען לעבן אָן דעם פאָלק מיט נאָמען י!"

גאָלדענע ווערטער, אמת ויציב.

1970

# סאָוויעטיש יידנטום פון אינעווייניק

אין „בתפוצות הגולה" (81־82) ווערט פאַרעפנטלעכט אַ רעפעראַט פון פּראָפעסאָר אַלטשולער „דער יידישער ישוב פון סאָוויעט־רוסלאַנד (סאָציאָ־דעמאָגראַפישע ליניעס)". אין אַ קאָנדענסירטער און שטרענג וויסנשאַפטלע־כער פאָרם ווערן אינעם רעפעראַט אַרויסגעבראַכט בלויז צוויי שטריכן, וואָס זענען דער שליסל פון דער גאַנצער סאָוויעטיש־יידישער פּראָבלעמאַ־טיק: די אורבאַניזאַציע און די הויכע מדרגה פון בילדונג. פון דעם דרינגען אַרויס אַנדערע זייער וויכטיקע דערשיינונגען און כאַראַקטער־שטריכן.

יידן אין רוסלאַנד זענען שטענדיק געווען אַ שטאָטישער עלעמענט. דער חידוש אין דער לעצטער צייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען געוואָרן איינוווינערס פון גרויסע שטעט (אַרום אַ האַלבער מיליאָן באַפעל־קערונג) און מאַגנאַפּאָליסעס (העכער פון אַ מיליאָן איינוווינערס).

אין 1959 האָבן 25% יידן געוווינט אין מאַגנאַפּאָליסעס; אין 1970 האָט

דער פּראָצענט דערגרייכט 57. אַרום 21% וווינען אין די גרעסערע שטעט, ד״ה אַז 60% פון יידישן ישוב זענען קאָנצענטרירט אין די מעטראָפּאָליעס. די קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט איז נישט קיין ריין סאָוויעטיש־יידישע דערשיינונג. זי עקזיסטירט אין אַ גלייכער מאָס (און אָפט מאָל אין אַ גרעסערע מאָס) אין אַלע יידישע ישובים, איינשליסנדיק די פּאַראייניקטע שטאַטן. אָפט מאָל באַשטייט אַ ישוב כמעט בלויז פון איין שטאָט, ווי למשל: מאָנטעווידעאָ אין אורוגוואַי, סאַנטיאַגאָ אין טשילי, אָדער פון צוויי, ווי: מעלבורן און סידניי אין אויסטראַליע; יאָהאַנעסבורג און קייפּטאַון אין דרום־אַפריקע.

פון דער גרויסשטעטישקייט פון די סאָוויעטישע יידן דרינגען אַרויס אַ סך רעזולטאַטן, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן.

וואָס שייך בילדונג: אין 1970 האָבן אַ דריטל פון יידישע ברויט־געבערס געהאַט הויכע בילדונג און אין פינפטל — העכערע נאָך־מיטלשול־דיפּלאָמען, ווי: טעכניקערס, דענטיסטן, א.א.וו. דאָס הייסט, אַז 50% יידן האָבן איבערגעשטיגן די גימנאַזיע־נאָרמעס. מען קען אָננעמען אַז טראָץ אַ געוויסער דיסקרימינאַציע ביים אָננעמען סטודענטן אין באַשטימטע אוני־ווערסיטעט־צווייגן, איז דער פּראָצענט אין 1977 מסתמא אַ העכערער.

אין 1970, האָבן אין די סאָוויעטישע אוניווערסיטעטן שטודירט 140.000 יידן. אין די פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע נאָך־גימנאַזיע־אַנשטאַלטן ווידער — 40.000. דאָס נעמט אַרום אַ קיימא־לן פון 60% פון אַלע יידן אין עלטער פון 19 ביז 20. דער סך־הכל, בכן, איז זייער אַן אימפּאָזאַנטער. מיר זענען עדות פון אַ געוואַלדיקער אַקאַדעמיזאַציע פון דער יידישער געזעלשאַפט און יידן זענען נאָך אַלץ די געבלידסטע נאַציאָנאַלע גרופּע אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

וואָס העכער די בילדונג, אַלץ גרעסער דער יידישער פּראָצענט. אין די העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן, עטוואָס ווייניקער ווי 1%, ד״ה מער אָדער ווייניקער ווי זייער טייל אין דער באַפעלקערונג. אין די אוניווערסיטעטן — שוין 2% און אין די אַנשטאַלטן וואָס גרייטן צו די וויסנשאַפטלעכע קאַנ־דידאַטן (אַ שטאַפּל ווייניקער פון דאָקטאָראַט) שוין גאַנצע 5%. צווישן די „וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער" מאַכן אויס די יידן 6%. צווישן די וויסנ־

שאַפּטסלייט גופא (קאַנדידאַט און דאָקטאָר) באַטרעפן זיי 8% און צווישן די „דאָקטוירים פאַר וויסנשאַפט" — גאַנצע 14% (!).

גראָד דערפאַר ווייל יידן זענען כמעט עלימינירט פון דעם זיכערהייט־ און פּאָליטיק־סעקטאָר, און אין אַ גרויסער מאָס אויך פון קולטור־פּראָמי־נענץ, זוכן זיי אַ קאָמפּענסאַציע אין הויכער בילדונג, ווו ס'איז דאָ פּרנסה ברווח, סטאַטוס און געזעלשאַפטלעכער פּרעסטיזש.

פון די צוויי שטריכן, דער אורבאַניזאַציע און דער אַקאַדעמיזאַציע פון די סאָוויעטישע יידן, ציט פּראָפ. אַלטשולער דעמאָגראַפישע און נאַציאָנאַל־עטנישע מסקנות.

ס'איז אַ כלל גדול: וואָס מער באַפעלקערט עס איז די שטאָט, אַלץ נידעריקער איז די געבורטס־ראַטע. די גרויסשטעטישע יידישע משפחות זענען די קלענסטע אין דער צאָל פון קינדער. צו אָט דעם, כאַראַקטעריסטישן נישט ספּעציעל פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, ביאָלאָגישן פאַקט, דאַרף מען אויך צוגעבן די גרויסע צאָל געמישטע חתונות. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ישוב אָן וועלכער עס איז קולטור־דערציערישער טעטי־קייט, אַחוץ אַ ביסל אויף יידיש און דאָס בלויז פאַרן עלטערן דור. נישט קיין וואונדער אַז העטעראָגענישע הייראַטן זענען שטאַרק פאַרשפּרייט (ווידער אַ מאָל, בעוונותינו הרבים, נישט בלויז אין סאָוויעט־רוסלאַנד — ב. פּ.). אין די זעכציקער יאָרן זענען שוין אויף יעדע הונדערט חתונות געווען פופציק געמישטע. דער פּראָצעס איז נאָך צוגעאיילט געוואָרן. די יידישע נאַציאָנאַלע וואַכזאַמקייט פון די וויניקע דאַרף נישט פאַרשטעלן די טיפע אַסימילאַציע פון די גרויסע מאַסן. אויספּאַלנדיק איז אויך די פאַרקערטע עלטער־פּיראַמידע, די צאָל עלטערע מענטשן איז אַ סך גרעסער ביי יידן ווי ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די קאָנצענטראַציע אין דעם גרויסן כרך איז אָבער נישט דורכאויס נעגאַטיוו פון יידישן שטאַנדפּונקט. די מעטראָפּאָליע איז אַ סך אָפענער פאַר אינפאָרמאַציע און קאָמוניקאַציע מיטן אויסלאַנד, באַזונדערס ווען עס קומט צו די „וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער", וואָס קענען מער ווי איין שפּראַך. די רעגירונג באַציט זיך מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ לגבי זייערע באַציונגען מיט אויסלאַנד און יידישע אינטעלעקטואַלן נוצן עס טאַקע אויס אין די

לעגאַלע ראַמען. ס׳ווערט אָנגעפירט אַ געוויסע אַקאַדעמישע אַרבעט, אין וועלכער מען פילט אָן מיט יידישן אינהאַלט און כוונה אַלגעמיינע וויסנ־שאַפטלעכע פּראָגראַמען. די פּראָמינענטע פּראָפעסאָרן זענען אַזוי אַרום געוואָרן די נישט־לעגאַלע פּאַקטישע פירערשאַפט פון ישוב. זיי זענען געווען די איניציאַטאָרן פון די באַרימטע סעמינאַרן און סימפּאָזיומס, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג, נישט אַזוי צוליב זייער אינהאַלט, נאָר צוליב דער דעמאָנסטראַטיווער געוואַגטקייט און רעפּרעסיע פון די מאַכט־אָרגאַנען.

אַזוי אַרום ליגט אין דער קאָנצענטראַציע פון יידן און אין זייער הויכער געלערנטקייט אַ געוויסער קעגן־כּוח צו דער געצוווּנגענער און פרייוויליקער אַסימילאַציע.

עד כאן פּראָפ. אַלטשולער. צו דעם ווילן מיר עפּעס צוגעבן און אויך באַמערקן.

☆

אין אַן אַרטיקל אין „דזשערוזאַלעם פּאָסט" פון 22סטן יולי, ה. י. וואָס פּאַררופט זיך טאַקע אויף די אַרבעטן פונעם זעלבן פּראָפ. אַלטשולער און אויך פון פּראָפ. טשישינסקי ווערט דערציילט וועגן נעגאַטיווע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר לגבי יידן אין די אוניווערסיטעטן און וואָס באַדראָען די יידישע בריהשאַפט אויף דעם געביט. אין דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן זענען יידן אַראָפּגעפאַלן פון 4% צו 2%. די ירידה האָט זיך אָנגעהויבן בימי ברושטשאָוו מיט זיין אָפן דעקלאַרירטער פּאָליטיק צו געבן פאָרצוג ביים אָננעמען אין די אוניווערסיטעטן קאַנדידאַטן פון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם.

אין אונדזערע צייטן איז די צאָל יידישע סטודענטן נאָך מער געפאַלן, סיי צוליב דער עמיגראַציע פון לאַנד און סיי צוליב דער אויבנדערמאָנטער נידעריקער געבורטס־ראַטע, וואָס האָט פשוט „צוגעשטעלט" ווייניקער יידישע יונגעלייט אין אוניווערסיטעט־עלטער. אויך די צאָל יידן צווישן די „וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטער" איז שטאַרק אַראָפּ. זי איז געפאַלן פון 15% אין 1950 צו 7% אין 1970. די דיסקרימינאַציע איז שטאַרק בולט אין געוויסע

צווייגן פון וויסנשאַפטן און קאַריערעס. יידן זענען געצוווּנגען צו ווערן זאָאָלאָגן, וואַלד־ספּעציאַליסטן און אַפילו אינסטרוקטאָרן פון פיזישער דער־ציונג. זיי זענען שוין נישט דאָס, וואָס זיי זענען געווען אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, כאָטש די עלטערע און מיטליאָריקע דאָקטוירים האַלטן אָן זייערע וויכטיקע פּאָזיציעס אין די שפּיטעלער. דערפאַר אָבער, מאַכן זיי אויס גאַנצע 10% צווישן די עקאָנאָמיסטן און נאָך אַלץ אָנגעזען ווי לעק־טאָרן אין די אוניווערסיטעטן.

די אונטערשטע שורה אָבער באַווייזט אַ צוריקגאַנג אויך אין דער דאָזיקער כוח־פּאָזיציע פון יידן. דאָ באַזיגט די בידנע יידישע מערכה דעם בריליאַנטענעם יידישן שכל.

און צום סוף, ווי געזאָגט, אַ פּאָר ראַנד־באַמערקונגען:

1. אונדז איז אַ ביסל נישט קלאָר די שייכות צווישן דעם פאַקט פון וווינען אין גרויסע שטעט און דעם פאַרשטאַרקטן יידישן באַוווּסטזיין. אויב ס'וואָלט טאַקע געווען אַזוי, איז מיט וואָס דערקלערט מען אַז דער גרעסטער פּראָצענט פון די נושרים קומט גראָד פון די מעטראָפּאָליעס, פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, א. א. וו.?

2. דעם אמת געזאָגט, זענען מיר שטאַרק מסופק צי די ספּאָנטאַנע הויך אינטעלעקטועלע סעמינאַרן און סימפּאָזיומס קענען ברענגען יידישקייט און באַקעמפן עפעקטיוו די אַסימילאַציע און אפשר זענען זיי גאָר נישט געשאַפן געוואָרן פאַר דעם. ווי אַן אינסטרומענט פון גערמאַנגל, ווי אַ דראַ־מאַטיש מיטל צו וועקן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט צו דער שוי־דערלעכער דיסקרימינאַציע צו דער יידישער קולטור — יאָ, ווי אַ וועג צום חינוך און צום אויפבוי פון קולטור־פּאָזיציעס — ליידער, ניין! דערין איז נישטאָ קיין קפיצת־הדרך און גאָרנישט קען פאַרטרעטן אַ חדר אָדער אַ שולע.

עפּעס אַנדערש איז מיט עליה, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט די דעמאָגראַפישע און סאָציאָלאָגישע שטריכן פון ישוב.

3. מערקווערדיק ווי „סדנא דיהודות חד הוא" און ווי ענלעך איז די דעמאָגראַפיש־סאָציאָלאָגישע לאַגע פון יידן אין מערב און אין מזרח. אַוודאי,

איז דאָ אַ ווייטער מהלך צווישן דיביידע און מ׳קען נישט פאַרגלייכן דעם גייסטיקן מדבר פון סאָוויעטישן יידנטום אַפילו מיט דעם וואָס מיר האָבן געשאַפן אין די תפוצות שוין אין די מאָגערע יאָרן. זיכער דאַרף מען זאָגן להבדיל צווישן דער פרייהייט וואָס עס גיבן אונדז די דעמאָקראַטישע רעגירונגען צו אַנטוויקלען אונדזער אייגנאַרטיקע קולטור און דעם פּאַקטישן גייסטיקן גענאָסיד וואָס עס פירן דורך לגבי אונדז די סאָוויעטישע מאַכט־האָבערס. דערפאַר אָבער איז דאָ אַ צווייטע זייט פון דער מטבע. אין דער אַסימילאַציע אין מערב זענען מיר אַליין שולדיק און מען קען עס נישט אַרויפוואַרפן אויף אַ גזירה פון מלכות. עס איז זעלבסטמאָרד מער ווי מאָרד און, לייענענדיק אַלטשולערן וועגן דער יידיש־סאָוויעטישער טראַגעדיע, האָבן מיר זיך געשעמט פאַר אונדזער אייגענער הילפלאָזיקייט און יידישער גלייכגילטיקייט.

1977

# אומעטיקע גרויקייט

שוין אַ היפּשע צייט נישט געזען דאָס „סאָוועטיש היימלאַנד״. אָבער דער נר׳ 12 (דעצעמבער, 1972) האָט מיך פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט. דער לוקסוסדיק אַרויסגעגעבענער נומער (הונדערט זיבעציק זייטן) איז געווידמעט 50 יאָר פ.ס.ס.ר. (פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן).

עס דאַרף זיין אַ מין פייערלעכער סך־הכל. ווילט זיך טאַקע וויסן וואָס ווערט דאָרט דערציילט וועגן 50 יאָר יידיש לעבן, יידישער געשיכטע אין סאָוויעטישן היימלאַנד? מיר האָבן דערוואַרט אַן איבערזיכט וועגן דער יידישער ליטעראַטור פאַר אָט די 50 יאָר, אַ גאָט־געבענטשטן שניט, מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך נישט שעמען. מיר האָבן געזוכט אַ פּאָר זייטלעך וועגן יידישן קאָלעקטיוון און אינדיווידועלן צושטייער צום אויפבלי, צו דער זיכערקייט און אַנטוויקלונג פון אָט דעם ריזנלאַנד. וויפל מיר זאָלן נישט

װעלן זײַן פֿאַרפֿאַנצערט און צוגעװוינט, געלינגט דאָך דעם זשורנאַל שטענ־דיק אונדז צו איבערצוראַשן. דער גרױסער זאַמלבוך איז שטום. דער יובל פֿון ליטעראַרישן אָפּיציאָז אין יידיש — איז כמעט יידנריין.

דאָס איינציקע דירעקט יידישע װאָס מיר האָבן געפֿונען אין דעם זשורנאַל איז אַ מאָגערע באַמערקונג פֿון אייניקע שורות אינעם אַרטיקל פֿון הירש בלאָשטיין. אויך דאָס גייט נישט אַװעק װייט פֿון די סטערע־אָטיפּישע פּראָגעס פֿון אַ גאַנץ יאָר אַז: די אָקטאָבער־רעװאָלוציע האָט געגעבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג און איינגעפּירט אַ געזעץ קעגן אַנטי־סעמיטיזם; אַז דאָס יידישע פֿאָלק װעט נישט פֿאַרגעסן װאָס פֿאַר אַ גרױסער פֿרײַנד עס איז געװוען לענין, און אַז יידן האָבן אויך באַקומען מלוכהשאַפֿט (נישט װייניקער) דורכן בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן (װי אַזוי עס זעט אויס דער יידישער כאַראַקטער פֿון אָט דער „מדינה" — אַ ביסל װייטער).

דאָס איז פּובליציסטיש כמעט אַלץ.

אין דעם „לידערקראַנץ צום גרױסן יובילײ — פֿופֿציק יאָר סאָװעט־פֿאַרבאַנד" זענען פֿאַראַן איבערזעצונגען פֿון אוקראַיִנער, װייסרוסן, אוזבע־קיסטאַנער, קאַזאַכסטאַנער, גרוזינער, אַזערבידזשאַנער, ליטװינער, מאָלדאַ־װער, קירגיזער, טאַדזשיקיסטאַנער, טורקמענער, אַרמענער, עסטאָניער — אָבער אָן אַן איין איינציקער יידישער יצירה. זענען דען יידישע פּאָעטן — אַמאָליקע און היינטצייטיקע — אויסגעמעקט פֿון דער ערד? פֿאַר װאָס נישט אַ יידישער לידערקראַנץ? דאָס טאָר מען שוין אויך נישט?

װען מען ברענגט שוין יאָ לידער פֿון שמואל האַלקין — צו זײַן 75 יאָריקן געבורטסטאָג — זענען עס גאָרנישט זאַגנדיקע פּערזן און נישט די טיפּע לידער פֿון דעם גרױסן דיכטער, אין װעלכע ס׳הערט זיך אָפּט אַ יידיש געמיט. ס׳איז װייט נישט קיין צופֿאַל. מ׳קען דאָך נישט חושד זײַן לכל־הפּחות װערגעליסן אַז עס האָט אים פֿאַרפֿעלט זײַן ליטעראַרישער געשמאַק.

אָט געפֿינט זיך דאָרט אַ באַריכט װעגן אַ בוך „אָף די ברעגעס פֿון בירע און בידזשאַן", אַרויסגעגעבן אין דער רוסישער שפּראַך דורך דעם כאַבאַראָװסקער ביכער־פֿאַרלאַג.

און װידער דאָס זעלבע: צװישן די אָנטיילנעמערס פֿון דער זאַמלונג,

וואָס באַשטייט פון פּובליציסטיק, פּראָזע און פּאָעזיע, זענען דאָ אַ סך יידישע נעמען: דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם ק.פּ.ס.פּ. פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט — לעוו באַריסאָוויטש שאַפּיראָ בכבודו ובעצמו, איציק בראָנפּמאַן, ליובא וואַסערמאַן און אַ סך פון יינגערן דור און טאַקע ווערגעליס אַליין. עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן די בויערס פון דער געגנט, וועגן דער פּרעכטיקער נאַטור, „וועגן דעם האַלבן יאָרהונדערט שעפערישקייט און דעם 50סטן יאָרטאָג זינט דער סאָוויעטישער וויטער מזרח איז באַפרייט געוואָרן פון די ווייסגוואַרדייער.״

אַלץ שיין און פיין. אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ דירעקט צו טאָן מיט יידן? קען מען, למשל, רעדן וועגן אוקראַינער אָן אוקראַינער? סתם אַ נאָמען, אַ פיקציע, ס׳איז נישטאָ וואָס צו דערציילן...

אין דער ליטעראַרישע כראָניק אונטער דעם סימפּטאָמאַטישן טיטל: „אויף די שפּראַכן פון די ברידערלעכע סאָוועטישע פעלקער״ ווערט דער־ציילט וועגן אַ נייעם בוך לידער פון ווערגעליסן, פון אַ נייער לידער־זאַמלונג פון מאָטל טאַלאַליעוווסקי א. ב. „גרינע שפּראָצלינגען״; חיים מאַלטינסקיס „פריילעכע טויערן״ (קינדער־לידער), אָבער... אַלץ אין רוסיש. פאַר וואָס נישט אויף יידיש? פעלן שוין לייענערס אויף דער שפּראַך? פאַר וואָס איבערזעצונגען נאָך פאַרן דערשיינען פונעם אָריגינאַל? קען מען עס זיך דאָרטן נישט פאַרגינען? אַפילו נישט בנוגע דעם רעדאַקטאָר און אָפיציעלן „פאָרשטייער״ פון דער יידישער ליטעראַטור?

כ׳ווייס אַז דאָס זענען ריין רעטאָרישע פראַגעס און דער לייענער קען אונדז אַפילו האַלטן פאַר היפשלעך נאַיוו. אָבער ס׳איז אַ חוב צו פרעגן און נישט אויפהערן פרעגן. אפשר איז עס ביי אונדז אויף דער צונג, וואָס ביי אַ סך פון זיי דאָרט איז אויפן לונג...

די זאַך ווערט נאָך פאַרדריסלעכער און הימל־שרייענדיקער ווען מ׳לייענט איבער די נאָטיץ (אַן אויסצוג פון „איזוועסטיאַ״) אונטערן קעפּל: „דאָס גאַנצע פאָלק לייענט״. ס׳ווערט דאָרט דערציילט וועגן ברעזשניעווס שטאָלצן באַריכט וועגן דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע און ביכער־פאַרקויף אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ס׳ווערן יערלעך אַרויסגעגעבן העכער 75 טויזנט ביכער און בראָשורן מיט אַ טיראַזש פון אַ מיליאַרד 300 מיליאָן עקזעמ־

פלאָרן. אין דער זעלבער צייט איז דאָ אַ פּאַלק נישט פון די קלענסטע און נישט פון די פּרימיטיווסטע אין ראַטנפאַרבאַנד און די צאָל פון די אַרויסגעגעבענע ביכער אויף העברעיש אָדער יידיש איז ווייניקער ווי די צען פינגער פון ביידע הענט, און דאָס יאָר — דאָס אויך נישט. אַרט דאָס נישט די רעדאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל? רייצט דאָס נישט די נערוון פון די אַרויסגעבערס? האָבן זיי בלוט אָדער קוואַס אין זייערע אָדערן?

אָבער, ווייזט אויס, ס׳איז נישטאָ קיין בלויזע שטאָק־פינצטערניש. ס׳איז אויך פאַראַן אַ ביסל ליכט און מיר פרייען זיך מיטן גאַנצן האַרצן פון דעם שיינענדיקן אַרויסברענגען:

אברהם גאָנטאַר פאַרעפנטלעכט אין דעם נומער פון זשורנאַל אַ ציקל לידער א. ג. „מיין חשבון־בוך״. ס׳איז לויטערע ליריק, אמתע דיכטונג, פּרעכטיקע פאָרם און אויפריכטיקער געפיל. ס׳איז אַ חשבון אין פערזן — אַן אומעטיקער, נאָסטאַלגישער און אַפילו אַן עלעגישער, ס׳איז יידיש, מעטאַפאָריש־יידיש, אָבער אויך שטאָלץ און ווירדיק:

„...האָפּשטיין און פּעפער,
מאַרקיש און קוויטקאָ!
די האַנט, וואָס האָט אַף אייך זיך אויפגעהויבן,
איז אָפּגעדאַרט,
איז שוין פון לאַנג ניטאָ,
און אייער וואָרט פליט אום,
ווי לייכטע טויבן.״

דערמאָנט אַלעמען צוזאַמען. די האַנט פון הענקער איז אָפּגעדאַרט. אַ שטילע יידישע טרער אויף אַ פרעמדן פאַרכמורעטן פּנים.

1973

# שפלות

אומזיסט האָבן מיר, ווייזט אויס, געהאַט טענות צו „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַז אַ חוץ די פּירקאַנטיקע אותיות — האָט עס גאָרנישט צו טאָן מיט יידן, יידיש לעבן און יידישקייט. דער יאַנואַר־נומער 1970 איז גראָד פול מיט יידישע טעמעס, זיי זענען אָבער באַהאַנדלט אויף אַזאַ אופן אַז עס וואָלט אונדז שוין ליבער געווען די פאַרפרוירענע שטום־שווייגעניש און פאַרמעלע ליטעראַטור־מאַכעריי אין טעג פון יידישן אויפברויז און קאַמף.

פּלוצעם אויף אַ נאָווינע ווערן אָפּגעגעבן דריי לאַנגע זייטן פאַר אַ רעצענזיע וועגן יעל דיינס טאָג־בוך פון דער סיני־מלחמה 1967. קען זיך שטעלן די פראַגע: וואָס איז די סיבה פון אַזאַ פּראָמינענץ פאַר איינעם — און נישט דעם וויכטיקסטן — פון אַ סך ביכער וועגן די יוניטעג, און פון אַ שרייבערין, וואָס ביי איר גאַנצן טאַלאַנט איז זי נישט די רעפּרעזענטאַטיווסטע און כאַראַקטעריסטישסטע פאָרשטייערין פון דער העברעישער ליטעראַטור? דער ענטפער איז: דער „פּראָגרעסיווער״ קריטיקער, פישל טאָביאַש פון אורוגוואַי, מיינט נישט אַזוי די ליטעראַרישע הגדה פונעם ווערק ווי די פּאָליטישע קניידלעך...

שוין ביים אַריינפיר שטעלט ער פעסט אַז „ווען אַ שרייבער פּראָפּאַגאַנדירט מלחמה, דינט ער נישט מיט זיין שאַפן נישט די פעלקער פון דער וועלט און אויך נישט זיין אייגן פאָלק״. דאָס איז אים נויטיק פאַר דעם „טיפן״ זאָג אַז זי איז — דעם טאַטנס אַ טאָכטער... און אַז דער געדאַנק פון טאַטן און פון דער טאָכטער איז איינער: „אַ מיליטעריזשער״, „אַ זעלנערישער״, „אַ קריגערישער״ און אַז דער ציל זייערער איז שטענדיק: „דראָען און פאַרפּאָלגן מיליטעריש די שכנותדיקע מלוכות, זיי צווינגען צו אָנערקענען די ישראלדיקע איבערמאַכט און אָננעמען אירע שלום־באַדינגונגען ווי אַ זיגערישע מלוכה״.

אַז איינעם שפּילט צו דער מזל, איז נישט שייך. ער האָט דאָ אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט: חנפהנען די סאָוויעטישע שונאי־ציון, וואָיען ווי אַ וואָלף אין אַ שעפּסנפּעל פון ליטעראַרישער קריטיק....

דאָס בוך איז אים נויטיק, כדי אונדז צו „כאַפּן ביי דער האַנט" און פעסטשטעלן אַז ישראל האָט אָנגעהויבן די מלחמה. ווען איר לייענט די קינסטלעך אַרויסגענומענע האַלבע ציטאַטעס פונעם בוך, צוגעשניטענע צו זיין געברויך, שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די יידישע קריגפירערס האָבן נישט דיר און נישט מיר מאָביליזירט דעם ישוב קעגן די „אומשולדיקע פאַציפיסטישע" שכנותדיקע לענדער (דער רעצענזענט, וואָס איז גאַנץ באַרעדעוודיק, האָט נישט קיין איין וואָרט פון פאָרוווּרף קעגן נאַצערן אין יענע שווידערלעכע טעג, און פאַרלאָזט זיך אומגעלומפּערט אויף דעם כלומרשטן אומוויסן פונעם סאָוויעטישן לייענער).

ווייטער ווערט די שרייבערין פאָרגעשטעלט ווי אַ ציניש און אַכזריותדיקע באַשרייבערין פון די גרוילן פון דער מלחמה; ווי אַזאַ וואָס פאַראַכט דעם שלעכטן ריח פון די געהרגעטע עגיפּטישע זעלנער. עס ווערט אויך דערמאָנט איר חטא אַז אויך אין די מלחמה־טעג האָט זי אין זינען געהאַט צו שמירן מיט קרעם דאָס פּנים, די הענט און דעם האַלדז... און דאָס איז נאָך נישט אַלץ: דער יידישער „ליטעראַטור־קריטיקער" האָט די חוצפה צו פאַרגלייכן דאָס בוך מיט דעם בוך לידער און פּאָעמעס פון דעם עלטערן זון פון מוסאָליני, וואָס האָט באַזונגען די ברענענדיקע שטעט און מענטשן פון דער ברענענדיקער עטיאָפּיע...

דער מחבר מוז אָבער זיין געטריי דער אידעאָלאָגישער ליניע. טוט ער אונדז דעם גרויסן חסד און זאָגט אַז „דאָס בוך איז כאַראַקטעריסטיש נישט פאַר דער גאַנצער ישראל־יוגנט, נאָר פאַר די זין און טעכטערלעך פון די אויבערשטע שיכטן, פאַר די רעגירערס און הערשערס פון דער מדינה". זעט אויס אַז די רעגירונג פון אַלע פּאַרטייען באַשטייט פון די „ביקס־גליקלעכע" מיליטאַריסטן און די איינציקע שלום־זוכערס זענען די רענעגאַטן פון רק"ח.

ס'איז איבעריק צו פּאָלעמיזירן, פאַר וואָס ער האָט זיך נישט באַמיט, לפּנים וועגן, איבערצוגעבן כאָטש אַ מינימאַלן טייל פון די טיף מענטשלעכע און רירנדיקע קאַפּיטלען פון דעם טאָגבוך. אָבער, גיי זוך ביי אַ קאָזאַק יושר... פאַר וואָס די רעדאַקציע האָט גראָד אַזוי געוואָלט אָפּשפּיגלען די טראַכטונגען, די געפילן און שטימונגען פון דער פּאַטריאָטישער ישראל־

יוגנט שוין נאָכן זיג, פֿאַר וואָס פֿאַרשווייגט זי, למשל, אַזעלכע ביכער ווי „שיח לוחמים" („קעמפֿער דערציילן"), וואָס איז איינס פֿון נאָבלסטע, לירישסטע און הומאַניסטישע ליטעראַטור־שאַפֿונגען פֿון אַלע צייטן?... קען מען דען האָבן טענות צו אַ קראָ, פֿאַר וואָס זי איז נישט קיין סאָלאָווי?... נישטאָ קיין אַנדער באַצייכענונג פֿאַר די, וועמען קיינער האָט נישט גע־צווונגען צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַזאַ פֿאַשקוויל, ווי — שפֿלות!

1970

# באַבי־יאַר און יידן

אינעם זעלבן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" דערשיינט אויך אַ רעפּאָר־טאַזש פֿון יוסף שוסטער א. ג. „קיִעוו האַרבסט 1969" (באַגעגענישן און איינדרוקן), געפֿינען מיר דאָרטן קאַלירפֿולע באַשרייבונגען פֿון דער שיינער שטאָט, איינדרוקן פֿון שמועסן מיט יידישע שרייבערס, צווישן אַנדערע — עלי שעכטמאַן — דעם מחבר פֿונעם גרויסן עפּישן ווערק „ערב"; וועגן אַ באַזוך אין דער דירה ווו ס'האָט געלעבט שלום־עליכם; וועגן סקולפּטור און מאָלערס, צווישן אַנדערע די טאָכטער פֿון פּרץ מאַרקיש, און צום סוף אַ באַזונדער קאַפּיטל: „בלומען אויפֿן באַבי־יאַר".

שוסטער האָט באַגעגנט יאַקאָוו סאַמועלאָוויטש ראַשבע, איינעם פֿון די, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אינעם קאָנקורס פֿאַר אַ דענקמאָל פֿאַר די קדושים פֿון באַבי־יאַר.

דער טאָג: 28טער סעפּטעמבער — 28 יאָר נאָך דער גרויסער שחיטה. און מערקווערדיק: דער שרייבער דערמאָנט נישט, אין דער נאָטיץ פֿון אַ גאַנצן קאַלום, קיין איין וואָרט וועגן יידן! אין יענעם טאָג זענען סתם געטריבן געוואָרן „...טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע מענטשן דורך די פֿאַשיסטן צו דער מאַסן־שחיטה". די מצבה איז, אין אַלגעמיין, פֿאַר „קדושים". אויפֿן אַל־שטאַטישן מיטינג זענען בייגעווען איניקע פֿון די,

וואָס זענען צופעליק געראַטעוועט געוואָרן פון דער שחיטה, צווישן זיי, דער קיִעווער תושב יאַשאַ קאָפּער (סתם אַ תושב און סתם פון קיִעוו — און נישט אַ יידישער קרבן און עדות)...

ס'שטעלט זיך די פראַגע: ווי קען מען עס?! ווי קען מען עס אַזוי „צופעליק" און כלאחר ידיק אויסמעקן יעדן רמז וועגן יידן צו באַבי־יאַר? ווי אַזוי קען מען האָבן טענות צו נישט־יידישע הערשערס, ווען יידן פאַר־שווייגן אומפאַרשעמטערהייט דאָס אומגליק פון זייער פאָלק?!

איך לייען און ס'קלינגען אין מיינע אויערן יעווטושענקאָס אומשטערב־לעכע פערזן פון דער באַבי־יאַר־פּאָעמע. ס'טויכן אויף אין מיין געמיט גאַנצע בלעטלעך פון קוזניעצאָווס אומצענזורירטן באַבי־יאַר־בוך.

כ'שעם זיך...

1970

# איידעלע ווערטער

ווי אַ ליכטיקער קאָנטראַסט ברענגען מיר די ווערטער פון דער גרויסער רעדע פון אַ פּראָמינענטן קריטיקער פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן איני־סטיטוט וועגן „סאָוויעטישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם" — איוואַן דזשובאַ.

דעם 29טן סעפּטעמבער 1966, אויף אַן עפנטלעכן מיטינג צו דער געלעגנהייט פון 25־יעריקן יאָרצייט פון דער באַבי־יאַר־טראַגעדיע, האָט איוואַן דזשובאַ געהאַלטן אַ רעדע, וועלכע איז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פולן טעקסט. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע שטעלן פון דעם מערק־ווערדיקן רעפעראַט אָן קיין שום קאָמענטאַרן:

„...באַבי־יאַר איז אַ טראַגעדיע פון דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער זי איז געשען אויפן אוקראַאינישן באָדן, און אַן אוקראַאינער, פּונקט ווי אַ ייד, טאָר דאָס נישט פאַרגעסן". „פּאַשיזם הויבט זיך נישט אָן אין באַבי־יאַר און ענדיקט זיך נישט דאָרטן. פּאַשיזם הויבט זיך אָן מיט אומרעספּעקט צו

מענטשן און פאַרענדיקט זיך מיט דער פאַרניכטונג פון מענטשן, פון פעלקער, כאָטש נישט שטענדיק דווקא לויטן באַבי־יאַר־נוסח...״

אַנטיסעמיטיזם איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם. אָבער, צום גרויסן באַדויערן, איז אונדזער געזעלשאַפט נישט פריי פון אים. און וואָס עס איז וויכטיקער: „קיין שום ערנסטער קאַמף איז נישט געפירט געוואָרן קעגן אים אין די נאָך־מלחמה־יאָרן. פאַרקערט, ער איז אָפט קינסטלעך געפלעגט געוואָרן״.

„לענינס דירעקטיוון וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם זענען פאַרגעסן געוואָרן, פּונקט ווי זיינע אָנווייזונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון אוקראַינע...״

דער רעדנער דערציילט וועגן דער טראַדיציאָנעלער גייסטיקער פאַר־בונדנקייט צווישן דענקערס און קינסטלערס פוןביידע פעלקער. ער דער־מאָנט מיט שטאָלץ מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און זשאַבאָטינסקין וועלכער האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר דער אוקראַינישער באַוועגונג און פון דער צווייטער זייט, דערמאָנט ער אויך טאַראַס שעווטשענקאָ, איוואַן פראַנקאָ און שרייבערס, וואָס האָבן ביידע אָפּגעשאַצט די יידישע געשיכטע און גאונים.

און דאָ קומט דאָס וויכטיקסטע:

„...דער וועג צו אמתער און צו נישט־פאַלשער ברודערשאַפט ליגט נישט אין פאַרגעסן, נאָר אין זעלבסטבאַוווּסטזיין; נישט אין צופּאַסונג צו אַנדערע, נאָר אין שטאָלץ זיין מיטן אייגנס, רעספּעקטירנדיק אַנדערע. די יידן האָבן רעכט צו זיין יידן און די אוקראַינער — אוקראַינער און נישט נאָר אין פאָרמעלן זין פון וואָרט. יידן דאַרפן קענען יידישע געשיכטע, שפּראַך און קולטור און זיין שטאָלץ מיט דעם. אַזוי אויך אוקראַינער.

דאָס איז שווער צו דערגרייכן, אָבער ס׳איז בעסער ווי מיטצושווימען מיטן שטראָם פון אַסימילאַציע און אָפּאָרטוניזם...״

דברי אלוהים חיים. אָבער וועגן זיי איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַפילו קיין אָנדייט נישט פאַראַן. אַוודאי זענען נישט אַלע אוקראַינער, און אַפילו נישט די מערהייט פון זיי, קיין דזשובאַס. פון דעסטוועגן וואָלטן מיר געעצהט אַז די „רעוואָלוציאָנערן״ מיט נעבעך יידישע נעמען זאָלן זיך

אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל. אַ מאָל בלאָזט אויך איוואַן שופר און יידן — טרומייטערן אַ טריומפמאַרש אויפן אונטערגאַנג פון זייער פאָלק.

1970

# באַבי־יאַר

פון סאָוויעט־רוסלאַנד קומט אָן די ידיעה, אַז סוף־סוף, נאָך אַ דריי צענדליק יאָריקער פאַרשפּעטיקונג, וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ מאָנומענט פאַר די צענדליקער טויזנטער נאַצי־קרבנות, וואָס זענען אומגעקומען אין באַבי־יאַר. ענדלעך וועט געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער ממש אומבאַגרייפלעכער פאַרנאַכלעסיקונג. אויף אָט דעם טרויעריק־באַרימט געוואָרענעם פּלאַץ זענען בלויז אין משך פון דריי טעג, אָנהויבנדיק פון 29טן סעפּטעמבער 1943, אויסגעמאָרדעט געוואָרן 32 טויזנט יידן. שפּעטער האָט מען דאָרט געעפנט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וווהין מען האָט צונויפגעטריבן קריגס־געפאַנגענע פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן פון ראַטן־פאַרבאַנד אײדער מען האָט זיי אומגעבראַכט. דאָס וועט זיין אַ פּופּציק־פּודיקער מאָנומענט, וואָס וועט פאָרשטעלן אַ פּאַטעטיש בילד פון אַ נאַקעטער מאַמען, וועמענס הענט זענען געבונדן מיט שטעכיקן דראָט און וואָס זויגט אַ קינד.

די ידיעה ברענגט אויפן זכרון און פאַרבינדט זיך כמעט נאַטירלעך מיט דעם וווּנדערבאַרן ליד פון יעווגעני יעווטושענקאָ, וואָס האָט דעם נאָמען „באַבי־יאַר" פּאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער וועלט און באַרימט געמאַכט דעם דעמאָלט יונגן, כמעט אומבאַקאַנטן בונטאַרן פּאָעט. אין אָט דעם ריר־דיקן טיף עמאָציאָנעלן און מוטיקן ליד איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר די טיפע באַליידיקונג פון די פאַרגעסענע מאַרטירערס, נאָר אויך דער פּלאָם און צאָרן קעגן די שונאים פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות און קעגן די רוסישע אַנטיסעמיטן, גלייכצייטיק מיט גרענעצלאָזע רחמים, ליבע און סאָלידאַריטעט מיט יידן. אין אַ שעה פון שעפערישן חסד איז דעם קינסטלער

געלונגען אין מײַסטערהאַפטע שורות אויסצודריקן די געפילן פון יידישן פאָלק. יעוטושענקאָ האָט אינטויִטיוו באַגריפן דאָס, וואָס עס האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרײַן אין די קעפ פון די טעמפּע ביוראָקראַטן — אַז באַבי־יאַר איז אַ היסטאָרישער זכרון פאַר אַנדערע, פאַר יידן אָבער איז דאָס אַ סימבאָל פון טראַגעדיע און מער ווי דאָס — עקדה.

אָבער אויך דער געשריי פונעם דיכטער איז פאַרבליבן ווי אַ קול אין מדבר, אַן אַקאָרד אין חלל פון פאַרפרוירענער גלייכגילטיקייט און קאַלטער גרויזאַמקייט.

עס רופט אויך אַרויס ביים שרייבער פון די שורות פּערזענלעכע זכרונות. אין יאָר 1964 האָב איך אָנגעפירט מיט אַ גרופּע באַזוכערס קיין ראַטנפאַרבאַנד. אַנקומענדיק קיין קיִעוו, איז אונדזער ערשטער פאַרלאַנג געווען צו גיין אויף קבר אבות אין באַבי יאַר. כאָטש דאָס איז געווען אַן אויסשליסלעך ישראלדיקע יידישע גרופּע (איינע פון אַ סך אין יענע טעג) האָט אָבער אינעם פּראָגראַם פון „אינטוריסט" פאַר דעם אָרגאַניזירטן טור, צווישן די פאַרשידענע היסטאָרישע און קינסטלערישע פּלעצער און מערק־ווערדיקייטן, דאָס אָרט באַבי־יאַר נישט פיגורירט. צו וואָס וועקן פרישע ווונדן? צו וואָס אַרויסרופן איבעריקע נאַציאָנאַלע סענטימענטן? די פירערס פון „אינטוריסט" האָבן בכלל נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס ציט אונדז אַזוי צו אָט דעם פאַרוואָרלאָזטן פּלאַץ, ווו מען קאָן גאָרנישט זען...

האָבן מיר אַליין גענומען טעקסיס און געפאָרן.

באַבי־יאַר האָט געשריגן מיט זיין שטומקייט! אַ פאַרוואָרלאָזטער פּלאַץ, בערגלעך זאַמד מיט ווילדגראָז און קראַפּעווע פאַרוואַקסן. די טראַפּנס טוי אויף די גרעזער מאַכן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געטריפט מיט בלוט. אַלץ איז איבערגעלאָזט אין אימותדיקער נאַקעטקייט, אַלץ אָטעמט מיט אומעט, מיט סודותדיקייט פונעם אכזריותדיקן טויט. דער קאָנטראַסט איז גאָך שרייענדיקער, ווען מען גיט אַ קוק אויף דעם דערנעבן אויפגעבויטן נייעם מאָדערנעם קוואַרטאַל פון קיִעוו, מיט די ברייטע גאַסן זיינע, באַסיינען, שפּילפּלעצער פאַר קינדער, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ פריילעכער געפילדער. מיר, ווי אַ גרופּע אבלים, האָבן געזאָגט קדיש און מיט ווייטיק־

דיקער שטומקייט ווי זיך צונויפגעגאָסן מיט דער גרויער, פאַרשעמטער באַליידיקטער לאַנדשאַפט...

אָבער ווער עס מיינט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אמתן אַקט פון תשובה, קען נישט די סאָוויעטישע מאַכטהאָבערס. דער קורס פון פאַרשוויגן דעם יידישן אַספּעקט, די יידישע טראַגעדיע, דער יחוס פון מאַרטירערטום, גייט אָן ווייטער. אויך אויף אָט דעם מאָנומענט וועלן יידן נישט דערמאָנט ווערן ביים נאָמען — סתם אַזוי קרבנות פון פאַשיזם און נישט קינדער פון אַן אויסגעהרגעטן פאָלק. עס איז אַ ווילדע פאַנטאַזיע און אַ פּוסטער חלום צו דערוואַרטן, אַז מען זאָל דערלויבן אויפצושטעלן אַ ספּעציפיש יידישע מצבה.

עס איז, ווייזט אויס, באַשערט, אַז דער זכּרון פון די יידישע קרבנות זאָל פאַראייביקט ווערן נישט אין מאַרמאָר און נישט אין בראָנז, נאָר אויף די לוחות פון אונדזער אַנגעווייטיקט האַרץ.

1975

# אַן אַנדער יעווטושענקאָ

דער באַוווּסטער רוסישער פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ, וועלכער איז באַקאַנט דעם ברייטן עולם ווי דער מוטיקער מחבר פון „באַבי־יאַר" האָט מסכּים געווען צו געבן אַן אינטערוויו דעם ליטעראַרישן רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל" (דעם 16טן פעברואַר, 1979). ער האָט אים אַפילו געשאָנקען אַ ניי ליד „אַ רוס און אַ ייד", וואָס איז נאָך נישט געדרוקט געוואָרן און בלויז דעקלאַמירט פאַר זיין אָפּפאָר קיין ענגלאַנד.

די ענגלישע ווערסיע פונעם ליד דערשיינט טאַקע צוזאַמען מיטן אינ־טערוויו. ווי שטענדיק ביי יעווטושענקאָ, איז נישט אַזוי וויכטיק די קינסט־לערישע קוואַליטעט און פאָרם, ווי דער אינהאַלט, די דעקלאַראַציע, דער אַרויסזאָג. בלויז צוויי סטראָפן פון אָנהייב און סוף פונעם ליד אין אַ פרייער איבערזעצונג:

דער רוס און דער ייד
איין תקופה האָט זיי דערצויגן;
ברענענדיק די צייט ווי ברויט
טיילן זיי די זעלבע שעהען.

און:

געפינענדיק זיך צוזאַמען אין די הימלען
וועלן שוין פּאַשאַלאָוו און מיכאָעלס
בלייבן אויף דער זעלבער בינע.

הכלל: אַ רוסיש־יידישע פאַרברידערונג אויף דער און אויף יענער וועלט. דאָס ליד איז, ליטעראַריש, אַ שוואַכער און בלאַסער עכאָ פון דער דראַמאַטישקייט, פּאַטאָס און עמאָציעס, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט „באַבי־יאַר" און באַרימט געמאַכט דעם מחבר. ווער געדענקט נישט די קלאָרע שפּראַך, די פּרעכטיקע מעטאַפאָרעס און די אויפריכטיקע אהבת ישראל? ער איז טאַקע דעמאָלט געזידלט געוואָרן דורך כרושטשאָוון, אַז ביים אָנ־נעמען זיך פאַר יידן האָט ער באַשמוצט די רוסישע געזעלשאַפט. אָבער אויך דאָס איצטיקע ליד איז אַ פילאָסעמיטישער אויסדרוק; און נישט צו־פעליק ווערט דאָ דערמאָנט מיכאָעלס, דער ערשטער יידישער קרבן פון דער בלוטיקער יאַגד אויף יידישע קינסטלערס און אינטעלעקטואַלן.

אין אינטערוויו גופא רעדט ער מיט וואַרעמקייט וועגן דוד מאַרקישן, וועלכן ער שטעלט פאַר אַן מורא, ווי דעם זון פון גרויסן פּאָעט, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך סטאַלינען. (הלוואי אַזאַ שטאָלץ אויף יידישע שרייבערס און דעם רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געזאָגט געוואָרן).

ער שמועסט וועגן די, וועלכע פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם, ווי נישט טאַלענטירטע שרייבערס, ליטעראַרישע ספּעקולאַטאָרן, וואָס מאַכן יידן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דאָס שלעכטע פון לעבן. „זיי ווערן אונטערשטיצט דורך פאַרעקשנטע ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן אין סטאַלינס צייט געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן די אָפּגעריסענע ,קאָסמאָפּאָליטן'. אָבער זייער צייט איז אַריבער" (?, ב. פּ.). ער האָט נישט גענוג ווערטער אויף צו באַגריסן דעם מחבר פון „שווערע זאַמדן", וואָס איז אַגב געלויבט געוואָרן דורך כמעט אַלע קריטיקערס, טראָץ זיין יוצא־דופנדיק, טיף־יידישן אינהאַלט.

פון דעסטוועגן קען מען זאָגן וועגן יעווטושענקאָן דאָס רוסישע שפּריכ־וואָרט „פּיעדאָט דאַ ניע טאָט" (פּיעדאָט, אָבער נישט דער זעלבער). ס'איז אַזוי צו זאָגן בלויז אַן עכאָ פון דעם אַמאָליקן שטורעם־פויגל. נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז 15 יאָר עלטער, נאָר ווייל ער איז מיושבדיקער און מסתמא אַ ביסל מידער.

זעט אויס אַז ביידע, סיי דער רעזשיסער און סיי יעווטושענקאָ האָבן זיך צוגעוווינט און שלום געמאַכט איינער מיטן צווייטן. דער פּאָעט געניסט פון אויסערגעוויינלעכע פּריווילעגיעס און מ'באַציט זיך מיט טאָלעראַנץ צו זיין געוואַגטקייט און לכל־הפחות אויסערלעכער „אומאָפּהענגיקייט" און נישט קאָנוועטנציאָנעלקייט אין אויפטריט און סטיל. אָט למשל דערווייסן מיר זיך אַז ער איז געקומען קיין ענגלאַנד, כּדי זיין ענגלישע פרוי זאָל דאָרט געבוירן דאָס קינד, וואָס וועט קענען, ווען עס וועט אויסוואַקסן, אויסקלייבן צווישן צוויי בירגערשאַפטן.

אָבער אויך יעווטושענקאָ האָט געמאַכט קאָנטיקע קאָנצעסיעס מיט דער מאַכט טראָץ זיין אייגענעם געוויסן. די „דזשואיש קראָניקל" דערמאָנט מיט רעכט אַז אומזיסט וועט מען זוכן זיין נאָמען צווישן די דיסידענטן, צווישן די געוואַגטע און אומדערשראָקענע קעמפערס פאַר מענטשנרכעט. ער איז אַפילו נישט קיין פּיצל און ברעקל פון אַ סאַכאַראָוו. כּדי צו באַווייזן, אַז מיר טשעפּען זיך נישט צו אים גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז גענוג מיר זאָלן ציטירן זיינע ענטפערס אויף ממשותדיקע, וויכטיקע פראַגעס, וועלכע זענען אים געשטעלט געוואָרן. זיי זענען באַנאַל אָדער אויסמיידנדיק און קלינגען ווי סטערעאָטיפּן פון דער אָפיציעלער סאָוויעטישער פּראָפּאַ־גאַנדע.

אויף דער פראַגע, למשל ,וועגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ענטפערט ער אַז „די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע פאַרווערט אַנטיסעמיטיזם" פּונקט „ווי די פרייסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט" פון סטאַלינען האָט אים געשטערט אין זיינע ווילדע אַנטיסעמיטישע פּלענער; געפּלאַנטע פּראָ־צעסן, מאַסן־פאַרשיקונגען פון יידן, וואָס בלויז זיין מיתה־משונה האָט זיי געמאַכט צו נישט. האָט יעווטושענקאָ קיין מאָל נישט געהערט וועגן די קנאַפּע 100 ביכער, אַרויסגעגעבן דורך אָפיציעלע מלוכה־פאַרלאַגן, וועלכע

באַשמוצן ייִדן, זייער געשיכטע, זייער רעליגיע, אַ מאָל אַפֿילו אָן דער מאַסקע פֿון „אַנטי־ציוניזם״? האָט ער קיין מאָל נישט געהערט וועגן די פֿאַרשיקונגען און שיקאַנעס קעגן ייִדישע עליה־אַקטיוויסטן און קולטור־טוערס? וועגן דער פּרעסע־קאַמפּאַניע קעגן ייִדישע פֿאַרשווערערס, קאָנטראַ־באַנדיסטן, אַוואַנגאַרד פֿון אימפּעריאַליזם? מעגלעך אַז יעווטושענקאָ איז גערעכט, באַשר־בכן דאָס רוסישע פֿאָלק איז נישט אַנטיסעמיטיש. צי קען מען אָבער זאָגן דאָס זעלבע וועגן די רעדלפֿירערס אין קרעמל, וואָס איז געוואָרן דער וועלטצענטער פֿון אַנטי־ייִדישער העצע? פֿאַר וואָס רעאַגירט ער נישט אויף דעם? און אויב ער האָט נישט קיין מוט און קיין כּוח, פֿאַר וואָס שווייגט ער נישט און וויל אונדז און די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט פֿאַרזייפֿן די אויגן?

און דאָס זעלבע וועגן ישׂראל. ער דריקט טאַקע אויס זיין האָפֿענונג, אַז סוף־כּל־סוף וועלן איינגעשטעלט ווערן דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט ישׂראל (פֿאַר דעם פֿאָדערט זיך נישט קיין באַזונדער מוט אָדער פֿריינדשאַפֿט. די אָפֿיציעלע שטעלונג פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט שטענדיק אָנערקענט די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון ישׂראל). אָבער פֿאַר וועלכן פּרייז? „אַלץ (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע) איז אָפּהענגיק פֿון דער לייזונג פֿון פּראָבלעם פֿון די פּאַלעסטינער". מיט וואָס זענען די ווערטער אַנדערש פֿון די אָפֿיציעלע אָדער האַלב אָפֿיציעלע דערקלערונגען פֿון די סאָוויעטישע וואָרטזאָגערס און פּאָליטישע אַנאַליטיקערס?

ווי דער שטייגער איז ביי אונדזערע קעגנערס, צעגיסט זיך אויך יעווטושענקאָ ליריש וועגן דער בידנער דאָליע פֿון די פּאַלעסטינער פּליטים, וועלכע זענען דאָך סוף־כּל־סוף אַ קרבן פֿון דער אַכזריות מצד די אַראַבישע רעדלפֿירערס, וועלכע נוצן זיי אויס ווי אַ פּאָליטישע קאָרט. אַוודאי האָט יעווטושענקאָ נישט פֿאַרדינט די דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זענען פֿאָרגע־קומען בעת זיין באַזוך אין ניו־יאָרק; אַפֿילו ווען זיי האָבן נישט אים געמיינט, נאָר די סאָוויעטישע פּאָליטיק. זיכער איז יעווטושענקאָ חלילה נישט געוואָרן אונדזער שונא און מיר צווייפֿלען נישט אין זיינע געפֿילן צו אונדז בכלל און צו זיינע ייִדישע קאָלעגן בפֿרט. אָבער ווידער אַ מאָל: אָן איבערטרייבונג! ער איז נישט קיין רעבעל און נישט קיין נביא; ער

איז נישט קיין נאָבעלער אַליין־גייער. ער האָט ליידער נישט באַרעכטיקט די האָפענונגען, וועלכע מ׳האָט אויף אים געלייגט. ווי האָבן מיר געזאָגט אין אָנהייב? „ס׳איז דוכט זיך דער זעלבער און דאָך אַן אַנדערער״. אַ שאָד!

1979

# אַ פיינלעכער דאָקומענט

„יידן דערקלערן, אַז זיי זענען אַ טייל פון דער איראַנישער רעוואָלוציע״. דאָס איז דער נאָמען פון אַן אַרטיקל אין דער „ניו־יאָרק טיימס״ (דעם 2טן פעברואַר, 1979) און אַן אויסצוג פון אַן אינטערוויו, וואָס דער קאָרעס־פּאָנדענט גרעגאָרי זיינעס האָט געהאַט מיט „פיר זייער איינפלוסרייכע יידן, איינער פון זיי אַ רב״. דער שמועס האָט געטראָגן אַן אָפיציעלן כאַראַקטער און די ענטפערס אויף די פראַגעס זענען געגעבן געוואָרן פאַרזיכטיק, מיט ישוב־הדעת און נאָך בשותפותדיקע באַראַטונגען, וואָס האָבן אָפט מאָל געדויערט העכער אַ האַלבע שעה. דער זשורנאַליסט האָט ריכטיק באַמערקט אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי „אַ סטראַטעגישער צוג געווענדט צו דער כאָמייני־רעגירונג״, פול מיט לאָיאַלקייט און אונטערטעניקייט צום נייעם רעזשים.

ס׳איז אַ טרויעריקער דאָקומענט. ער איז טראַגיש נישט ווייניקער ווי דער שווערער מצב פון הילפלאָזיקייט אין וועלכן עס געפינט זיך דער 2,700 יאָריקער יידישער ישוב. נישט וועלנדיק דראַמאַטיזירן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין פּאָליטישע דערקלערונג. ס׳איז אַן אַקט פון יאוש.

אָוודאי וואָלט געווען אַ גראָבקייט צו פּאָלעמיזירן מיט זיי אָדער זיי מוסרן אין שעהען פון צער און סכנה. דער אַלטער כלל, אַז „אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״, גילט דאָ מער ווי שטענדיק. וואָס טוט מען נישט, כדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן און כלל ישראל? פּיקוח־נפש איז דוחה נישט בלויז שבת, נאָר אויך שטאָלץ און מוט. קיינער, מחוץ

יחידי סגולה, קען נישט קומען צו ראשי־קהל מיט קיין טענות פאַר וואָס זיי זענען נישט קיין העלדן, קיין וויט־זעענדיקע פּאָליטיקערס און פאַר וואָס זיי כאַפּן זיך אָן אין דעם שטרוי פון אַ דערקלערונג פון דעם שונא־ציונדיקן כאָמעיני, וואָס דאַרף איצט פאַרנעמען ביי יידן דאָס אָרט פון דעם דיקטאַטאָרישן און קאָרומפּטירטן שאַך.

מיר ווילן זיך אויך נישט אויסטענהן מיט די איראַנער יידן, פאַר וואָס זיי האָבן אין זייער גרויסער מערהייט זיך נישט געראַטעוועט (אין בוכ־שטעבלעכן זין פונעם וואָרט) און נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד כל־זמן דאָס איז נאָך מעגלעך געווען.

ווי טיף מיר זאָלן דאָס נישט אָפּפילן און ווי גערעכט מיר זאָלן נישט זיין, וועלן מיר אויך נישט מוסרן די ווייניקע, וועלכע זענען יאָ אַנטלאָפן, אָבער אויסגעקליבן אַנדערע גלותן און נישט ישראל. ווען מען לויפט פון פייער, איז מען נישט איבערקלייבעריש. קיין ישראל איז מען געקומען ווי טוריסטן „אויף אַ וויילי", אַ ביסל אינוועסטירט, זיך ווי עס איז איינגעאָרנט און איבערגעלאָזט דאָס פאָלק אויף גאָטס באַראָט. אויך פאַר דער פּאָלעמיק האָבן מיר נישט איצט דאָס האַרץ.

זיכער וועלן מיר מיט זיי נישט פירן קיין וויכוח וויפל ממשותדיקן ווערט עס האָבן די איינזייטיקע דעקלאַראַציעס וועגן „קאָאָפּעראַציע צווישן די צוויי פעלקער, מוסולמענער און יידן, נישט געקוקט אויף די רעליגיעזע אונטערשיידן". ס׳קען זיין סיי אַן אילוזיע און סיי אַן אַנשטעל. דאָס נעמ־לעכע בנוגע דעם רוף צו יידן זיי זאָלן „איגנאָרירן" די „ציטווייליקע" צוזאַמענשטויסן. זיי זענען נישט די ערשטע און (הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן) נישט די לעצטע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס פּרעדיקן „זיך איינ־צוהאַלטן", „פאַרבויגן", „איינבויגן זיך ביז דער שטורעם וועט אַריבער". מ׳האָט שוין געזען אַזוינס סיי אין די טראַגישע חורבן־יאָרן און סיי אין רוי׳קע צייטן. ווו נעמט מען אַזוי פיל שטיינער צו וואַרפן אויף אַזוי פיל יידן און ישובים, וועלכע האָבן טייער באַצאָלט און זענען אַפילו אונטער־געגאַנגען צוליב אָט די איינריידענישן און לייכטזיניקן אָפּטימיזם?

אָבער אויב (און ס׳קומט אונדז דערפאַר נישט קיין דאַנק) מיר האָבן נישט קיין פאַריבל אויף אָט די אומגליקלעכע יידן, האָבן מיר אָבער אויף

זיי רחמנות און דאָס האַרץ גייט אונדז אויס פון מיטלייד. ס׳טוט אונדז ווי וואָס זיי זענען געצוווּנגען (און אין דעם פאַל איז עס נישט וויכטיק צי ס׳איז צוליב אויסערלעכן, אָדער אינערלעכן דרוק) צו דערקלערן נישט מער און נישט ווייניקער אַז דער פאַקט, „וואָס ישראל האָט געשטיצט דעם שאַך איז געווען איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן אים געהאַלטן ביי דער מאַכט". איין קליניקייט! נישט אַמעריקע, נישט די ריזיקע אַרמיי, נישט די לאָיאַליטעט פון די רייכע און פריווילעגירטע (צווישן זיי אויך יידן), נאָר ישראל! אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט געפינען לייט־זעליקייט אין די אויגן פון דעם נייעם פריץ, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דעם ישראל־בנין פאַר דער „אָרגאַניזאַציע פאַן באַפרייען פאַלעסטינע" און האָט זיך געשוווירן ביי די האָר פון מאַכאַמעדס באָרד, אַז נאָך דעם ווי ער וועט פאַרווירקלעכן דעם ערשטן שטאַפּל, וועט ער זיך „נעמען" צו ישראל.

כאָטש זיי וועלן בלייבן אַ טייל פון וועלטיידנטום, זאָגן זיי, וועלן זיי אָבער זיין „אומאָפּהענגיק פון אַלע יידישע קהילות אין דער וועלט". זיי ווילן נישט זייער געלט און זייער הילף, זיי וועלן קאָנטראָלירן זייערע אייגענע צדקה־אַנשטאַלטן, פּונקט ווי עמעצער וואָלט פון זיי פאַרלאַנגט עפּעס אַנדערש. אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז זיי זענען נישט ווי אַנדערע, שונאים פונעם נייעם רעזשים, נאָר לאָיאַלע אונטערטאַנערס.

מ׳לויבט ביזן הימל דעם איסלאַם „אונטער וועמעס פאָן עס קומט פאָר די רעוואָלוציע", אַז ער טראָגט נישט קיין שום רעליגיעזע און ראַסן־דיס־קרימינאַציעס. (אַ וועזנטלעכער און היסטאָרישער ליגן, וואָס נישט זיי אַליין העלפן פאַרשפּרייטן).

זיי פאַרזיכערן דעם אַיאַטאָלאַ אַז אויב אַ טייל יידן וועלן אַוועקפאָרן פון איראַן, וועט אָבער אַ גרויסע צאָל צוריקקומען; אַלץ כדי דער „גרויסער יידן־פריינד" זאָל חלילה נישט האָבן קיין עגמת־נפש, פאַר וואָס די יידן פאַרלאָזן דאָס נייע הייליקע לאַנד (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען לאָזט זיי שוין איצט נישט אַרויס). ס׳איז נישט קיין פראַגע פון אָפּטימיזם אָדער פּעסימיזם. קען זיין אַז ס׳וועט געשען אַ נס און איראַן וועט נישט גיין אין די פוסטריט פון איראַק, סיריע און לבנון און וועט זיך בלויז צופרידנשטעלן מיט העצע קעגן ישראל. ס׳קען אפשר זיין, אַז יידן וועלן

אַנהאַלטן ווי עס איז דאָס טאַלערירט־בידנע לעבן, די אויף־אַ־האָר־הענגענ־דיקע עקזיסטענץ.

דאָס אַלץ טרייסט נישט און פאַרקלענערט נישט דעם עגמת־נפש: ווײ, ווײ דעם ישוב און ווײ צו זײנע מנהיגים.

1979

# מיט געמישטע געפילן

אין דער אַלגעמײנער און ײדישער פּרעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ברײטער קאָמוניקאַט פון „האַיאַס", באַגלײט מיט אַ בילד פון שמײכלענ־דיקע, יונגע, נײע אימיגראַנטן; פּריש־אָנגעקומענע פון סאָוויעט־רוסלאַנד. ווי עס גיט איבער י. דזשײקאָבסאָן, דער עקזעקוטיוו וויצע־פּרעזידענט פון האַיאַס (פון איצט אָן ברענגען מיר די ציפערן לויטן „פאָרווערטס" פון 19טן דעצעמבער, 1978) זענען אין די ערשטע 9 חדשים פון דעם יאָר אָריינגעקומען אַהער 9,952 פּליטים; פון זײ 97% פון סאָוויעט־רוסלאַנד. די אַלגעמײנע צאָל פון אײנגעוואַנדערטע אין 1978 באַטרעפט 14,000; און דער זעלבער פּראָצענט פון סאָוויעט־רוסלאַנד וועט ווײטער אָנהאַלטן. אין 1979 וועט די צאָל סאָוויעטיש־ײדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע אויסמאַכן גאַנצע 24,000. כאָטש די סאָוויעטישע ײדן באַזעצן זיך אויך אין אַנדערע לענדער, ווי קאַנאַדע, אויסטראַליע, מערב־אײראָפּע און אַפילו אין לאַטײן־אַמעריקע, איז זײער גרעסטע קאָנצענטראַציע, ווי געזאָגט, אין אַמעריקע. פון די אָנגעגעבענע פאַקטן דרינגען מיר אויך אַרויס, אַז דער גרעסטער טײל פון די אַרויספאָרנדיקע פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס זענען נישט עולה קײן ישראל, קומען פון אוקראַינע, פון די פעדעראַלע סאָוויעטישע רעפּו־בליקן און בלויז אַ קלײנע צאָל פון אַנדערע סאָוויעטישע געגנטן. „די נײע אַמעריקאַנער" וועלן באַזעצט ווערן אין 133 ײדישע קהילות פון 38 שטאַטן און דיסטריקט אָוו קאָלאָמביאַ. מער ווי אַ דריטל וועט אויפגענומען ווערן אין ניו־יאָרק.

עד־כאן, די ציפערן פון קאמוניקאט, וואס דריקט אויס א נאטירלעכע צופרידנקייט מיט א גרויסער, שווערער און פארצווייגטער טעטיקייט, וואס איז דורכגעפירט געווארן מיט הצלחה. דאך באגעגענען מיר אט די ידיעה מיט געמישטע געפילן און מיר קענען זיך נישט איינהאלטן פון באגלייטן דעם פראצעס מיט זארג, אנטוישונג און א גרויסער מאס פון פארדרוס. מיר ווילן גלייך פון אנהויב דערקלערן און מיר האבן נישט בדעה צו פאר־לייקענען, אז מיר האבן דא צו טאן מיט א גראנדיעזער אקציע פון יידישער סאלידאריטעט און קעגנזייטיקער הילף. קיינער וויל אויך נישט, חלילה, מינימיזירן די גרויסע דערגרייכונגען און אויפטוען פון האיאס אין אירע 95 יאר עקזיסטענץ ווי אויך אין די איצטיקע טעג.

מיר פארשטייען אויך, אז מ'קען נישט פון איין זייט קעמפן פאר מענטשנרעכט — איינשליסנדיק די רעכט אויף עמיגראציע — און צונעמען ביי יידן די ברירה פון אויסוואל וווהין זיי זאלן עמיגרירן. עס פאלט אונדז נישט איין צו ווארפן קיין שטיינער אויף די יידן, וואס צוליב די אדער אנדערע סיבות ווילן זיי נישט עולה זיין קיין ישראל. מיר פארגינען זיי. מ'דארף זיי נישט מאכן פאר קיין העלדן און מארטירערס, אבער מ'דארף זיי געבן די שטיצע, וואס זיי פארדינען פונקט ווי יעדער ייד, לויט דער נאבעלער אמעריקאנער טראדיציע.

פאר וואס זשע באציען מיר זיך, ווי שוין געזאגט פריער, מיט רעזערוו און אפילו עגמת־נפש צו אט דער דערשיינונג פון „נושרים", וואס ווערט אפטער און בולטער פון טאג צו טאג?

אט דאס געפיל לאזט זיך אויסדריקן מיט עטלעכע פשוטע ווערטער: מיר זענען עדות פון א דעגענעראציע פון איינער פון די וויכטיקסטע רענע־סאנס־באוועגונגען אין דער יידישער געשיכטע. א שיבת־ציון־פראצעס, א גרויסער פאטריאטישער יידישער אויפברויז — באגלייט מיט יסורים, מיט ארעסטן און מיט רדיפות — ווערט פארוואנדלט אין טיפיש־עמיגראנטישער און פילאנטראפישער איינארדענונג פון יחידים־פליטים און אין דירעקטער קאנקורענץ מיט ישראל.

אלע באגרייפן אז עס האנדלט זיך נישט אין איינער פון די געווינלעכע עמיגראציע־כוואליעס, וואס דאס אמעריקאנער יידנטום האט אויפגענומען

אין לויף פון דער געשיכטע. ס׳איז אַן אַקט פון אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס וועט דורכמאַכן אַלערליי זיגזאַגן, אָבער וועט אין לעצטן סך־הכל אַרומנעמען הונדערטער טויזנטער. און די דילעמע איז אַ פּשוטע: קיין ישראל אָדער קיין אַמעריקע? צי דאַרפן די אַמעריקאַנער יידן דערמוטיקן און פּאַקטיש פּאַרקירעווען די עמיגראַציע־ריכטונג (דורך מאַסיווער שטיצע, פּאָליטישן דרוק פּאַר וויזעס, ברייטע קאַמפּיין־מעסיקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס פּאַרוואַנדלען דעם ענין אין אַ צענטראַלער אויפגאַבע פון קהילה־אַגענטורן) און צורויבן ביי ישראל איינעם פון אירע וויכטיקסטע קוואַלן פון ווערטפולן מענטשן־כוח? די אַלטערנאַטיוועס זענען נישט צווישן בלייבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אָדער עמיגרירן קיין אַמעריקע, נאָר צווישן ישראל ווי אַ טייל פון דעם אויפבויען אַ יידישע מדינה, אָדער אַמעריקע, ווי איינע פון די אימיגראַציע־לענדער.

מיר זענען איבערצייגט, אַז טראָץ די אַלע דערקלערונגען (און איך באַנוץ נישט דאָס וואָרט תירוצים) וואָס די סאָוויעטישע עמיגראַנטן גיבן אַן פּאַר וואָס זיי האָבן מיט זייערע ישראל־וויזעס נישט עולה געווען קיין ישראל: זיכערקייט־מצב, פּראָווינציעלער כאַראַקטער פון דער מדינה, אין קעגנזאַץ צו דעם וועלטרייך פון אַמעריקע, דער קלעריקאַליזם פון מדינת ישראל, די בעסערע מעגלעכקייטן פון עקאָנאָמישן פּאַרשריט, וואָס איז לויט אונדזער מיינונג נישט איינע פון אַ סך, נאָר די עיקרדיקע און אפשר די איינציקע סיבה, וואָלטן זיי זיכער זיך פּאַראייניקט מיט די 140 טויזנט יידן, וועלכע זענען געקומען קיין ישראל, ווען ס׳וואָלט נישט געווען די אַמעריקאַנער ברירה. ס׳מוז בפירוש קלאָר ווערן אויף וואָס עס דאַרף געשטעלט ווערן דער טראָפּ: אויף יציאת־רוסלאַנד אָדער שיבת־ציון? און לויט אונדזער מיינונג זענען די צוויי זאַכן געקניפּט און געבונדן, אויב מ׳לאָזט זיך נישט באַהערשן פון ריין סענטימענטאַלע מאָטיוון, באַלדיקע רוטין־אינטערעסן פון אינסטיטוציעס און „גוטע כוונות״.

איידער מיר ווילן פּרובירן ציִען מסקנות פון אָט דער היפּשלעך פּאַרפּלאָנטערטער פּרשה, איז כדאי צו דערמאָנען איניקע פּשוטע אמתן. די באַוועגונג פון ווידערשטאַנד קעגן דעם באַליידיקנדיקן גייסטיקן אַנטיסע־מיטיזם, די דערוואַכונג פון יידישן געפיל, די העלדישקייט און מסירת־נפש

פון די אַקטיוויסטן, דער גרויסער אָפּקלאַנג, וואָס אַט די באַוועגונג פון אומקער צום יידישן פאָלק — דאָס אַלץ האָט געהאַט דעם אָנהויב און מקור אין ישראל; אין דער „רעפּאַטריאַציע" צום היימלאַנד מיטן כוח און מיטן פּנים צו ישראל. דאָס איז נאָך אַלץ דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער לאַגע אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אויך דער געראַנגל פאַר יידישע קולטור־רעכט איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם עליה־דראַנג. נעם אים אַוועק און דער גאַנצער היסטאָרישער אויפטו וועט אויסהויכן זיין נשמה.

די ראַדיקאַלע ווענדונג אין די פאַרגאַנגענע 2 יאָר, פון 55 ביז 65 פּראָצענט פון נושרים, איז חלילה, נישט געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ דורכפאַל אָדער אַנטוישונג פון דער עליה קיין ישראל, וואָס איז געווען איינע פון די דערפאָלגרייכסטע און געלונגענסטע. 140 טויזנט עולים האָבן זיך איינגעאָרדנט און אַקלימאַטיזירט אין לאַנד, געפונען אַרבעט און וווינונגען. די ירידה צווישן זיי איז איינע פון די קלענסטע. מ'האָט פּשוט, כ'וויים נישט צוליב וועלכע סיבות, אויפגעבלאָזן די קריוודעס, די טענות, די גאַנץ זעלטענע פאַלן פון טעמפּקייט און ביוראָקראַטיע און פאַרוואַנדלט עס אין אַ וויכטיקער סיבה (אַגב די זעלבע טענות הערן מיר לגבי דער אַמעריקאַנער יידישער קהילה). פאַר ישראל מיינט אַ צוגאַב פון צענדליקער טויזנטער יידן אַ פראַגע פון לעבנס־וויכטיקייט, בעת פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום האָט עס נישט קיין גרויסע באַדייטונג און איז פון אַ צווייט־ראַנגיקן ווערט אין געראַנגל קעגן אַסימילאַציע.

מיר לייגן חלילה נישט פאָר קיין דראַסטישע און דראַקאָנישע מיטלען, אָבער ס'דאַרף פאָרט געטאָן ווערן דאָס פאָלגנדיקע: א) אָפּשטעלן די פיקציע פון קריגן ישראל־וויזעס און פאָרן ערגעץ אַנדערש־ווּ, זיך באַנוצנדיק מיט ישראלדיקע אַרויספאָדערונגען. מען מוז וועגן דעם לאָזן וויסן קלאָר און דייטלעך. אויב די אויסוואַנדערערס וועלן טראָגן דער מעלדונג האַנדלען אַנדערש, קענען זיי נישט דערוואַרטן קיין שטיצע פון יידישע קערפּערשאַפטן. די דראָאונג, אַז אויב זיי וועלן „נישט געהאָלפן ווערן", וועלן זיך אויף זיי דערבאַרעמען קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס — און זיי וועלן רחמנא לצלן געטריבן ווערן צו שמד — איז נישט ערנסט. זי טאָר אויף אונדז נישט מאַכן קיין רושם.

אויב מ׳וויל נישט גיין אַזוי ווייט („יידישע גזלנים...״), זאָל מען לכל־הפּחות מאַכן נישט־פּשוט און שווער דאָס „בייטן דעם אַדרעס״; נישט אונ־טערטראָגן זיי די אַנדערע ברירה און שפּעטער צעטראָגן מיט טריומף די ציפערן פון די, וואָס מען קען מענטשלעך אַ מאָל פאַרשטיין, אָבער בשום אופן נישט גלאָריפיצירן.

ב) מאַכן נאָך מער צוציִענדיקער און לאָקנדיקער די ישראל־אַל־טערנאַטיווע; כאָטש דעם אמת געזאָגט איז זייער שווער צו קאָנקורירן מיט דער רייכער און פרייער אַמעריקע. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען פאַרלייגן, איז אַ יידישע אַטמאָספער, נישט דאַרפנדיק דערביי אַראָפּנידערן פון לעבנס־סטאַנדאַרד און פרייהייט נישט ווייניקער ווי אין די שטאַטן.

כאָטש ישראל איז די וואָס גיט אַרויס די וויזעס און איז די אַממערסטן־פאַראינטערעסירטע, קען זי אויף זיך אַליין נישט נעמען ד פאַראַנטוואָרט־לעכקייט אין ראַדיקאַל לייזן די פראַגע. דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, ווייל עס איז דאָ ריכטיקער ווי אַלע מאָל דער זאָג, אַז דער וואָס גיט די מאה האָט די דעה.

1979

## אַ שרעקלעכער דאָקומענט

אַטפּ מאָל דוכט זיך דיר, ווען דו לייענסט די שנאה־ציונדיקע אַרטיק־לען, פאַשקווילן און „טעאָרעטישע אַרבעטן״ פון די „סאָוויעטישע מומחים״, אַז זיי האָבן שוין דערגרייכט דעם סאַמע דנאָ פון שנאה און בייזקייט און אַז נידעריקער קאָן מען שוין נישט פאַלן. וואָס קאָן מען שוין זאָגן נאָך קיטשקאָ, איוואַנאָוון, די אַרטיקלען אין „אָגאָניאָק״ און „טרוד״? מען האָט, דוכט זיך, שוין אויסגעשעפּט דעם גאַנצן לעקסיקאָן פון זידלווערטער, אַריבערגע־שטרייכערט שטרייכערן אַליין און איבערגעיאָגט די מחברים פון די זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן און שוואַרצע מגיפה־בלבולים.

אָבער זעט אויס, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ קיין מאָס און גרענעץ פאַר אַנטיסעמיטן. אָט איז אונדז אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ נאָטיץ פון זאב בן שלום, דעם ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט פאַר מזרח־אייראָפּע, („דזשואיש קראָניקל״) פון 24טן מערץ 1978) וועגן אַן אַרטיקל אין דער פאָרם פון אַ מעמאָראַנדום צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דעם טרויעריק באַקאַנטן אַנטי־יידישן פּראָפּאַגאַנדיסט וואַלערי יערמי־ליאַנאָוו. אין דעם אַרטיקל, וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ פּאָליטישער דאָקו־מענט, באַצוועקט דער מחבר צו באַווייזן, אַז די סאָוועטישע יידן זענען אַ פינפטער קאָלום. דער טראָפּ ווערט נישט געלייגט אַזוי פיל אויף צו באַשמוצן זייער עבר, געשיכטע, רעליגיע און טראַדיציע (כאָטש ער זאָגט זיך פון דעם אויך נישט אָפּ) נאָר אויף די געפאַרן, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאַר אין אונדזערע טעג. ס׳גייט נישט אַזוי אין סתם זידלערייען, נאָר אין „תכלית״, און מיטלען, וואָס מען דאַרף אָננעמען קעגן דער געפערלע־כער יידיש־סאָוועטישער מינדערהייט.

אוודאי פעלן דאָ נישט די געוויינלעכע סטערעאָטיפּן וועגן זקני־ציון, וועגן דער אַקטיווער ראָל, וואָס ס׳האָבן געשפּילט די יידישע אַגענטן פון ציוניזם, פון טשעכאָסלאָוואַקישן אָפּשטאַם. אָבער ווי געזאָגט, נישט גע־שיכטע אינטערעסירט אים, נאָר „טשטאָ דיעלאַט״? און ער פּרובירט פאַר־מולירן מעטאָדן צו באַקעמפן דעם ציוניסטיש־מאַסאָנישן שונא, וואָס שטעלט אין סכּנה דעם ראָטנפאַרבאַנד.

אָט לייגט ער פאָר נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז מען זאָל קעגן די יידן אָננעמען די זעלבע מיטלען, וואָס מען האָט אָנגעווענדט קעגן די וואָלגאַ־דייטשן, די קרימער טאָטאַרן און אַנדערע פעלקער, ווען דייטש־לאַנד האָט אָטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד. מיט אַנדערע ווערטער, מאַסן־גירוש און דער ביטערער סוף פון אָט די גרופּעס, וואָס אַ העלפט פון זיי איז אויסגעשטאָרבן פון הונגער אין אוממענטשלעכע עקזיסטענץ־באַדינגונ־גען. אַן אומפאַרשעמטער רוף צו גענאָסיד אין 1978.

און כדי מען זאָל נישט האָבן קיין ספק אין זיינע כוונות, „באַגרינדעט״ ער זיינע ברוטאַלע פאָרשלאָגן: עס זענען צערונען געוואָרן די אילוזיעס פון דערציִערישער און קולטורעלער אַרבעט צווישן „אָט דעם טייל פון

דער באַפעלקערונג". ער האָט אָפּגעצאָלט מיט עמיגראַציע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיטן אַרויסוואַנדערן פון סאָציאַליזם צום פאַשיזם. צי קען מען אונדז פאַרזיכערן, אַז ס'וועט נישט זיין קיין נאָך גרעסערער פאַרראַט, אויב ס'זאָל זיך אַנטוויקלען אַ נייע פּאָליטישע סיטואַציע? — פרעגט דער צורר.

וואָלט איר געמיינט, אַז ער האָט כאָטש אַ גוט וואָרט פאַר די, וואָס ווילן נישט פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד און עמיגרירן נישט קיין ישראל, אָדער אין מערב, פאַר די חיים־פאַרליבטע אין סאָוויעטישן היימלאַנד, מאַכט איר טעות. די יידן וועלן פאַרבלייבן, כדי אונטערצוגראָבן סאָוויעט־רוסלאַנד פון אינעווייניק און די געפאַר מצד זיי איז נאָך גרעסער ווי פון די, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

און אַזוי בנעימותדיק ווערן געשריבן די ווערטער אויפן געדולדיקן פּאַפּיר און ס'לייענען זיי הונדערטער טויזנטער לייענערס, שוין נישט רעדנדיק פון די מיטגלידער פון צ. ק. נאָך דעם אַלעם, ווי אַזוי קאָנסטו האָבן די חוצפה צו טענהן, אַז דו האָסט צו טאָן מיט אַן אָפענעם כוליגאַנישן און אַנטיסעמיטישן רעזשים?

1978

# אַ התחלה

די ליגע פון פריינד פון אַרבעטנדיקן ישראל גייט אַריין אין דער צווייטער העלפט פון איר איין־יאָריקער עקזיסטענץ. דאָס איז זיכער נישט קיין יובילײ־דאַטע און נישט קיין געלעגנהייט פאַר אַ סך־הכל. מען קען בלויז אָנווייזן מיט פאַרזיכט און באַוואָרענישן אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ צוזאַגנדיקער אָנהויב. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע קערפּערשאַפט, וואָס נעמט אַרום צענדליקער גרופּעס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. עס שיילט זיך אויס אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירונג און געזעלשאַפט־לעך האָט זיך די ליגע דורכגעשלאָגן אַ וועג, אַנטוויקלט אַן אויפקלערונגס־

טעטיקייט וואָס האָט אַרויסגערופן אינטערעס. זי האָט שוין באַוויזן אַרויס־צורופן וויכּוחים און ערנסטע חילוקי־דעות (שטענדיק אַ סימן פון וויטאַ־ליטעט). און בעיקר: זי איז אין סאַמע פּראָצעס פון קריסטאַליזירן איר אידעאָלאָגישן וועג און אָנצייכענען די ליניעס פון אירע טעטיקייטן.

אָט די הצלחה באַווייזט, אַז זי איז אַ דבר בעיתו. אַוודאי דאַרף מען עס צושרייבן צו דער גרויסער מאָס פון ענערגיע, מי און וויזיע, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליגע. אָבער נאָר ביז אַ געוויסער מאָס. די סיבה פון דערפאָלג איז אַ סך טיפער. זי איז נישט געוועזן קיין צופאַל און האָט אויסגעפילט אַ בלויז.

דאָס מיינט נישט, אַז איר וועג איז געוועזן אַ גלאַטער און באַקוועמער. זי האָט אָנגעהויבן אָן אַ מינימום, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ „מוז" פאַר יעדער נייער באַוועגונג. אין תוך האָט זי רעקרוטירט אַלטע און מידע וועטעראַנען. אירע איניציאַטאָרן און גרינדערס האָבן בלויז צוגעשטעלט נאָך אַ פּונקט צו דער איבערגעלאָדענעם קאַלענדאַר פון געזעלשאַפטלעכע עסקנים.

די ליגע האָט געדאַרפט און וועט נאָך האָבן גרויסע שוועריקייטן. די געזעלשאַפטלעכע מאַפּע איז איבעראָרגאַניזירט. עס איז פאַראַן אַ שפע פון באַוועגונגען, וועלכע טוען אייגנטלעך די זעלבע זאַך. די ליגע איז אויך נישט קיין נייע זאַך. פאַר איר זענען געשאַפן געוואָרן ענלעכע גרופן, וואָס זענען געוועזן אַ דורכפאַל. זי האָט דעריבער כסדר געדאַרפט באַרעכטיקן איר עקזיסטענץ און באַווייזן מיט וואָס זי איז אַנדערש פון נאָך פאַרדינסט־פולע באַוועגונגען מיטן היסטאָרישן הסתדרות־קאַמפּיין בראש, וועלכן זי וועט נאַטירלעך אונטערשטיצן מיט איר גאַנצן כּוח. די נייע עלעמענטן וואָס זענען צוגעצויגן געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל צו דער נייער אָרגאַניזאַציע האָבן מורא, אַז דאָ שאַפט מען אַ מין פראָנט־אָרגאַניזאַציע פאַר דעם ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די אַרבעטער־ציוניסטן ווידער האָבן געהאַט אַ חשד, אַז דאָס איז אַ קאָנקורענץ־באַוועגונג, וואָס וועט זי חלילה ירשענען. אַ סך האָבן נישט באַנומען דאָס צונויפפאָרן די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע שטיצע און אידענטיפיקאַציע מיט דער אַרבעטערשאַפט פון ישראל און יידיש מיט יידישער קולטור, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ יסוד

פון דעם נייעם בנין. מ׳האט אין דעם געזען אן אפארטוניסטיש־קינסטלעך צונויפפארן. ס׳איז אויך שווער צו פארלאנגען פון דעם דורכשניטלעכן מאסנמענטש זיך פונאנדערצוקלייבן אין דעם אונטערשייד צווישן א פאליטישער און א פארטייאישער באוועגונג, וואס די ליגע שטעלט מיט זיך געשט פאר, און דער לאיאליטעט און טריישאפט צו ישראל און די רעכט און דער גויטווענדיקייט צו קריטיקירן די איצטיקע רעגירונג. עס איז כלל און כלל נישט לייכט צו פארוואנדלען א קערפערשאפט, וואס באשטייט פון פארשיידענע ריכטונגען און שאטירונגען, אין א לעבעדיקער מיטגלידער־ארגאניזאציע.

אויב ס׳איז אבער פארט געלונגען, איז עס צוליב די פאלגנדיקע סיבות: אין דער יידישער געזעלשאפט אין אמעריקע און קאנאדע — און בפרט צווישן די אזוי גערופענע פאלקסשיכטן — זענען שוין פון לאנג פאראן שטארקע סימפאטיעס פאר דעם חלוצישן און בויערישן ארבעטער־עלעמענט פון ישראל. דאס איז א גרויסע מאסע פון וועלכער די ציוניסטישע ארבעטער־באוועגונג איז בלויז א טייל, אמת, דער אויסגעשפראכנסטער און עלטסטער. דער אנשלוס פון אזוי פיל ארבעטער־ריינג־צווייגן און קולטור־געזעלשאפטן באווייזט, אז די פאזיטיווע און אקטיווע עלעמענטן האבן שוין פון לאנג געזוכט א וועג פאר פאליטיש־געזעלשאפטלעכער טעטיקייט ארום דער ישראלדיקער ארבעטערשאפט, מחוץ פון די פארמעלע ציוניסטישע ארבע־טער־ראמען.

דער גרויסער סאציאלער גערא(נ)גל אין ישראל צווישן דעם ארבעטער־כוח און דער זייער רעכטער רעגירונג וואס האט זיך פארמאסטן צו ליק־ווידירן, אדער דראסטיש רעדוצירן זיין כוח און זיינע אינסטיטוציעס, האבן צוגעגעבן אקטואליטעט דער נייער איניציאטיוו.

די באוועגונג האט זיך פון אנהויב אן דערקלערט ווי א יידיש־רעדנדיקע ארגאניזאציע. מיט דעם האט זי זיך אליין באגרענעצט (אדער בעסער גע־זאגט, קאנצענטרירט) אויף א באשטימטן שיכט, א באשטימטן עלטער פון אנגעהעריקע, וועלכע פארבינדן זייער גורל מיט יידיש און זענען צוזאמען מיט איר ליידער ארויסגעשטויסן געווארן אפילו אין די אייגענע באוועגונגען.

דאָס אויסנוצן די מער גינסטיקע שטימונג לגבי יידיש, זי אויסברייטערן און פאַרטיפן איז דער געבאָט פון דער שעה.

דער פאַקט, וואָס אין דערזעלבער צייט זענען געגרינדעט געוואָרן ענלעכע ליגעס אין אויסטראַליע און אַן אַנהויב אין פראַנקרייך, באַווייזט אַז עס קומט פאַר אַ געוויסע יוירונג, אַן אויפבלי און אַן אָפּפרישונג אין דעם פאָלקס־כוח, וועלכן מ׳דאַרף נישט און מ׳קען אויך נישט אָפּזאָגן דאָס לעבן.

1979

# אַן אַלטער וויכוח

## א.

אין ניו־יאָרק האָט זיך די טעג געשלאָסן די זעקסטע וועלט־קאָנפֿערענץ פון „בונד". אין „פאָרווערטס", פון 5טן נאָוועמבער 1978, איז דערשינען אַ לאַנגע דערקלערונג, אַ פּראָגראַמאַטיש־אידעאָלאָגישע רעזאָלוציע וועגן „פּראָבלעמען פון יידישן לעבן". דאָ ווערט געמאַכט אַן ערנסטער פּרווו אָפּצושאַצן און אויך דאָ און דאָרט איבערשאַצן דעם פּרינציפּיעלן צוגאַנג פון דער היסטאָרישער 80־יאָריקער אָרגאַניזאַציע צו די גרויסע און גורלדיקע, אינטערנאַציאָנאַלע און יידישע הויפּטפּראָגעס. דער ערנסטער איבהאַלט, דער פייערלעכער טאָן ווייזן אַן אויף דער חשיבות, וואָס אירע מחברים האָבן צוגעטיילט דער דעקלאַראַציע.

דעם אמת זאָגנדיק האָבן מיר זיך שטאַרק געקווענקלט צי מ׳דאַרף רעאַגירן. אונדזער בייז־פּאָליטישער יצר־הרע און די ערשטע — מיר מוזן מודה זיין, איבערפּלעכלעכע — רעאַקציע איז געווען, אַז „ס׳לוינט זיך נישט" צו דיסקוטירן. דער „בונד" איז איצט נישט מער ווי אַ קליינע — „אויף די פינגער אויפצוציילן" — גרופּע, אַ שאָטן פון זיין אַמאָליקער גרויסקייט, וואָס שפּילט אַ מינימאַלע ראָל אין יידישן לעבן. זיינע באַוווסט־

זיניקע און געטרייע מיטגלידער זענען העכסטנס לאָיאַלע „אָפּהיטערס פון די מויערן". מיר האָבן אָבער שנעל אָפּגעוואָרפן אָט דעם אומגערעכטן און גרינגשעצנדיקן נוסח פון „וויפל דיוויזיעס האָט דער פויפּסט".

ערשטנס, איז דער „בונד" נישט בלויז און אפשר דער עיקר נישט קיין מיטגלידער־אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּאַרטיי־שטעמפּל, פּירערשאַפט און אַלע אַנדערע קלאַפּערגעצייג און סימנים. וויכטיקער איז דער בונדיזם, וואָס איז אַן אידעיִשע ריכטונג, אַ גרונט־אָריענטאַציע וועגן יידן, ישראל, נאַציאָנאַלן קיום און די קלאָרסטע פאָרם פון קעגנערשאַפט צום ציוניזם און צו דער צענטראַלער ראָל פון ישראל אין דער יידישער וועלט.

ווען מיר רעדן וועגן „בונד" דאַרף מען אַ סך מער אין זינען האָבן זיין פּעריפעריע, זיין ספערע פון השפעה; אַזעלכע וואָס זענען פון אים אַוועק אָבער „נישט אין גאַנצן", וואָס האָבן פאַר אים אַ פּיעטעט, וועלכע איז מער פון נאָסטאַלגיע; אַזעלכע וואָס פירן אויס געוויסע טיילן פון דער פּראָגראַם, נישט גענוג פאַר פאָרמעלער מיטגלידערשאַפט, אָבער גענוג כדי אים אָפּ־צוגעבן כבוד און אָפּהיטן לגבי אים די באַציונג פון לאָיאַליטעט.

בונדיזם מיינט דערפאַר עפּעס טיפערס, וואָס מיר וועלן אָנרופן צוליב מאַנגל אין אַ גענויערן אויסדרוק: „דאָיִקייט". ער איז אַ סך רעלעוואַנטער ווי דער מקור. עס זענען פאַראַן רעלאַטיוו צאָלרייכע כוחות אין יידישן לעבן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דער צענטראַליטעט פון מדינת ישראל, וואָס בויען די צוקונפט פון יידישן לעבן אויף די עקזיסטירנדיקע ישובים און וואָס זייערע וואָרטזאָגערס וויסן אַפילו נישט „אַז זיי רעדן בונדיסטיש". דער „בונד" (באַזונדערס זיין עקסטרעם אַנטי־ציוניסטישער טייל) איז זייער „גוש אמונים"־אויסדרוק. אָט אין דעם גייסט און פאַרנעם דאַרף מיט זיי געפירט ווערן דער וויכוח.

## ב.

די רעזאָלוציע הויבט זיך אָן גלייך פון אָנהייב מיט אַ פיל־זאָגנדיקער, לויט אונדזער מיינונג, נישט ריכטיקער באַהויפּטונג: „במשך פון 80 יאָר פון זיין עקזיסטענץ איז דער בונד מיטגעגאַנגען מיט דער צייט". צום

באַדויערן איז ריכטיק דאָס פאַרקערטע. די אידעיִשע „אָפּנקייט", דער חוש פאַר גרויסע ענדערונגען וואָס די געשיכטע ברענגט מיט זיך, דער מוט פון ציִען מסקנות פון נייע ווענדונגען, די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע פאַסירונ־גען, רעוואָלוציאָנערע שינויים אין געענדערטע באַדינגונגען — דאָס אַלץ האָט קיין מאָל נישט געהערט צום „בונד"ס אייגנשאַפטן. די ווירקלעכקייט מוז „שטימען" מיטן פּראָגראַם און אויב נישט, אַנערקענט מען זי נישט.

אַוודאי גיט מען זיך אָפּ אין דער רעזאָלוציע אַ דין וחשבון וועגן די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע פאַסירונגען, רעוואָלוציאָנערע שינויים אין אונדזער יאָרהונדערט. דער דאָקומענט רעכנט זיי טאַקע אויס: „דער אויפקום און אויספאָרמירונג פון גרעסטן 6 מיליאָניקן יידישן ישוב אין אַמעריקע; די פאַרקלענערונג, פאַרענדערונג און גייסטיקע פאַראָרעמונג פון פריִערדיקן גרעסטן און נאַציאָנאַלן־שעפערישן יידישן ישוב אין רוסלאַנד; די פאַר־ניכטונג פון דעם נאַציאָנאַל־אַנטוויקלטן יידישן ישוב אין פּוילן און פון די אַנדערע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע; די נאַצישע אויסמאָרדונג פון דעם ווייט־גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע; די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל".

דאָס אַלץ איז פולשטענדיק ריכטיק. די פראַגע איז אָבער, צי האָט דער „בונד" געצויגן פון דעם די געהעריקע מסקנות? וואָס האָט דער „בונד" געלערנט סיי פון דעם חורבן און סיי פון דער מדינה־אַנטשטייונג? האָט ער געענדערט זיין שטעלונג און איינשטעלונג, אָדער האָט ער זיך בלויז באַנוגנט מיטן פאָטאָגראַפירן די פראָצעסן און זיי אָננעמען ווי אַ פאַקט? באַנוגנט ער זיך מיט בלויז קאָנסטאַטירן, אָדער קען ער אויך פאָרויסזען געשעענישן און נישט זיי פאַסיוו אָפּוואַרפן? זעט ער פראָצעסן אין זייערע אָנהייבן און איז ער בכוח צוזאַמען מיט אַנדערע זיי צו פאַרמיידן אָדער זיי צו אַנטוויקלען?

איז דער „בונד" זיכער, אַז דאָס זענען די לעצטע גרויסע געשעענישן און טראַנספאָרמאַציעס און אַז גאָרנישט באַווייזט זיך אויפן יידישן האָריזאָנט שוין אין דער נאָענטסטער צייט? וואָס האָט ער, למשל, צו זאָגן וועגן די גרויסע סכנות, וועלכע לויערן אויפן יידישן ישוב אין דרום־אַפריקע, אין ראָדעזיע, אין איראַן, אין געוויסע לענדער אין דרום־אַמעריקע? אונדז

דוכט זיך, אַז אויך אין די אַלע גרויסע געביטן, וואָס די רעזאָלוציע באַהאַנדלט באַזונדער: מדינת ישראל, סאָוויעטיש יידנטום און דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב, איז פאַראַן אַן אַ שיעור אומקלאָרקייט, נישט־דערזאָגטקייט — און דער עיקר: דאָס אָנטאָן מיט גוואַלד אויף דער לעבעדיקיידישער ווירקלעכקייט די מלבושים פון אַמאָליקע באַגריפן און אַנאַליזן, וואָס פּאַסן זיך צו אונדזערע טעג ווי אַרבעס צו דער וואַנט.

## ג.

בנוגע דער שטעלונג צו מדינת ישראל, וואָס איז מסתמא געווען די סאַמע דעבאַטירטסטע פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר, האָט מען יוצא געווען מיט דער פאָלגנדיקער דערקלערונג: „במשך פון די דריי צענדליק יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די ישראל־מדינה (און נישט מדינת ישראל, דוכט זיך אַ ניואַנס, אָבער זייער אַ סימפּטאָמאַטישער) זיך (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע) אויסגעבויט עקאָנאָמיש און זיך באַפעסטיקט מיליטעריש און איז געוואָרן אַ היים פאַר דריי מיליאָן יידן" (דאָס אונטערשטרייכן איז אונדזערס... ב. פ.). ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די רעזאָלוציע הויבט אָן דאָס קאַפּיטל ישראל מיט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. ס'איז אַ סך באַקוועמער צו אַנערקענען בדיעבד אַ פאַקט. דאָס דערלויבט אָפּצוטיילן די יצירה פון אירע הויפּט־שעפערס: די ציוניסטישע באַוועגונג, דעם חלוצישן ישוב און נאָך פאַקטאָרן.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס מען באַנוצט זיך מיטן נעפּלדיקן זאָג „אַז די ישראל־מדינה האָט זיך אויפגעבויט", אַזוי צו זאָגן פון זיך אַליין. די מדינה איז אַראָפּגעפאַלן „עקס מאַכינאַ" און געוואַקסן מיטן כוח פון אינערציע. נישט געווען קיין וויזיע און קיין אידעע, נישט געווען קיין יסורים פון שאַפן, קיין כוואַליעס פון אידעאַליזם און קאַמף. מ'מאַכט זיך פאַרגעסן אַז דאָס אַלץ איז פּלאַנירט געוואָרן דורך אַן אַקטיווער מחנה; אָפּט מאָל ביי דער אַקטיווער קעגנערשאַפט מצד דעם „בונד".

מ'האָט נישט דעם מוט צוצוגעבן, אַז דאָס שאַפן פון דער מדינה איז אַ היסטאָרישע דערגרייכונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און מער ווי

דאָס: מ׳האַלט איין (און מיר וועלן זיך נאָך צו דעם אומקערן) די פּינט־לעכסטע שטעלונג צום ציוניזם, וואָס איז פאַרבליבן כמעט דער איינציקער „רעזאָן ד׳עטר", די באַרעכטיקונג פון עקזיסטענץ.

כדי מ׳זאָל זיי נישט חושד זיין אין אַן אָפּנויג פון דער ליניע, רעדט מען וועגן ישראל ווי בלויז וועגן אַ היים פאַר דריי מיליאָן יידן און מ׳פּרוּווט פאַרלייקענען דאָס באַשיימפּערלעכע, אַז ישראל שפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע אין לעבן פון די יידישע ישובים אין דער וועלט, וואָס זענען צו איר צו־געבונדן בלב ונפש; אַז דער גורל פון ישראל און אַנדערע קהילות איז געקניפּט און געבונדן; אַז ישראל איז אַ גוואַלדיקער פאַקטאָר אין צעמענ־טירן, אָרגאַניזירן און אָנפילן מיט אינהאַלט דאָס יידישע לעבן אין די תפוצות.

אָבער דאָ דערפילט מען, אַז מען האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און מען גיט צו מיט אַ האַלב מויל, אַז זי איז מער ווי אַ געוויינלעכער גרויסער ישוב און אַז „זי קען דורך איר מלוכישער פאָרם און ווי דאָס איינציקע לאַנד מיט אַ יידישער מערהייט האָבן אַ גרעסערע השפּעה אויפן יידישן וועלטפאָלק". אָבער אַפילו אָט די קאַלטע און יורידישע אָנערקענונג ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ ים פון „אָבערס": זי זאָל זיך נישט באַטראַכטן ווי אַ מעטראָפּאָליע און די אַנדערע ווי סאַטעליטן, קאָלאָניעס וכדומה. דער גוט־באַקאַנטער סלאָגאַן פון זעלבסטשטענדיקייט פון ישובים וואָס מ׳דאַרף אָפּהיטן פון ישראלדיקער גייסטיקער „אויסשפּרייטונג".

דער רעזאָלוציע־טייל, וואָס איז געווידמעט דעם שלום אויפן נאָענטן מזרח, רופט אַרויס נישט ווייניק פאַרדרוס. דער שלום־פּראָגראַם פון „בונד", אַזוי ווי ער ווערט פאָרמולירט אין דער רעזאָלוציע, איז אַ מין קאָפּיע פון די מיינונגען און שטעלונגען פון אונדזערע „פריינד אין סטעיט דעפּאַרט־מענט". זי באַנוגנט זיך מיט אַ פאָדערונג „דורכצופירן די רעזאָלוציע נומער 242 פון דער פאַראייניקטער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, לויט וועלכער די פאַר־נומענע אין 1967 געביטן זאָלן צוריקגעגעבן ווערן די אַראַבישע מלוכות מיט אַזעלכע גרענעץ־ענדערונגען וועגן וועלכעביידע צדדים זאָלן זיך פאַרשטענדיקן". די רעזאָלוציע באַנוצט זיך מיט דער פאָרמולע די פאַר־נומענע געביטן און נישט סתם פאַרנומענע געביטן. דאָס מיינט: אַלע אָן

אויסנאַם (און דער „בונד" איז שולדיק אַן ענטפער, צי דאָס שליסט אויך איין ירושלים און איר ווידער־צעטיילונג). מען דאַרף און מען מוז זיין ספּע־ציפישער און אונדז מגלה סוד זיין, וואָס מיינט אַזוינס די רעכט פון די פּאַלעסטינער צו זעלבסטבאַשטימונג. און וואָס הייסט „אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון פּאַלעסטינע־פּראָבלעם". מיינט עס אַן אַראַבישע מדינה?

אויב מיר ווילן אַביסל מלמד זכות זײַן, קען מען זאָגן: מ׳באַנוצט זיך דאָ מיט סטערעאָטיפּן, כדי אַ ביסל צו פאַרנעפּלען פאַר די אַנדערע און דער עיקר פאַר זיך אַליין די אימפּליקאַציעס פון אַזאַ ממש פּראָ־אַראַבישער ווערסיע. דער אַלטער פּאַרטיי־זשאַרגאָן קומט דאָ אין קאָנפליקט מיטן אויפ־ריכטיק־יידישן געפיל (אין וועלכן מיר צווייפלען נישט) פון די רעזאָלוציע־מחברים.

ד.

דער אַנטי־ציוניסטישער קאָמפּלעקס פאַרטונקלט אויך די ראיה פון „בונד", ווען עס קומט צום שווערן מצב פון די סאָוויעטישע יידן און דעם גוראַנגל פון זייער אַקטיוו. די רעזאָלוציע פאָרמולירט ריכטיק די לאַגע ווען זי רעדט וועגן מיליאָנען יידן וועמעס „נאַציאָנאַלע שעפערישקייט און ראַל זענען דערפירט געוואָרן ביז זעראָ"; און זי צייכנט אָן קאָרעקט די פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט דערצו. ס׳איז אויך היסטאָריש ריכטיק, אַז דער באָלשעוויזם האָט געפירט אַ פאַרביטערטן אידעיִשן גוראַנגל קעגן „בונד" צוליב „זייער נעגאַטיוון צוגאַנג צו די נאַציאָנאַלע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג" (כאָטש מ׳דאַרף פעסטשטעלן, אַז׳ געוויסע עלעמענטן פון דער באָלשעוויסטישער קעגנערשאַפט צו נאַציאָנאַלע יידישע רעכט האָבן זיך שוין געפונען אין דעם עקסטרעמען טייל פון „בונד", ווי פיינטשאַפט צום ציוניזם, פּאַקטישע קעגנערשאַפט צו דער עם אחד־טעאָריע און נאָך).

ער ווערט פאַרפירט דורך אַלטער קנאה־שנאה ווען ער פרווט אין גאַנצן פאַרשווייגן, אָדער אַפילו פאַרקריפּלען די ראָל וואָס ישראל האָט געשפּילט אין דער אויפוואַכונג פון אַקטיווערן טייל פון סאָוויעטישן יידנטום וואָס האָט, נאָך יאָרן פון פאַרגליווערטן שווייגן, אויפגעוואַכט און אָנגעהויבן

דעם גערענגל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט און געבראַכט אַזעלכע ממשותדיקע רעזולטאַטן. קען מען זיך דאָס אַלץ פאָרשטעלן אָן אהבת ציון און שיבת ציון? איז נישט אָט דאָס העראָאישע קאַפּיטל אַ קלאַסישע באַשטעטיקונג פון ציוניזם? ס׳איז אויך נישט ריכטיק, אַז דער ציוניזם „זוכט צו רעדוצירן דעם קאַמף בלויז צו דער פאָדערונג פון פאָרן און זיך באַזעצן אין מדינת ישראל". אַוודאי זענען וועגן דעם פאַראַן חילוקי־דעות צווישן די אַקטיוויסטן גופא. אָבער אַלע זענען מסכים אַז דער קאַמף איז אַ טאָפּלטער, סיי פאַר עליה און סיי פאַר קולטורעל־רעליגיעזע רעכט פון די יידן. איינס איז פאַרבונדן מיטן צווייטן; און אָפט מאָל שטייען די זעלבע מענטשן אין שפּיץ פון ווידערשטאַנד און פאַרמעסט. עס דאַרף אויך פעסט־געשטעלט ווערן אַז דער עליה־קאַמף האָט געבראַכט צו די אָנהויבן פון אַ יידיש־קולטורעלן רענעסאַנס ביי געוויסע שיכטן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד און נישט פאַרקערט; און זיכער נישט אין קעגנזאַץ. ווען איך וואָלט נישט געוואָלט באַנוצן קיין שאַרפן אויסדרוק, וואָלט איך געזאָגט: דאָס איז כמעט אַ בילבול אויף די אסירי ציון, אויף די קעמפערס פאַר אונדזערע רעכט קעגן דעם פּאָליציי־רעזשים אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד.

ה.

מיר געפינען אַ סך מער בשותפותדיק לשון מיטן „בונד" אין דעם דיאַגנאָז פון יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די מערב־מדינות בכלל: די פּלאָג פון אַסימילאַציע. „די פאָלגן פון אָוועקגיין פון די פריערדיקע דורות פאָלקסטימלעכע יידן, דער מאַנגל פון ווילן צו שווימען קעגן שטראָם פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יוגנט" וכדומה. ס׳קען זיין, אַז מיר וואָלטן באַנוצט אַן אַנדער טערמינאָלאָגיע, אָבער אין תוך זענען צווישן אונדז נישטאָ קיין חילוקי־דעות.

וואָס מיר קענען בשום אופן נישט באַגרייפן, איז די שנאה צום ציוניזם ביז צום אויסדריקן זיך, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז „די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון ציוניזם איז באַזירט אויף נעגירן דעם שעפערישן קיום און

המשך פון יידנפאָלק ווי אַ וועלטפאָלק". זענען מיר צופרידן, וואָס דער „בונד" האָט סוף כל סוף אָנערקענט די אידעע פון אַן אַלוועלטלעך יידיש פאָלק, נאָך יאָרן פון שטאַמלעניש. צי איז עס אָבער אַלוועלטלעך בלויז געאָגראַפיש, אָדער וועזנטלעך; און אויב דאָס לעצטע איז ריכטיק, ווי קען מען פון דעם אויסשליסן (ווי אַ וויכטיקן עלעמענט לכל־הפחות) דעם ציוניזם און די מדינה?

ס׳איז שוין אַ ביסל דערווידער נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן, אַז ציוניזם פאַרלייקנט נישט נאָר דערמוטיקט יעדן אויסדרוק פון שעפערישן לעבן אין די ישובים. דאָס וואָלט געהייסן, אַז מען פאַרענטפערט זיך פאַר זינד וועלכע מען איז קיין מאָל נישט באַגאַנגען.

ווי געזאָגט, איז דער אַרטיקל געשריבן נישט לשם סתם פּאָלעמיק. די שעה פאַרלאַנגט אַ פאַראייניקונג פון כוחות, איינשליסנדיק דעם טייל, וואָס מיר רופן אַן, נישט צופיל גערעכט „וועלטלעכע יידן". אויף דעם שטח איז פאַראַן אַ סך צו טאָן, נישט געקוקט אויף מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, טאָ לאָמיר האַנדלען אין אָט דעם גייסט.

1978

# טעזעס פאַרן ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד (אין חודש פעברואַר היי־יאָר) איז פון אויסערגעוויינלעכער חשיבות. די גוואַל־דיקע געשעענישן אין יידישן לעבן און אין מדינת ישראל זינט דער פאַריקער קאָנפערענץ — און די אינערלעכע לאַגע אין פאַרבאַנד — פאַרלאַנגען אַ גרינטלעכע און ערנסטע איבערשאַצונג פון יסודות און ווערטן. זי טאָר נישט זיין קיין רוטין־קאָנפערענץ בלויז אויף צו סומירן דערגרייכונגען, אויסהערן באַריכטן און אויסוויילן אַן אָנפירונג. מען טאָר דאָס טאָקע נישט גרינג־

שאַצן; אָבער דאָס מאָל איז עס נישט דער עיקר. עס שטייען אין קאָן, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, דער עצם־קיום, תכלית און וועזן פון אָט דער היסטאָרישער באַוועגונג. מיר האַלטן דעריבער פאַר נויטיק נישט פאָרצולייגן קיין פראָגראַם און נישט צו אַנאַליזירן דעם באַלאַנס פון די דריי פאַרגאַנגענע יאָר, נאָר פרובירן פעסטשטעלן אייניקע טעזיסן און עיקרים — אַ טייל פון זיי אָפיציעל קאַנאָניזירטע אָבער פאַרנאַכלעסיקטע; און טייל, אַ פּראָדוקט פון זייער צייט. אין דעם געלונגענעם צוזאַמענפלעכט פון געשיכטלעך פאַרהייליקטע פּרינציפּן און פון ענדערונגען וועט באַשטיין דער סוד פון אונדזער הצלחה.

1. וואָס זענען מיר? אַ ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דאָס וואָרט „אַרבעטער" (נישט אין סאָציאָלאָגישן, נאָר אידעאָלאָגישן זין) איז אייגנטלעך אַ סינאָנים פון סאָציאַליזם אין ברייטן, פאַרשידנאַרטיקן און פּלוראַליסטישן זין פון וואָרט. די פראַגע, צי מיר זענען אַ פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אינהאַלט אָדער אַן אידעיש־פּאָליטישע באַוועגונג מיט אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּראַטערנאַלער סטרוקטור איז נישט מער ווי אַ ווערטלעכער חילוק. איינס איז קלאָר: אָן אידעאָלאָגיע פאַרשווינדט אונדזער באַזונדערקייט, אונדזער יחוד, דער קענצייכן און דער אונטערשייד פון אַנדערע באַוועגונגען. אַוודאי איז די פּראַטערנאַלע ראַם אויסערגע־וויינטלעך וויכטיק. זי פאַרשטייפט די רייף פון מיטגלידערשאַפט; זי פאַר־בינדט דעם יחיד מיטן אָרגאַניזירטן כלל; זי פאַרזיכערט אַ פינאַנציעלע באַזע. אָבער לאָמיר נישט איבערטרייבן: אָן אינשורענס קען דער פאַרבאַנד עקזיסטירן, אָבער אָן אַן אידעע צעפאַלט ער זיך ווי אַ קאָרטנהויז.

די פּראַטערנאַלע פאָרם פון אונדזער פאַרבאַנד פאַרזיכערט אויטאָמאַ־טיש מיטגלידערשאַפט (פאַראַן צווייגן, און צום גליק נישט צו פיל, וואָס „עקזיסטירן" אַ דאַנק דעם וואָס אַ גוטער חבר מאָנט איין די אינשורענס־פּרעמיעס און שיקט זיי אַריין אין הויפּט־אָפיס). במשך פון זיין געשיכטע איז דער פאַרבאַנד אויסגעוואָקסן, געקראָגן אָנזען און חשיבות אַ דאַנק זיין מוסטערדיק־פּראַטערנאַלער טעטיקייט; איינשליסנדיק פּאָפּולערע פאַרזיכע־רונג. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן און ס'איז אַרויס פון דער מאָדע.

דאַרף מען דעריבער אָנהאַלטן, כל־זמן מען קען, אַט די ראַם, אָבער זי ניִשט באַטראַכטן ווי אַ תנאי פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ.

2. מיר זענען אַ ישׂראל־צענטרישע באַוועגונג, וואָס איז ביים שרייבער פֿון די שורות אידענטיש מיטן ציוניזם. אַפֿילו אין אונדזער צייט פֿון גרויסן קאָנסענזוס אַרום ישׂראל — און פֿונעם ברייטן וווּקס און השפּעה פֿון דער פּראָ־ישׂראל באַוועגונג — איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן דער חילוק צווישן ציוניסטן און חובבי־ציון, צווישן די וועלכע לייגן דעם טראָפּ אויף לאָקאַלע כלל־טעטיקייטן פֿון ישוב און די וואָס זעען אין ישׂראל דעם סאַמע צענטער פֿון זייערע זאָרגן און טעטיקייטן, אָנערקענען איר געשיכטלעכן פּרימאַט. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען די באַוועגונג איז טריי איר טראַדיציע פֿון צענדליקער יאָרן, פֿון בכורה פֿאַר דער מדינה אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס. דאָס איז נישט סתם קיין טעאָרעטישער באַגריף, נאָר דריקט זיך אויס אין קאָנקרעטע ענינים, וואָס שטייען אויפֿן סדר־היום: מיר וואָלטן געדאַרפֿט זיין למשל די ערשטע זיך אַנטקעגנצושטעלן און נישט שלום־מאַכן מיט דער טרויעריקער דערשיינונג פֿון מאַסן „נושרים" צווישן די סאָוויעטיש־יידישע אימיגראַנטן. מיר וואָלטן געדאַרפֿט שווימען קעגן שטראָם און נישט דערלאָזן, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום זאָל דערמוטיקן אַ קאָנקורענץ פֿאַר ישׂראל און לאָזן דעגענערירן אַ גרויסע רענעסאַנס־באַוועגונג, אַ ציוניסטישע אויפֿוואַכונג אין אַ טיפּיש־אימיגראַנטישער איינאָרדנונג פֿון יחידים. דאָס מיינט: שטענדיק צו געדענקען אַז מיט עליה לעבט און פֿאַלט ישׂראל און דערמוטיקן אַלע פֿאָרמען פֿון פּערזענלעכער ממשותדיקער אידענטיפֿיקאַציע מיט דער מדינה.

3. מיר זענען צווייפּראָנטיק: פֿון דעם פֿריִער געזאָגטן דאַרף מען נישט דרינגען, אַז מיר זענען גלייכגילטיק צו די לאָקאַלע, קולטורעלע און רעליגיעזע באַדערפֿענישן, צו די צאָלרייכע אינסטיטוציעס און באַוועגונגען, צו פּראָצעסן פֿון אַסימילאַציע פֿון איין זייט און פֿון נאַציאָנאַלער שעפֿערישקייט פֿון דער צווייטער זייט. און אין דעם פּרט לעבט די באַוועגונג אַדורך שווערע מאָמענטן. ישׂראל־פּאַטריאָטיזם טאָר זיך נישט, לאָגיש און עמאָציאָנעל, פּאָרן מיט פּאַסיווקייט לגבי דעם וואָס קומט פֿאָר אין דער אַרומיקיידישער סביבה. איך בין איבערצייגט, למשל, אַז דאָס אויפֿגעבן דעם איי־

געגעם שולוועזן איז געגאַנגען צוזאַמען — און איז אפשר געווען די סיבה — מיט אָפּשוואַכונג פון אינטערעס, פון פּאַקטיש עלימינירט ווערן (אַחוץ איינציקע אויסנאַמען ווי אונדזערע פאָלקסשולן אין קאַנאַדע, „כנרת" און דער לערער־סעמינאַר) פון אַט דעם וועזנטלעכן פּראָנט פון יידישן לעבן. דאָס זעלבע ווען עס קומט צו איכות (קוואַליטעט) פון דערציונג. האָבן מיר גאַרנישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם אינהאַלט און צילן פון דער חינוך־באַוועגונג? קען מען זיך צופרידנשטעלן בלויז מיט התפּעלות, געמישט מיט אַביסל קינאה, מיטן רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישן אויפטו? אין דעם פּאַרלאָזן דעם חינוך־פראָנט זע איך די סיבה פון אונדזער שוואַכער השפעה אין קהילה־לעבן בכלל, אין דעם ברייט־פאַרצווייגטן סיסטעם פון פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אַוודאי זענען מיר נישט אין גאַנצן קיין „נעבעכל". פאַראַן שטעט ווו עס זענען נאָך אַלץ דאָ אַרבעטער־ציוניסטישע פּעסטונגען און אונדזערע חברים (אמת, ווי יחידים) שפּילן אַ פירנדיקע ראָל אין אַ ריי יידישע קהילות. מיר זענען אַן אַנגעזעענער טייל פון אַלגעמיין־רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן, פון אַלגעמיין־יידישן און ציוניסטישן כאַראַקטער. אָבער דאָס ווערט כסדר שוואַכער און זעלטענער.

4. מיר זענען צוויי, און אויב איר ווילט דריי־שפּראַכיק: יידיש, ענגליש און העברעיש. מיר נעמען דאָ אַריין העברעיש, בכדי אונטערצושטרייכן אונדזער פּרינציפּיעלע אָנערקענונג פון דער שפּראַך ווי דאָס אָפיציעלע לשון פון דער מדינה, ווי די שפּראַך, וועלכע סימבאָליזירט און פאַרקערפּערט אין זיך די גייסטיקע איינהייט פון אַלע טיילן פונעם יידישן פאָלק. אָבער אין פּראַקטישן לעבן מיינט עס קודם־כל דעם דואַליזם פון יידיש און ענגליש, וואָס פאַלט צונויף אין דער צעטיילונג צווישן די וועטעראַנען און יינגערע עלעמענטן אין פאַרבאַנד. אַוודאי טאָר מען נישט מאַכן קיין פעטיש פון שפּראַכן, אָבער יידיש איז נישט בלויז דער אויטענטישער, פילפאַרביקער און אָרגאַנישער טייל פון אונדזער קולטור־ירושה, זי איז דערווייל די שפּראַך פון דער מערהייט פון אונדזערע פאַרבאַנד־מיטגלידער. זי איז נאָך אויך אַ באַדייטנדיקער און צענטראַלער כוח אינעם אַמעריקאַנער ישוב, און לעבט אַפילו איבער אַ געוויסן סענטימענטאַלן רענעסאַנס. די ירידה פון יידיש אין לעבן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז נישט געווען קיין קרבן,

וואָס מען האָט געבראַכט בכדי צוצוציִען יונגע עלעמענטן. קיין צווייג איז נישט גרעסער געוואָרן דורך דעם וואָס ער האָט אויסגעטוישט יידיש אויף ענגליש. אָבער פאַר טויזנטער מיטגלידער פון פאַרבאַנד האָט עס געמיינט אַ פאַראָרעמונג פון זייער „אויסלעבן זיך" אין דער באַוועגונג. און נישט בלויז דאָס. מיר האָבן אויך פאַרלוירן אונדזער טראַדיציאָנעלע פּאָזיציע ווי געטרייע אונטערשטיצערס פון יידיש, פון יידישער ליטעראַטור און קולטור. דורך דעם זענען מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרן געזעלשאַפטלעך. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אונדזער אָנטייל אין גרויסע אונטערנעמונגען פון ליטעראַרישן און קינסטלערישן כאַראַקטער. וואָס שייך העברעיש, איז עס ביי אונדז אַ ריין טעאָרעטישער ענין. מחוץ דאָ און דאָרטן אין אַ צווייג, טוען מיר זייער ווייניק בכדי צו פאַרשפּרייטן די שפּראַך און אירע גרויסע ווערטן.

5. וואָס מיינט סאָציאַליזם אין אונדזער פּראָגראַם? מיר חזרן איבער עקשנותדיק (און איך מיין, אַז אויפריכטיק) אונדזער סאָציאַליסטישן אני מאמין. אָבער מחוץ דער אַלגעמיינער שוועריקייט פון דעפינירן גענוי וואָס אַזוינס עס איז „סאָציאַליזם אין אונדזערע טעג", איז נאָך דאָ די באַזונדערס קאָמפּליצירטע לאַגע אין אַמעריקע. מיר האָבן נישט אין אַמעריקע קיין אַלגעמיינעם, פּאָליטיש־סאָציאַליסטישן כוח, אויף וועלכן מיר וואָלטן זיך געקענט אָנשפּאַרן און מיט אים מיטאַרבעטען ווי עס איז דער פאַל למשל אין ענגלאַנד, ווו אונדזער באַוועגונג איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. (מיר דאַכט זיך, אגב, אַז אפשר איז אַזאַ זאַך מעגלעך אין קאַנאַדע מיט דער „ניי־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי"). מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קליינע דאָגמאַטישע גרופּעס, אָפּט אומפּריינדלעכע צו ישראל. דאָך קענען מיר בשום־אופן נישט זיין „נייטראַל" צו געשעענישן אין לאַנד, צו סאָציאַלע און פּאָליטישע געראַנגלען, וועלכע קומען פאָר אויף דער ברייטער גאַס און אין די הי עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. דער חבר וויל געפינען אין דער אָרגאַניזאַציע אַ פולן אויסדרוק פאַר זיינע איבערציייגונגען און אַ פעלד פאַר טעטיקייטן אויך אין אַלגעמיין־אַמעריקאַנער ענינים.

ביים אויסרעכענען די אַלע פּרינציפּן, דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן אין וואָס עס באַשטייט אונדזער קריזיס וועלכער מאַכט אַפילו זייער גוטע חברים פּעסימיסטיש לגבי דעם ווייטערדיקן קיום פון אונדזער באַוועגונג. א) אין

דעם פאַרמישן אינטעגראַציע אין אַלגעמיין יידישן לעבן מיטן פאַרלירן דעם אייגענעם פרצוף. מיט אַנדערע ווערטער: אַוודאי דאַרפן מיר זיין אַקטיוו אויף אַלע געביטן. (לויט מיין מיינונג: אויך נישט בלייבן אין דרויסן פון די גרויס־רעליגיעזע שטראָמען, וועלכע זענען אַזוי עיקרדיק אין דעם היגן יידישן לעבן); אָבער „מיר טאָרן נישט גיין פאַרלוירן". מיר דאַרפן זיין טריי אונדזער שטעלונג, אידעאָלאָגיע און דער אַנגעזאַמלטער היסטאָ־רישער דערפאַרונג. ליידער, זענען מיר געוואָרן אַן „עם־כל־הנערים"־באַ־וועגונג; אַ טייל פונעם אַלגעמיינעם עסטאַבלישמענט. ס׳איז ווייניק פאַר־בליבן פון אונדזער אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלן קוק אויף פּראָבלע־מען און פון אונדזער אידעאָלאָגישן צוגאַנג. ב) אָרגאַניזאַטאָריש האָבן מיר נאָך אַלץ נישט פאַרדייט די פאַרבאַנד־פאַרטיי־פאַראייניקונג. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אינעם פאַרלירן אַ טייל ייִנגערע עלעמענטן און אין דער אָפּשוואַכונג פון די עלטערע חברים, נישט בלויז צוליב ביאָלאָגישע סיבות.

מיר זענען איבערצייגט, אַז די באַוועגונג האָט אַ גוואַלדיקן פּאָטענציאַל און דאַרף נאָר קענען פאַרוואַנדלען די גרויסע סימפּאַטיעס, וועלכע זענען דאָ אין געוויסע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אין די אַקאַדעמישע און פּראָפעסיאָנעלע קרייזן, אין דער אָדער אַנדער פאָרם פון אָנגעהעריקייט. מער ווי דאָס: מיר דאַרפן זיך קאָנצענטרירן אויף אַלומנייס מכל־המינים, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אין אונדזער באַוועגונג און אָפט דערגרייכט חשובע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. אין דעם אָרגאַניזאַטאָרישן פאַרמעסט מוז מען זיך נישט האַלטן ביי באַשטימטע פאָרמען און כללים. מען דאַרף שטענדיק געדענקען אַז נישט די ראַם, נאָר דער תוך איז דער עיקר, נישט די דעקלאַרירטע פּרינציפּן, נאָר דער גייסט וואָס הערשט אין לעבן פון דער באַוועגונג. קען זיין, אַז דער וועג איז צוריק צו באַנייען דעם פּרווו פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל"; אַ באַוועגונג פון פריינד פונעם אַרבע־טער־ציוניזם וכדומה. דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט אַ היפּשע צאָל יאָרן געווידמעט אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, ווייסט אַז מען קען נישט פונאַנדערטיילן צווישן קאָנסאָלידאַציע און עקספּאַנסיע. דער אומאויפהער־לעכער וווּקס איז אַ באַדינג פאַר איינהאַלטן דעם עקזיסטירנדיקן יש. ווען מען וואַקסט נישט, גייט מען צוריק. ג) מען קען נישט אויסמיידן, ביי

דער געלעגנהייט, צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם פינאַנציעלן מצב פון פאַרבאַנד. ס׳איז איינער פון די אומגלויבלעכע פּאַראַדאָקסן: אַן אָרגאַני־זאַציע וועלכע זאַמלט, דירעקט אָדער אומדירעקט, מיליאָנען דאָלאַרן פאַר ישראל און אַנדערע צוועקן — און וואָס גיט אַוועק (ווי עס דאַרף צו זיין) פאַר דעם אירע בעסטע כוחות — דאַרף זיך אומאויפהערלעך ראַנגלען פאַר איר עקזיסטענץ און איז רעדוצירט צו אַ קבצנדיק לעבן. מען פאַרגעסט אָפּט מאָל דעם פּשוטן כלל, אַז ווען דער קוואַל ווערט טרוקן, פליסט נישט קיין וואַסער; אַז די באַוועגונג, וועלכע איז פאַרנומען מיט דאגות־פּרנסה, קען נישט דערפילן אירע אויפגאַבעס, קאַמפּיינען אַריינגערעכנט. מען קען עס נישט אָפּפּטרן מיט אַ גלייכווערטל אַז „אַלע שוסטערס גייען באָרוועס״. ס׳איז אַ שלעכט פאַרשטאַנענער אידעאַליזם מצד אונדזער באַוועגונג און אַ פאַלשער צוגאַנג מצד געוויסע אינסטיטוציעס וועמען די באַוועגונג דינט.

פאַר וואָס זענען אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבעס, אַריינגערעכנט שכירות, כּשר און פאַרשטענדלעך, בעת דאָס באַטייליקן זיך אינעם בודזשעט פון אַן אָרגאַניזאַציע (און אַן אינסטרומענט, וועלכער דינט קאָלעקטיוו דעם פאַנד) טריף־פּסול? דאַרף דער פאַרבאַנד באַשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס ער האָט נישט בלויז איין ישראל־אַקטיוויטעט, אָדער פּראָיעקט — וואָס ער פירט דורך און ציט אויך פון דעם זיין חיונה — ווי דאָס איז דער פאַל מיט כמעט אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס? אַחוץ דעם דאַרף אויך קלאָר זיין די פּאַרטיי־מיטגלידער, אַז די געשיכטע וועגן דער „פאַר־מעגלעכקייט״ פון פאַרבאַנד איז בלויז אַ לעגענדע. בכדי ער זאָל קענען דורכפירן זיינע קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אויפגאַבעס, מוז ער שאַפן זיין אייגענעם פאַנד, אים געבן אַ בכבודיקן פּלאַץ אין זיינע פּראָ־יעקטן, אין סדר־היום פון זיינע אַקטיוויטעטן.

אויף וואָס באַזירן מיר פון דעסטוועגן אונדזער האָפענונג אויף דעם ווייטערדיקן קיום און אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע? קודם־כל אויף דער גרויסער נויטווענדיקייט פון אַ ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, נישט בלויז ווי אַן אידעאָלאָגישער רעזערוו פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל, נאָר ווי אַ שעפערישער כוח אין יידישן לעבן פון אַמעריקע. מיר זענען איבערצייגט, אַז עס זענען פאַראַן גרויסע מאַסן יידן אין אַלע

שיכטן און אין יעדן עלטער, פאַר וועמען דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד דריקט אויס זייערע סימפּאַטיעס און געפילן. בכדי זיי אַנטקעגנ־צוקומען, מוזן מיר אָפּהיטן די עקזיסטענץ־כלים, אָבער אויך שאַפן נייע, שטיצן אַלגעמיין־אָנערקענטע יידישע ענינים און אינסטיטוציעס, אָבער אויך האָבן דעם מוט אַנצונעמען נישט־קאָנווענציאָנעלע באַשלוסן, לכל־הפחות זיין אָנווענדיק, רעאַגירן אויף פּאַסירונגען און סיטואַציעס אויף אַ קלאָרן אופן.

מיר גלויבן אַז דער פּאַקט וואָס אונדזער באַוועגונג אין ישראל איז איצט אין אָפּאָזיציע דאַרף נישט זיין קיין שטערונג אין דעם ווידער־אויפלעב פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. די לאַנגע תקופה, ווען „עבודה" איז געווען ביי דער מאַכט האָט אונדז — ספּעציעל אָרגאַניזאַטאָריש — נישט געהאָלפן. איר איבערגיין צו אָפּאָזיציע וועט אונדז בכן חלילה נישט צעברעכן. אין אַ געוויסער מאָס איז עס גאָר פאַרקערט. אפשר וועלן אונדזערע פירנדיקע חברים אין ישראל איצט געפינען מער צייט און מעגלעכקייטן פאַר אַ טיפער און יסודותדיקער פאַראינטערעסירונג אין דער פּראָבלעמאַטיק און אין די זאָרגן פון דער אַמעריקאַנער „שוועסטער־אָרגאַניזאַציע". ווי געזאָגט אין אָנהויב פון אונדזער אַרטיקל, האָבן מיר דאָ בלויז געבראַכט טעזיסן. מיר האָבן גאָרנישט באַנייט און זיכער נישט פאַרשריבן קיין פאַרטיקע רעצעפּטן. ס'איז אָבער כדאַי אַוועקצושטעלן די גרונט־ענינים פאַר ווידער־באַטראַכטונג און מסקנות. מיר טוען תפילה, אַז די קומענדיקע קאָנווענשאָן זאָל זיין אַ וויכטיקער שריט אין אָט דער נויטיקער ריכטונג.

1979

# וועגן שליחים און שליחות

דער שליח איז דער וויכטיקסטער רינג אין דער קייט פון באַציונגען פון ישראל מיט די תפוצות. די לעבעדיקע בריק, דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט.

לעצטנס האָט מען געוואָרפן אַן אומחן אויף שליחות, נישט בלויז קריטיקירט מען דעם אויסוואַל פון די שליחים, נאָר די אינסטיטוציע אַליין. באַלד וועט עס ווערן אַ נעגאַטיווער באַגריף און דאָס וואָרט שליח וועט אַריינגעשטעלט ווערן אין גענדזנפיסלעך.

איידער מיר אַנאַליזירן די סיבות פון אָט דער דערשיינונג ווילן מיר קודם כל דעפינירן די טעמע פון אונדזער אַרטיקל: דער באַגריף שליחות איז אַ ברייטער און אונטערן נאָמען שליח פאַרשטייען מיר אַלע מינים מיסיעס און אויפגאַבעס. מיר האָבן נישט אין זינען די אַזוי גערופענע עקס אָפיציאָ שליחים, ווי דיפּלאָמאַטן און אַפילו לערערס. מיר ווילן אויך נישט רעדן וועגן עמיסאַרן פאַר באַשטימטע, קאָנקרעטע מיסיעס, מערסטנטייל געלטזאַמלערישע. זיי ווערן געמאָסטן לויט די רעזולטאַטן, דער „אונטערשטער שורה" און „תכלית".

אונטערן וואָרט „שליחות" פאַרשטייען מיר אַ לענגער פאַרבלייבן אין אַ לאַנד אין נאָמען פון דער אַגענץ, ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען און דעפּאַרטאַמענטן, יוגנט־באַוועגונגען, רעליגיעזע שטרעמונגען און אינסטיטוציעס, באַוועגונגען און פּאַרטייען.

מיר מאַכן נישט קיין אונטערשייד לויטן פאַרנעם, היעראַרכישער חשיבות פון דער שליחות. ווי באַגרענעצט און באַשיידן עס זאָל נישט זיין די קערפּערשאַפט וואָס שיקט אים, פאַלט במילא די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף „גאַנץ" ישראל. ס'איז די נייגונג צו פאַראַלגעמיינערן און צו „קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט". ס'איז ממש ווי די באַציונג צו יידן מצד דער קריסטלעכער וועלט. ווען אַ שליח איז מצליח לויבט מען אים. ווען ער פאַלט דורך איז גאַנץ ישראל שולדיק.

מ'דאַרף אויך געדענקען, אַז טראָץ דער זאַכלעכער און ניכטערער (אַ מאָל שוין צו ניכטער) באַציונג צו ישראל, קען נישט און וויל נישט דער תפוצות־ייד זי באַטראַכטן ווי „אַ מדינה ווי אַלע מדינות". ער וויל אין איר זען עפּעס אַנדערש, עפּעס דערהויבנס. ירושלים איז פאַר אים נישט בלויז אַ שיינע שטאָט מיט אַ סך היסטאָרישע זכרונות און באַצויבערנדיקער לאַנדשאַפט, זי איז, אַפילו ביי דעם וועלטלעכסטן ייד, קודם כל די עיר הקודש. ווער ס'קומט פון ישראל ווי איר פאַרשטייער באַגעגנט

זיך מיט די זעלבע דערוואַרטונגען. מ׳איז מיט אים „מדקדק כחוט השערה״.

גלייכצייטיק אָבער איז דער שליח אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן, מער נישט קיין חידוש און רבותא. ער איז שוין אַ וואָכעדיקע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס. ס׳איז נישט גענוג, וואָס ער קומט פון ישראל. ער דאַרף, אַזוי צו זאָגן, „שטיין אויף זיינע אייגענע פיס״ און דאַרף פּערזענלעך זיין דערפאָלגרייך אַ דאַנק זיינע אייגנשאַפטן און פעיקייטן. נאָך אַלעמען איז היינט ישראל פון אַמעריקע, למשל, אַ קאַצנשפּרונג. מ׳דאַרף נישט קיין סתם פאַרמיטלער. דער שליח דאַרף זיין עפּעס מער, כדי צו פאַרקערפּערן ישראל.

ווי שטענדיק טאָר מען נישט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, אָבער נישט עקזיסטירן אַ דאַנק איר. אַוודאי דאַרף מען אָפּהיטן דעם זכרון און באַערן די פאָטערס און די גרינדערס, אָבער נישט לעבן „אין זייער זכות״. דאָס באַציט זיך אויך אויף שליחות און אויף שליחים. דער פאַקט וואָס אַן שליחים וואָלט נישט געווען קיין ציוניסטישע באַוועגונג, קיין גרויסע עליה, קיין ישראל־קאַמפּאַניעס, פאַרדעקט נישט די אַלע פעלערן און איז נישט גענוג כדי צו ענדערן די באַציונג צום שליח, הויבן זיין מעמד און פאַר־שטאַרקן זיין אָנזען אין דער קהילה. „זיינע מעשים וועלן אים דערווייטערן אָדער דערנענטערן״.

די אַטמאָספער אַרום דעם שליח איז אין אַ גרויסער מאָס אַ פועל־יוצא פון דער עמביוואַלענטער באַציונג צו דער מדינה גופא. זי קען מער נישט דערוואַרטן אַבסאָלוטע, כמעט אויטאָמאַטישע הסכמה און אַ אין פאַרויס גאַראַנטירטע לאָיאַליטעט מצד די תפוצות. דאָס איז נישט דווקא אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקונג פון זעלבסט־באַוווסטזיין און „אומאָפּהענגיקייט״ פון די ישובים. ס׳איז גיכער אַ רעאַקציע צו געוויסע שטרויכלונגען און שאָטן־דערשיינונגען אין ישראל (דאָס איז נישט אין סתירה מיט דער ליבע פון יידן צו דער מדינה און צום באַוווסטזיין פון שותפות פון גורל).

אַט די קריטישע באַציונג צו ישראל שפּיגלט זיך אָפּ גלייך אויפן שליח. ער איז אין דער ערשטער ליניע פון פראָנט און אויף אים פאַלן די שאַרפסטע פיילן פון אומצופרידנקייט און פאַרדרוס, וואָס יידן פילן לגבי ישראל.

וואָס דאַרף געטאָן ווערן, כדי צוריקצושטעלן דעם אָנזען פון דער שליחות צום יידישן פאָלק?

ווילן מיר דאָ נישט רעדן וועגן געוויסע עלעמענטאַרע כללים, מינימום־קוואַליפיקאַציעס, וואָס זענען זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן און וואָס נישט אַלע שליחים פאַרמאָגן: די קענטשאַפט פון דער שפּראַך און פון דער קולטור פונעם לאַנד, אין וועלכן זיי דאַרפן זיך געפינען, דער מינימום קענען די „קליינע אותיותלעך" און אַ פאַנאַנדערקלייבן זיך אין מצוות און דינים, דער נויטיקער אינטעלעקטועלער באַגאַזש כדי זיך צו קענען פאַרמעסטן מיט די קולטורעלע און געבילדעטע שיכטן פון היינטצייטיקן יידנטום און לסוף: ער דאַרף אַליין גלויבן אין זיין שליחות און זיין גענוג אַמביציעז כדי זי ווי געהעריק דורכצופירן.

אָבער ווי געזאָגט: דאָס זענען ממש אלף־ביתן. פון די שליחים פאָדערט זיך געוויסע איינשטעלונגען, צוגאַנגען פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער וואָס מ׳קען נישט אויסלערנען אין די בעסטע צוגרייטונגס־קורסן און דאָך זענען זיי אַנטשיידן און אין לעצטן סך הכל מאַכן זיי דעם אונטערשייד צווישן אַ געראָטענעם און שלעכטן שליח, וואָס נישט בלויז ער העלפט נישט, נאָר ברענגט שאָדן און ס׳וואָלט בעסער געווען אָן אים. אָט די זעלישע אייגנשאַפטן, וואָס אַ שליח דאַרף פאַרמאָגן זענען אויס אויפן ערשטן קוק קעגנזעצלעך, אָבער בלויז אויף דער אויבערפלאַך. פאַקטיש האַנדלט זיך דאָ וועגן „אַ דעליקאַטן באַלאַנס", היפּשלעך קאָמפּליצירט ווי דאָס יידישע לעבן אַליין.

א) דער שליח דאַרף פאַרשטעלן ישראל. ער דאַרף אַרויסברענגען דאָס שעפערישע, דאָס דערהויבענע און דאָס אַנדערשדיקע אין איר, אָבער דאָס טאָר בשום אופן נישט אָננעמען די פאָרם פון אויבן־אַראָפּ־קוק אויף „די גלות יידן" נעבעך, פון גרינגשעצונג צו זייערע היימישע פּראָבלעמען, אַרטיקע דערגרייכונגען, אינסטיטוציעס און ראַנגלענישן. ער דאַרף אָנהאַלטן די ריכטיקע פּראָפּאָרציעס און אָפּשאַצן מיט אַ מאָס זיין אייגענע שליחות. ער דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז ישראל איז נישט קיין „טלית שכולה תכלת" און אַז די תפוצות זענען נישט בלויז אַסימילאַציע, אומ־

זיכערקייט און צייטווייליקייט. דער כלל איז גילטיק פאַר אַלע פאָרשטייערס — פון דעם צענטראַלן שליח ביז דעם יוגנט־אינסטרוקטאָר.

ב) אַ שליח קען נישט און טאָר נישט זיין אַ „גאַסט אויף אַ וויל". ער דאַרף זיך איינלעבן און מיטלעבן מיטן ישוב, גלייכצייטיק, טאָר ער זיך נישט פולקאָם „אַסימילירן" מיט זיין סביבה. ער דאַרף אָפּהיטן זיין באַזונ־דערקייט, זיין נוסח, אַנדערש ווערט ער אַן „אייגענער" און נישט קיין געשיקטער. ליידער, ליידער האָבן מיר געלערנט, אַז פון צופיל „אַמעריקאַ־ניזאַציע" איז נאָר אַ שריט צו ירידה.

אַפילו ווען ער איז אַ שליח פון אַ פּאַרטיי, דאַרף ער נישט זיין „פאַר־טייִש" אין ישראלדיקן באַגריף פון וואָרט. ער דאַרף נישט אַריינפירן אין אַ פרעמדער סביבה די שאַרפע ישראלדיקע חילוקי־דעות און די טיפּישע פאָרמען פון סאָציאַלע און פּאָליטישע געראַנגלען. אַ חוץ פון אויסנאַם־פאַלן, טאָלערירן דאָס נישט די יידן וועמעס אויער און האַרץ מען וויל געווינען.

פונקט אַזוי ווען ער איז אַפילו נישט רעליגיעז, דאַרף ער אַרויסווייזן דרך־ארץ, רעספּעקט און טאָלעראַנץ צו יידישע טראַדיציעס און מצוות, נישט בלויז צוליב דער דאָמינירנדער ראָלע וואָס די רעליגיע שפּילט אין יידישן לעבן, נאָר ווי אַ קולטור־מענטש און וואַרעמער ייד. אַפילו ווען ער איז אַן איבערצייגטער העברעיסט, אָדער אַ פּראַגמאַטיסט, וואָס עס גייט אים בכלל נישט אָן די שפּראַך אַבי צו קומען צום „תכלית", דאַרף ער פאַרשטיין דעם גרויסן באַטייט פון יידיש ווי אַ קולטור־פאַקטאָר און ווי אַ שפּראַך אויף וועלכער עס רעדן נאָך הונדערטער טויזנטער יידן. אַ סך שליחים האָבן אין דעם פּרט געזינדיקט, כאָטש צו זען אין זיי די סיבה פון דעם טרויעריקן מעמד פון מאַמע־לשון וואָלט געווען אַן איבערטרייבונג און אַ נאַרישקייט.

ג) דאָ קומען מיר צו זייער אַ דעליקאַטן ענין. קיינער קען נישט פאָרוואַרפן אַ שליח דעם נאַטירלעכן און מענטשלעכן פאַרלאַנג אויסצוניצן די באַקוועמלעכקייט פון די לענדער ווו ער פאַרברענגט און אַפילו עפּעס אָפּשפּאָרן מאַטעריאַל פון דער רייזע (אין שייכות מיט דעם טאָר מען נישט פאַרגעסן די שליחים, וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן און זענען

געגאַנגען אין פּייער אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער, אין פּיינדלעכע מו־סולמענישע סביבות כדי צו ראַטעווען יידן פון אומקום און זיי ברענגען קיין ישראל. אויך היינט פעלן נישט קיין קאַנדידאַטן פאַר די ריזיקאַלישסטע אויפגאַבן). ווען איז דאָס אַלץ געראַדעט געוואָרן? ווען מ׳כאַפּט נישט איבער די מאָס, ווען מען מאַכט נישט פון דער שליחות אַ מקור פון פּרנסה, ווען אַ באַגלייט־דערשיינונג ווערט נישט דער עיקר פון דער מיסיע. צום באַ־דויערן זענען אויך געווען אַזעלכע פאַלן און זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן און באַפלעקט די ערנסטע ישראלים, וועלכע האָבן דערפילט זייערע פונקציעס בשלימות.

און לסוף, מיר האָבן דאָ נישט געפּרוווט אויסמאָלן אַן אידעאַל און אַ מאָדעל פאַר שליחות. אין לעצטן סך־הכל איז עס אָפּהענגיק פון יעדן יחיד. מיר האָבן בלויז געוואָלט געבן אַלגעמיינע ריכטליניעס, וואָס צילן צו פאַרשענערן די געשטאַלט פון דעם שליח, לטובת דער מדינה און נישט ווייניקער לטובת די יידן אין די תפוצות.

1979

# איינדרוקן פון אַ באַזוך אין דרום־אַפריקע

**ווייסע און שוואַרצע**

ערשט זיך אומגעקערט פון אַ קורצער קולטור־שליחות אין אַפריקע.

אין די דריי יאָר וואָס זענען פאַרביי זינט מיין לעצטן באַזוך אין דרום־אַפריקע, זענען דאָרט פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען סיי אין אַלגע־מיינער פּאָליטישער און סאָציאַלער הינזיכט, סיי אין די שטימונגען און אינעם געמיט פון יידישן ישוב.

ס׳האָבן זיך געביטן דער אינטערנאַציאָנאַלער סטאַטוס פון דער מדינה, דער כאַראַקטער און די שיטות פון „אַפּאַרטהייד״, דער פאַרנעם און די

פאָרם אין דער ראַסן־דיסקרימינאַציע, די פּאָליטיק פון דער נאַציאָנאַליס־טישער רעגירונג. ס׳איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן יסוד די גאַנצע דרום־אַפריקאַנער זאַנע, אַט דער בלוטיקער דרייעק פון דער דרום־און מערב־טעריטאָריע, ראָדעזיע און דער דרום־אַפריקאַנער קאָלאָס גופא. ס׳האָבן זיך פאַרשאַרפט די טעראָר־אַקטן פון די שוואַרצע און זייער ווידערשטאַנד. ס׳האָט זיך אָבער באַדייטנדיק געמילדערט די שטעלונג פון די ווייסע הער־שערס אין אָט די גליקלעכע און אומגליקלעכע (ס׳איז געווענדט פאַר וועמען) לענדער און טעריטאָריעס. די אַלץ מער און מער וואַקסנדיקע אינטערווענץ פון די גרויסמאַכטן, דאָס קריסטאַליזירן זיך פון אַ לאָקאַלער פירערשאַפט האָבן געטאָן דאָס זייעריקע. ס׳איז נישט מער די זעלבע אַפריקע.

זאָל מען מיך גוט פאַרשטיין. די הויפּט־יסודות פון דער דרום־אַפרי־קאַנער דילעמע (ס׳וואָלט נישט געווען קיין גוזמא ווען מען רופט עס אַן טראַגעדיע) זענען אין תוך געבליבן די זעלבע, נישט קוקנדיק אויף דעם אויבן־געזאָגטן.

דעמאָגראַפיש זענען אויף אַ באַפעלקערונג פון 25 מיליאָן פאַראַן בלויז 4 מיט אַ האַלבן מיליאָן ווייסע. מען שאַצט אָפּ, אַז ביים סוף פון יאָרהונדערט וועט דער אונטערשייד זיין צווישן 6 מיט אַ האַלבן מיליאָן ווייסע און 40 (!) מיליאָן שוואַרצע. אָט די מאַסיווע מערהייט איז באַרויבט פון יעדע רעכט, פון וועלכער עס איז רעפּרעזענטאַנץ און, אין קעגנזאַץ צו ראָדעזיע, האָט זיך דאָ גאָרנישט אין דער הינזיכט געריררט. דער אונטערשייד אין לעבנס־סטאַנדאַרד און אין לוינען פאַר דער זעלבער אַרבעט איז אומגעהויער גרויס און דאָס וואָרט תהום איז צו מילד כדי צו שילדערן אָט די דיסקרעפּאַנץ אין דער קוואַליטעט פון לעבן צווישן דער רייכער פּריצישער עליטע און די פּרימיטיווע און יסורים ליידנדיקע שוואַרצע. דאָס איז שייך, כאָטש אין אַ מילדערער פאָרם, אויך אויף די געלע און קאָלירטע, אַחוץ די יאַפּאַנער, וואָס האָבן דעם סטאַטוס פון ערן־ווייסע (געדענקט די ערן־אַריער!).

טראָץ די סאַנקציעס, איסורים און פאַרבאָטן פון דער אונ״אָ און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן איז דאָס לאַנד נאָך אַלץ מעכטיק און רייך שווין צוליב דער צביעות פון די מוסר־פּרעדיקערס, וואָס מאַכן גאַנץ גוטע געשעפטן מיט אָט דעם עקאָנאָמישן ריז. סוף כל סוף האָבן מיר דאָ צו טאָן

מיט אַ לעגענדאַרער און פֿאַנטאַסטישער זאַנע נאַטור־אוצרות. נישט בלויז גאָלד און דיאַמאַנטן־גרובן, קוילן, אוראַניום. אירע רעזערוון אין פֿאַרשי־דענע מינעראַלן זענען אומבאַגרענעצט. איר עלעקטריע־כּוח איז גרעסער פֿון גאַנץ אַפֿריקע צוזאַמענגענומען. באַנוצנדיק זיך מיט איר שפֿע פֿון קוילן, באַקומט זי שוין היינט 20 פּראָצענט פֿון אירע נאַפֿט־באַדערפֿענישן און וועט דאָס בקרוב פֿאַרגרעסערן ביז אַ דריטל. מיליטעריש איז זי אַ גרויסמאַכט.

דער גייסטיקער און קולטורעלער פּרצוף פֿון דער ווייסער באַפֿעלקע־רונג איז אויך געבליבן דער זעלבער. ס׳איז אַ מולטי־נאַציאָנאַלע געזעל־שאַפֿט; כאָטש אין אירע גרויסע ליניעס ווערט זי צעטיילט אויף אַפֿריקאַניש־און ענגליש־רעדנדיקע, שעפּט עס ווייט נישט אויס די פֿעלקער־קולטורן אויף אָט דעם ריזיקן שטח. די פּאָליטיק פֿון דער דרום־אַפֿריקאַנער רע־פּובליק, כּמעט פֿון איר אָנטשטיין אָן, איז נישט געווען אַ שמעלצטאָפּ און צוזאַמענגיסונג, נאָר פֿאַרקערט. מען האָט אונטערגעשטראָכן און דערמו־טיקט דאָס אייגנאַרטיקע און דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿון יעדער עטנישער גרופּע, די יידן אַריינגערעכנט.

אויך ביי דעם דאָזיקן פּערטן באַזוך בין איך געשטאַנען פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם קאָנטראַסט (פּונקט ווי אין ראָדעזיע) צווישן דער שיינקייט און דעם רייץ פֿון דער לאַנדשאַפֿט (קעיפּטאָן איז אפֿשר די שענסטע שטאָט אויף דער וועלט) וואָס ס׳איז נישטאָ צו איר קיין גלייכן מיט איר חיות־וועלט, לוקסוסדיקער פֿלאָרע, בערג און תּהומים, באַגעגענישן פֿון אָקעאַנען, אומ־פֿאַרגלייכלעכע זונען־אונטערגאַנגען פֿון איין זייט און פֿון דער צווייטער זייט פֿון די געראַנגלען, קאַמפֿן ממש לויט דעם טיטל פֿון דער באַרימטער טעאַטער־פּיעסע „וויין מיין באַליבט לאַנד״.

פֿון דעסטוועגן, כאָטש ווי שוין געזאָגט, די וואָרצלען פֿון אַלע פּראָ־בלעמען זענען געבליבן די זעלבע, האָט זיך פֿאַרט עפּעס אַ טרייסל געטאָן. כּדאַי צו ציטירן אין דעם שייכות די רייד פֿון ד. ק. מען, דעם פּרעזידענט פֿון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס״ אויף אַ באַנקעט לכּבֿוד מנחם בעגין אין דער אָנוועזנהייט פֿון פּרעמיער־מיניסטער פֿאָסטער אַליין:

„ס׳הערשט אַ ברייטער קאָנסענזוס אַז די שטעלונגען און האַנדלונגען, וואָס זענען אַ ירושה פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס שייך די באַציונגען

צווישן פאַרשידענע ראַסן־גרופּעס, זענען מער נישט אָנגעמבאַר". ער האָט דערקלערט, אַז ס'איז דאָ אַ דרינגענדיק געפיל אין לאַנד אַז מ'דאַרף זיך דערוווייטערן אַזוי שנעל ווי מעגלעך פון יעטוועדער פאָרם פון דיסקרימי־נאַציע באַזירט אויף ראַסע און קאָליר און מען מוז געבן יעדן מאַן און פרוי דעם רעספּעקט, די ווערדע און די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער פולן פּאָטענציאַל. מען דאַרף דאָס אַלץ איבערזעצן אין פּראַקטישן לעבן לויטן אַלטן פּרינציפּ „צדק, צדק תרדוף".

אָט די מוטיקע ווערטער אין דער אָנוועזנהייט פונעם פירער פון לאַנד, אַחוץ דעם וואָס זיי דריקן אויס אַ נייע שטעלונג אָדער לכל הפחות אַ נייעם טאָן פון דער יידישער קהילה (וועגן דעם אַ ביסל ווייטער) איז אין איינ־קלאַנג מיט אַן אַנדער שטימונג אינעם גאַנצן לאַנד.

ס'וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרויסער פאָרשריט וואָס עס האָבן געמאַכט די „נישט־ווייסע" אין דער לעצטער צייט. אין די געשעפטן, רעס־טאָראַנען און קאַפעען, אין מלוכישע, מוניציפּאַלע און פּריוואַטע ביוראָס זעט מען זיי אין די הונדערטער און אפשר אין די טויזנטער. עס איז אָן שום ספק פאַרקלענערט געוואָרן דער אונטערשייד צווישן די ווייסע און שוואַרצע שכירותן, כאָטש ער איז נאָך אַלץ סקאַנדאַליעז גרויס. ס'איז שוין דאָ אַ באַגרענעצטע צאָל „אינטערנאַציאָנאַלע" האָטעלן (ס'הייסט ראַסן־געמישטע), געמיינזאַמע שפּיטעלער (כאָטש אינעוויייניק סעגרעגירטע). מ'זעט שוין אַ מאָל אַפילו סאָלדאַטן, פּאָליציי פון די שוואַרצע געטאָס. די סעגרעגאַציע איז פּאַקטיש אָפּגעשאַפט געוואָרן. די וווּלגאַרע און ברוטאַלע פאָרמען פון אַפּאַרטהייד, ווי למשל באַזונדערע בענק אין פּאַרקן, וועלן שוין באַלד זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג ווו מען האָט געשאָלטן די שוויגער פון דיסקרימי־נאַציע אין מיסיסיפּי און געמיינט די דרום־אַפריקאַנער שנור. דאָס הייסט אַז אויך די געטאָ קען שוין נישט זיין אַזוי הערמעטיש געשלאָסן. לעצטנס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַנקעטע וועגן דער באַציונג צו די שוואַרצע מיט פאָלגנדיקע רעזולטאַטן: 60 פּראָצענט פון די ווייסע זענען פאַר דעם פּרינציפּ פון גלייכן לוין פאַר גלייכער אַרבעט. 44 פּראָצענט זענען קעגן אויסשליסן שוואַרצע פון באַשטימטע פאַכן און פּרנסות. עפּעס אַנדערש איז

וואָס שייך פּאָליטישע רעכט: 44 פּראָצענט האָבן זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט פֿאַר געבן די שוואַרצע געוויסע שטימרעכט, אָבער אונטער בילדונג־באַגרענעצונגען.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך באַדייטנד פֿאַרשטאַרקט דער געראַנגל אין דעם שוואַרצן קוואַרטאַל פֿון יאָהאַנעסבורג, וואָס איז מער באַפֿעלקערט ווי די שטאָט. ס׳הערשט אַ געשפּאַנטקייט און די רו ווערט אָנגעהאַלטן אַ דאַנק דער אומאויפֿהערלעכער וואַכזאַמקייט פֿון דער פּאָליציי. דער שוואַרצער מענטש איז אַלץ ווייניקער און ווייניקער פֿאַר קאָנצעסיעס. ער וויל אַלץ.

די נאַציאָנאַליסטישע רעגירונג וואָס האָט ערשט איצט געקראָגן אַ באַנייטן צוטרוי־מאַנדאַט פֿון דער ווייסער וויילערשאַפֿט, זוכט אַ לייזונג אין דער ריכטונג פֿון פֿאַרוואַנדלען די „האָם דער״ (די היים־טעריטאָריעס ווו ס׳זענען קאָנצענטרירט די דאָרפֿישע שוואַרצע) אין אומאָפּהענגיקע מדינות. מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט טראַנסקיי געקראָגן איר סווועד־רעניטעט און האָט שוין אַפֿילו באַוויזן איבערצורייסן די באַציונגען מיט דרום־אַפֿריקע, וואָס האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט. די צווייטע אין דער ריי איז באָטסוואַנאַ. די דרום־אַפֿריקאַנער באַרימען זיך, אַז זיי וואַרפֿן נישט אָן, ווי ס׳איז געווען דער פֿאַל מיט זיי אַליין, אויף אָט די שטחים אַ קאָנסטיטוציע. זיי פֿירן זיי נאָר צו צו אומאָפּהענגיקייט און לאָזן זיי באַשטימען זייערע אייגענע געזעצן.

די קעגנערס פֿון רעזשים טענהן אָבער אַז ערשטנס וועט דאָס נישט לייזן דעם פּראָבלעם פֿון די מיליאָנען שטאָטישע שוואַרצע, וואָס זענען נאָך אַלץ די מערהייט פֿון לאַנד און צווייטנס צווייפֿלען זיי אין דער אומאָפּהענגיקייט פֿון אַזעלכע ליאַלקעס־מדינות. ביי זיי און לא כל שכן ביי די שוואַרצע זעט עס אויס מער ווי אַ מיטל אָפּצווווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם עיקר, וואָס איז די דיסקרימינירטע מערהייט. אָבער אַפֿילו די פּראָגרעסיווע אָפּאָזיציע (צו וועלכער עס געהערן אַ סך יידן און אין פֿירנדיקע פּאָזיציעס) לייגט נישט פֿאָר קיין אויטאָמאַטישע און באַלדיקע שטימגלייכהייט. אין פּשוטע ווערטער וועט עס מיינען דער סוף פֿון אַפֿריקאַנער פֿאָלק, וואָס איז אויך באַרעכטיקט צו זיין פּלאַץ אונטער דער זון און קיין שום פֿאָלק איז

נישט גרייט צו קאַפּיטולירן אין אַ געראַנגל וואָס איז ווייניקער נאַציאָנאַל ווי דעמאָגראַפֿיש.

ווי אַזוי רופֿט זיך עס אָפּ אויפֿן יידישן ישוב? וואָס האָט מיט דעם ישוב פּאַסירט אין די לעצטע דריי יאָר? ווי רעאַגירט אָט די רייכע אָרגאַניזירטע, נאַציאָנאַל־געמישטע קהילה?

## אַפֿריקאַנער יידנטום אויפֿן שיידוועג

אין די לעצטע קריטישע יאָרן איז די צאָל יידן געבליבן די זעלבע. דער גאָר היפּשער אַרויספֿאָר פֿון לאַנד איז „קאָמפּענסירט געוואָרן" דורך דער גרויסער צאָל יורדים פֿון ישראל. מען שאַצט אָפּ אַז עס געפֿינען זיך אין דרום־אַפֿריקע גאַנצע 23,000 יורדים אויף די 120,000 יידן און דאָס הייסט קרוב 20 פּראָצענט, העכער ווי אין וועלכן עס איז יידישן ישוב אין דער וועלט. (זיי טיילן זיך אַבסאָלוט אָפּ פֿון דער קהילה און שאַפֿן אַ פֿיזישן און גייסטיקן געטאָ). ס'האָט זיך אויך נישט פֿאַרענדערט די געאָגראַפֿישע צעטיילונג און נישט דער עלטער־צוזאַמענשטעל. די קהילה האַלט אין אַלע אייגנשאַפֿטן וואָס האָבן איר געשאַפֿן די רעפּוטאַציע פֿון דער אָרגאַניזירטס־טער און קאָנסאָלידירטסטער יידישער קהילה אין דער וועלט. דער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" געניסט אויך היינט פֿון דעם פּרעסטיזש און דער אויטאָ־ריטעט פֿון דער צענטראַלער רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפֿט פֿון ישוב סיי אויסערלעך לגבי די אויטאָריטעטן, סיי אינערלעך לגבי אַלע יידישע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, אויסער דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע וואָס איז אַ „גרויסמאַכט" פֿאַר זיך אַליין. די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע (בריטישער נוסח) איז ווי שטענדיק דער דאָמינירנדיקער רעליגיעזער שטראָם אין חינוך, אין די שולן און אין גייסטיקן יידישן לעבן בכלל. דער ישוב באַרימט זיך, און מיט רעכט, מיטן גרויסן דערציִערישן אויפֿטו פֿון טאָגשולן, וואָס נעמען אַרום 45 פּראָצענט פֿון ישוב (אַחוץ מעקסיקע איז עס ווידער אַ מאָל דער העכסטער). די ציוניסטישע פֿעדעראַציע איז די שטאַרקסטע און די איינ־פֿלוסרייכסטע אין די תפֿוצות און שפּילט די ערשטע פֿידל אין דער אָרגאַ־ניזירטער יידישער געזעלשאַפֿט. עס ווערן דאָרט נאָך אַלץ געזאַמלט קאָלאָ־

סאָלן סומעס פאַרן ישראל־קאַמפּיין און אויך, כאָטש אין אַ קלענערער מאָס, פאַר דעם פאַראייניקטן פאָנד פאַר לאָקאַלע הצטרכותן, וואָס שליסט איין די לעצטע צייט אויך די חינוך־אַקציע. ס׳עקזיסטירן און ס׳אַנטוויקלען זיך גלענצנד יוגנט־באַוועגונגען, באַזונדערס די „הבונים״, וואָס זענען צאָל־רייכער ווי אין אַנדערע ישובים. דער עקאָנאָמישער סטאַנדאַרד — אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן — איז איינער, אויב נישט דער העכסטער אין דער וועלט און גרענעצט מיט שפע און אפילו ווילטאָג.

קען עס טאַקע באמת געמאָלט זיין אַז אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן און אַז די שטורמישע צייטן וואָס דאָס לאַנד לעבט איבער, אַז די גרויסע געוואַלט־און אויפשטאַנד־כוואַליע אין אַפריקע בכלל זאָל נישט האָבן באַ־ווירקט די יידישע מינדערהייט? און וואָס איז בנוגע עליה און עמיגראַציע־פּראָצעסן און שטימונגען אין דער יידישער באַפעלקערונג?

מען דאַרף נישט לאַנג פאַרבלייבן אין לאַנד כדי זיך צו איבערצייגן, אַז די „סאָלידקייט״ איז נישט אַזוי פעסט און אומדערשיטערט און אַז עס איז פאַראַן אַ יוירונג, אַן אומרו, אַ פרשת דרכים־שטימונג, וואָס די קלוגע און ניכטערע ליטוואַקעס פאַרוואַנדלען עס נישט אין אַ בהלה.

קודם כל האָט אַן אַנגעזעענע צאָל יידן שוין פאַרלאָזט דאָס לאַנד (נישט אָן צער און נישט אָן אַ געוויסן שולדגעפיל לגבי דער מדינה וואָס איז געווען אַזוי גוט צו זיי). לגבי אָט דעם קליינעם עקסאָדוס ווילן מיר מאַכן איניקע באַמערקונגען. ערשטנס האָט ער נישט אָנגענומען, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ ציוניסטישן ישוב, די פאָרם פון בלויז עליה קיין ישראל. אַרום און אַרום זענען פון דאָרט עולה געווען אין לעצטן יאָר 1,200 יידן. די איבעריקע (און זייער צאָל ווערט נישט פאַרעפנטלעכט), באַזונדערס יונגע דאָקטוירים, קוואַליפיצירטע פאַכלייט, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע. ס׳ווערט דאָ איבערגעחזרט די טראַגעדיע, אַז פּראָדוקטיווע, געבילדעטע און פעיקע עלעמענטן ווערן אָוועקגערויבט פון דער מדינה, כאָטש מיר ווילן מיט דעם נישט זאָגן חלילה, אַז די וואָס זענען געקומען אַהים שטייען חלילה אָפּ פון די סתם־עמיגראַנטן.

צווייטנס — און דאָס וועלן מיר נישט מיד ווערן אונטערצושטרייכן כדי אָפּצושאָפן אַ פאַלשע מיינונג — אַז דער פּראָצענט פון עמיגראַציע

ביי די יידן פון דרום־אַפריקע איז נישט מיט אַ האָר גרעסער ווי פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (אגב, די העכסטע צאָל דרום־אַפריקאַנער קריסטן וואַנדערט אַרויס, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, קיין ענגלאַנד).

עס ווערן מער איינגעשרומפּט די געלט־הכנסות. אַ סך גרויסע ביי־שטייערס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד און מען דאַרף מיט וויניקער נדבנים אויסהאַלטן די גרויסע נעץ אינסטיטוציעס (באַזונדערס שולעס). יידן גיבן אָבער מיט אַ ברייטער האַנט און אַן ווען לכער עס איז אַראָפּרעכנונג פון הכנסה־שטייער.

די וויכטיקסטע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער שטעלונג פון די אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן פון ישוב לגבי דעם ענין פון אַפּאַרטהייד, ראַסן־דיסקרימינאַציע, לגבי דעם שוואַרץ־ווייסן געראַנגל.

ווער עס לייענט אויפמערקזאַם די פּובליקאַציעס פון „באָארד" אין ענגליש און אין אַפריקאַניש און לא כל שכן ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן, אַזוי ווי דער שרייבער פון די שורות, אויפן פּלאַץ, קען זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן די גרויסע שינויים אין דער הינזיכט, וועגן די נייע שטימונגען, אָריענטאַציעס און שטעלונגען אין דער הינזיכט. ס'איז אַ סך מערער ווי אַן ענדערונג אין נוסח און אין פראַזע־אָלאָגיע. ס'איז אַן איבערקערעניש פון ווערטן. מ'איז אַוועק פון דער שטרענ־גער, כמעט אויטאָמאַטישער, נייטראַליטעט לגבי אָט דעם קריטישן און אַנטשיידענעם ענין. אין אַלע לעצטע דעקלערונגען פון די פירערס פון ישוב און אָפיציעלע, אָנגענומענע באַשלוסן, זאָגט מען זיך קלאָר אַרויס קעגן דיסקרימינאציע פון אַלע גרופּן און אין אַלע פאָרמען. אַוודאי האַלט עס דערווייל נאָר ביי אַ מאָראַלישער פּאָזיציע וואָס פליסט אַרויס פון אַלטע יידישע טראַדיציעס און מקורות. פּאָליטיש בלייבט דער „באָארד" נייטראַל און לאָזט איבער פאַר יעדן יחיד און גרופּע די פּאַרטיי־אָריענטאַציע אין דעם גורלדיקן ראַסן־געביט.

רעדנדיק אין אַלגעמיינע טערמינען איז די צוקונפט פון ישוב אַ פאַר־נעפּלטע און אַן אומזיכערע. ווי שוין געזאָגט, איז אונטער דער פּאַסאַדע פון נאָרמאַלקייט און רויִקייט דאָ אַ טיפער אומרו, אַ צערודערונג און שווערע דאגות.

דערווייל געניסן יידן פון פולשטענדיקער פרייהייט און גלייכהייט, פון אַ פריינדלעכער באַציונג פון די מאַכט־אָרגאַנען אין גייסטיק־רעליגיעזע ענינים טראָץ דעם שטאַרקן פּרום־קריסטלעכן כאַראַקטער פון דער באַפעל־קערונג און רעגירונג. די טראַדיציאָנעלע פריינדשאַפט צום ציוניזם איז נאָך פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט געוואָרן דורך די אויסערגעווײנלעך פריינדלעכע באַציונגען און פאַרבינדונגען מיט ישראל. דאָס איז אפשר איינע פון די סיבות פאַר וואָס מען רעאַגירט נישט צו שטאַרק קעגן דער אויסוואַנדערונג און מען דערלויבט די קאָלאָסאַלע געלט־קאַמפּיינען. ס׳קען אָבער זיין (און זייער פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן זעען פאָרויס די מעגלעכקייט) אַז אין פאַל פון אַ טיפערן עקאָנאָמישן קריזיס פון אַ נאָך מער פאַרשטאַרקטן אינטער־נאַציאָנאַלן דרוק אויפן לאַנד, באַזונדערס מצד אַמעריקע, ווען עס זאָל זיך פאַרגרעסערן די אַרבעטלאָזיקייט און דער מאַסן־אַרויספאָר פון לאַנד, זאָל זיך די באַציונג פון דער רעגירונג בייטן. יידן האָבן שטענדיק געליטן אין אַן אַטמאָספערע פון גרויסע דעפּרעסיעס.

יידן געפינען זיך אין אַ קלעם: פון איין זייט האָבן זיי ליב דאָס לאַנד וווּ זיי זענען דערגאַנגען צו גרויסע עקאָנאָמישע און פאָליטישע פּאָזיציעס. זיי האָבן אויך אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און דערגרייכונגען פון אַט דעם פלייסיקן פאָלק פון בויערס און קאָלאָני־זאַטאָרן. זיי ווייסן אויך (כאָטש ס׳איז פאַר דעם נישטאָ קיין פּרעצעדענט אַחוץ דעם גאַנץ ווייניק זאָגנדיקן ביישפּיל פון עטלעכע צענדליק יידן פון קעניאַ) אַז אַ יידישער ישוב אונטער אַ שוואַרצער מערהייט איז אַן אוממעג־לעכקייט. די רעגירונג קען דעריבער ריין אָביעקטיוו נישט צווייפלען אין דער יידישער לאָיאַליטעט. אָבער די רעגירונג און די מאַסגעבנדיקע קרייזן פון די ווייסע אַפריקאַנער ווייסן אַז די יידן באַגרייפן זייערע פּראָבלעמען, אָבער קענען נישט צושטימען צו די לייזונגען.

אין אַלגעמיין ווייסט דער ישוב ווו ער האַלט, אָבער ער מאַכט דעם איינדרוק פון „זיך נישט מאַכן וויסן״. איך האָב ליידער צוליב דער קורצ־קייט פון מיין באַזוך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען בלויז מיט באַשטימטע קרייזן. כ׳האָב זיך געמוזט קאָנצענטרירן אויף מיין דירעקטער שליחות צו דער יידישער קולטור־פעדעראַציע (וואָס אַנטוויקלט אגב מיט

רעלאַטיוו קליינע כוחות אַן אינטענסיווע טעטיקייט אין יידיש), מיט דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג און אויך גערעדט צו קרוב דריי טויזנט יידן אין אַ שואה־אַקאַדעמיע. דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אומצייליקע געשפּרעכן מיט די פּירערס פון „באָארד אָף דעפּיוטיס", מיט דערציִערס, מיט כלל־טוערס אין יאָהאַנעסבורג און קעיפּטאָן און כ'האָב געקענט מאַכן פּאָלגנדיקע אויספירן: 1) דער ישוב האַלט חלילה נישט פאַר באַלדיקער ליקווידאַציע. ער איז נאָך אין פולן כוח, צו פיל אַלאַרמיזם איז נישט וויניקער שעדלעך ווי די חיי־שעה־פּסיכאָלאָגיע. 2) עס האָט זיך אָבער שוין אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אויסליידיקן זיך פון דער קהילה פון אינטעליגענץ און פון יוגנט. 3) פאַר די גרויסע אַנטשיידונגען פאַר וועלכע מען קען שטיין אין דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט איז דאָ אַן אָרגאַניזירטע פירערשאַפט, אָבער מיינע דרום־אַפריקאַנער פריינד וועלן זיין די ערשטע זיך מודה צו זיין, אַז ס'פעלן אויס פירערס פון הויכן קאַליבער, וואָס זאָלן האָבן דעם מוט און די וויזיע אַנצונעמען דראַמאַטישע באַשלוסן און די געהעריקע השפּעה זיי דורכצופירן אין לעבן. 4) אַז אויב זאַכן וועלן זיך אַנטוויקלען ווי ביז איצט און די געגאַרטע עמיגראַציע־לענדער וועלן נישט צושליסן זייערע טויערן, וועט ישראל פאַרשטענדלעך געניסן פון אַרויספאַר־שטראָם אָבער נישט אין דער מאָס און אין דעם פאַרנעם וואָס מיר וואָלטן זיך געוווּנטשן און דערוואַרט. אין תוך איז עס אַ מערב־ווערסיע פון דער נושרים־דערשיינונג.

דו פאַרלאָזסט דאָס ממש באַצויבערנדיקע לאַנד מיט גרויס אומעט. ס'פאַרבלייבט נאָר צו האָפן, אַז אַזוי צי אַזוי וועלן יידן איבערקומען דעם שטורעם און די געוויטערס. ערשט דאָ זעט מען ווי וויניק סע מיינט אַ מאָל גאָלד און דיאַמאַנטן. דער עיקר וואָס יידן דאַרפן האָבן איז יידישע אייגעוואָרצלטקייט, פיזישן און מאָראַלישן כוח, כדי פּנים אל פּנים צו באַגעגענען זייער גורל.

# די שיף פון געשפענסטער

מיט אַ מאָל איז עס אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. אַ לאַנגע צייט האָט מען וועגן דעם דיסקרעט געשוויגן: צוליב פּאָליטישע מאָטיוון (כ׳ווייס נישט וועלכע), בושה (כ׳ווייס נישט ווער און צוליב וואָס), אָבער דער עיקר צוליב צער און פאַרדרוס. פּלוצלינג האָט מען זיך דערוווּסט אַז פון די באַליידיקטע און אַרויסגעוואָרפענע רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום זענען עולה נאָר קנאַפּע הונדערט. עטלעכע טויזנטער געפינען זיך אין דענעמאַרק און אין די דרום־פּאַרטן פון שוועדן און גרויסע צאָלן וואַנדערן אין דעם נייעם „איילים איילאַנד״ פון אייראָפּע, וואָס איז איצט ווין. איצט ווייסן מיר, אַז שליחים פון דער אַגענץ זענען ספּעציעל געפאָרן קיין סקאַנדינאַוויע זיך בעטן און „איינבעטן״ ביי די וואָס האָבן ישראלדיקע אויסוויז־קאַרטן און כּראַנישע ליבע צום גלות אין זייער האַרצן, אָבער אָן דערפאָלג. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן מיט אַ „פּרינציפּיעלער״ קעגנערשאַפט — אַ טייל קרבנות זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער ווילדער פּראָפּאַגאַנדע לכל הפּחות וואָס איז נוגע ישראל.

אין סקאַנדינאַוויע האָט מען זיי לויט דער טראַדיציע פון וואַרעמע הערצער און קאַלטן קלימאַט — אויפגענומען מיט ספּעציעלער אויפמערק־זאַמקייט. מען זאָרגט פאַר זייער „שיכון״ און אַרבעט, ממש „קליטת־עליה״...

פאַרשטייען מיר זייער גוט די געפילן פון אַנטוישונג, פאַרדרוס און צער וואָס אַט די פּאַסירונגען האָבן אַרויסגערופן אין ישראל און איך גלויב אין דער גאַנצער יידישער וועלט. די אַנטוישונג נעמט אָן כּמעט די פאָרם פון באַליידיקונג. ס׳איז דאָך ערשט אַ קורצע צייט נאָך דער גרויסער דער־שיטערונג און פּראָטעסט־אויפברויז קעגן דעם אַגרעסיווסטן און ברוטאַלסטן אַנטיסעמיטיזם אין וועלכער עס איז קאָמוניסטישער מדינה. אין דער „אי־דעאָלאָגישער און פּאָליטישער אויסריינונגס־אַקציע״ איז אַלץ געווען גע־קניפּט און געבונדן: ישראל, יידנטום און יידישקייט, יידן אין פּוילן און איצט פרעגן זיך פיל: צוליב דעם (און אַ סך אַפילו שאַרפער: צוליב זיי?) האָט מען דאָס געקעמפט? אמת, זיי „לייקענען״ אָפּ אַזוי צו זאָגן דעם

„בלבול" פון גאָמולקאַ, אַז יידן „פאַרראַטן" דאָס פאָטערלאַנד מיט ישראל — אָבער צי באַשטעטיקן זיי נישט אַ צווייטע לאָזונג פון צוררי־ישראל, אַז זיי זענען אויסגעוואָרצלטע קאָסמאָפּאָליטן, אַז זיי האָבן נישט קיין געפיל פאַר אַ היים „אַז דאָרט ווו ס'איז מיר גוט איז מיין פאָטערלאַנד"?

ס'איז אויך אַ ביטערער פּאַרדרוס, אַז אַזוי און נישט אַנדערש ענדיקט זיך דאָס טויזנט־יעריקע קאַפּיטל פון דעם גרויסן, שעפערישן, נאַציאָנאַלן, אַממערסטן ייִדישן ישוב אין אונדזער צעשפּרייטקייט. אַ דראַמע מיט דריי אַקטן: א) די אומאויפהערלעכע יצירה פון רעליגע, תורה, ליטעראַטור און קונסט, אַרבעטער־באַוועגונג, ציוניזם, חלוציזם און ישראל־אויפבוי; ב) די בלוט־ און חורבן־קאַטאַסטראָפע; ג) די קליינע, געקינסטלטע, אילוזאָרישע אָבער שאַפנדיקע תקופה ווען יידן אין נאָך־מלחמהדיקן פּוילן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין בויען דאָס „נייע" קאָמוניסטישע פּוילן און געוואָרן זיינע אַרכיטעקטן, זיין אַוואַנגאַרד און פירערשאַפט. און דער לעצטער אַקט פון דעם באַליידיקטן, קבצנותדיקן מלך ליר, ווען די קינדער פון דער רעוואָלוציע וואַרפן אַרויס.

און צום סוף אַזאַ עפּילאָג! דאָס זענען נישט די לעצטע מאָהיקאַנער (דאָס איז צו העראָאיש), אַפילו נישט עפּיגאָנען (דאָס איז צו נאַטירלעך), נאָר צעשאָטענע דאָרע צווייגלעך פון אַן אַלטן בוים אויף די באָרדישע מרחקים. מען רופט עס טראַגעדיע; גיכער איז עס אַ גראָטעסק.

אַוודאי איז דאָס נישט מיין פּויליש יידנטום, וואָס האָט געבויט און געשטאַלטיקט ישראל און געלייגט דעם יסוד פאַר די גרויסע ישובים אין דער וועלט. אָבער אין דער איצטיקער היסטאָרישער קאָניונקטור, אין ליכט פון דעם וואָס קומט פאַר אַרום און קעגן דער מדינה, זענען זיי דער פּויליש־יידישער אַדרעס. דער ישוב שווימט איצט אויף דער שיף פון געשפּענסטער אין אומעטיקן נעפּל פון דענעמאַרק.

ס'איז אויך דאָ צער און מיטלייד. מער ווי כעס דערוועקן זיי, לכל הפחות ביים שרייבער פון די שורות, אַ סך מיטגעפיל. ס'איז אפשר אַ טעמע פאַר פּסיכאָלאָגישער אויב נישט פּסיכיאַטרישער פאָרשונג, דאָס וואָס זיי קענען זיך נישט באַפרייען און באַנייען. עס איז שווער צו פאַר־שטיין אַ יוגנט וואָס רופט זיך נישט אָפּ אויפן אַרויסרוף, וואָס בלייבט

טעמפּ און גלייכגילטיק צו אַ היימלאַנד וואָס גייט אָפּ מיט בלוט פאַר אונדזער אַלעמענס לעבן. און — צי זייווילן עס אָדער נישט — פאַר זייערע לעבנס...

יאָ, אַט די אַלע געפילן זענען פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט.

און פון דעסטוועגן קענען מיר נישט מסכים זיין מיט די עקסטרעמע מסקנות פון געוויסע זשורנאַליסטן (יוסטוס אין „מעריב", לביא אין „הארץ"), וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף אַט די יידן לאָזן צורו, אַז עס איז „אונטער דער וווּרדע" פון דער מדינה ביי זיי זיך צו בעטן רחמים, אַז זיי זענען אַ פאַר־פאַלענער פאַל און אַז מען דאַרף זיי איבערלאָזן צו זייער אייגענעם גורל.

מען טאָר זיך נישט לאָזן באַהערשן דורך עמאָציעס, אָן אַ טיפערן היסטאָרישן אַריינבליק און לויטערער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג און אָן מידת הרחמים. כעס, באַזונדער בנוגע יידן און אין אַזעלכע פאַלן, איז אַ שלעכ־טער בעל־יועץ.

דער ריינער אמת איז אַז, אין פאַרשיידענע מדרגות, איז אונדזער גאַנצער היסטאָרישער גאַנג פון מתן־תורה ביז די איצטיקע טעג, אַ גע־האַנגל און אַ קאַמף מיט זיך אַליין, מיט יידן און מיט זייער שוואַכקייט. עס איז אַ פאָלק מיט אַ לאַנגן געשיכטלעכן נסיון און מיט אַ קורצן זכרון פון זייער נאָענטע, כמעט אַקטועלע פּאַסירונגען, פון אויבערפלעכלעכן אָפּטימיזם און נייגונג צו אַ „חיי־שעה"דיקן קיום. איין ישוב האָט נישט געלערנט פון צווייטן; איין דור פונעם אַנדערן.

עס איז אַ געשיכטע פון ווייניק אויפבליק־מאָמענטן, פון דעציזיע און באַפרייונג (אין זייער זכות זענען מיר אומשטערבלעך) און פון אַ סך מאָ־מענטן פון דורכגעלאָזטע געלעגנהייטן און פון באַצאָלן רבי־געלט פאַר קורצזיכטיקייט און נאַיוויטעט. אמתע אהבת־ישראל הייסט ליב האָבן יידן אפילו ווען זיי זענען פאַרווירט און צעטומלט (אפשר דעמאָלט נאָך מער) און קיין מאָל, קיין מאָל זיך אין זיי נישט מייאש צו זיין.

ווען האָבן יידן אייגנטלעך זיך נישט „אַנטוישט?" ווען האָט מען זיי נישט געדאַרפט שלעפּן ביי דער טשופּרינע צו זייער גאולה? פון משה־רבנו ביזן וויצמאַנס פאַרצווייפלטן רוף: „יידיש פאָלק, ווו ביסטו?" אַזוי איז דאָס פאָלק, „וואָס דערגרייכט צו שטערן און פויזעט צום זאַמד".

אַט האָבן מיר געזען דאָס בילד פון קאַרג 250 טויזנט צפון־אַפריקאַנער, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט קיין פראַנקרייך און איצט איז זי די גרויסע האָפענונג פאַר עליה. וועלן מיר מיט זיי פראַווען ברוגז? יידישע קאָמוני־קאַציע האָט זיך אירע אייגענע וועגן. ווער קען און ווער דאַרף פונאַנדער־טיילן ביי אונדז צווישן די, וואָס זענען געקומען פריִער, אָדער שפעטער אַלס חלוצים און וויזיאָנערן, אָדער אין דער סאַמע לעצטער מינוט, מיט אַ נאַציאָנאַלן רעקאָרד אָדער מיט אַן אַנטי־נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט. ספּאָנטאַן און קאַמפּסגיריק, אָדער נאָך לאַנגע מאַטערנישן און ראַנגלענישן. אַלעמען האָט ישראל אויפגענומען און איינגעזאַפּט מיט באַרמהאַרציקייט און מאַמעשער ליבע.

דער רוף דאַרף זיין צו אַלעמען: צו זאַטע און רויִקע און צו הונגעריקע און דערדריקטע; צו אידעאַליסטישער יוגנט און צו פאַרעקשנטע און פרוסט־רירטע; צו העלדן און צו קרבנות; צו די גרוזינישע יידן און צו האַמלעטישע פּליטים פון דענעמאַרק. מען דאַרף האָבן אומענדלעכן געדולד. עס מאַכט נישט אויס, אויך די געשפענסטער־שיף וועט אַ מאָל קומען צום ברעג.

1969

# אַן אויסטערלישער פאַרשלאַג

דער אויסטערלישער און ממש אומגלויבלעכער פאַרשלאַג פון ראש הממשלה, מנחם בעגין, אַריבערצופירן די דאַטע פון שואה און גבורה אויף תשעה־באב און צוזאַמענגיסן די צוויי טרויערטעג וועט מסתמא נישט אָנגענומען ווערן. ער וועט האָפנטלעך נישט קריגן די געהעריקע אונטער־שטיצונג. אויב ער וועט פאַרגעלייגט ווערן פאַר דער כנסת וועט ער זיך אָנטרעפן, ווי ער פאַרדינט עס, אויף אַ ביטערער קעגנערשאַפט פון די הונדערטער טויזנטער לעבן־געבליבענע פון דער שואה, פון די קאַצעט־ניקעס, פאַרטיזאַנער, קהילות אין די תפוצות און דורך דער איבערוועגנ־

דיקער מערהייט פון כּלל ישׂראל. מען וועט, אַזוי צו זאָגן, „אָפּשרייען" די גזירה. דער עצם פאַקט אָבער אַז אַזאַ געדאַנק האָט געקענט אַרויס־געבראַכט ווערן פון אַזאַ הויכער פּאָליטישער אויטאָריטעט און מיט דער צושטימונג פון איינעם פון די גרעסטע מורי־הלכה, הרב סאָלאָווייטשיק, אין ווענעמס שואה־באַוווּסטזיין און אויך אין בעגיגנס מ׳קען און מ׳טאָר נישט וואָגן צו צווייפלען, איז פאַר זיך אַ טראַגעדיע, ממש אַ שטיק שואה.

איך טראַכט און טראַכט זיך אַריין וואָס האָבן געקענט זיין די מאָטיוון פון אַזאַ היסטאָריש געוואָגטן פאָרשלאָג און פאַר וואָס ער איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַזאַ פּלוצעמדיקייט און מיט אַלע קלאָפּערגעצייגן פון „פּובליסיטי" און אָן הכנות, אָן מיישב זיין זיך מיט קערפּערשאַפטן און פּערזענלעכקייטן — און איך געפין נישט קיין ענטפער. איך ווייס נאָר, אַז עס איז באַשטעטיקט שעקספּירס באַרימטער זאָג, אַז ס׳געשעען זאַכן וואָס האָבן זיך אַפילו פילאָזאָפן נישט געחלומט און אַז אין די ווילדסטע און פינצטערסטע חלומות האָבן מיר זיך אַזאַ זאַך נישט געקענט פאָרשטעלן.

און אפשר איז גאָר נישט כּדאַי אַריינצוגיין אין די כּוונות און מאָטיוון, נאָר פּשוט אָפּצוּוואַרפן דעם פּלאַן, ווי מ׳זאָגט עס ביי אונדז „על הסף" מיט פאַרדרוס און ווייטאָג.

פון דעסטוועגן פאָדערט זיך מצד די ניין־זאָגערס אייניקע אויפקלערונגען כּדי אין פאָרויס אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן און פאַלשע אויסטייט־שונגען.

א. ס׳גייט נישט דאָ גראָד אין תשעה־באב און אַז די „כּלה" געפעלט אונדז נישט אין דעם פאָרגעלייגטן מאַקאַברישן „שידוך". מיר וואָלטן געווען קעגן צונויפפאָרן דעם שואה־ און גבורה־טאָג... אַפילו מיט דעם הייליקסטן טאָג אין יידישן לוח, מיט יום־כּיפּור. מיר זענען כּלל און כּלל נישט אויסן די פראַגע צי תשעה־באב איז נאָך „רעלעוואַנט" נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און דעם ווידער־אויפבוי פון ירושלים אָדער נישט, און צי מען דאַרף אין אים אַריינטראָגן „אויסבעסערונגען" און צופּאַסן צו דער צייט. פאַר דעם פרומען און אמת גלויביקן איז דער עצם וויכּוח פּסול און פאַר דעם סעקולערן איז עס במילא אַ ריין טעאָרעטישע און סכאָלאַס־טישע פראַגע. אַלנפאַלס דאָס וואָס ס׳שטייט איצט אויף דער טאָג־אָרדע־

נונג און רופט אַרויס די ליידנשאַפטלעכע רעאַקציע איז נישט תשעה־באב, נאָר דער כאַראַקטער, צוקונפט און גורל פון דעם טאָג פון שואה און גבורה.

מיט אַלע פיבערן פון אונדזער נשמה פילן מיר אַז די שואה קען נישט פאַרגליכן ווערן און במילא נישט צונויפגעפּאָרט ווערן מיט וועלכער עס איז פּאַסירונג און אָנדענק אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. ס׳איז דער גרעסטער אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן אין אַלע דורות. ס׳איז נישט קיין פּאָגראָם און נישט קיין גירוש, ס׳איז אַפילו נישט דאָס פאַרלירן פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט. שוין לויט איר פאַרנעם און בלוטיקן שניט אַליין, איז זי איין און איינציק, אָן פּאַראַלעל און אָן פאַרגלייך. דוכט זיך מיר אַז זי טיילט זיך אויס אין איר גרויל און אומבאַשרייבלעכקייט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט. מ׳קען וועגן איר נאָר רעדן אין מיטאָלאָגישע טערמינען פון אַ פאַרפלייצונג, פון אַ גרענעצלאָזן בראַנד, אַ קאַטאַקליזם. יעדער פּרווו צו פּרובירן איינגלידערן אין טראַדיציאָנעלע ראַמען און קאָנווענציאָנעלע פאָרמען איז אַ פאַרשוועכונג און אַ זינד.

ב. דער וויכוח האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דעם וועלטלעכן אָדער רעליגיעזן אופן פון אָפּהיטן דעם זכרון־טאָג. דאַרף ער זיין נאַציאָנאַל, אָדער רעליגיעז? וועלטלעך אָדער טראַדיציאָנעל? אונדזער קעגנערשאַפט וואָלט נישט געווען ווייניקער שאַרף און קאַטעגאָריש און די סיבות די זעלבע, ווען מען וואָלט באַשימט דעם שואה־טאָג אין, אָדער זייער נאָענט, צום חג־העצמאות בכבודו ועצמו. פאַרקערט. אונדז דוכט זיך אַז אין אַלע אונדזערע ביזאיצטיקע שטרויכלונגען און דורכפאַלן אין געפינען דעם געהעריקן אויסדרוק, פאָרמען און געשטאַלט (אויב אַזאַ זאַך איז בכלל מעגלעך) פאַר דעם יום־השואה, זענען נישט ווייניק שולדיק די רעליגיעזע אויטאָריטעטן וואָס האָבן צוליב די אָדער אַנדערע טעמים נישט געגעבן דעם געהעריקן רעליגיעזן פּרצוף אָט דעם גרויסן און הייליקן טאָג.

מיר זענען ז׳יכער נישט מזלזל אין די פּראַקטישע מאָטיוון וואָס מען ברענגט אַרויס קעגן פאַרשלאָג, ווי למשל דער פאַקט אַז תשעה־באב פאַלט אויס אין די וואַקאַציע־חדשים און הונדערטער־טויזנטער קינדער און יוגנט וועלן זיין אָפּוועזנד פון די שואה־פּראָגראַמען און לעקציעס אין די שולן. וואָס קען נאָך זיין וויכטיקער ווי דאָס איינפלאַנצן דעם שואה־באַוווסטזיין

(אַז וועלכן ס׳איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן דעם יידישן און ישראל־באַוווסטזיין) אין די אונטערוואַקסנדיקע דורות? ס׳איז ליידער אַן ענין וואָס צוליב מענטשלעכע, עגאָיסטישע טעמים „לאָזט זיך פאַרגעסן״ לייכט און שנעל אַפילו ביים צווייטן דור פון די גרעסטעוועטע.

מיט דעם אַלעמען, זענען נישט די דאָזיקע אַרגומענטן דאָס וויכטיקסטע און אַנטשיידנדיקע. דער פאָרשלאָג איז פסול מעיקר הדינא. ער נעמט צו דעם קאָלעקטיוון קדיש און די יאָרצייטליכט פון די מיליאָנען וואָס האָבן דאָס „פאַרדינט״ צוליב דעם אויסשליסלעכן „יחוס״ פון זיין די קדושים פון חורבן, באַרויבט אונדז פון די עטלעכע שעה, אין וועלכע מיר, די איבער־געבליבענע אבלים, קענען זיך אין זיי דערמאָנען אַן „צוגאָבן״ און אַן פאַר־בינדונגען מכל המינים, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין. ס׳איז אַ הייליקער עגאָיִזם.

ג. מ׳דאַרף אָפּוואַרפן מיט דער גרעסטער אַנטשיידנקייט דעם פּרווו, וואָס קען חלילה געמאַכט ווערן, צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון דעם ענין. ביי אונדז זענען נישטאָ מער און ווייניקער שואה־באַוווסטזיניקע און מיר האַלטן אַפילו אַז „די וואָס זענען אין טרעבלינקע נישט געווען״ זענען נישט ווייניקער אבלים ווי די שארית־הפליטה אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. מ׳טאָר נישט קאַטאַלאָגירן לויט דער באַציִונג צום פאָרשלאָג. דאָס איז אַ זאַך וואָס איז מחוץ פון באַוועגונגען און פּאַרטייען. רעליגיעזע שטראָמען א. א. וו. מ׳דאַרף זי באַטראַכטן לגופה. עס איז אַ פראַגע פון געוויסן אין העכסטן זין פון וואָרט.

וואָס זענען די סכנות פון פאָרשלאָג:

1. דער שנעלער און לייכטזיניקער פּראָצענט פון שכחה וועט צוגע־איילט ווערן. און דער שואה־אָנדענקטאָג וועט נאָך מער איינגעשרומפּן ווערן.

צו אונדזער צער און חרפה, זינדיקן מיר אַלע מיט אַ „באַקוועמען זכרון״. די צאָל אַנטיילנעמערס אויף די שואה־ און גבורה־פאַרזאַמלונגען ווערט אַלץ שיטערער און די מאַסן פון טוריסטן וואָס לאָזן זיך ווילגיין אין דייטשלאַנד אַלץ גרעסער און גרעסער. מ׳מיידט אויס צו רעדן וועגן דעם ענין, ווייל מ׳וויל איבעררייסן מיט דער שוידערלעכער פאַרגאַנגענהייט און „פאַרגעסן״ די צרות. עס וואַקסט די צאָל אינטעלעקטועלע סנאָבן און

זעלבסטהאַסנדיקע פּראָפעסאָרן וואָס „רעווידירן" די געשיכטע און פאַר־קלענערן די צאָל און דימענסיע פון אומגליק און האָבן אַפילו די חוצפה צו קריטיקירן די קדושים און זייער אנוסים־פירערשאַפט.

פון דעסטוועגן, איז לכל הפחות געוועזן איין טאָג אין יאָר, אין וועלכן מיר זענען מאָראַליש געווען געצוווּנגען אַריבערטראָגן זיך אין יענעם בלוטיקן און טראַגישן פּעריאָד, זיך מתיחד זיין מיט די קרבנות, אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ אויף די רוצחים און זייערע יורשים אין אונדזער צייט. אין די פרייע תפוצות זענען די שואה־ און גבורה־אַקאַדעמיעס געוואָרן קהילה־פונקציעס, וואָס ציִען צו טויזנטער יידן, די גרעסטע מאַסן־קאָנ־צענטראַציעס נאָך דעם חג־העצמאות.

איצט קען אָט די עקסקלוזיווע דאַטע אויסגעמעקט ווערן אין אונדזער לוח און צונויפגעגאָסן ווערן מיט אַלע „אבלי ציון וירושלים". אַ רעליגיעז־מיסטישער באַגריף און נישט די טויזנטער אָפענע און שרייענדיקע ווונדן פון נאָך פרישע איבערלעבונגען. גלויבט עמעצער אַז אָט די טויזנטער יידן וועלן גיין זאָגן איכה אין די שולן? איינס איז אָבער זיכער. די צאָל יידן וואָס אידענטיפיצירן זיך געוויינלעך מיט דער שואה וועט שאַרף רעדוצירט ווערן.

פאַר דער גלייכגילטיקער וועלט וועט עס זיין אַ מין הכשר פון נאָך מער זיך באַפרייען פון ספּעציעלן שולדגעפיל און התחייבות לגבי דעם יידישן פאָלק. זיי וועלן זען אַז יידן אַליין מאַכן נידעריקער דעם „פּראָפיל" פון טרויער־ און גבורה־טאָג און נעמען אים אַריין אין דער „טראַדיציאָנעלער" שורה פון „ריטועלע" טעג. אַוודאי וועט עס זיין אַ פאַלשער איינדרוק און פוילער תירוץ, אָבער זאַכן זענען וויכטיק נישט נאָר לויט דעם וואָס זיי זענען, נאָר אויך לויט דעם ווי זיי זעען אויס.

2. און נאָך עפּעס און נישט ווייניקער מהותדיק. כאָטש דער טרויער און דער הספד, דאָס באַוויינען די קרבנות איז דאָמינירנדיק אין די טרויער־אַקאַדעמיעס, איז דאָס נישט דער איינציקער עלעמענט.

נישט ווייניקער וויכטיק איז דער יסוד פון גבורה, פון אַקטיוון קידוש־השם, פון אויפשטאַנד, פון העראָאיש־טראַגישן קאַמף, פון קינדער, פרויען און מענער.

ס׳איז דאָ די „גבורה של מטה״, פון מורדי געטאָ וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע, די אונטערגרונט־העלדן און פּאַרטיזאַנער און עס איז דאָ די „גבורה של מעלה״, וואָס איז די אומגלויבלעכסטע און וווּנדער־לעכסטע. דאָס וואָס אונדזער פאָלק אין די געטאָס און לאַגערן האָט נישט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים און אַפילו פאַרגעזעצט זיין גייסטיקע שעפע־רישקייט און אוממענטשלעכע באַדינגונגען — דאָס וואָס ער איז קאָלעקטיוו נישט משוגע געוואָרן און געטראָגן איידל און ווירדיק די קרוין פון יסורים — דאָס איז אַ העלדישקייט וואָס קיין שום זאָגע און עפּאָפּייע קען נישט און וועט נישט באַזינגען.

קען מען אין תשעה־באב־שואה־אָוונט געבן אויסדרוק צו אָט דעם אַספּעקט פון יידישער געשיכטע אין יענע גרויזאַמע טעג?

וועט עס זיין דער טאָג פון טויזנטער און טויזנטער פּאַרטיזאַנער און מלחמה־העלדן וואָס לעבן צווישן אונדז? וועלן די קענען דאָרטן זינגען „זאָג נישט קיין מאָל אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג״?

ווי געזאָגט אין אָנהויב, זענען מיר זיכער אַז דער פּאַרשלאָג וועט פאַרשווינדן אַזוי שנעל ווי ער האָט געזען די שיין. און אפשר וועט פון דעם אַרויסקומען עפּעס גוטס. אפשר וועט ער אַ שטויס טאָן אונדזערע מומחים, רבנים, אינטעלעקטואַלן, שרייבערס און קינסטלערס זיך גייסטיק צו קאָנצענטרירן אויף דעם שואה־טאָג, אים געבן אַ סטיל, פאָרמען און דינים, כדי ער זאָל כאָטש אויסדריקן דאָס שרעקלעכע, אומבאַשרייבלעכע און אומגעהויערע אין בלוטיקן מבול וואָס הייסט שואה.

## די שואה — אַן עקומענישער ענין?

קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט זענען די יידישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, און ס׳איז נישט לייכט צו געבן אויף זיי קיין איינדייטיקן ענטפער. דער וואָס איז געווען גילטיק נעכטן, קען ווערן שעדלעך היינט

און מאָרגן. מ׳דאַרף שטענדיק אָנווענדן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד צוליב אונדזער מערקווירדיקן יידישן לעבן, וואָס ענדערט זיך אַזוי אָפט און איז פול מיט סתירות.

דאָס באַציט זיך קודם־כל אויף דער גרעסטער און טראַומאַטישער געשעעניש אין אונדזער געשיכטע: דעם אומבאַשרייבלעכן און אומבאַגרייפלעכן קאַפּיטל פון חורבן. עס שטעלט זיך אַלע מאָל פון דאָס ניי די פראַגע וועגן דער באַציונג פון דער „וועלט" (און מיט דעם מיינען מיר אַלעמען צוזאַמען און יעדן באַזונדער: די רעליגיעס, די רעגירונגען און פּאָליטישע סיסטעמען, די אינטעלעקטועלע קרייזן, די מערב־דעמאָקראַטיעס, ביידע דייטשלאַנדס) צו די ענינים פון שולד און פאַרברעכן לגבי דעם יידישן פאָלק. ווי אַזוי באַנעמט מען און באַגרייפט מען די „שואה"? וואָס מיינט עס פאַר נישט־יידן היסטאָריש און עמאָציאָנעל? וואָס טראַכטן די דירעקט־פאַראַנטוואָרטלעכע, די „וואָס זענען געווען אין טרעבלינקע"; די אינישיאַטאָרן, אָרגאַניזאַטאָרן אָדער לכל־הפחות שותפים צום פאַרברעך? וואָס איז מכוח די יונגע דורות? וואָס לערנט מען זיי וועגן אָט דעם טרויעריקן קאַפּיטל, וואָס איז היסטאָריש גענומען „ערשט נעכטן געשען"?

אין משך פון צענדליקער יאָרן האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, פּראָטעסטירט קעגן דער גלייכגילטיקייט, דעם לייכטזיניקן פאַרגעסן, שווייגן און פאַרשווייגן פון דער „ציוויליזירטער וועלט" (אַזוי רופט מען זי). דער געוויסן וואָס האָט זיך אויפגעוועקט גלייך נאָכן חורבן האָט זיך שנעל באַרויִקט. מען האָט זיך „איינגעוווינט" צום גאַנצן ענין ווי צו עפּעס, וואָס מאַטערט אַ מאָל אין אַ נאָווינע, אָבער איז שוין מער נישט קיין פאַקטאָר ביים באַשטימען ערנסטע ענינים. למשל: די שטעלונג צו ישראל, אָדער די אָנערקענונג דורך דער קריסטלעכער וועלט פון איר שולד אין פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם און גלייכגיטליקייט (מילד גערעדט) ווען „דאָס אויסדערווײלטע פאָלק" איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן. די קאָמוניסטישע וועלט האָט בכלל אויסגעמעקט פון דער געשיכטע דעם גרויסן יידישן אומגליק. פאַר איר איז עס בלויז געווען אַ פּאַזע אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם. אויך אין דער מערב־וועלט, וואָס קען זיך בשום אופן נישט ריינוואַשן פון איר מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פּאַסיוויטעט און פאַרן

פאַרהוילן אימהדקע פאַקטן, האָט זיך געמערקט אַ טענדענץ „נישט צו מאַכן קיין גרויסן רעש" טאָמער וועט מען נאָך מער אויפדעקן אין די דאָקומענטן און אַרכיוון זייער אומווילן צו העלפן און ראַטעווען, ווען עס איז אַפילו געווען אַ מעגלעכקייט דערצו. אין דייטשלאַנד האָט מען אין די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט אַ מין היטלער־רענעסאַנס פון פאַרשאַרפטע פּראָוואָקאַציעס פון די נעאָ־נאַצישע אָרגאַניזאַציעס. אַפילו ביי די ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע בירגער פון מערב־דייטשלאַנד איז פאַראַן אַ שטרעבונג צו נאָרמאַליזאַציע, איבערצורייסן די פּראָצעסן קעגן די פאַרברעכערס. בקיצור: אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם שווערן באַגאַזש פון דער געשיכטע.

✶

אין די לעצטע יאָרן איז צו אונדזער אַלעמענס באַפרידיקונג געקומען צו אַ געוויסער ווענדונג צום גוטן. עס האָט זיך ווי פאַרלאַנגזאַמט דער פּראָצעס פון אָפּשוועכן, אויסמעקן פאַקטן, אָדער זיי מינימיזירן, פון פאַרלייקענען דאָס באַשיימפּערלעכע. ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן האָט זיך דער נייער קורס, קום כל, אָנגעצייכנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו עס איז חוץ אין ישראל קאָנצענטרירט די גרעסטע צאָל פון די לעבן־געבליבענע, וועלכע מען רופט דאָ אָן, נישט אַזוי געראָטן, „נייע אַמעריקאַנער". גאָר לעצטנס זענען דאָ פאָרגעקומען איבערראַשנדיקע געשעענישן, וואָס דייטן אָן אויף אַן אויסדרוק פון חרטה פאַר די צענדליקער יאָרן פון אָפיציעלער, קאַלטער רעזערווירטקייט. דער פּרעזידענט האָט באַשטימט אַן אָפיציעלע קאָמיסיע מיט אַ מלוכישן סטאַטוס מיט דעם שרייבער און דענקער עלי וויזעל בראש. די קאָמיסיע דאַרף אויסאַרבעטן פּלענער פאַר אַ ווירדיקן מאָנומענט (עס איז פּשוט נישט צו באַנעמען ווי אַזוי אין די שטאַטן איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אויפגעשטעלט געוואָרן קיין אַלגעמיין אַמעריקאַנער מאָנומענט פאַר די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע) און פאַר אַנדערע אופנים פון באַערן די קדושים. ביי דער ראַטאָנדע אין וואַשינגטאָן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ טרויער־צערעמאָניע. עס איז געווען אַן אָפּי־ציעלער אַקט; און די קדושים, זייער ליידן, גבורה און אומקום זענען

פאַרצייכנט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. פון אַלע שטעט איבערן לאַנד זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן קריסטלעך־יידישע טרויער־אַקאַדעמיעס.

מיר האָבן נישט בדעה צו אַנאַליזירן די סיבות פאַר אַט דער ענדערונג און אָפּפרעגן אויף אַ האָר די מאָטיוון פון די איניציאַטאָרן. זיכער איז עס נישט בלויז אַן ענין חלילה פון אַ מאָדע, פון אַ פאַרבייגייענדיקער שטימונג. אָבער דאָ קומען מיר צו דער שוין פריִער אָנגעוויזענער פיל־פּנימדיקייט און אַפילו אַמביוואַלענטקייט פון אונדזער פּראָבלעמאַטיק. ס׳איז איינער פון די פאַלן (אויב מען קען זיך באַנוצן מיט אַ פאָלקסאויסדרוק בנוגע אַזאַ טרויעריקן ענין) „ווו די כלה איז צו שיין״. עס קען זיך שאַפן אַ לאַגע ווען דער ענין פון חורבן „זאָל אַרויס פון יידישע הענט״. ער וועט דאַן פאַרלירן דעם יידישן כאַראַקטער און ווערן אָנגעפילט מיט אַן אוניווער־סאַליסטישן אינהאַלט.

מיט אַלע להבדילס איז עס פאַרט אַ פאַל „ווען איוואַן בלאָזט שופר״... כ׳האָב מורא אַז די יזכור־אַקאַדעמיעס וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טריבונע פאַר פּאָליטישנס און גלחים. מען וועט רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט, וועגן מענטשנרעכט, וועגן פאַרפאָלגטע מינדערהייטן. מ׳קען שוין דערשמעקן דעם ווייריך פון עקומענישקייט און פון קריסטלעכער צביעות. אַוודאי האָלט עס נאָך נישט דערביי, אָבער אַזעלכע זאַכן האָבן אַ טבע זיך צו פאַרשפּרייטן. עס איז שוין אַביסל איבערדריסיק איבערצוחזרן די אמתן, אַז די „שואה״ איז אַ ריין־יידישער אומגליק, אַן פּרעצעדענטן און אַן פאַר־גלייך מיט אַנדערע קאַטאַסטראָפעס און אומגליקן. ס׳איז אַ „יחוס״, אַ פּריוואַ־ריטעט, וואָס מיר האָבן נישט אויסגעקליבן און וועלכע מ׳קען אונדז פאַר־גינען. מיר זעען די סכנה, אַז, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי יידן בכלל און ביי די אַמעריקאַנער באַזונדערס, וועט מען דערביי זוכן דעם אויפטריט פון דעם חשובן נישט־ייד, און מ׳וועט אָנקוועלן פון זיינע חכמות. פרעמד וועלן קלינגען דער אל מלא רחמים און דער קדיש. די שולדיקע וועלן גאָר ווערן באַוויינערס און מיטליידנדיקע. מיר וואָלטן עס געזאָגט בילדלע־כער: שופר איז נישט קיין קלאַרנעט; „סוירוויסעס״ זענען נישט קיין מנחה־מעריב און מעמאָריאַל־סערוויס איז נישט קיין יידישע הזכרת־נשמות.

מיר ווייסן, אַז אונדזערע מיינונגען וועלן ווייט נישט געטיילט ווערן און נישט אָנגענומען ווערן ביי גוטע יידן מיט די בעסטע כוונות. אַ טייל וועלן אַפילו טראַכטן, „אַז מיר קריכן אויף גלייכע ווענט״. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ העגעליאַנישע פאָרמול:

1. טעזע: יידישע אַזכּרות אין אַ גלייכגילטיקער אַלגעמיינער סביבה.

2. אַנטיטעזע: דאָס פאַרוואַנדלען דעם חורבן אין אַ גרויסער מאָראַ־ליש־פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע, אָבער פאַרלירן דערביי דעם יידישן אינ־האַלט. מיר צווייפלען צי דאָס איז מעגלעך.

3. סינטעזע: אַן אַלגעמיינע שואה־שטימונג און טיפע יידישע איבער־לעבונגען. אַן אַלגעמיינע לעקציע פאַר דער מענשהייט און אַ ספּעציעלער מוסר־השׂכּל פאַר יידן.

איינס איז קלאָר: איך בין אין דער פראַגע אַזאַ קליינקעפּלדיקער נאַציאָנאַליסט, אַז ווען איך וואָלט געווען געצוווּנגען אויסצוקלייבן צווישן דער טעזע און אַנטיטעזע, וואָלט איך אויסגעקליבן די ערשטע. אַוודאי איז דער אויסוואַל אַ מוראַדיק־שווערער, אָבער ווער האָט עס געזאָגט, אַז עפּעס קען ביי אונדז זיין גלאַט און פּשוט?

1979

# פלעקן אויף דער זון

איך שרייב די שורות נישט מיט אַ לייכט האַרץ און מיט ווייניק חשק. כ׳וויל מאַכן עטלעכע קריטישע באַמערקונגען וועגן די צוויי גרויסע אונ־טערנעמונגען, וואָס באַגייסטערן מיך און פאַר וועלכע איך דריק אויס גלייך פון אָנהייב מיין אָנערקענונג צו די אָרגאַניזאַטאָרן. כ׳פיל אָבער, אַז מ׳קען נישט פאַרבייגיין שוויגנדיק טרויעריקע דערשיינונגען, גרילצנדיקע טענער, וואָס האָבן באַגלייט אָט די גראַנדיעזע דערגרייכונגען. זיי זענען, אויב איר ווילט, בלויז פלעקן אויף דער זון, אָבער גענוג ערנסט, כּדי נישט אַריבער־

צוגיין איבער זיי צום סדר־היום. איך האָב אין זינען די קאָלאָסאַלע שואה־אַקאַדעמיע אין טעמפּל עמנואל און די איינדרוקספולע, גרויסע דעמאָנסטראַציע און מאַרש פון סאָלידאַריטעט מיטן סאָוויעטישן יידנטום און פאַר מענטשנרעכט בכלל.

ווי אַלע וואָס האָבן בייגעוווינט די צוויי מאַסן־מאַניפעסטאַציעס, קען איך בלויז אויסדריקן גרויס באַגייסטערונג פאַרן ניו־יאָרקער ישוב, פאַר זיין פירערשאַפט און די טויזנטער אומדערמידלעכע טוערס, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

די הקדמה האָב איך געמאַכט נישט כדי יוצא צו זיין און קומען צו דעם באַרימטן „אָבער״. הלוואַי וואָלט מיין צופרידנקייט געווען אַ פולקאָמע און איך וואָלט נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן.

אָבער לאָמיר צוגיין צום עצם ענין: ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין אַנוועזנד געווען אויף אָט דער וועלט־באַרימטער שואה־פאַרזאַמלונג. אין משך פון די לעצטע 25 יאָר, חוץ אין 1976, ווען איך האָב געוועדט אין דרום־אַפריקע, האָב איך אָנטיילגענומען און אָפט מאָל אָנגעפירט די יזכור־פאַרזאַמלונג אין היכל־התרבות אין תל־אביב פאַר אַן עולם פון לעבנגעבליבענע פון די לאַגערן און פאַרטיזאַנער. טאָקע דערפאַר ווייס איך ווי דעליקאַט און קאָמפּליצירט עס איז איינצואָרדענען אַזאַ אונטערנעמונג, צו וועלכער מ׳דאַרף צוגיין בדחילו ורחימו. עס איז אַ שרעקלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קודם־כל צוליב דעם ליכטיקן זכרון פון די קדושים. מ׳קען זיך דאָ גלייך „אויסגליטשן״. מ׳דאַרף כסדר האַלטן די גלייכוואָג צווישן פייערלעכער סימבאָלישקייט און טעאַטער און קונסט. צווישן אויפריכטיקן הספד און פייערדיקער רעטאָריק, צווישן ברענגען די שואה אין ליכט פון די צענטראַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט און „פּראַווען פּאָליטיק״. ווי אַזוי פאַרזיכערט מען, אַז די אסיפה זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ מאַסן־מיטינג און דער עיקר ווי געפינט מען דעם גאָלדענעם וועג צווישן אייביקן רעליגיעזן צערעמאָניאַל און היינטצייטיקע פאָרמען פון אויסדרוק?

איך בין צופרידן פעסטצושטעלן, אַז דער גרעסטער יידישער ישוב אין דער וועלט האָט אין דער הינזיכט, סיי לויטן פאַרנעם, סיי לויטן אינהאַלט, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מ׳האָט

אַרויסגענומען די יזכּור־פֿאַרזאַמלונגען פֿון די פֿאַרשיידענע ווינקלען און קרייזלעך און זיי אַרויסגעפֿירט אויפֿן ברייטן שליאַך, ווי עס פּאַסט פֿאַר דער ריזיקער מעטראָפּאָליע. מ׳האָט ממש געצויגן פֿאַר די האַר טויזנטער יידן און זיי געבראַכט אין אָט דעם גרויסן טעמפּל, כּדי זיי זאָלן מקיים זיין דאָס געבאָט פֿון געדענקען.

אַוודאי קען דער שרייבער פֿון די שורות אָנווייזן אויף די אָדער אַנדערע פּעלערן, אָבער מ׳דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז אָט די פּגמים אין געבוי און אין דער דורכפֿירונג קענען לייכט אויסגעבעסערט ווערן און בכלל איז לייכטער צו פֿאַרריכטן אַ בריוו איידער אים אָנצושרייבן. דאָס אַלץ איז ווייניקער וויכטיק ווי דאָס אַלגעמיין פֿאַרכאַפּנדיקע בילד, די אימפּאָזאַנט־קייט, די שפּאַנונג, אויפֿמערקזאַמקייט און דרך־ארץ פֿון גרויסן עולם, דער אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע. אויף וויפֿל אַזאַ גיגאַנטישע אונטערנעמונג קען צוגעשריבן ווערן צו אַ יחיד, פֿאַרדינט דער פּאַרזיצער פֿון דער אַקאַדעמיע, בנימין מיד, די אָנערקענונג פֿון די ניו־יאָרקער יידן, פֿון דער שטאָט בכלל און פֿון כּלל ישראל.

אונדזער קריטיק איז געווענדט קעגן איינער פֿון די הויפּטרעדעס, אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פֿון דער אונטערנעמונג און וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דורך דעם זייער חשובן און אָנערקענטן ראַבאַי, דעם פּאַרזיצער פֿון רבנים־ראַט אין ניו־יאָרק, ברוך זילבערשטיין, אַליין אַ האַרציקער פֿאָלקסמענטש פֿון פּוילן.

דער רב האָט זיך גענומען די מאָראַלישע מוראדיקע רעכט צו רעדן נישט בלויז צו די לעבעדיקע אָנווערזנדיקע אבלים, נאָר צו די קדושים אַליין און זיי דערציילן וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר, וואָס ער „ווייסט״, אַז זיי „אינטערעסירן״ זיי. וואָס האָט ער געהאַט זיי איבערצוגעבן און שטערן זייער אייביקע רו? מיר האָבן נישט קיין טענות קעגן דעם וואָס ער האָט „מיט זיי געשמועסט״ וועגן דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז באמת איינע פֿון די גרעסטע פּאַסירונגען ביי יידן אין אַלע דורות. דער חשובער רב האָט אָבער מערער גערעדט וועגן בעגינען, ווי אַזוי דער כּלומרשטער טעראָריסט איז געוואָרן דער גרויסער מייסטער פֿון שלום און ווי אַזוי ער דערמאָנט שטענדיק די קדושים. דער חשובער

רעדנער איז דאָ נכשל געוואָרן און וואָלגאַריזירט, צו אונדזער באַדויערן, דעם פּרעכטיקן מעמד. כ׳וויל מ׳זאָל מיך חלילה נישט שלעכט פאַרשטיין. איך בין טאַקע אַלע מיינע יאָרן אַ פּאָליטישער קעגנער פון דעם איצטיקן ישראל־פּרעמיער, אָבער איך וואָלט פונקט אויפן זעלבן אופן רעאַגירט, ווען מ׳וואָלט בעת דער דאָזיקער פייערלעכער געלעגנהייט זיך אַריינגעלאָזט אין שבחים פאַר רבינען, למשל. וואָס מיינען אָט די אַלע בשר ודמס און אַפילו די פּראָמינענטסטע פון זיי אין אַנבליק פון דער גרענעצלאָזער טראַגעדיע, ימען פון יסורים און גבורה פון די מיליאָנען, וואָס בלויז זיי דאַרף מען דערמאָנען, ליבן און אָפּגעבן כבוד? דאָס איבעריקע איז צייטווייליק און טריוויאַל.

נאָך מער און נאָך שטאַרקער צווייפל איך צי דאָס איז געווען די ריכטיקע צייט און געלעגנהייט צו דערציילן וועגן דער גוואַלדיקער פּאַסי־רונג פון צוטיילן דעם נאָבעל־פּריז יצחק באַשעוויס־זינגער. איך שטיי נישט אָפּ פונעם ראַבאַי אין מיין ליבע צו יידיש און אַוודאי שאַץ איך אָפּ די גרויסע סימבאָלישע באַדייטונג פון דעם פּריז, וואָס זינגער האָט פאַרדינט, אָבער ווער קאָן אויף זיך נעמען דאָס רעכט צו באַשטימען, אַז דאָס איז באמת די טריבונע וועגן דעם צו רעדן, בפרט צו די קדושים, אָן אַ מחיצה און אָן אַן אָפּשייד. וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט אין ענינים פון טעכניק און אָרגאַניזאַציע, וואָלט איך זיך אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט, נישט וועלנדיק אויסזען ווי אַ סנאָבישער פיינשמעקער. אָבער דאָס זענען ענינים פון סאַמע תוך און מיר קענען נאָר שליסן די באַמערקונגען וועגן אויפטריט פון פּראָמינענטן רב מיט „רבנים הזהרו בדבריכם”...

און ווידער אַ מאָל בין איך געווען איינער פון די קרוב 100 טויזנט, וואָס האָבן מאַרשירט אָדער בייגעווען אויף דער אויסערגעוויינלעכער איינ־דרוקספולער דעמאָנסטראַציע לטובת דעם סאָוויעטישן יידנטום, פרייהייט פון עמיגראַציע און אַנדערע מענטשנרעכט. אָט דער וווּנדערלעכער צוג איז שוין געוואָרן אַן אינסטיטוציע אין ניו־יאָרק און איר אומגעגנט. מיר האָבן ממש אַנגעקוואָלן פון דעם פּרעכטיקן, באַגייסטערטן, קאָלירפולן עולם. דאָס האַרץ איז געוואַקסן פון פרייד, ווען מיר האָבן געזען אין דעם שיינעם פרילינגסטאָג מאַרשירן קינד און קייט. ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן,

אַז דער גרעסטער טייל פון די מאַרשירנדיקע זענען געווען יונגע מענטשן, זיי זענען געקומען פון אומעטום: פון טעמפּלען און שולן, פון קהילה־צענ־טערס פון שטאָט און פון די אַרומיקע שטעטלעך, און זענען געפאָרן לאַנגע שעהען כדי זיך צו באַטייליקן. ס׳האָט אויך געמאַכט אַ גרויסן רושם דער פאַקט, אַז צווישן די רייען האָט מען געזען אַ סך לאַטיין־אַמעריקאַנער און שוואַרצע טרעיד־יוניאָניסטן. זיכער האָט צוגעטראָגן צו דער פרייד די אָנוועזנהייט פון די באַפרייטע אַקטיוויסטן און דיסידענטן, וואָס זענען גע־קומען צו דער מאַניפעסטאַציע ממש אויף דער הייסער מינוט, דירעקט פון פאַרשיקונג.

זיי זענען געווען אַ באַווייז פון דעם גרויסן דערפאָלג, פון דעם אומ־אויפהערלעכן דרוק פאַר דער באַפרייונג פון דעם סאָוויעטישן יידנטום. מיר נעמען נישט אָן די קורצזיכטיקע שטעלונג פון די וואָס האַלטן אַז מ׳דאַרף שוין נישט, אַז מ׳האָט שוין דערגרייכט דעם ציל און מ׳קען זיך שוין אָפּ־רוען און מאַכן גוטע געשעפטן מיט די סאָוויעטן. ס׳דוכט זיך אונדז, אַז דאָס פאַרקערטע איז ריכטיק, אַז מ׳דאַרף פאַרזעצן מיטן גאַנצן כוח ביז די שיקאַנעס וועלן אָפּגעשטעלט ווערן און עס וועט פאַרזיכערט ווערן אַ פרייע עליה און אַ מינימאַל יידיש קולטור־לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אַוודאי האַלטן מיר נישט פון אייביקן קריג און די דעמאָנסטראַציעס זענען נישט קיין ציל פאַר זיך, אָבער עס איז נאָך צו פרי אונטערצוציִען אַ סך־הכל.

פאַר וואָס זשע האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל עגמת נפש און אַרומגע־גאַנגען אין געוויסע מאָמענטן ווי אַ פרעמדער אויף דער דאָזיקער שמחה? עס האָט אונדז געפעלט דער עיקר, דער צענטער פון יידישן ווידערשטאַנד, דער תכלית פון דעם אויפשטאַנד און אויפברויז, דער קנויט פונעם פלאַם — ישראל. אַ חתונה אָן חתן־כלה. צווישן די הונדערטער טראַנספּאַרענטן, אָפּט מאָל געטראָגן פון ציוניסטישע יוגנטלעכע, האָבן מיר נישט באַמערקט קיין איינעם, וואָס זאָל זיך באַציִען צו ישראל, פּונקט ווי עס וואָלטן נישט געווען קיין אסירי־ציון, ווי די באַוועגונג וואָלט זיך אַנגעהויבן פון זיך אַליין, אָן דער אינספּיראַציע פון ישראל און פּונקט ווי מיר אַלע וואָלטן נישט געוואָלט, אַז די אויסוואַנדערערס פון סאָוויעט־רוסלאַנד זאָלן קומען קיין ישראל. אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע פאַרשוויגט מען ישראל, פּונקט

ווי זי וואָלט געוועזן עפּעס אַ מאַרגינאַלער ענין און נישט דאָס האַרץ פון דער באַוועגונג און פּונקט ווי דער עיקר וואָלט געווען סתּם עמיגראַציע און סתּם מענטשנרעכט. קיינער קען נישט זיין אַזוי נאַיִוו און גלייבן, אַז עס איז אַ „צופאַל". דאָס איז אַ טענדענץ און אַ ליניע. מ׳דאַרף דאָס נישט נעמען טראַגיש. צי מען זאָגט, צי מען זאָגט נישט, איז ישראל געווען אין האַרצן פון די מאַרשירנדיקע, וואָס האָבן געזונגען העברעישע לידער. אָבער פון דעסטוועגן פאַר וואָס און צוליב וואָס? וועלכע הויכע דיפּלאָמאַטיע שטעקט אין דעם פאַרשווייגן? פאַר וואָס לכל הפּחות מאַכן דעם איינדרוק פון „איבערשרייבן געשיכטע"?

1980

# אַ שנעלער באַזוך אויפן ווייטן מזרח

אַ סעריע רעפעראַטן אין מעלבורן האָט מיך געבראַכט צו ווייטע קאָנטינענטן: אויסטראַליע, דרום־מזרח־אַזיע און, פאַרשטייט זיך, אַז אַ באַזוך פון עטלעכע וואָכן אין דער רחבֿותדיקער אויסטראַליע און אין די אַנדערע לענדער פון ווייטן מזרח קען דערלויבן אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די דאָזיקע לענדער.

די בריטישע קאָלאָניע אין האָנג־קאָנג איז דער טויער צום ווייטן מזרח. נישטאָ נאָך אין דער וועלט אַזאַ שטאָט מיט אַזוי פיל קעגנזאַצן און ענדערונגען, מיט אַזוי פיל אוצרות און אומגעאַנטע שיינקייטן. אַ גרויסע בוכטע, בלויע בערג און אין דער זעלבער צייט מיאוסקייט און שמוץ צוליב דער שטאַרקער ענגשאַפט צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג, דאָס הייסט צווישן די כינעזער. די קולטור (אויב מ׳קען אַזוי אָנרופן דעם שפּראַכלעכן גלאַנץ פון אַ הייפל) איז אַן ענגלישע און דער טעמפּאָ אַן אַמעריקאַנער. פון איין זייט האָנג־קאָנג פון די וואָלקנקראַצערס און מיט די פאַבריקן וואָס פאַרפלייצן די וועלט מיט סחורות צו די ביליקסטע פרייזן, הונדערט

טויזנט אויטאָס אויף אַ שאָסיי פון 400 קילאָמעטער. פון דער אַנדערער זייט ריקשעס, אָרעמע לייט, קינדער אָן דערציונג, אַפילו אָן אַ פּאָלקשול. לוקסוס־האָטעלן, נאַכטלאָקאַלן אויף יעדן שריט, שפּילהייזער און לעבן זיי בודיסטישע גערטנער, מאָנאַכן, בעטלערס. דאָס איז נישט קיין געוועב פון אַלט און ניי, אויך נישט קיין קאָעקזיסטענץ, נאָר סתם אַזוי אַ געמיש.

## אויף דער כינעזישער גרענעץ

אין האָנג־קאָנג שטויסטו זיך אָן אויף דעם עיקר־פּראָבלעם פון ווייטן מזרח: די שרעקלעכע ענגשאַפט צווישן דער באַפעלקערונג, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, און זי ווערט נאָך שטאַרקער מיטן צושטראָם פון פליטים פון דער שכנותדיקער כינע. אָט די ענגשאַפט שאַפט, פאַרשטייט זיך, שרעקלעכע וווינונג־באַדינגונגען: אָן ערך 800 טויזנט מענטשן וווינען אין בלעכענע ביידלעך, וואָס ווערן אָוועקגעטראָגן דורך די שטורמישע רעגנס און ווינטן. דער וועגפירער האָט אונדז מיט שטאָלץ געוויזן די וווינונגען פאַר 62 טויזנט פליטים. אָבער אין די דאָזיקע „פּראַכט־דירות" וווינען 5 נפשות אין אַ צימער מיט אָפּטריטן אין די קאָרידאָרן. מיר האָבן געזען די שורות שיפלעך אויף וועלכע ס׳ווערן געבוירן, לעבן און שטאַרבן זייערע 60 טויזנט איינוווינערס.

מ׳האָט מיר געזאָגט אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט. נישטאָ אין האָנג־קאָנג קיין נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אפילו כינע האָט שלום געמאַכט מיט דעם דאָזיקן מצב, וואָס איז פאַר איר באַקוועם פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. דאָס איז אַ טעריטאָריע אָן צאָל, אָן וועלכן ס׳איז וואַלוטע־קאָנטראָל, מיט אַן אומגעצוימטן האַנדל־וואַנדל.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר געשטאַנען ביי דער כינעזישער גרענעץ: אַ פלאַכער טייך און בלאָטעס טיילן אָפּ די קאָלאָניע פון כינע. דאָס איז דער סאַמע נאָענטסטער גרענעצפּונקט צווישן צוויי רעזשימען, צווישן כינע און דעם מערב.

## אויפֿן אויסטראַלישן קאָנטינענט

אין עטלעכע שעה פֿליען גייסטו אַריבער אין אַ דיאַמעטראַל אַנדערער וועלט. דאָס עיקר־פּראָבלעם פֿון אויסטראַליע איז דער איבערפֿלוס אין שטח און דער מאַנגל אין מענטשן. כאָטש די באַפֿעלקערונג פֿון אויסטראַליע איז זינט דעם סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַרטאָפּלט געוואָרן, האָט זי נאָך אָבער דערוייל נישט איבערגעשטיגן די 11 מיליאָן. מ׳קען אַדורכ־פֿאָרן הונדערטער קילאָמעטערס און נישט אָנטרעפֿן אויף אַ לעבעדיקן מענטשן. אויבנאויפֿיק דערמוטיקט די רעגירונג די אימיגראַציע. זי באַגרע־נעצט זי אָבער לגבי דעם „געלן מענטשן". דאָס רוב פֿון די אומענדלעכע שטחים באַשטייט פֿון אייביקע וועלדער, מדבריות, פֿאַשע־פֿעלדער. די שיטערע באַפֿעלקערונג איז נישט נאָר אַ שטערונג צו דער אַנטוויקלונג פֿון דערווירטשאַפֿט און פֿון דער פּראָדוקציע, זי שטעלט מיט זיך אויך פֿאָר אַ געפֿאַר פֿאַר דער זיכערקייט פֿון לאַנד. די גרויסע אויסטראַליע איז אַ ביסל ענלעך צו דער קליינער ישׂראל. פֿון אַלע זייטן איז זי אַרומגערינגלט מיט פֿײַנדלעכע פֿעלקער. איר הויפּטקעגנער איז הײַנט אינדאָנעזיע. די באַציונגען מיט איר ווערן וואָס אַ מאָל ערגער, נישט געקוקט אויף די אָפֿיציעלע פֿרײַנדשאַפֿט־דעקלאַראַציעס. מ׳פֿאָלגט דאָ נאָך זייער אויפֿמערקזאַם די געשעענישן אין וויעטנאַם און אין אונטערבאַוווסטזיין הערשט די מורא פֿאַר כינע, די אויסטראַליער האָבן אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די יאַפּאַנער באָמבאַרדירט די שטאָט דאַרווין און אַז זייערע אונטערוואַסער־שיפֿלעך זענען דערגאַנגען ביז צום פּאָרט פֿון סידניי. די אָפּאָזיציאָנעלע לייבאָר־פּאַרטיי אין אויסטראַליע באַשולדיקט די רעגירונג, אַז זי האָט פֿאַרנאַכלעסיקט דעם זיכערקייט־געביט. דער פּרעמיער־מיניסטער מענזיס איז געווען פֿאַר אַ מלחמה אָן פּשרות און קעגן אונטערהאַנדלונגען צווישן די פֿײַנדלעכע צדדים אין וויעטנאַם. אויף מאָרגן איז דזשאָנסאָן אַרויס מיט זײַן באַוווסטער רעדע פֿאַר אַ משא־ומתן אָן פֿאָרבאַדינגונגען.

אויסטראַליע איז אַ פֿעדעראַציע פֿון זעקס מדינות, אין וועלכע ס׳הערשט אַן עקסטרעמע פֿילבאַרקייט פֿאַר אויטאָנאָמיע. די פּאָלעמיק צווישן סידניי און

מעלבורן איז געוואָרן אַ מין ספּאָרט. דאָס אַריינדרינגען פון דער פעדעראַלער רעגירונג אין די פאַרשידענע געביטן פון דער געזעלשאַפט גייט אָן פאַמעלעך. דאָס פּאָליטישע לעבן איז זייער אַ רויִקס. די איצטיקע רעגירונג עקזיסטירט שוין אַן ערך 15 יאָר.

קולוויל, דער אָנפירער פון דער לייבאָר־פאַרטיי האָט אונדז געזאָגט אין אַ שמועס אַז ער איז אָפּטימיסטיש וואָס שייך דער פּאָליטישער צוקונפט פון זיין פאַרטיי, כאָטש זי גייט אַדורך אַן ערנסטן אינערלעכן קריזיס צוליב דעם קאַמף צווישן לינקע און מעסיקע, דער שפּאַנונג צווישן די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען און דער פאַרטיי און אויך צוליב די נישט ווייניקע פּערזענלעכע דיסקוסיעס אין די שפּיצן.

## אַ וואַך יידנטום

אין דעם דאָזיקן וויטן לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַן אָרגאַניזירטער יידישער ישוב, אַ וואַכער און קולטורעלער, וואָס ציילט ביי אַ 70 טויזנט נפשות. דעם הויפּטאָרט פאַרנעמט דאָ די קהילה אין מעלבורן, מיט אירע זיבן טעגלעכע יידישע שולן, אין וועלכע ס׳לערנען 42% פון אַלע קינדער. בלויז אין דער „הר הצופים״־שולע באַקומען זייער דערציונג 1.500 קינדער אין פּראַכט־בנינים, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן אין דער גאַנצער יידישער וועלט. מער ווי 80 פּראָצענט פון די יידישע קינדער באַקומען אַ יידישע דערציונג. אין אויסטראַליע דערשיינען יידישע וואָכנשריפטן אין יידיש און ענגליש. אין דער פייערונג פון יום־העצמאות באַטייליקן זיך 7 טויזנט יידן. פאַרשטייט זיך אַז ס׳פעלן דאָ אויך נישט די געווינלעכע גלות־דערשיינונגען נוסח 1965 : אַסימילאַציע פון יונגן דור, געמישטע חתונות, דאָס הערשן פון דער ענגלישער שפּראַך אין יידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער אין אַ קלענערער מאָס ווי אין אַנדערע יידישע ישובים.

*

ס׳האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס מזל און מיר זענען אָנגעקומען קיין טאָקיאָ אין דעם קורצן באַצויבערנדיקן סעזאָן, ווען ס׳צעבליען זיך די קאַרשן־ביימער. אַלץ איז דאָ איצט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון אָט דער נאַטור־דערשיינונג: די ברייטע אַלייען, די באַצירטע געשעפטן און אפילו פאַרשטעלונגען, אַזוי ווי גאַנץ יאַפּאַן וואָלט געווען איין צעבליטער קאַרש. דער יאַפּאַנישער „ווירטשאַפטלעכער נס" שטייגט אפילו איבער דעם „נס" פון מערב־דייטשלאַנד. די באַזיגטע זענען געוואָרן גרויסמאַכטן.

שוין ביים אַריינפאָרן אין טאָקיאָ פאַרכאַפּן די אויגן די גרויסע פאַבריקן, די מאַסע שיפן אין דער בוכטע, די געשעפטן וואָס אין פּרט פון שפע, פאַרנעם, שיינקייט האָבן זיי זייער גלייכן נישט, די גוט פונקציאַנירנדיקע קאָמוניקאַציע, וועלכע טראַנספּאָרטירט די צען מיליאָן שטאָט־איינוווינערס איבערן זיבן הונדערט געפוצטע און געפלעגטע קילאָמעטערס.

די שטאָט האַלט זיך אין איין צופּאַסן און צוטוליען צו די אַמעריקאַנער. טאָקיאָ איז שטאָלץ מיט איר טורעם, וואָס איז העכער ווי דער אייפעל־טורעם, מיט אירע 15 הויכשולעס און אַפילו מיט דער צאָל פאַר־קאַטאַס־טראָפעס, וואָס איז די גרעסטע אין דער וועלט... מיר האָבן אומזיסט געזוכט די אָריגינעלע לידער און טענץ. זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך בראָדוויי און אפילו די באַוווסטע קאַבוק־פאַרשטעלונג איז באַגלייט געווען דורך דער מערב־מוזיק.

אָבער דאָס אַלץ מאַכט נישט קאַליע דעם טראַדיציאָנעלן פּייזאַזש: די פּראַכט פונעם קייסערלעכן פּאַלאַץ, די כּל המינים יאַפּאַנישע גערטנער, די וווּנדערלעכע טיי־צערעמאָניעס, דאָס קאָלירפולע אָנטועכץ פון די שיינע פרויען, די אַלטע שינטאָ־טעמפּלען, די ליבלעכע וועגן פונעם לעבן.

יאַפּאַן איז דער בולטסטער באַווייז אַז דער וויטער מזרח מוז נישט זיין קיין סינאָנים פאַר אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט. אומבאַגרענעצטע מעג־לעכקייטן זענען פאַרבאָרגן אין דער דאָזיקער וועלט וואָס ס׳קען זיין אַז זי איז די וועלט פון מאָרגן.

1965

# דער פּלאַץ פון דריי קולטורן

ווען איך קלייב זיך קיין מעקסיקאָ סיטי לעב איך דורך טעג און וואָכן פון פריידיקער דערוואַרטונג. ס׳איז אַזאַ גרויסע שטאָט; אַזאַ קאָלירפולער מאַסיוו און רייכקייט פון נאַטור; אַזוי פיל מוזיק און ברייטע, פאַרביקע לייוונטן; אַזוי פיל פרומקייט און אידלקייט.

אַוודאי בין איך קיין מאָל נישט קיין טיפּישער טוריסט. סתם אַ געניסער פון מערקווירדיקייטן און אַנטיקן. כ׳ווייס, אַז דאָס וואָס מען באַווייזט מיר איז בסך־הכל כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעבנססטיל פון אַ זייער דינער שיכט באַפעלקערונג. איך האָב דאָך אַליין געזען די האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע אין היימען ווי הינטישע בודעס. די לוקסוסדיקע פּראַכט און אַרכיטעקטור שטרייכט נאָך מער אונטער די אָרעמקייט און ליידן פון מיליאָנען. איך ווייס אויך, אַז היסטאָריש איז דאָס גרויסע לאַנד עקספּלואַטירט געוואָרן אַן רחמנות דורך פרעמדע אַריינדרינגערס ווי אויך אייגענע גלחים און פּריצים. כ׳פיל שטענדיק די וווּלקאַנישע כוחות, וועלכע דרימלען אונטער דער פּאַסטאָראַלער לאַנדשאַפט. אָבער דאָס אַלץ האַלט מיך נישט אָפּ פון אַ ממש מיסטישער צוציִונגס־קראַפט צו אָט דער ריזיקער שטאָט, דעם ליידנשאַפטלעכן פאָלק און דער אָריגינעלער קולטור.

פון אַלע צויבער־בילדער, אַנטיקן, מאָנומענטן, אומצאָליקע קירכעס, איינע שענער פון דער אַנדערער (צווישן זיי די אומפאַרגלייכלעכע באַזיליקע און די שוואַרצע מאַדאָנע צו וועלכער מען קריכט אויף די קני, אויף די פּעלזן), איז מיר בעיקר נאָענט צום האַרץ „דער פּלאַץ פון די דריי קולטורן״. ער מאַכט אויף מיר אַפילו אַ שטאַרקערן איינדרוק ווי די טויזנטער־יאָריקע פּיראַמידן, וועלכע פאַרגלייכן זיך אין מאַיעסטעטישער און אומהיימלעכער געשטאַלט מיט די עגיפּטישע. דער פּלאַץ אימפּאָנירט נישט אַזוי צוליב זיין סימבאָלישקייט און געניאַלער איינפאַלערישקייט, נאָר צוליב דעם ווייל ער פאַרקערפּערט אַן אידעע, די פּאַטעטישע געשיכטע פון מעקסיקע, „וואָס ליגט אויסגעצויגן פאַר דיינע אויגן״, פון דער קולטור, וואָס דערשיינט פאַר דיר אין איר גאַנצקייט און קאָמפּאָנירנדיקע טיילן. ס׳איז נישטאָ קיין

שום בייטראָג פון אַן אינדיווידועלן קינסטלער. דאָס זענען פשוט גלידער, שטיקער ערד פון דער גליענדיקער מעקסיקע.

די אידעע איז סיי אַ געניאַלע, סיי אַ פשוטע: אויף אַ קאָמפּאַקטן און נישט צו־גרויסן שטח געפינען זיך צוזאַמען די אויסגעגראָבענע אַרכעאָלאָגישע איבערבלייבן פון דער אַזטעקישער תקופה פון 1500 יאָר צוריק: אַ מזבח פאַר מענטשלעכע קרבנות, מיניאַטור־פּיראַמידן, וואָס גיסן זיך צוזאַמען מיט זייערע שטיינער אויף אַ ממש מיסטעריעזן אופן. זיי דערמאָנען, אַז דאָ האָבן געלעבט שבטים מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע, באַרימטן קאַלענדאַר און אַפילו פילאָזאָפן און דענקערס. אויף דעם אָרט זענען די אַזטעקן ענדגילטיק באַזיגט געוואָרן דורך די שפּאַניער. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן דאָס צווייטע קאַפּיטל און אַקט פון דער נאַציאָנאַלער דראַמע — דער קאָלאָניאַלער פּעריאָד. אָט די לאַנגע און יסורימפולע, אָבער אויך שעפערישע, תקופה ווערט פאַרקערפּערט אויפן פּלאַץ דורך אַן אַלטער קירכע. זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם קאַטאָליציזם, וועלכער איז דער הויפּטצייכן פון גייסט אין יענער צייט, כאָטש ווייט נישט דער איינציקער. אונטער די באַרעמהאַרציקע פליגל פון דעם קלויסטער האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן דער דעראָבערער און דער קרבן. ברוינע און ווייסע, פיזישע און גייסטיקע קאָלירן האָבן זיך צענויפגעמישט. אין תוך זענען דאָ נישט געווען קיין זיגערס און קיין באַזיגטע. אין פּיין און אין יסורים — ווי עס זאָגט די פּאָעטישע אויפשריפט — איז געבוירן געוואָרן אַ פאָלק, וואָס ציילט היינט 50 מיליאָן, מיט שאַרפע קאָנטורן פון קונסט און ליטעראַטור, מיט אייגענעם לעבנס־נוסח און שטייגער; אַ ריזיקע, אינטערעסאַנטע מאַסע, וואָס האַלט ערשט ביי איר אָנהייב.

די קירכע אויפן פּלאַץ איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. זי איז אַ שטיק ליריזם, פאַרשלייערט מיט הונדערטער יאָרן מיסטיק. זי איז אָן יעדער באַפּוצונג, אָן גאָלד און צירונג מיט וועלכע עס זענען פול די מעקסיקאַנער קירכעס. זי איז פאַרנאַכטיק פאַרטראַכט אַפילו אין מיטן טאָג. זי איז גאָטספאָרכטיק־עניוותדיק און אירע פאַרבן האַרמאָניזירן מיט די קאָלירן פון דעם אַזטעקישן און געצנדינערישן טייל.

און די נייע צייט? די זעלבשטענדיקייט־תקופה? זיי ווערן אילוס־

טרירט דורך די הייזער־בלאָקן פֿון אַ מאָדערנעם קוואַרטאַל אין מעקסיקאָ סיטי. די הויכע, שלאַנקע הייזער רינגלען אַרום די קירכע און די פּיראַמידן און קוקן אַרונטער אויף די פֿאַרגאַנגענע צייטן. מזבח — קירכע — אַ נייע שטאָט מיט מאָדערנער אַרכיטעקטור: דריי קולטורן.

אַוודאי איז דער סינטעז קודם־כל אַן עסטעטישער. אין דער אמתן איז נאָך נישטאָ קיין שלימות. די געצנדינערישע פּרימיטיווקייט איז נאָך נישט פֿאַרשוווּנדן. די קירכע איז נישט כּולה פֿרומקייט און ליבע; און מאָדערנע מעקסיקע איז נישט בלויז, ווי געזאָגט, שיינקייט פֿון לוקסוסדיקע קוואַרטאַלן, נאָר אויך „טאָלן פֿון געוויין". אָבער אין מאָמענט פֿון אַנטציקונג האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקענט „מאַכן קיין חשבונות" מיטן לאַנד. איך בין געוואָרן פֿאַרכישופֿט פֿון דער פּאַנאָראַמע און פֿון דער פֿייערלעכער שטילקייט, וואָס ווערט בלויז צייטנווייז איבערגעריסן דורכן נאָגנדיקן רוף פֿון די קירכן־גלאָקן.

פֿאַרלאָזנדיק דעם פּלאַץ האָב איך געטראַכט: וואָס וואָלט אַ שטייגער געווען ווען יידן וואָלטן אויף אַ באַשיימפּערלעכן פּלאַסטישן אופֿן סימבאָליזירט נישט די דריי, נאָר די צענדליקער קולטורן, וועלכע זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין אַזוי פֿיל לענדער און קאָנטינענטן מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַגעגנט, געראַנגלט און פֿון דעסטוועגן באַרייכערט זייער גייסטיק פֿאַרמעגן? ווער און ווו נישט? די געצנדינערישע וועלט, די ווונדער און פּראַכטן פֿון גריכנלאַנד, די פּאַגאַנישע און קריסטלעך־רוימישע וועלט, די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אוצרות און די סלאַווישע קולטור? איז דען פֿאַראַן אַ מייסטער, אַן אַרכיטעקט, ווי גועניאַל זיי זאָלן נישט זיין, וואָס זאָלן עס קענען אַרויסברענגען אויפֿן זעלבן אופֿן ווי אין „דעם פּלאַץ פֿון דריי קולטורן"?

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס זענען ווילדע פֿאַנטאַזיעס נישט בלויז צוליב דעם ריזיקן פֿאַרנעם, טויזנטער־יאָריקן דויער און קאָמפּליצירטקייט פֿון אונדזער גייסטיקער געשיכטע, וואָס מ׳קען גאָרנישט אַרומנעמען. אָבער נישט דאָס אַליין איז די אמתע סיבה, נאָר עפּעס טיפֿערס און וועזנטלעכערס. מיר האָבן זיך אין תּוך קיין מאָל נישט צוזאַמענגעגאָסן מיט די אַנדערע קולטורן און געבליבן אַזוי אָריגינעל און מאָנאָליטיש ווי אין אונדזערע יינגסטע יאָרן. מיר האָבן אָנגענומען פֿרעמדע השפּעות, אָבער בלויז אויבנ־

אויפֿיק. ביי אונדז איז קיין מאָל נישט געווען קיין קולטורעלער פּלוראַליזם, נאָר איין קולטור; און אין דעם פּרט זענען מיר פֿון די ווייניקע אין דער וועלט. השפּעה, אפֿילו פֿאַרב פֿון הויט און שטריכן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, אָבער נישט קיין שלמות. נישטאָ קיין פּלאַץ פֿון קולטור. אַלץ רעזומירט זיך אין איינציקן וואָרט: אחד!

1980

# מיאַמי־ביטש און תל־אביב

לעצטנס בין איך אַן אָפֿטער גאַסט אין מיאַמי־ביטש. ס'איז גוט צו פֿאַרלאָזן די שנייען, זאַווערוכעס און ביטערע קעלט פֿון ניו־יאָרק און זיך „אַראָפּכאַפּן" צו דער האַלב־טראָפּישער, זוניקער און צערטלעכער פֿלאָרידאַ,ביים ברעג פֿונעם אַטלאַנטיק. אָבער נישט בלויז דער מחיהדיקער קלימאַט ציט מיך. מיאַמי־ביטש איז אויך אַ גרויסע „שטאָט מיט יידן", וואָס אין די ווינטער־חדשים ווערט זי פֿיל מאָל גרעסער אַ דאַנק די צענדליקער טויזנטער געסט. זיי קומען אַהין נישט בלויז אויף אַ וויל, נאָר פֿאַר לאַנגע חדשים. זיי ווערן דערביי אַ טייל פֿון דער עדה און לאָזן זיך וווילגיין נישט בלויז מיט עולם־הזהדיקע הנאות, נאָר אויך מיט געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען. זיי טוען עס מיט אינטענסיווקייט און אַ שפּע, וועלכע איז ממש צו באַוווּנדערן. איר קענט דאָ טרעפֿן אין די ווינטער־חדשים דעם „ווער איז ווער" פֿון יידישע כּלל־טוערס און שרייבערס; און זיי געפֿינען דאָ אַ צאָלרייכן צוהערער־עולם און אַ וואַרעמע סביבה. זיי באַטראַכטן זיך נישט ווי „טוריסטן", נאָר גיסן זיך צונויף מיטן איינציק־אַרטיקן קאָלאָריט פֿון שטאָט און ישוב. מענטשן אַנטלויפֿן נישט אויף אָפּרו אין אַן איזאָלירט אָרט, נאָר פֿאַרקערט: מ'פֿרישט זיך אָפּ אין די רוישן פֿון יידיש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט.

יעדער באַזוך אין מיאַמי־ביטש און די אַרומיקע ווייסע, שטילע און לוקסוסדיקע שטעטלעך, דערמאָנט מיך מיין היימשטאָט, תל־אביב. איך פֿיל

זיך דאָ אַ ביסל ווי ביי זיך אין דער היים און מאַך אַנאַלאָגיעס צווישן ביידע שטעט, וועלכע זענען אַזוי ענלעך און אַזוי פאַרשיידן. קודם־כּל קלימאַטיש: ס'איז די זעלביקע מילדע זוניקייט, בלויקייט פון ים, צערטלעכקייט פון ווינטן, פּאַלמעס, ווייסע הייזער. אַוודאי איז פלאָרידאַ, ריין עסטעטיש, קאָלירפולער, רחבותדיקער, שפּעדיקער. אַזוי ווי עס איז צווישן אַן אָקעאַן און אַ ים. אָבער אין תּוך איז עס די זעלבע פריי־זומערדיקייט און די הויפּטפאַרבן זענען ווייס און בלוי, ווי די יידישע פאָן.

ס'איז אַ יידישע שטאָט. יידן האָבן זי געבויט, פאַרמירט און געשטאַלטיקט. די בריק, וועלכע טיילט אָפּ מיאַמי־ביטש פון גרויס־מיאַמי איז אַ מחיצה צווישן דער יידישער און נישט־יידישער וועלט. פאַראַן מקומות, ווי למשל, סענטשורי ווילעדזש אין וועסט פּאַלם־ביטש, וווּ מען קען נישט געפינען קיין גוי אויף אַ רפואה. זיי זענען ווי אַ שטיק פון רמת־אביב, סביון און כּפר־שמריהו. אין מיאַמי־ביטש זענען טאַקע פאַראַן קובאַנער, אָבער זיי זענען נאָך אַלץ פרעמדע. די „אויטענטישע" און די טאַנגעבערס זענען יידן. די יידישקייט דריקט זיך דאָ נישט אויס דורך בולטע סימנים פון לעבנס־שטייגער. קאָלינס־עווענוע איז נישט וויליאַמסבורג און נישט פלעטבוש. די גרויסע „קאָנדאָמיניומס" (אַ שווער וואָרט, וואָס באַצייכנט אונדזער ישראלדיקן בית משותּף) זענען מיט גאָרנישט אַנדערש ווי די טיפּישע פלאָרידאַ־בנינים. אַפילו די הונדערטער האָטעלן און האָטעלעכלעך האָבן נישט קיין ספּעציפיש יידישע שטריכן. אָבער דער פאַקט אַליין וואָס אַזוי פיל יידן האָבן זיך דאָ, בלי עין הרע, צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אין אַזאַ גרויסער צאָל און אַזוי קאָנצענטרירט, מאַכט פון מיאַמי־ביטש אַ יידישן באַרדיטשעוו; מיטן חילוק, וואָס זי געפינט זיך נישט אין תּחום־המושב, נאָר אין אַמעריקע מיט אַלץ וואָס דאָס באַטייט.

ווידער אַ מאָל דערמאָנט עס מיך אין תּל־אביב, וואָס איר גרעסטער יחוס איז נישט דאָס וואָס זי איז די גרעסטע יידישע שטאָט אין ישראל (אין אַלגעמיינע צאָלן האָט זי שוין ירושלים איבערגעיאָגט), נישט דאָס וואָס זי איז דער וויכטיקסטער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטור־צענטער פון לאַנד — נאָר דאָס וואָס זי איז די ערשטע יידישע שטאָט אין דער וועלט. כּולה אַ יידיש קינד; טאַקע אָן דער בפרושער יידישקייט

פון ירושלים און צפת נאָר... פון זיך אַליין, ווייל יידן ווינען דאָרט און שאַפן.

ווי קלאָר עס זאָלן נישט זיין די אַנאַלאָגיעס, אַזוי זענען אויך שאַרף בולט די קעגנזאַצן; אַ סך מער ווי די געוויינלעכע אונטערשיידן צווישן דער אייגענער היים פון די תּפוצות, צווישן זיי אַ מערהייט און אַ מינ־דערהייט אין אַ לאַנד. מיאַמי־ביטש איז אַ שטאָט פון „עלטערע יידן". זי איז טאַקע אַ „גן־עדן התחתון", אָבער ס'איז אַ שיינקייט פון שקיעה. אַלץ איז דאָ טאַקע אויסגערעכנט און פּלאַנירט לויט די געוווינהייטן, לעבנס־סטיל, גייסטיקע מעגלעכקייטן און באַדערפענישן פון „צוריקגעצויגענעם בירגער". תּל־אביב ווידער איז אַ שטאָט פון יוגנט. כאָטש זי איז די פּאָליטישע מעטראָפּאָליע, דער צענטער פון פינאַנס־ און באַנק־וועזן, האָט זי איינגעהאַלטן דעם שטיפערישן חן און אַפילו אַ ביסל לייכטזין. ס'איז גענוג צו זען ווי מוצאי־שבת „אָקופּירן" צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע דעם דיזענגאָף־פּלאַץ, די „יוגנטשטאָט" און די פרילינג־פעסטיוואַלן — אַלץ איז באַשטימט פאַרן יונגן דור.

אוודאי איז דאָס געזאָגט נישט אַבסאָלוט. תּל־אביב האָט זיך היפּשלעך פאַרעלטערט און האָט דעם גרעסטן פּראָצענט פון פּענסיאָנערן אין לאַנד. פון דער צווייטער זייט הויבן אָן צו קומען קיין פלאָרידאַ יינגערע עלע־מענטן. אָבער דאָס ענדערט נישט דעם וועזנטלעכן כאַראַקטער פון מיאַמי־ביטש און פלאָרידאַ. עס איז דער קאָנטראַסט צווישן דעם „באַרג פון פרילינג" און דער מעלאַנכאָלישער האַרבסט־לאַנדשאַפט. תּל־אביב איז אַמביציעז און דינאַמיש. נאָך 70 יאָר איז זי נאָך אַלץ אין אירע אָנהייבן. טעריטאָריאַל האָט זי שוין כּמעט נישט קיין אָרט זיך אויסצובּרייטערן; אָבער אירע האָריזאָנטן זענען אומבאַגרענעצט. זי איז פול מיט שעפערישן איינפאַל און שוואַנגערט מיט פּראָיעקטן און פּלענער. זי איז אַ „פאַרשייטער קבצן", ווען עס קומט צו קולטור און קונסט־אינסטיטוציעס.

אין מיאַמי־בישט איז דער לעבנס־טעמפּאָ אַ געלאַסענער. מ'לעבט פאַר זיך און אין אַ גרויסער מאָס בזכות פון דער פאַרגאַנגענהייט. מ'פילט אַז מען פאַרדינט אַ ביסל נחת נאָך די שטורעמס און ראַנגלענישן פון די אַקטיווע יאָרן; אַז מ'דאַרף לעבן נאָך דער שווערער צייט פון „מאַכן אַ לעבן". אוודאי זענען גרויסע טיילן פון ישוב אַקטיוו, שוין צוליב דער

פרייער צייט וואָס שטייט אין זייער רשות; אָבער אין אַלגעמיין „ווייס מען דעם חשבון" פון די יאָרן. אַפילו צדקה ווערט דאָ אויסגערעכנט אויף איבער 120 און פון דאַנען נעמט זיך דער פענאָמען: די גרויסע הצלחה פון דער הסתדרות־פונדאַציע, וואָס האָט איר צענטער דווקא אין פלאָרידאַ — אַ רעזולטאַט פון חשבון־הנפש, ווייל ס׳איז שפּעטער ווי מען מיינט.

פאַר וואָס־זשע איז מיר דער ישוב אַזוי ליב און טייער? פאַר וואָס דערלויב איך זיך צו פאַרגלייכן אים מיט תּל־אביב, מיין באַליבטסטער שטאָט אין דער וועלט? כ׳האָב ליב פלאָרידאַ פאַר איר זאָרג און ליבע צו עלטערע מענטשן. אונדזער ציוויליזאַציע פאַלט כּורעים פאַר דער יוגנט און איז אכזריותדיק צו די מידע און צוריקגעצויגענע. מען באַציט זיך צו זיי ווי צו אַן „אומפאַרמיידלעכן בייז" וואָס ווערט גרעסער צוליב דעם לענגערן לעבנסשפּאַן. דאָ אָבער, אין פלאָרידאַ, לעבן די עלטערע מענטשן אין ווערדע און חשיבות. ווער עס זעט די קאָלירפולע מאַסע פון די „יונגע זקנים" אין די פאַרביקע מלבושים ביים ברעג פון ים, מוז באַוווּנדערן וואָס ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך אין דער וועלט און ביי יידן, וועלכע האָבן זיך צוגעכאַפּט די ערשטע צו אָט דער גאָלדענער געלעגנהייט. אין דעם פּרט קען מיאַמי־ביטש זיין אַ מוסטער פאַר ישראל בכלל און תּל־אביב בפרט, ווו די פּענסיאָנערן האָבן אין אַלגעמיין אַ שלעכטע עלטער.

צווייטנס: מיאַמי־ביטש און פלאָרידאַ בכלל איז אַ גרויסער, צום באַדויערן, נישט צו פיל באַקאַנטער און אָנערקענטער צענטער פאַר יידיש. ס׳איז וואָרעמער, היימישער און דער עיקר לייכטער אין מאַמע־לשון, וואָס „רעדט זיך אַליין". איר געפינט דאָרט צענדליקער פון זיך אַליין געשאַפענע יידיש־קלובן אין יעדער געגנט און אָפט מאָל קאָנדאָמיניומס. ס׳איז אין דעם פּרט די וויכטיקסטע שטאָט אין צפון־אַמעריקע.

מיאַמי און פלאָרידאַ — אַזוי נאָענט, גלייכצייטיק אַזוי ווייט! ווען עס שמועסט זיך וועגן „אַדאָפּטירן", וואָלט איך פאָרגעלייגט, אַז מיאַמי־ביטש און תּל־אביב זאָלן ווערן צווילינגשטעט. דאָס וואָלט געווען אַ „פאַרברידע־רונג פון דורות", אַ דעצעמבער־ און מאַי־ליבע. אַ טיפע פריינדשאַפט צווישן יידן פון צוויי ווייטע און פאַרשיידענע קאָנטינענטן.

1980

# „כנרת"

כנרת איז מער ווי אַ טרעפלעכער און מוזיקאַלישער נאָמען פאַר דער טאָגשולע אין ריווערדייל. די גרינדערס און בויערס האָבן אַליין נישט געוווסט וויפל טיפער מיין עס ליגט אין דעם, וועלכע שייכות ס'איז פאַראַן צווישן דעם בלויען, פאַרטרוימטן, פאַרהייליקטן און איינציקאַרטיקן ים אין עמק־הירדן און דער באַשיידן־האַרציקער שולע, וואָס איז די גזירה־שוה צווישן ביידע, אויסער דעם וואָס ביידע זענען צניעותדיק און מחיהדיק? אַוודאי דאַרף מען אָפּהיטן פּראָפּאָרציעס און מיר זאָגן נישט, אַז דער משל איז לגמרי ענלעך צום נמשל. אָבער די אַנאַלאָגיע לאָזט זיך פאָרט דער־קלערן מיט דעם, וואָס ביידע זענען אַנדערש פון דער אַרומיקער לאַנד־שאַפט: אַ מין ליכטיקער שמייכל אויף אַ כמורנעם פּנים.

האָט איר אַ מאָל געזען ווי אַזוי כנרת — דער ים פון גאָטזוכערס און פּאָעטן — אַנטפּלעקט זיך ראַפּטום פאַר די אויגן צווישן פעלזיקע בערג? ווי אַזוי זיין קילע בלויקייט מילדערט און פאַראיידלט דעם גרויליקן און מאַיעסטעטישן אַרום? אויך די כנרת־שולע איז אַ מין „סתירה" צו דער גרויס־יידישער לאַנדשאַפט פון אַרום. ווייניקער פון 10 פּראָצענט יידישע קינדער קריגן דאָ אַ יסודותדיקן חינוך אין אַ פול־יידישער אַטמאָספערע. דאָס ביסל אויפגעבויטע חינוך־אינסטיטוציעס זענען לגמרי פון אָרטאָדאָק־סיש־רעליגיעזן שניט. דאַקעגן אין דעם אַזוי־גערופענעם וועלטלעכן סעקטאָר איז אַן אמתע טריקעניש — בידנע רעשטלעך פון אַמאָליק ברייטן און פאַרצווייגטן שולסיסטעם.

נאָך טיפער איז דער קריזיס אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־מחנה, וועלכע האָט געשאַפן די וועלטלעך־יידישע טאָגשולעס אין אַמעריקע און קאַנאַדע. ליידער קען זי היינט נישט פאַרשרייבן אויף איר חשבון אַפילו קיין איין טאָגשולע אין די שטאַטן. אָבער דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אָט די שולע, מיט איר ציוניסטישן אַרבעטער־אינהאַלט, ווי אַ מין זעל־טענער אבן־חן, אַן אָאַזיס, ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז דאָס איז מעגלעך. אויב אין ריווערדייל, פאַר וואָס נישט ערגעץ אַנדערש? עס קענען ריזלען קוואַלן

פון תּורה אין גאַנץ ניו־יאָרק, די תּורה ווי אַ גאַנצער דור האָט זי פאַר־שטאַנען און באַגריפן.

מיין באַגייסטערונג פאַר כּנרת איז נישט בלויז צוליב איר פאַרנעם און דערגרייכונגען; הגם אויך זיי זענען אימפּאַנירנדיק: 300 תּלמידים, אַ גרויסער און פאַרצווייגטער לערער־פּערסאָנאַל, 10 קלאַסן פון פאַר־קינ־דער־גאָרטן ביזן העכסטן גראַד פון עלעמנטאַר־שולע. באַקוועמע קלאַסן, אַ פּראַקטיקער אודיטאָריום, ספּאָרטצענטער, שפּיל־צימערן... אָט די פיזישע און פּעדאַגאָגישע עלעמענטן זענען זייער וויכטיק. מען דאַרף דאָך קאָנקו־רירן סיי מיט אַלגעמיינע שולעס, סיי מיט די אָרטאָדאָקסישע תּלמוד־תּורות און ישיבות־קטנות. זיכער קען כּנרת שטאָלצירן מיט איר ניוואָ אין די אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן. ער שטעלט זי אַוועק אין די רייען פון די אָנער־קענטסטע און פּרעסטיזשפולע אַנשטאַלטן אין דער געגנט. אַוודאי קען זי אָנווייזן אויף איר יחוס, וואָס זי איז די איינציקע נישט־אָרטאָדאָקסישע און סעקולערע טאָגשולע אין ניו־יאָרק.

אָבער נישט אין דעם אַליין ליגט איר רבותא. איר אייגנאַרטיקייט באַשטייט דערין, וואָס זי איז אַ פּראָגראַמאַטיש־אידעישע שולע. זי איז דירעקט פאַרמירט געוואָרן דורך געטרייע עסקנים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. טייל פון זיי באַגלייטן זי, צוזאַמען מיט יונגע עלטערן, ביזן היינטיקן טאָג. כּנרת פּרובירט איבערזעצן, אויפן לשון פון חינוך, ווערטן און אידעען. סובסטאַנץ און מעטאָדאָלאָגיע גיסן זיך דאָ צוזאַמען. עס איז אַ פּלוראַליסטישער און פאַרביקער פּראָגראַם. העברעיש ווי אַ שפּראַך פאַר זיך אַליין און יידישע לימודים בכלל; יידיש (וואָס פערזענלעך וואָלט איך זי געוואָלט זען מער צענטראַל אין פּראָגראַם), אַ ברייטע מאָס פון יידישקייט, געשיכטע, קענטשאַפט פון דינים און מצוות, תּנ״ך און ישראל ווי אַ צענטראַלער מאָטיוו. די שולע איז אַזוי געשטאַלטיק און אַרומנעמענדיק ווי די באַוועגונג אַליין. אָבער ווי מאַכט מען, אַז דאָס אַלץ זאָל זיין אָנגענעם און זיס פאַר די משהלעך און שלמהלעך און נישט קיין שווערע משא? ווי אַזוי צעטיילט מען אַ ביסל די אוצרות פון אונדזער ירושה אין קליינע און באַשיידענע פּאָרציעס אין דער גרויסער ענגשאַפט פון די שעהען?

✡

אין אַ שטורמיש־רעגנדיקן ניו־יאָרקער טאָג האָבן מיר איבערגעלעבט עטלעכע נחתפולע שעהען. מיר האָבן בייגעוווינט אין „כּנרת" אַ „מאָדעל־סדר". 150 קינדערלעך האָבן געפּראַוועט דעם סדר כּהלכתו, מיט נייע עלעמענטן; איינגעשלאָסן יציאת סאָוויעט־רוסלאַנד, חורבן און עצמאות פון דער מדינה. אָבער פאַר אונדזערע אויגן איז געווען אַ מער־ברייטער „מאָדעל": דער דעליקאַטער באַלאַנס פון די פאַרשידענע עלעמענטן, די דערגרייכונגען אין יידישקייט, דאָס פיינע זינגען, די ברכות און די פרייד פון דער יונגער כאַליאַסטרע.

נישט אומזיסט האָבן די פנימער פון די יונגע עלטערן געשיינט פון נחת. כּנרת איז אַן „אָנשטענדיקער"" ביישפּיל. ווי ס'האָט אונדז דערקלערט דער דינאַמישער און גערעכטער דירעקטאָר אָשר ראַבינאָוויטש, איז אַלץ רייף פאַר אַ נייער שולע אין קווינס. מען דאַרף בלויז האָבן אַ פּאָר צענדליק טויזנט דאָלאַר. עס זענען פאַראַן תלמידים, לערערס, אַן עלטערן־קאָמיטעט; און עס פעלט בלויז דער לעצטער שטויס. וועלן מיר אים נישט געבן? וועלן מיר פאַרגעסן, אַז אַלע אונדזערע מצוות זענען טאַקע ווערטלעך און וויכטיק, אָבער פּאַרט: „תּלמוד תּורה כּנגד כּולם"!

1980

# באַגעגענישן

## מיט זקנים

די שטילע שעהען אין דעם געראָנטאָלאָגישן שפּיטאָל אין ריווערדייל זענען געווען פון די פריילעכסטע וואָס איך האָב ווען עס איז פאַרבראַכט בעת אַ געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג. ס'איז נישט קיין גוזמא, וואָס קומט פון באַגייסטערונג. וואָס פאַראַ פרייד קען שוין זיין צווישן הונדערטער פאַרקריפּלטע זקנים אין די שפּעטע זיבעציקער און אַכציקער יאָרן? אין אַ סביבה פון פאַרמאַטערטע, אַלטיטשקע, ווו כּמעט אַלע זיצן אויף רעדל־

שטולן. מיין פרייד און די „גדולה אויף מיר" נעמט זיך נישט בלויז דערפון, וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען אַ װוּנדערלעכע אינסטיטוציע וואָס „וועלטערטערס" און סאָציאַליסטן מאַכן אַוועק מיט דער האַנט, ווי בלויז אַ „פילאַנטראָפּיע" און פון דעם וואָס מיר זענען אַוועק פון דער עסקימאָסן־מאָראַל צו וואַרפן אַלטע און שוואַכע אויף אייז און שניי. ניין, נישט דאָס. כ׳האָב אַנטפלעקט אַן אָאַזיס פון שטילער שעפערישקייט און מענטשן־ליבע אין דער קאַלטער ריזן־מעטראָפּאָליע.

געקומען בין איך כּדי צו דערמוטיקן און אינספּירירן און כ׳בין אַליין אינספּירירט געוואָרן, צו רעדן פאַר זיין און לסוף האָבן זיי צו מיר גערעדט מיט דער לויטערער צאנה וראנה־שפּראַך פון חסד און רחמים.

די געשיכטע איז געווען אַזאַ: אַ גרופּע פון די איינוווינערס אין דעם מושב זקנים האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ קלוב אויף „פאַרברענגען" צו־זאַמען. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין איינזאַם און אַליין און פאַרטאַכ־לעווען דאָס לעבן. אַנגערופן האָט מען דעם קלוב שוין גאָר אָפּטימיסטיש „געט וועל". אָבער אַזוי ווי מען איז דאָך יידן, טאָ ווי אַזוי קען מען גלאַט אַזוי זיך ווילן? האָט מען טאַקע די פּרייטיק־אָוונט־באַגעגענישן געגעבן אַ קבלת־שבת־כאַראַקטער. אָבער דאָס איז אויך נישט געווען גענוג. מ׳האָט עס פאַרבונדן מיט אַ מצווה און ווי עס איז ביי יידן דער שטייגער, מיט צדקה. די זקנים האָבן אָנגעהויבן אַ „קאַמפּעין", געזאַמלט און געגעבן די בידנע סענטן און דאָלאַרן.

מ׳האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט „צדקה גדולה" און אַן אַלגע־מיינעם קאַמפּעין. מ׳האָט עס געמאַכט נענטער, אינטימער, פּערזענלעכער. מ׳האָט זיך פאַרבונדן מיט „אַלן", אַן אינסטיטוציע פאַר פאַרקריפּלטע קינדער אין ישראל און אַדאָפּטירט חנהלען, אַ קינד פון אַנשטאַלט. זי איז געוואָרן זייער „אייניקל". זיי זאָרגן זיך וועגן איר און האָפן אם ירצה השם זי איינלאַדן קיין אַמעריקע זי זאָל זיין זייער אַנגעלייגטער גאַסט.

האָט מיר די פאַרוואַלטערין (וואָס איז אגב אויך אַ באַוווּסטע שויי־שפּילערין), צפּרה שפּייזמאַן, איינגעלאַדן, כּדי זיך צו באַטייליקן אין דער צערעמאָניע פון שענקען אַ רעדלשטול פאַר חנהלען. כ׳האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דער מצווה און געהאַלטן ביי דער געלעגנהייט אַ דרשה.

הונדערטער זענען זיך צונויפגעקומען, צווישן זיי אויך די גדולים פון אַנשטאַלט, דער הויפּט־דאָקטאָר, דער אַדמיניסטראַטאָר. דער רב האָט געבענטשט, אַ שוואַרצע פּיאַניסטין האָט מיט זיי געזונגען „הבה נגילה" און די זקנים (צווישן זיי אויך הונדערט־יאָריקע) האָבן געהאַט אַ „גוד טאַים".

איך האָב פאַר זיי גערעדט אויף אַן אופן, וואָס פיינשמעקערס וואָלטן מסתמא אָנגערופן „שמאַלץ", סענטימענטאַלער קוואַטש און נאָך אַזעלכע באַקאַנטע באַצייכענונגען.

אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין פול מיט רחמים (בפירוש נישט צו פאַרמישן מיט רחמנות) צו אָט די טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זענען נישט קיין קרבנות, נאָר ביי וועמען „דער רוח קדשך" איז נישט צוגענומען געוואָרן און וואָס נעמען נישט בלויז פון דער געזעלשאַפט נאָר גיבן און טראָגן צו, ביז הונדערט צוואַנציק יאָר.

## מיט יידישע אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק

ס'איז נישט קיין פּשוטער ענין צו רעדן פאַר אַן עולם, וואָס באַשטייט בלויז פון אַרטיסטן. דער פאָרום איז אַזוי אַנדערש און אייגנאַרטיק, ווי אַנדערש עס זענען די אַקטיאָרן פון געוויינלעכע בשר ודמס. אַפילו פאַר אַ געניטן אין אויפטריטן פאַר אומצאָליקע אודיטאָריומס איז עס אַ זעלטענע איבערלעבונג און אַ געלעגנהייט פאַר אימתא דצבורא. איז בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז איך האָב זיך דאָס מאָל ווייניקער קאָנצענטרירט אויף דער חשובער און ברייטער טעמע פון „32 יאָר מדינת ישראל" אויפן שיינעם און פייערלעכן מעמד ווי אויף דעם עולם אַליין.

איך בין נישט דער איינציקער, וואָס האָט אַ שוואַכקייט און צערטלעכע געפילן צו „די בלאַנדזשענדע שטערן". צוליב מיין אַרבעט האָב איך יאָרנלאַנג געלעבט אין זייער סביבה. כ'האָב זיי געזען אין זייער פּראָזע פון טאָג־טעגלעכקייט און אין דער פּאָעטישער דערהויבנקייט אויף דער בינע. ווי איך זאָל אָבער נישט זיין געוווינט צו זיי, הער איך נישט אויף זיך צו חידושן און באַוווּנדערן. זיי זענען דער קוואַל סיי פון קינסטלערישן אמת, סיי פון פאַרפירערישע אילוזיעס. יעדער טרופּע און אַנסאַמבל איז

אַן אויסטערלישע און אינטערעסאַנטע וועלט, מיט איר לעבנס־שטייגער, זשאַרגאָן, שוואַכקייטן און אַפילו קליינלעכקייט. פֿון דעסטוועגן זענען זיי דער יסוד פֿון קולטור פֿון אַ פֿאָלק, אַ טויזנט־יאָריקער אוצר. דער אַקטיאָר מעג טאַקע אַליין זיין אַ נע ונד, אָבער דער טעאַטער איז סטאַביל און אייביק.

צווישן אַלע שוישפּילערס זענען מיר באַזונדערס ליב און נאָענט די יידיש־אַקטיאָרן. ווען כ׳האָב גערעדט פֿאַר זיי האָב איך געגנוי געוווּסט, אַז איך געפֿין זיך אויף דער צווייטער עווניו, ווו ס׳האָבן אַ מאָל געשפּילט נישט ווייניקער ווי 14 יידישע טעאַטערס. כ׳האָב זיך אַריבערגעטראָגן אין דער מחשבה צו דעם גאָלדענעם פּעריאָד פֿון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווען ס׳האָבן גאַסטראָלירט די טאָמאַשעווסקיס, די שילדקרויטס, די אַדלערס, די מאָלי פּיקאָנס. איך אַליין האָב נאָך הנאה געהאַט פֿון מאָריס שוואַרצן, וועלכער איז אפשר געווען דער לעצטער ריז פֿון אַמאָליקן יידישן שוישפּיל. אַוודאי איז די רומענישע תּקופֿה אין טעאַטער עלטער, דער ווילנער און דער פּוילישער פּעריאָד, רייפֿער און ראַפֿינירטער. אַוודאי איז געווען דער קורצער אויפֿבליץ פֿון מיכאָעלס און זוסמאַן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער שוין ריין כּמותדיק איז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטל ממש אַ קלימאַקס.

האָב איך געקוקט אויף דעם יום־טובֿדיקן עולם און געטראַכט, אַז דער בעסטער טעאַטער זענען זיי אַליין. זיי זענען נישט ווייניקער באַגאַבט ווי זייערע פֿאָרגייערס, נישט קיין עפּיגאָנען און נישט קיין בידנע רעשטלעך. זיי זענען גרויסע עקשנים וואָס זענען ממשיך אין שווערע באַדינגונגען, אָפֿט מאָל פֿאַרלאָזן דורך אַלעמען. אַ גרויסער טייל האָט פֿאַרלאָזט די אָרעמע יידישע בינע און געוואָרן סטאַרס אין אַמעריקע. אַ טייל האָט נישט אויסגעהאַלטן די טעאַטער־יידישקייט און פֿאַרלאָזט דעם פֿאַך. אָבער אַ גרויסע גרופּע איז פֿאַרבליבן. נישקשה, זיי זענען נישט קיין קיילעכדיקע יתומים און האָבן נאָך אַלץ אַן עולם, וואָס טוליעט זיך צום יידישן וואָרט.

לעצטנס איז אַפילו פֿאַראַן אַ שטיקל רענעסאַנס און דער לעצטער סעזאָן איז געווען אַ גוטער און פּרוכטבאַרער, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. און ווען איך האָב געזען די פּראָגראַמען וואָס זיי האָבן צוגעגרייט האָב איך געפֿילט באַשיימפּערלעך, אַז „לא אלמן ישראל״ און אַז דער שוישפּיל מוז און גייט טאַקע אָן.

כ׳האָב געפילט, אַז נישט גערופּענערהייט ווער איך אַ בריק, כ׳האָב זיי געקענט ברענגען אַ גרוס פון יידישן טעאַטער אין ישראל. אויף צו להכעיס די נביאים פון חורבן, שפּילט מען גאַנץ געשמאַק יידיש־טעאַטער אין ישראל. אַ מאָל עטלעכע אַנסאַמבלען אין דער זעלבער צייט. ס׳איז טאַקע נישט די העכסטע דערגרייכונג פון קונסט, און מ׳קען האָבן אַ סך טענות צום פּרימיטיוון אינהאַלט פון די פּיעסן, צו (אויב מ׳קען עס אַזוי אָנרופן) זייער אַלט־מאָדישער מוזיק אאַז״וו, אָבער עס איז פאַראַן דער וואַרעמער קאָנטאַקט צווישן דער בינע און דעם זאַל, עפּעס איינגעוואָרצלט און אָרגאַנישס. האָב איך דעריבער צו דער ברכה פאַר אונדזער מדינה אויף מצרף געווען אַ תפילה פאַרן יידישן טעאַטער און אים געווונטשן ער זאָל ווייטער לייכטן מיט אַלע שיינען און דערקוויקן יידישע הערצער.

# אין סיני

עס איז נישט קיין קליינע זכיה צו לעבן דריי טעג מיט ישראלדיקע סאָלדאַטן אויפן סאַמע ברעג פון סועץ־קאַנאַל. די סיבה פון אַט דעם אומ־פאַרגעסלעכן באַזוך זענען געווען אַ סעריע לעקציעס וואָס איך האָב געהאַלטן אויף פאַרשידענע מיליטערישע פּאָסטנס אין דעם צפון־טייל פון סיני. די רעפעראַטן זענען פאָרגעקומען אין סאַמע האַרץ פון מדבר, אין בונקערס, ממש אויף הייסע זאַמדן, אין אימפּראָוויזירטע זעלנער־קלובן און כמעט שטענדיק אונטער מיליטערישער וואַך. די טעמע איז אויך געווען אַ כאַראַק־טעריסטישע: וועגן יידן פון אונדזער צייט און פאַרשידענע ישובים. געווען איז עס אַ נייגעריקער, וואַכזאַמער און דאַנקבאַרער עולם, וואָס איז דורשטיק נאָך וויסן און זוכט קאָנטאַקט מיט יידן און מיט דער ברייטער וועלט. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז די גרעסטע פּאַטריאָטישע מצווה: באַפרייען די סאָלדאַטן פון לאַנגוויל און איינזאַמקייט דורך ביכער, שפּילן, קינאָ, טעאַטער־אַנסאַמבלען און פאַרלעזונגען. געקומען בין איך דערציילן, אָבער פאַקטיש

האָבן זיי מיר דערציילט די וווּנדערבאַרסטע מעגטשלעכע און יידישע גע־שיכטע; איך האָב מער געלערנט אין די עטלעכע טעג ווי אין לאַנגע יאָרן פון די טורן און רייזעס. 19־יעריקע יונגע לייט האָבן פאַר מיר געהאַלטן אַ לעקציע יידישקייט און איך בויג מיין קאָפּ פאַר זיי מיט אַנטציקונג און דרך ארץ. ס׳איז אויסטערליש: געפינסט זיך נאָר עטלעכע הונדערט מייל פון אַ יידישן ישוב און ס׳איז גאָר אַ באַזונדערער קאָנטינענט, דו ביסט ווי אָפּגעריסן פון אַלעמען און האָסט דעם באַשיימפּערלעכן געפיל פון אַן „עק וועלט״. לאַנגע שטרעקעס פון זון־פאַרברענטן מדבר, אַ לאַנגווייליקע, אומעטיקע לאַנדשאַפט, ווו עס וואַלגערן זיך נאָר פּגרים פון צעבראָכענע טאַנקען און אַנדערע כּלי־משחית, וואָס פאַרפּילן די וועגן. דאָ און דאָרטן, מדבר־פייגלען, טעלעפאָן־סלופּעס, בעדוויִנער און דער שמאָלער פּאַס פון דעם וועלט־באַרימטן קאַנאַל, וואָס אויף זיינע ברעגעס פלאַטערט די ישראל־פאָן. יעדע פּאָזיציע איז ווי איינגעזונקען אין די ענדלאָזע זאַמדן און די געביידעס זענען ווי פאַרחלשט און פאַרשרפעט דורך דער אומברחמנות־דיקער זון.

צי מוז דער מדבר בלייבן מדבר אויף אַלע דורות? אַ בליק אויף דער מצרישער זייט פון סועץ באַווייזט, אַז די דאָזיקע ערד איז נישט אויף אייביק פאַרשאָלטן. דאָרטן זעט מען גרינס,ביימער. אין צפון־זייט — געפינען זיך שיינע שטעט, אָאַזיסן, קענסט זיך נישט באַפרייען פון געפיל, אַז אויך פאַר אָט דעם טייל פון וועלטקיילעך וועט אַ מאָל שלאָגן די שעה פון באַפרוכ־פערונג און מזל־ברכה.

דאָ, אפשר מער ווי אויף וועלכן עס איז אַנדער פלאַץ אין דער וועלט, פילט זיך די געשפּאַנטקייט און נאָענטקייט פון סכנה. מיר און די מצרים קוקן זיך אַדורך איבערן קאַנאַל. דורך אַ טעלעסקאָפּ זעסטו די עגיפּטישע וואַכן און זייערע טועכצן און באַוועגונגען. אין די הענט פון אונדזערע צאַרטע יינגלעך איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ מוראדיקע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. דאָס וואָרט פון זיין וואַכזאַם טאָג און נאַכט איז דאָ נישט קיין מליצה. אונטער דער אויבערפלאַך פון רויִקן, טראַפּישן, אַ ביסל לאַנגזאַמען אַרט לעבן, ליגט שטענדיק שפּאַנונג און גרייטקייט פאַר יעדער עווענטו־אַליטעט. אַלע ווייסן עס, אַלע פילן עס, אָבער מען רעדט נישט דערפון.

דאָס ריזיקאַלישע און גבורותדיקע ווערט „נאַרמאַל" און רוטין. מען מאַכט פון די פּאָזיציעס „ממש ישובים". מען ברענגט וואַסער, מ׳היט אָפּ אויף אַ נסימדיקן אופן היגיענע, מען איז מקפּיד אויף נאַרהאַפּטער שפּייז און מען פאַרנעמט זיך מיט שפּיל און קולטור. זאָלן מיר נאָר נישט מאַכן קיין טעות: די זעלנער פון סיני טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם יאָך פון זיכערקייט פון גאַנצן פאָלק. מען דאַרף זיין יונג און געזונט גייסטיק און פיזיש דאָס אַלץ דורכצומאַכן, אָבער עס האָט זיך נישט באַמערקט קיין געפיל פון ביטערקייט, אָפּגעלאָזנקייט. די מענטשן זענען פרישע פלאַנצן אויפן מדבר־באָדן.

דאָס וואָס באַווירקט אַמשטאַרקסטן איז נישט דער מיליטערישער אַספּעקט. נישט אַלץ קענסטו זען און וויסן און דאַרפסט אַפילו נישט פאַר־לאַנגען. און דאָס, וואָס מען ווייזט דיר קענסטו נאָר באַטראַכטן מיט פאַר־גאַפונג, נישט פאַרשטייענדיק קיין סך. דערפאַר אָבער, קומסטו ווידער אַ מאָל פּנים אל פּנים מיט דעם פאָלק. מיטן יידישן קעמפער, מיט דער יידישער יוגנט אין אירע שענסטע נסיונפולע שעהען. ס׳ווערט דיר קלאָר פאַר וואָס מיר האָבן געזיגט.

אַ מאָדנע אַרמיי: ס׳איז דאָ אַ שטרענגע דיסציפּלין, וואָס האַלט ווי אַ רייף די צעוואָרפענע קעמערלעך אויף גרויסע שטרעקעס פון לאַנד. מען איז מקפּיד אויף אויספירן אינסטרוקציעס, אויף אויסערלעכן אויסזען, אויף מאַניערן. אָבער גלייכצייטיק, זענען כמעט נישטאָ קיין מחיצות צווישן אָפיצירן און סאָלדאַטן. נישט אין קליידונג, נישט אין שפּייז און נישט אין וווינונג. ס׳איז באמת שווער צו אונטערשיידן צווישן דעם קאָמענדאַנט און זיינע אונטערגעאָרדנטע: פאַרמעלע און אינטימע חברשאַפט. ס׳איז דאָ פרייער אויסדרוק, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון קריטיקירן און זיך באַקלאָגן און, דער עיקר, שמועסן ווי גלייכע צווישן גלייכע.

אפשר דאָס כאַראַקטעריסטישע איז דאָס, וואָס די אַרמיי איז אַזוי ווייניק מיליטעריש. דו זיצסט מיט די בחורים און מיידלעך פון יפו, טבריה, דגניה און דימונה און פילסט נישט קיין אונטערשייד פון זייערע „ציווילע" חברים. אַלץ אינטערעסירט זיי: פּאָליטיק, פּאַרטיי־ענינים, טעאַטער, ספּאָרט און אַמווייניקסטן די מיליטערישע ענינים, וואָס זענען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכ־

קייט און וועגן וועלכע מען דאַרף נישט קיין סך בריין. און דער עיקר, די בענקשאַפט אַהיים. אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט אין איר גאַנצער וואַ־רעמקייט און האַרציקייט.

וואָס פאַראַ מערקווערדיקע גאַלעריע פון טיפּן! אָט איז אַ 26־יעריקער קאָמענדאַנט פון גדוד, וואָס איז כולו אויסגערעכנטקייט און סאָלידקייט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן; אָט איז די 20־יאָריקע אָפיצירין פון דערציונג און סאָציאַלע ענינים, אַ מין יונגע מאַמע פאַר די סאָלדאַטן, אַ דיסקרעטע, אין זיך פאַרשלאָסענע, מיט אַ שטרענגער גוטסקייט אין די קאַרשן־אויגן; אָט איז דער מעכאַניקער, אַביטוריענט פון אַן „אָרט״־שולע, וואָס איז אַזאַ בריה אין אינספּעקטירן און פאַרריכטן מאַשינען; אָט איז דער סערזשאַנט מיט דעם וויכטיקן פּאָסטן פון פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר באַשפּייזונג, וואָס דערצו איז ער אויך אַ פילאָזאָף און שרייבט לידער; אָט איז דער איראַ־קישער בחור, וואָס איז דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן די טאַנקען־פּאָסטנס. און זיי זענען פון אַלע מינים: גלויביקע און „וועלטלעכע״, סטודענטן און פון די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן; איין מחנה, איין גאַנצקייט. ס׳דערמאָנט זיך די „פּייערלעכע״ ערב־שבת־סעודה, די שול אין לאַגער; אַ שמועס אין אַ פאַרטונקלטן, פאַרוואָרפענעם געצעלט. עס דערמאָנען זיך אויך שפּאַצירן איבער דער אַלטער אַראַבישער קנטרה, וואָס פאַראַ טאַקט, איידלקייט, באַציונג מצד די „אַגרעסאָרן״, „דעראָבערער״ און „רויבער״.

ווי געזאָגט, געווען בין איך אין צפונדיקן טייל און ס׳איז נישט דער יידישער מדבר, ווו אונדזערע עלטערן האָבן געוואַנדערט, אָבער סיי ווי סיי, איז יעדער שריט — געשיכטע, יעדער בערגל — הר סיני און יעדער גראָז־בוימל — דער סנה, וואָס פלאַמט און ברענט און ווערט קיין מאָל נישט פאַרברענט.

1968

# אַ באַזוך אין „קלויסטערס״־מוזיי

דער „קלויסטער״־מוזיי פון ניו־יאָרק איז איינציק אין דער וועלט. זיכער זענען פאַראַן אַ סך גרעסערע, רייכערע און פילפאַרביקערע פון אים. דאָך ציט ער צו זיך מיט אַ מיסטעריעזן און אומהיימלעכן כּישוף. אפשר איז גורם דערצו די קאָמפּאַקטקייט און קאָנצענטרירקייט פון געבוי און אַרטיסטישער פאָרם. עס הערשט אין אים אַן איינהייטלעכער און דאָ־מינירנדיקער מאָטיוו: מיטלאַלטער און די קירכן־קונסט. אַלץ באַצוועקט אַריבערצופירן אונדז צו יענער תּקופה, צו איר אַטמאָספער און געמיט, צו דער גאָטישער שפּיציקייט און גראַדליניקייט, צו די טויזנט מאָל איבער־געחזרטע טעמעס פון יעזוסן, זיינע תּלמידים, דער מאַדאָנע און דאָך שטענדיק ניי דורך קינסטלערישער מאַגיק. ס׳איז אַ לעגענדאַרע וועלט פון קאָלירפולע וויטראַזשן, פון מייסטערדיקער שניצעריי, רעליקוויעס, מומיעס, לעגענדאַרע פייגל און חיות.

די הונדערטער יקר־המציאותדיקע עקספּאָנאַטן זענען נישט בלויז צו־נויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַן אָריגינעלן בנין, נאָר זיי שאַפן מיט אים איין גאַנצקייט. די היילן, זיילן, אַריינגענג און אַרויסגענג זענען געבויט און צו־זאַמענגעשטעלט פון טירן און פענצטער, מעבל, מאַטעריאַלן און שטאָפן פון 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט. די ווונדערלעכע אַרכיטעקטן און פּלאַנירערס האָבן אַזוי גלענצנדיק רעקאָנסטרואירט און צוזאַמענגעשטעלט, אַז עס איז פּשוט שווער צו דערקענען דעם חילוק צווישן אויטענטישן און נאָכגעמאַכטן, צווישן אמתן שטאָף און אילוזיע. ס׳איז זיי געראָטן אויפצולעבן אַ תּקופה, נישט בלויז „ווי זי שטייט און גייט״ פיזיש, נאָר אין איר אינערלעכן מהות; אָדער ווי אַמאָליקע יידן וואָלטן געזאָגט, אין איר ניגון.

כ׳מוז מודה זיין, אַז מיט מיין גאַנצער אַנטציקונג און גענוס פאַר אַט די אוצרות, האָב איך זיך נישט געקענט לגמרי קאָנצענטרירן אויף זיי. ס׳איז מיר נישט געראָטן צו פאַרבלייבן קיין בלויזער מוזיי־באַזוכער. אַסאָסיאַציעס, זכרונות און מחשבות האָבן זיך אומאויפהערלעך געדרייט אין מיין מוח. אָט האָב איך, למשל, געטראַכט וועגן דעם פאַרפירערישן

ווען פון קונסט, וואָס איז די פאַרשענערונג און באַפּוצונג, אַ מאָל אויך אַ טיילווייזע אָפּשפּיגלונג פון לעבן; אָבער קיין מאָל נישט דאָס לעבן אַליין. דער אומצוטרוי פון אונדזערע אורעלטערן צום ריין־עסטעטישן און שיינעם איז גאָרנישט געווען אַזוי אומגערעכט, טרוקן און אַבערגלויבעריש. צי האָט טאַקע דער מיטלאַלטער אַזוי אויסגעזען? איז די גאַנצע פּראַכט נישט קיין אָפּטישע אילוזיע, אַ מאַסקע, אַ שלייער? זענען דאָס נישט געווען די חושכדיקסטע, ברוטאַלסטע יאָרן פון דער מענטשלעכער געשיכטע? איז נישט דאָס פּאַסטאָראַלע און סובטעלע פון מוזיי אין פולער סתירה צו די פּייניקונגען און אינקוויזיציע, שקלאַפעריי פון מיליאָנען — גרויל־פּייניקונג־קעלערן, פינצטערע מאָנאַכן־ און מאָנאַשקעס־קאַמערן?

העכסטנס וואָס אַזאַ מוזיי קען אַרויסברענגען, איז דער מיטאָס, די זעלטענע שעהען פון גנאָד און פרייד, די אינספּיראַציע פון זעלטענע פּערזענלעכקייטן, וואָס טויכן אויף און באַשיינען די וועלט אין אַלע תּקופות און אין אַלע דורות. טייל מאָל דוכט זיך אונדז, אַז אַזעלכע מוזייען זענען גיכער געשאַפן געוואָרן אויף צו פאַרדעקן דעם געשיכטלעכן אמת איידער אים אָפּצושפּיגלען. עס איז פּונקט אַזוי ווי דאָס אורטיילן די עגיפּטישע ציוויליזאַציע פון טויזנטער יאָרן צוריק לויט דער פּראַכט און ראַפינירטער שפּע פון די קברים פון אירע פּרעהס און פּרינצן...

ווי אַזוי קען אַ ייִד באַזוכן אָט דעם מיטלאַלטער־מוזיי און זיך נישט אַריבערטראָגן צו דער יידישער געשיכטע פון יענער צייט; צו אָט די טויזנט יאָר אין וועלכע מיר זענען געווען אַקטיאָרן, עדות און קרבנות? עס מוז דערמאָנען, ווי אַזוי מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אָט די באַר־באַרישע צייטן, שוין ווי דערפאַרענע, רייפע, שוין נאָכן פאַרלירן די זעלבסט־שטענדיקייט און זיך צוזאַמענגעשויסן מיט די יונגע, בלוטדורשטיקע, ווילדע שבטים, וועלכע האָבן ערשט אָנגעהויבן זיך פלאַסטערן אַ נאַציאָנאַלן וועג דורך געוואַלט, טייכן בלוט, אומבאַשרייבלעכער אזכריות און טעמפּקייט.

און פון איין מוזיי צו אַן אַנדערן. עס זענען נאָך פּריש אין זכּרון אונדזערע פילמאָליקע באַזוכן אין דעם העכסט־מאָדערנעם, איינציקאַרטיקן בית־התּפוצות אין תּל־אביב. אַוודאי זענען פאַראַן גרויסע און טיפע אונ־טערשיידן צווישן די ביידע; אַזוי ווי דער תּהום צווישן דער יידישער

ציוויליזאַציע און דער קריסטלעכער, צווישן זייער און אונדזער געשיכטלעכן גאַנג און גורל. דער מוזיי אין תּל־אביב נעמט אויך אַרום לענגערע תּקופות און פאַרשיידנסטע פּאַסירונגען. אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. אין תּל־אביבער גרויסן קולטור־ און קונסט־אַנשטאַלט געפינען זיך נישט קיין אוצרות און קיין קינסטלערישע יקר־המציאותן. דערפאַר אָבער אַ וועלט מיט ספרים, אַ שלל פון פּאָלקלאָריסטישע אייגנטימלעכקייטן און לעבן־שטייגערס, מיט זיין גאַנצער פּשוטקייט און ריין פונקציאָנאַלן כאַראַקטער איז ער אַ סך אימפּאָזאַנטער און קאָמפּליצירטער. ער איז אויך ברייטער, ווייל ער נעמט אַרום די גאַנצע אַלטע וועלט אין וועלכער יידן האָבן געלעבט און געשאַפן, ביז די איצטיקע טעג. דער העלד פון מוזיי איז נישט דער טורעם, דער מאָנומענט, דער זעלטענער געוועב פון איקאָנעס, נאָר דער יידישער מענטש. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער מוזיי דערציילט די געשיכטע פון ליידן, וואַנדערונגען און טראַגעדיעס, פּאָגראָמען און חורבן, הערשט פון דעסטוועגן אין אים אַן אַטמאָספער פון דערהויבנקייט, ליכט און געלייטערטקייט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו די „קלויסטערס". דער אינעווייניקסטער בנין איז בלויז אַ טייל פון דער גאַנצער סביבה, פון דעם אינטערעסאַנטן אַרום. אין דרויסן זענען פאַראַן גערטנער מיט הונדערטער מינים פלאַנצן, בשמים, רפואות מיט וועלכע גאָטספאָרכטיקע גלחים און מאָנאַשקעס האָבן זיך פאַרנומען, פולסירנדיקע, וואַקסנדיקע גרינקייט, וואָס דאַרף דערגאַנצן די בראָנזן און מאַרמאָר, עלפאַנטביין און באַגילדטע אָרנאַמענטן. און אויפן האָריזאָנט — דער אָפענער אַרויסקוק אויף דעם זילבערנעם, כמעט אומבאַוועגלעכן טייך האָדסאָן און די סובטעל־פאַרשלייערטע פּאַנאָראַמע פון ניו דזשוירזי. אַלץ צוזאַמען אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט. ווען דו פאַר־לאָזסט דעם מוזיי, פאַלסטו גלייך אַריין אין געברויז, טומל פון ניו־יאָרק. קינדער און יוגנטלעכע שפּילן זיך אין די קולטיווירטע גרינע פּאַרקן. ס'איז קאָלומבוסעס מדינה אין 20־סטן יאָרהונדערט. ס'דאַרף זיין דער מאָדערנער היפּוך צום מיטלאַלטער.

איז עס? זענען מיר טאַקע אַרויס פון די געדיכטע דזשאָנגלס פון מיטלאַלטער? קען מען פאַרגעסן דעם 3־מאַיל אַטאָמישן קאַשמאַר? דעם

פֿאַרצווייפֿלטן געשריי פֿון די שיפֿמענטשן, די אומענדלעכע מאָרדן אויף די גאַסן און סאַבוועיס? די עקזעקוציעס אין איראַן? ווו איז פֿינצטערניש און ווו איז ליכט? אפֿשר וואָלט כּדאַי געווען אויפֿצושטעלן אַ ספּעציעלן מוזיי פֿון מענטשלעכע איינרייַדענישן, אילוזיעס און אַנטוישונגען?

1979

# צוריקקער אָדער צוריקגעשטאַנענקייט

אַ שטיקל הקדמה: דער שרייבער פֿון די שורות איז נישט קיין ליטע־ראַטור־ און קונסט־קריטיקער. אויב כ'האָב היינט אויסגעקליבן אַ טעמע, וואָס האָט צו טאָן מיט טעאַטער און קינאָ, איז עס נישט צוליב דער עסטעטישער זייט פֿון די פֿאָרשטעלונגען, נאָר צוליב זייער גייסטיקן און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעכן ווערט. די ריין אַרטיסטישע און טעכנישע אַספּעקטן זייערע אינטערעסירן מיך נאָר אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל זיי דערנענטערן אָדער דערווייטערן פֿון דעם ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט.

איך מיין דאָ די גרויסע צאָל אויפֿפֿירונגען פֿון פֿאָלקלאָריסטישן כאַ־ראַקטער, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם נאָענטן עבר, דאָס ייִדישע לעבן אין אַמאָליקן מזרח־אייראָפּע, דאָס היימישע שטעטל. פֿאַר אַ מאָל האָבן זיך אַלע צו דעם גענומען: טעאַטערס, קלענערע קונסט־גרופּעס און אונדזער קינאָ־אינדוסטריע. אין פֿלוג איז דאָס אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג. ס'ווערט מקוים אונדזער הייסער ווונטש, אַז די נייע דורות אין ישׂראל זאָלן זיך באַקענען מיט די גרויסע אוצרות פֿון חכמה און שיינקייט, פֿון געזאַנג, טאַנץ און געמעל, מיטן לויטערן קוואַל און מיטן מקורותדיקן נוסח. דער פֿאַקט, וואָס די פֿאָרשטעלונגען ווערן אויסגעפֿירט אין העברעיש און דורך אין ישׂראל־געבוירענע — מאַכט די דערשיינונג נאָך טיפֿער און משמעותפֿולער. ס'איז כּמעט אַ רענעסאַנס. דאָס איז נישט די נאָסטאַלגיע פֿון די עלטערע, נאָר אינטעלעקטועלער און עסטעטישער נייגיר און ייִדישע אימפּולסן פֿון

די רעטזלהאַפטע סאַבּרעס. ס׳איז בשום אופן נישט קיין פאַרבייגייענדיקע מאָדע, נאָר אַ פאַראײדלטע פאָרם פון צוריקקער צו היסטאָרישער ײדישקייט. טאָקע דערפאַר, ווייל דאָס איז אַן אבן־טוב — דאַרף מען דעם אוצר נישט פאַרטאַכליעווען און פאַרבייטן אויף ביליקע, בלישטשענדיקע פּאַטשערקעס. פון דעם פאָלקסטימלעך־פאָלקלאָריסטישן ביז צום פּרימיטיוו־גראָטעסקן, פון דעם קלוגן צוריקקוק און צוריקגאַנג ביז צוריקגעשטאַנענקייט איז אַ קאַצן־שפּרונג. גליטשיק און פאַררעטעריש איז דער וועג, וואָס פירט פון חנוודיקן הומאָר צום אָפּלאַכערישן, פון לויטערן געפיל ביז צו צעקראָכע־נער שמאַלץ־סענטימענטאַליטעט, פון לעגענדע ביז צו באָבע־מעשיות און כּישוף־געשיכטן.

אָט האָב איך דורכגעלעבט אַ פּאָר שווערע שעהען, זעענדיק דעם פילם „הדיבוק״, אויפגעפירט דורך יונגע אַרטיסטן פון ישראל און פון מערב־דייטשלאַנד. געגאַנגען בין איך מיט גרויס דערוואַרטונג. ס׳האָט מיך אינ־טריגירט צו זען, ווי אַזוי וועלן קינדער פון אונדזער דור שפּילן דעם כּמעט אייביקן „דיבוק״, וואָס האָט אייגנטלעך אַנגעהויבן דעם „הבימה״־קאַפּיטל און וואָס איז אַזוי צו זאָגן אַ סטאַנדאַרד־נומער אין אַלוועלטלעכן טעאַטער און אַפילו אָפּערע־רעפּערטואַר. כ׳האָב מיך פון פאָרויס געוואָרנט קעגן פאָראורטיילן, געוווינהייטן, פאַרגלייכן און יוגנט־זכרונות. אָבער אַרויס פון דער פאָרשטעלונג בין איך מיט שטילן צאָרן און מיט אַ געפיל, אַז אומ־געלומפּערטע הענט האָבן דאָ צעבראָכן דעם דינסטן קריסטאַל און אַז דאָ קומט פאָר ממש אַ קינסטלערישע שולך־ און מצבות־פאַרשוועכונג.

פון ריין קינעמאַטאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון טעכ־ניק, מאָנטאַזש און שפּיל — איז עס אַ געלונגענע פּראָדוקציע מיט גרויסן פאַרנעם און נאָך גרעסערע פּרעטענסיעס. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דעם „דיבוק״, מיט חסידות, מיט אַנ־סקין און בכלל מיט ײדן? מען האָט אַרויסגענומען די גרויליקע מיסטישע און עקספּרעסיאָניסטישע מאָ־מענטן (אויך זיי אין אַ פאַרקריפּלטער און פאַרגרויזשטער פאָרם) און אַרויס־געלאָזט דאָס ײדישע, די נשמה פונעם ניגון, דאָס חיות פון טאַנץ, דעם ביטער־זיסן געשמאַק פון זאָג און אַריינזאָג. ווו זענען די בטלנים? דער הינטערגרונט זענען עפּעס מיטלאַלטערלעכע היילן, אַן אומאויפהערלעכער

רעגן, וואָס מ׳ווייסט נישט וואָס ער סימבאָליזירט, און עס שאַפט זיך אַ געפיל פון אומהיימלעכקייט און פרעמדקייט. דער מקובל חנן זעט אויס ווי אַן אויסגעהונגערטער חלוץ מיט אַן אָפן העמד; דער משולח — ווי אַ פראַנצויז פון מאָנטע־קריסטאָ; דער הייסער חסיד, סענדער, — ווי אַ גוט־האַרציקער גוייִשער גביר און די גוטע שוישפילערין, וואָס שפּילט לאהן — ווי אַ יונגע סעקסאַפּילדיקע אַקטריסע. די היימישע קבצנים זעען אויס ווי געשפּענסטער, וואָס וואַרפן אַן אַן אימה; אַפילו דער צדיק זעט אויס ווי אַ נסים־אויפטוער און נישט ווי אַ צדיק, וואָס זיין צאַרט קליין גופעלע האַלט קוים אויס די לויטערע נשמה. ס׳איז געשען פונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס מיט סענדערן, לויטן אַריינזאָג וועגן שפּיגל און גלאָז. דאָ האָט מען געזען יענעם און נישט זיך אַליין.

עפּעס ענלעכס, ליידער, איז פאַרגעקומען מיט דער פאַרשטעלונג „נאָ־פאַלעאָנס אוצר״ פון שלום־עליכמען, וואָס ווערט איצט אויפגעפירט אין „אהל״. אַזוי שלעכט שפּילן און פאַרפּעלשן שלום־עליכמען דאַרף מען זיין אַ מייסטער. די פאַרשטעלונג דערמאָנט אין די ווולגאַרסטע אויפפירונגען פון דער סעקאָנד־עוועניו־תקופה. אַלץ איז דאָ פאַראַן: אַ שטעטל ווי אַ נעסט פון אָפּגעשטאַנענע אַבערגלויבערישע, האַלב־ווילדע מענטשן, דער פּרימיטיווסטער פאַרקער צווישן לעבעדיקע און מתים דורך פאַרהאַנגען, ווי אין די פייערלעשער־„אַנסאַמבלען״ אין די קליינע שטעטלעך, ליבע פיגורן לויט שמרס נוסח פון „אַמאַנטן״, דער גוואַלדיקער קאָנטראַסט צווישן ליכטיקן אַמעריקע און פינצטערן קליינעם שטעטל, קונצנמאַכערישע דעקאָראַציעס פון קלייטלעך און שטולן אויף די פּלייצעס. אַ שאָד וואָס דער גרויסער טאַלאַנט פון מרגליתן האָט אויך נישט געקענט ראַטעווען די פאַרשטעלונג. ווו איז פאַרשוווּנדן זיין פיינער געשמאַק און זיין טיפע קענטעניש פון שלום־עליכם, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין שיעלע סאָ־ראַקערס פיגור פון „דאָס גרויסע געווינס״? ווי צו דעם איינדרוק, וואָס יונגע באַזוכערס וועלן קריגן פון דער פאַרשטעלונג וועגן זייערע זיידעס אין דער אַלטער היים. זיי קענען נאָך חלילה מיינען, אַז דאָס איז אויטענטיש און נישט אַ קאַריקאַטור אין דער פאָרם פון אַ שנעל צונויפגעשטוקעוועטער פאַרסע. צי דאַרף עס אַזוי זיין?

צו אונדזער גרויסער פרייד זענען די דאָזיקע פאָרשטעלונגען נאָר אַן אויסנאַם אין דעם מזל־ברכה פון גאָלדענעם שניט פון קינסטלערישער דערגרייכונג אויף דעם געביט. אָט דערמאָנט זיך מיר די סובטעלע לירישע, קלוג־טרויעריקע און פאָלקסטימלעך־פילאָזאָפישע פאָרשטעלונג פון מאַנגערס „מגילה". אַ כּישוף־געשיכטע פון פאַרב, קלאַנג, פּאָעזיע און סאַטירע. די „מגילה" האָט אין זיך אַלע בשמים פון אַ פאָלק־לעגענדע און אַלע אינ־טעלעקטועלע חריפות פון יידישן שכל. נישט אומזיסט איז זי נישט אַראָפּ פון דער בינע און ווערט אין אַמעריקע פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס טעאַטער־געשעעניש אויף פאַר נישט־יידן. אַפילו, ווען מען וואָלט זי איבערגעזעצט אויף טערקיש, וואָלט זי געקלונגען ווי מאַמע־לשון.

אָט גייט שוין עטלעכע וואָכן נישט אַראָפּ פון דער בינע אַ פילם: „אַ נס אין שטעטל", וואָס איז אַ זייער פיינע, פּעדאַגאָגיש־ציכטיקע אינ־טערפּרעטאַציע פון די קינדער־דערציילונגען פון שלום־עליכמען. און צום סוף „איש חסיד היה", וואָס איז שוין איצט די גרויסע סענסאַציע פון טעאַטער.

אַ גרופּע יינגעלייט, מערסטנטייל פון נישט טראַדיציאָנעלע היימען, האָט זיך פאַרנומען צו „אַנטדעקן און אַנטפּלעקן די אַמעריקע פון חסידות". געגענגען בין איך צו דער פאָרשטעלונג מיט פאַרקערטע געפילן ווי צום „דיבוק". איך גלויב, אַז ס'איז דאָ אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן פאָרם און אינהאַלט, אַטמאָספערע פון דעקאָראַציע און שפּיל. כ'האָב נישט ליב צו זען „העברי דעם 4טן" אָדער „האַמלעט" אין פראַקן און איך בין קיין מאָל נישט נתפּעל געוואָרן פון דעם טאַנצנדיקן רב מיט דער גיטאַרע אין דער האַנט און מיט חזנים־קאַפּיטלען אין „קאַליפּסאָ"־נוסח. אָבער פון „איש חסיד היה" בין איך אַוועק אַ דערפרישטער און אַ באַגייסטערטער. די חברה האָבן צעשטערט אַלע מיינע טעאָריעס. זעלטן ווען האָב איך געזען אַזוי פיל פּיעטעט, אַזאַ אינטעליגענטן אַריינבליק אין דער גרויסער וועלט פון חסידישן עקסטאַז, אַזאַ קינסטלערישע גאַנצקייט פון אַ צעבראָכן יידיש האַרץ, ווי איך האָב עס געזען ביי די סאַברעס. אַוודאי קען מען חקירהן און אַפילו קריי־טיקירן. מען קען אָנווייזן, אַז דאָ איז פאַרזען געוואָרן די ערדישע, לעבנס־פריידיקע זייט פון חסידות. אָבער חסידות איז אַ גרויסע וועלט און אין איר

זענען דאָ טויזנטער וועגן און סטעזשקעס און יעדער באַנעמט זי ווי ער פאַרשטייט. די קינסטלערס זענען דאָ נישט ווי דער „דאָרפּישער צדיק" פון שלום אַשן, וואָס פּייפט, ווייל ער קען נישט דאַוונען. דאָ האָבן מיר פאַר אונדז אַ גאַנצן אָרקעסטער און דער עיקר: דער עולם גייט אַוועק אַ פאַר־קלערטער, אַ פאַרבענקטער און אַ מער יידישער.

אין סך־הכּל: אין דעם תּנ״כישן און דורותדיקן ישראל הערן זיך איצט אַלט־נייע קלאַנגען. די קינדער טוליען זיך צו זייערע אָבות. אַזוי פּאַסט זיך און עס קליידט זיך פאַר אַן אַלט און קלוג פאָלק.

1968

# מוקצה מחמת מיאוס

כ׳האָב, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער טויזנטער צושויערס, געזען אויף דער טעלעוויזיע די באַגעגעניש צווישן פאַני פּענעלאָן, די העלדין פון דעם פּלאַנירטן פילם „פליאינג פאָר טיים" און דער אַקטריסע און לינקער עקסטרעמיסטקע וואַנעסאַ רעדגראַיוו, וואָס דאַרף זי פּערזאָניפיצירן.

אָט דער, אין גרויס אײלעניש, צוגעגרייטער פילם האָט מיך נישט ווייניקער אויפגערעגט און דערשיטערט ווי דער פּראָוואָצירנדיקער אויסוואַל פון דער קעמפערין און הייסער אָנהענגערין פון די פּ.ל.אָ.־טעראָריסטן אַלס סימבאָל פון יידישע גרענעצלאָזע יסורים, העלדישן ווידערשטאַנד און קידוש־השם.

דער איצטיקער פילם־פראַגמענט האָט געהאַט אַלע טעאַטער־עלעמענטן און עפעקטן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרזיכערן אַ דערפאָלג. וואָס קען נאָך זיין דראַמאַטישער און פאַטעטישער ווי די באַגעגעניש פון דער אויטענ־טישער פאַני פּענעלאָן (אגב אַ זייער אינטערעסאַנטע און איינדרוקספולע פרוי) און דער באַרימטער שוישפּילערין, וואָס דאַרף זי פאַרקערפּערן פאַר אפשר מיליאָנען צושויערס און לאָזן זיי ביידע זיך אויסטענהן אין אַן

עמאָציע־אָנגעלאָדענעם געשפּרעך. ווען איר גיט צו צו דעם הינטער־גרונט די שווידערלעכע בילדער פון אוישוויץ, פון איין זייט, און, פון דער אַנדערער זייט, די פאַרביקע פראַגמענטן פון דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע מאַרשן, ווו ווענעסאַ דערשיינט ווי אַ רויטע זשאַן ד׳אַרק, איז מען דאָ „געגאַנגען אויף זיכער״. די פּיפּיקע רעזשיסאָרן האָבן דאָ געוואָלט דער־גרייכן צוויי צילן מיט איין מאָל: איבערצייגן די אינטערנאַציאָנאַלע עפנט־לעכע מיינונג, אַז פרוי רעדגראַיוו איז דער לאָגישער, ממש אומפאַרמייד־לעכער אויסקלייב נישט בלויז קינסטלעריש, נאָר אויך מאָראַליש און זי איז ממש ווי באַשאַפן פאַר דער גרויסער דראַמאַטישער ראָל. דערביי אָבער האָט מען געוואָלט כאָטש אויבנאויפיק שאַפן דעם איינדרוק פון אָביעקטיוו־קייט, דורך קאָנפראָנטירן זי מיט פאַני פענעלאָן אַליין און הערן אירע נאָבעלע, שטאָלצע און קלאָרע רייד. זי האָט איר פשוט געזאָגט, אַז זי איז נישט ראוי צו אַזאַ גוואַלדיקער קינסטלערישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

פון דעסטוועגן איז אַלץ געווען אַזוי אינסצעניזירט און צוגעגרייט, אַז דער עולם זאָל בלייבן מיט טיפע סימפּאַטיעס און פאָדערונג פאַר דער שוישפּילערין.

די אמתע כוונה פון די רעזשיסערן איז אָבער געווען אַריין פּראַק־טישע און תּכליתדיקע צו געבן דעם „פליִיאינג פאַר טיים״ די ברייטסטע פּובליסיטי און מ׳דאַרף מודה זיין, אַז אין דעם פּרט איז עס די איניציאַטאָרן פון געשפּרעך אין אַ גרויסער מאָס געלונגען.

מיר ווילן אָבער האָפן, אַז זיי זענען דורכגעפאַלן אין זייער ציל ריינ־צוואַשן און באַרעכטיקן איינעם פון די גרעסטע טעאַטער־סקאַנדאַלן פון אונדזער צייט. ס׳איז פשוט זיך איזדיעקעווען איבער די געפילן פון דער שארית־הפליטה און פון יידישן פאָלק בכלל. עס ווילן נישט העלפן די באַקאַנטע סטערעאָטיפּישע תּירוצים, שוין נישט בלויז, די אַזוי אָפט מאָל מיסגעברויכטע „קינסטלערישע פרייהייט״, נאָר אויך די טעאָריע, אַז בלויז קוואַליפיקאַציעס דאַרפן באַשטימען דעם אויסקלייב פאַר אַ ראָל און נישט די מאָס פון אינערלעכן אמת און די אידענטיפיקאַציע מיט דעם העלד און זיין סביבה.

זיכער מאַכט אויף קיינעם נישט קיין איינדרוק די אידעאַליזאַציע פון

דער סאַלאָן־קאָמוניסטקע מיט אירע טראַצקיסטישע לאָזונגען און ברייט רעקלאַמירטע פּאָליטישע אויפטריטן. וואָס האָט עס אַלץ צו טאָן מיטן ממש אומבאַגרייפלעכן תּהומיקן בראָך פון יידישן פאָלק? ווי קען אויסדריקן די שואה די אונטערשטיצערין פון די, וועלכע ווילן ברענגען אַ נייעם חורבן און אומברענגען די רעשטלעך פון די אומגעקומענע פּאַני פּענעלאָנס, פאַר וועלכע ישראל איז די היים און די לעצטע האָפענונג?

מיר דוכט זיך, אַז אויף דעם געשפּרעך האָט ווענעסאַ „געשפּילט טעאַטער" און ווייל זי איז אַ גלענצנדיקע אַקטריסע האָט זי זיך אַריינגעלעבט אין דער ראָל, געקלונגען כּמעט אויפריכטיק. אָבער בלויז כּמעט... אַריינלעבן, הייסט נישט איבערלעבן. די געמאַכטע באַשיידנקייט „דאָס פאַרשטיין פענעלאָן" זענען געווען לויטער מעלאָדראַמע. ווי פּאַסט עס פאַר אַ וועלטפּערזענלעכקייט אַזאַ מין אַרגומענט, אַז זי קען נישט זיין אַנטיסעמיטיש, ווייל די אַראַבער זענען אויך סעמיטן? וועמען קען מען שוין היינט איבערציי גן אין דער פונאַנדערטיילונג צווישן ציוניזם און יידנטום און אין דער טענה, אַז ציוניסטן קעמפן בלויז פאַר זיך אַליין, בעת יידן האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע שלאַכטן פון דער וועלט.

די איינציקע וואָס האָט געגעבן דעם פילם אַ טיפע און היסטאָרישע דימענסיע איז געווען די עלטערע פרוי פּאַני מיט איר ליידנדיקן פּנים. זי האָט ווענעסאַן געזאָגט פּראָסט און פּשוט, אַז אַן אַנטיסעמיטקע קען נישט שפּילן אַזאַ ראָל און זייענדיק אַזוי פּראָ־פּ.ל.אָ. און במילא קעגן ישראל „קען זי נישט זיין איך". פון אָט דער שטעלונג האָט זי זיך נישט צוריקגעצויגן, כאָטש צום באַדויערן איז זי אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון די רעשזיסאָרן, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם פראַגמענט מיט „סאָציאַלע העפלעכקייטן", דאָס שענקען זיך קעגנזייטיק ביכער. אָבער דאָס זענען מינדערווערטיקייטן. די ברכה צו שפּילן דעם סאָלאָ אין דעם מאַקאַברישן אוישוויץ־אָרקעסטער האָט זי נישט באַקומען.

און וואָס ווייטער? ווענעסאַ האָט דערקלערט, אַז זי וועט זיך נישט צוריקציִען פון דער ראָל אין וועלכער זי זעט אַ גרויסן „אַרויסרוף".

דער פילם מיטן טעקסט פון דעם גרויסן דראַמאַטורג אַרטור מילער און מיט דער סענסאַציע, וואָס ער וועט אַרויסרופן, וועט מסתמא געשפּילט

ווערן פאַר געפּאַקטע הייזער און הונדערטער טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אויך יידן, וועלן לויפן ווי אויף אַ בייז ווונדער. פון דעסטוועגן וואָלט איך וועלן, אַז מיר זאָלן אַלע האָבן, כאָטש אַ טייל פון פאַני פענעלאָנס צווייפלען, ווען זי האָט דערקלערט, אַז זי „דענקט נישט אַז זי וועט זען דעם פילם״.

דער שרייבער פון די שורות האַלט זיך נישט פאַר אַ פאַנאַטיקער און שטייט נישט אָפּ פון קיינעם אין זיין גלויבן פון קינסטלערישער פרייהייט. אָבער דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס אויסערגעוויינלעכס. וואָס מער דער פילם וועט זיין טעכניש און טעאַטראַליש געלונגען, אַלץ מער וועט ער זיין גאָט־לעסטעריש און פאַלש. איך געפין נישט קיין בעסערן אויסדרוק פאַר דעם פילם ווי דעם אַלטן העברעישן „מוקצה מחמת מיאוס״.

## ספּרדישער ראָמאַנסעראָ

וואָס עס מיינט יידישער חן, טראַדיציע, האָבן מיר דערפילט אויף אַ פאָרשטעלונג אין היכל התרבות אונטערן אַ ביסל גוייִשן נאָמען „ספּרדי־שער ראָמאַנסעראָ״. אַ גרופּע יונגע שוישפּילערס און זינגערס פון ספּרדישן אָפּשטאַם, האָבן אונדז אַריינגעפירט אין בשמימדיקן פּרדס פון „פרענקישער יידישקייט״. עס איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער גענוס דורכצולעבן און מיטלעבן אָט דעם פאַרביקן ספּעקטאַקל, די לויטערע תּפילות, דעם פאַר־בענקטן און סענסועלן ניגון, דעם זיסן נוסח פון אַלטע לעגענדעס, די פאַר־ביקייט פון לבוש, דעם שאַרפזין פון הומאָר, די איידלקייט און כמעט אַריס־טאָקראַטישקייט פון באַוועגונג, דעם צויבערנדיקן צונויפמיש פון הימלישן און ערדישן, פון פאַרשייטן און צניעותדיקן.

אָבער נישט נאָר עסטעטישן פאַרגעניגן האָבן אונדז די יונגוואַרג פאַר־שאַפט מיט זייער ערנסטן און טיף יידישן צוגאַנג צו דער אויפפירונג (אַ מין בכבודיקע רעפּליק צום פּאָפּולערן „איש חסיד היה״, פון מזרח־אייראָפּעישן יידישן אוצר).

ס׳איז צו באַוווּנדערן ווי אַזוי ס׳איז מיט באַשיידענע מיטלען, מיט אַ כאָר פון עטלעכע זינגערס, אַ קליינעם אָרקעסטער, אַ געשמאַקפולן דער־ציילער אויפגעשטעלט געוואָרן אַ היכל מיט ווירטואָזן, ריחות און חלומות.

דער אויפטו איז אַ זייער דערציעריש־קולטורעלער. לאַנגע יאָרן זענען מיר געווינט געווען צו אידענטיפיצירן יידישקייט מיט היימישן מזרח־אייראָפּעישן שטאַם און קאָלאָריט. די פאַרשטעלונג עפנט נאָר אַ פענצטערל און וואָס פאַראַ האָריזאָנטן! אַוודאי איז דאָס אַן אַנדער וועלט: גרויסע ליידנשאַפטן, תמימותדיקער גלויבן און אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז אויס־טערליש און אַ ביסל פרעמד פאַר אונדז. אָבער עס זענען די זעלבע יידן. די פאַרכאַפנדיקע פורים־ און שמחות־תורה־מאָטיוון, די שפּאַנישע עראָטיק, פאַרשלייערט מיט יידישער צוריקגעהאַלטנקייט, די אגדות פון גבורה און מאַרטירערטום. ס׳איז טאַקע אַ ראָמאַנס, אָבער מיט אַ יידישן קנייטש, אַפילו מיט אַ לאַדינאָ־צאינה וראינה פאַר כשרע יידישע טעכטער און מאַמעס. דאָס איז דער כוח פון קונסט, מער ווי הונדערטער רעדעס און פּראָגראַמען דערנענטערט זי אַלע טיילן פון פאָלק, צעברעכט מחיצות און שאַפט קעגנ־זייטיקן דרך ארץ.

אין דעם טונקעלן זאַל האָבן פאַר אונדז אויפגעטויכט בילדער: יהודה הלוי און שלמה הנגיד, דער רמב״ם, די קבלה, רבי מנשה בן־ישראל, שלמה מולכו, דוד הראובני, שבתי צבי, אַלץ נישט כראָנאָלאָגיש און סיסטעמאַטיש, נאָר צונויפגעמישט אין אַ בלויען נעפּל פון טרוים און נאָס־טאַלגיע און ווען די זינגערס האָבן אויסגעציקלט די ראָמאַנסן — האָב איך געהערט אפשר די ליידנשאַפטלעכסטע ראָמאַנסן אין דער וועלט, דעם ריי־טערלעכסטן סיפור המעשה פון אונדזער טראַגישן און העראָישן קיום.

## שיילאָק אין ירושלים

אַזוי ווי אין אַלע טעאַטערס אין דער וועלט ציט עס אויך אונדזערע רעזשיסערן און שוישפילערס צו שעקספירן. מ׳קאָן עס גריילעך פאַרשטיין,

כאָטש דאָס קאַפּיטל שעקספּיר באַלאַנגט נישט צו די גלענצנדיקסטע און דערפֿאָלגרייכסטע אויף די ישראל־בינעס. אַ שעקספּיר־פֿאַרשטעלונג איז אַן אַרויסרוף, אַ פֿאַרמעסט, כּמעט אַ קינסטלערישער מוז. יעדנפֿאַלס איז אַ דורכפֿאַל נישט קיין חרפּה און ס׳גילט דאָ דער כּלל פֿון „שבעתיים יפּול צדיק וקם״.

מיר האָבן אַלע באַגריסט די פֿיינע אויפֿפֿירונג פֿון די לייכטע קאָמע־דיעס, ווי די „פֿריילעכע ווינדזאָר־פֿרויען״, דער „זומער־נאַכט חלום״ און די פֿאַרשידענע ווערסיעס פֿון „קעניג ליר״.

פֿון צייט צו צייט פּירט מען אויך אויף ביי אונדז „דעם סוחר פֿון ווענעציע״. די שײַלאָק־פֿיגור, געשטאַלטעט דורך מאַסקינען און פֿינקלען, האָט אויפֿגעהייטערט די געמיטער, אַרויסגערופֿן לײַדנשאַפֿטלעכע וויכּוחים, האָט אָבער אויך אַרויסגערופֿן כּבוד און דרך־ארץ.

לײַדער קאָן מען עס נישט זאָגן וועגן דער נײַעסטער אויפֿפֿירונג פֿון „שײַלאָק״ דורך דעם קאַמערי־טעאַטער. מער ווי פֿאַרדרוס, פֿאַרביטערונג און — זאָל מיך גאָט נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד — פֿיזישן און גײַסטיקן עקל רופֿט עס נישט אַרויס.

מיר פֿאַרנעמען זיך נישט דאָ מיט טעאַטער־קריטיק; כ׳פֿאַרלאָז זיך אויף די בעסטע טעאַטראָלאָגן און קריטיקערס, וואָס האָבן כּמעט איינ־שטימיק באַצייכנט די פֿאַרשטעלונג ווי אַ לאַנגווײַליקע און דילעטאַנטישע. ס׳איז דאָרט כּמעט גאָרנישט פֿאַרבליבן פֿון דער פּראַכט און קלאַנג פֿון דראַמע און שפּאַנונג און פֿון דער שיינקייט פֿון וואָרט, טראָץ דעם ווונדער־לעכן טעקסט. די שענסטע דעקאָראַציעס קאָנען נישט פֿאַרבייטן דאָס מענטשלעכע, עמאָציאָנעלע און שטורמישע, וואָס האָבן אַ באַנאַלע און כּיטרע קאָמעדיע פֿאַרוואַנדלט אין אַ מייסטערווערק און אין אַ פּערל פֿון וועלט־רעפּערטואַר.

איך וויל אויך נישט אַרײַנגיין אין דעם ענין פֿון נוסח, אינטערפּרע־טאַציע און צוגאַנג צו דער שאַפֿונג, אַ חוץ דעם וואָס כ׳האָב אַ נאַטירלעכן ווידערווילן צו דער „מאָדערניזאַציע״ פֿון קלאַסישע ווערק, לויט דעם גײַסט פֿון דער קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע פֿון די נײַגונגען, אָדער אַפֿילו קאַפּריזן פֿון דעם רעזשיסער.

כ׳בין געגוג אַלטמאָדיש, כּדי נישט װעלן זען „שעקספּירן רעדאַגירט און פאַרבעסערט״, כ׳װײס נישט למשל, צוליב װאָס מ׳האָט געדאַרפט דובלירן די שױשפּילערס מיט ליאַלקעס. כ׳גיי גאָר נישט אַריין אין די טיפע כּוונות פון רעזשיסער, אויב אַפילו מ׳האָט דורך דער סטיליזאַציע געװאָלט דער־גרייכן דעם שפּילעװדיקן גייסט פון װענעציע (אגב ס׳איז אַן אומזיסטע טרחה). אָפּט מאָל קאָן מען נישט אונטערשיידן װוּ ס׳איז די מאַריאָנעטקע און װוּ ס׳איז דער שױשפּילער.

אָבער נישט דאָס אַלץ זענען מיר אויסן. אויב איך הויב אויף מיין שטימע פון פּראָטעסט און עמפּערונג, איז עס צוליב דעם װאָס אין ישראל איז אויפגעפירט געװאָרן די אַנטיסעמיטישסטע פאַרשטעלונג פון שיילאָקן װאָס איך — און װאַרשיינלעך טויזנטער אַנדערע טעאַטער־באַזוכערס — האָבן װען עס איז געזען. די ביטערסטע שונאי־ציון װאָלטן עס נישט געמאַכט בעסער װי די ליבע און האַרציקע שױשפּילערס פון קאַמערי, אין װעמענס יידישע געפילן ס׳קען גאָר קיין ספק נישט זיין. מען איז דאָ װייט אַריבערגעגאַנגען דעם מחבר און לויט מיין מיינונג, נישט נאָר באַליידיקט אונדז אַלעמען, נאָר אויך פּראָפאַנירט דעם אומשטערבלעכן מייסטער.

זיכער איז שיילאָק נישט קיין פילאָסעמיטישע שאַפונג. כ׳װײס נישט, צי שעקספּיר האָט געהאַט אַנטיסעמיטישע כּוונות און צי ער האָט באַװוּסט־זיניק געצילט אַרויסצורופן אַנטי־יידישע געפילן. פון אים האָבן פּשוט אַרויסגערעדט די פּאַראורטיילן און די אַלגעמיינע באַגריפן װעגן יידן אין זיין צייט. ס׳קאָן זיין אַז ס׳האָט אים אינטריגירט דער אַנעקדאָטישער סיפּור־המעשה. אָבער װי ס׳געשעט מיט גאוניםן, האָט דער מעכטיקער פּאָעטישער אויפבראַוז, די טיפע קענטשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה גובר געװען די טריװיאַלע אינצידענטן פון דער קאָמעדיע און זיי געשטעלט פולשטענדיק אין שאָטן. דער סוחר האָט זיך דערהויבן צו אַ טראַגישער הויך און דעמאָנישער גרויסקייט און אַלע גאָטספאַרכטיקע קריסטן זעען אויס אין זיין מחיצה װי ליליפּוטן. שיילאָק דערװעקט צאָרן, אָבער נישט פאַראַכטונג. אין געװיסע מאָמענטן (װי אין זיין באַרימטן מאָנאָלאָג), געשעט עס װי אין דער בלעם־געשיכטע: ער האָט געװאָלט שעלטן דעם זוכער

פון דעם פונט פלייש און גאָר באַזונגען דעם גערודפטן ייד און דעם באַ־לײדיקטן, געקריוודעטן פאַטער.

אָבער וואָס פאַרא פאַרשטעלונגען טראָגן אונדז צו די ישראלדיקע קינסטלערס? די קריסטן זענען אַלע ווייס ווי שניי און די יידן — שוואַרץ ווי וואָראָנעס. שײלאָק איז אַ לעבעדיקע קאַריקאַטור פון „שטירמער", אַ מיאוס, קליין באַשעפּענישל, אַ טיפּיש יידישע נאָז, לעכערלעכע זשעסטן, אַ שוואַרצע פאַרשווערונג־פּעלערינע, מיט פליגלען פון אַ קראָ. גייסטיק — אַ ווּוכערניק, וואָס שלינגט אַראָפּ כלאחר־יד דעם גרויסן דיאַלאָג. דער איינציקער אָפּגאָט — געלט, וואָס איז אים טייערער פון זיין קינד. נאָך מער ווי אין זיין נקמה און כעס איז דאָ געפאַלנקייט אין זיין מפלה. דער מענטש, וואָס האָט שטאָלץ געזאָגט, אַז ער וועט נישט עסן און נישט טרינקען מיט די קריסטן, נעמט אָן דאָס קריסטנטום אָן ספיקות פאַרן ביסל בידנעם לעבן און די פאָר דוקאַטן. די ליאַלקעס שפּילן אויף, ווי ער נעמט אויף דעם חזיר פון שמד און „סמאַטשקעט נאָך מיט די ביינדעלעך" און דער עולם־הזהדיקער גויישער געניסער (וואָס דער רעזשיסער טוט אים אָן אָן אומגעלומפּערטן מאַרטירער־קרייץ) פרייט זיך.

אָט אַזוי זעט אויס שײלאָק אין דער יידישער שטאָט תּל־אביב פאַר טויזנטער יונגע צושויערס, וואָס קריגן אויף אַזאַ אופן אַ בילד פון אַ יידן, מסתמא „אַ גלות־טיפּ".

אָבער פון דעסטוועגן וואָלטן מיר, ווי אַנדערע טעאַטער־ענטוזיאַסטן, אויך דאָס מאָל געשוויגן, אָדער פאַרשוויגן. מיר וואָלטן עס אַראָפּגעשלונגען פּונקט ווי ענלעכע סעקס־געוואַלט־פּערווערסיע־ און דעגענעראַציע־פאַר־שטעלונגען, וואָס פאַרפלייצן אונדזערע בינעס און וואָס זענען אָן אויסדרוק פון נאָכמאַלפּעווען מאָדעס פון מאַזאָכיזם און זעלבסט־שנאה. מיר וואָלטן זיך פאַרלאָזט אויפן געזונטן חוש פון דעם צושויער. סוף כּל סוף, ווער וויל עס „אונטערדריקן די פרייהייט פון קינסטלערישן אויסדרוק"? ווער וויל זיך עס איינרייסן מיט די וואָס זייער טאָלעראַנץ איז טיפער ווי דער אַטלאַנטיק?

אָבער זעט אויס אַז ווען מ׳הויבט אָן זיך גליטשן קייקלט מען זיך אַראָפּ ביז צום תּהום.

אין ירושלים עפנט זיך דער גרויסער און אימפּאָזאַנטער טעאַטער אין

ישראל און די פאַרשטעלונג, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן צו דער פייערלעכער דערעפענונג, צו דער גאַלאַ, אַזוי צו זאָגן, איז גראָד שיילאָק און גראָד אין דער אויבן דערמאָנטער אהבת־ישראל ווערסיע. נישט קיין ישראלדיקע אָריגינעלע פּיעסע און נישט קיין הומאַניטאַר ווערק, נאָר גראָד שיילאָק דאַרף זיין די בשורה פון ציון אין ירושלים און אין זיין נייעסטער פאַר־קריפּלונג? וואָס איז עס? וואָס פאַרווירט אונדזערע מוחות און פאַרסמט אונדזערע נשמות?

ווי האָט דאָס געזאָגט שעקספּיר? עס געשעען זאַכן וועגן וועלכע פילאָזאָפן האָבן נישט געחלומט. באַזונדערס ווען ס׳קומט צו יידן אין אונדזערע משונהדיקע צייטן.

1972

# יידיש־קאָנפערענץ אין קאַנאַדע

די ערשט־אָפּגעהאַלטענע יידיש־קאָנפערענץ אין מאָנטרעאָל איז געווען מער ווי אַ געלונגענער און אינהאַלטסרייכער צוזאַמענפאָר. זיין באַדייטונג באַשטייט אויך נישט בלויז (און אַפילו נישט בעיקר) אין דער היפשער צאָל אויפטוען און טעטיקייטן פאַר יידיש, וואָס ער האָט סומירט און גע־בראַכט צו דער עפנטלעכקייט. אויך דער פאַקט פון הונדערטער דעלעגאַטן און געסט אויף אַלע עפנטלעכע סעסיעס איז נישט די רבותא, וואָס מאַכט פון אים דעם וויכטיקסטן יידיש־צוזאַמענפאָר זינט דער יידיש־וועלט־קאָנ־פערענץ אין ירושלים. לויט מיין מיינונג באַשטייט די חשיבות פון אָט דעם צוזאמענפאָר אין עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן וועלכע זענען אייגנטימלעך פאַרן קאַנאַדער ישוב:

א) דער בכּבודיקער סטאַטוס אין דער יידיש־אָרגאַניזירטער געזעל־שאַפט. אין קאַנאַדע איז יידיש און יידישע קולטור אַ קהילה־אָנגעלעגנהייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עפּעס ענלעכס עקזיסטירט אויך אין אַנדערע

ישובים, אָבער אין אַ פּיל שוואַכערער פֿאָרם פֿון אונטערשטיצונג, אַלאָקאַ־ציִעס וכדומה (אַרגענטינע, דרום־אַפֿריקע און אַנדערע). אין קאַנאַדע האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט פֿון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, וועלכער איז אגב איינער פֿון די רעפּרעזענטאַטיווסטע אַלץ־אַרומנעמענדיקע יידישע קערפּערשאַפֿטן אין דער וועלט. די יידיש־אַנטוויקלונג איז די פֿאָפּו־לערסטע און גרעסטע. אַט דער מעמד איז אַנדערש ווי אינעם ריזיקן און שכנותדיקן ישוב, ווו יידיש לעבט אויף „קעסט" פֿון קהילה־צענטערס, פֿונדאַציעס און דאָ און דאָרט פּריוואַטע פּאַטראָנען. מיטן גאַנצן פֿאַר־שטאַרקטן אינטערעס פֿאַר יידיש און יידישער קולטור איז מען נאָך גאַנץ ווייט פֿון פֿאַרנעמען אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין די ריזיקע בודזשעטן פֿאַר די הצטרכותן און אויפֿגאַבן פֿון די וועלפֿעיר־פֿאָנדן.

ב) דער צווייטער און שוין גאָר בלוטער קענצייכן פֿון דער יידיש־באַוועגונג אין קאַנאַדע איז די עקזיסטענץ פֿון גרויסע און דערפֿאָלגרייכע נאַציאָנאַלע טאָגשולן. כאָטש חינוך־פּראָבלעמען האָבן נישט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף דער קאָנפֿערענץ (און עס איז אַ פֿעלער, וועלכן מ'דאַרף אויסמיידן אין דער צוקונפֿט) האָט מען אָט די דערפֿרייענדיקע דערשיינונג געפֿילט אויף טריט און שריט. ס'האָט באַפֿרייט די דעלעגאַטן, וואָס זענען אין דער גרויסער מערהייט געווען פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם וועלטלעכן סעקטאָר, פֿון אַ געפֿיל פֿון הילפֿלאָזיקייט און מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס לגבי דעם אָרטאָדאָקסישן טייל. אַלע אַנדערע, זייער וויכטיקע קולטור־אַספּעקטן און דערגרייכונגען ווי פּרעסע, טעאַטער, בילדונגס־טעטיקייטן פֿאַר דערוואַקסענע, זענען צווייטראַנגיק לגבי אָט דעם אלף־בית און דער סאַמע יסוד פֿון יידישער שעפֿערישקייט. דאָ איז אויסגעמיטן געוואָרן דער חלום, וואָס מאַכט יידיש פֿאַר אַן ענין פֿון עלטערע דורות (אגב, יינגער ווי אין אַנדערע לענדער).

ג) יידן אינטעגרירן זיך און פּאַסן זיך אַריין אין דעם „מולטי־קולטור־סיסטעם" פֿון דעם פֿיל־פֿעלקערדיקן אימיגראַציע־לאַנד. די פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג אונטערשטיצן ברייט און אָפֿן די עטנישע און קולטור־פּראָגראַמען פֿון די רעליגיעזע, שפּראַכלעכע און עטנישע גרופּעס ווערט אויסגענוצט (כאָטש נישט גענוג, לויט אונדזער מיינונג) דורכן ישוב. עס

גייט ווייטער ווי סובסידיעס פאַר יידישע שולן אין די קאַנאַדער פּראָווינצן. ס׳קען אַרומנעמען כמעט אַלע געביטן פון יידיש־ליטעראַרישער און קינסט־לערישער שעפערישקייט. עס איז געווען באַזונדערס צום באַמערקן וואָס די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל, דער צענטראַלער שטאָט פון דער קוויבעק־פּראָווינץ, וווּ פּראָבלעמען פון קולטור און שפּראַך זענען אַזוי שאַרף און גורלדיק. מיר זענען געווען אַנגענעם באַווירקט דורך די אויפטריטן פון רעגירונגס־פאַרשטייערס וועלכע האָבן געגעבן אַזאַ וואַרעמע (און מיר דאַכט זיך: אויפריכטיקע) אָפּשאַצונג פון דעם בייטראָג פון די יידן צו דער קוויבעקער קולטור און פון יידיש בפרט. עס איז אַ ווייטער מהלך פון אַנדערע יידישע ישובים, ווי למשל, אַרגענטינע מיט הערמעטיש געשלאָסענע קולטור־גרענעצן, וווּ יידן זענען אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין און זייערע אייגענע באַשיידענע כּוחות.

און דאָס וווּנדערלעכסטע: אין קאַנאַדע איז פאַראַן אַ שטיקל המשך־באַוועגונג. צווישן די וואָרטזאָגערס און פירערס פון דער קאָנפערענץ זענען געווען אַ צאָל יונגע יידיש־פּראָפעסאָרן (אַגב אַ טייל פון זיי זענען פּראָדוקטן פון די יידישע פאָלקסשולן), וועלכע האָבן גערעדט אַ פליסיקן יידיש. דער זייער אינטערעסאַנטער סימפּאָזיום וועגן יידיש ביי די יינגערע דורות איז נישט בלויז געווען אַ טעאָרעטישער ענין. עס איז דערוויזן געוואָרן באַ־שיימפּערלעך, אַז דאָס איז מעגלעך. זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די וועטעראַנען, די לערערס און שריפטשטעלערס, און זיי צוגעטיילט דעם כּשר פאַרדינטן כּבוד. אַוודאי טאָר מען נישט איבערטרייבן. ס׳איז דערווייל אַ באַשיידענע גרופּע, פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען דאָס אמתע יונגוואַרג. לעת־עתּה זענען זיי פון די ווייניקע, פון די זעלטענע און דערפאַר זענען זיי נאָך ליבער און טייערער.

נאָך דעם ווי מיר האָבן פּרובירט אַנאַליזירן די דערפאָלג־סיבות פון דעם צוזאַמענפאַר, ווייסן מיר, אַז מיר האָבן ווייט נישט אויסגעשעפּט דעם ענין. דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט אַיין „קלייניקייט" — די משוגעים לאותו דבר. אין דעם פאַל זענען עס געווען פּראָפעסאָר לערמער, דער נאַציאָנאַלער פאָרזיצער פון יידיש־דעפּאַרטאַמענט און שרה ראָזנפעלד, די עקזעקוטיוו־דירעקטאָרין. זיי קומט דער יישר־כּוח פאַר דער איבערגעגעבנ־

קייט און פעיקייט צו פאַרוואַנדלען אַ לאַנד־צוזאַמענפאַר אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַר יידיש. דער צוזאַמענפאַר אין מאָנטרעאָל האָט באַוויזן, אַז יידיש לעבט להכעיס די אַלע וועלכע האָבן זי שוין „ליקווידירט". די קאָנפערענץ־טעג זענען געווען יום־טובדיקע און פריידיקע. אַביסל נחת־רוח אין אונדזער גרויער ווירקלעכקייט.

1979

# מעדיטאַציעס

## רחמנות־מאָרד

אַ לענגערע צייט איז טיטאָס לעבן קינסטלעך פאַרלענגערט געוואָרן דורך טעכנישע מיטלען. פון אַלע שטאַנדפונקטן, אויסער דעם ריין קלינישן, איז דער מאַרשאַל טיטאָ געווען פאַר דער דאָזיקער צייט דאָס וואָס מען רופט אין ענגליש אַ „וועדזשעטייבל" (אַ געוויקס). דאָס גאַנצע פאָלק און די וועלט האָבן אים געזען אין זיין פאַרגליווערטקייט און הילפלאָזיקייט. נישט קיין קלענערער קאָנטראַסט צו זיין אַמאָליקער גרויסקייט און גבורה ווי דער טויט צום לעבן. עס איז געשען מיט אים אַ סך ערגערס ווי טויט: מען האָט אים אייגנטלעך שוין באַגראָבן לעבעדיקערהייט. בעת די קאָמפּעטענטע פּראָפעסאָרן האָבן „געראַטעוועט" זיין לעבן האָט מען גאָר אָנגעהויבן וועגן אים צו פאַרגעסן. פון צייט־צו־צייט פלעגט דערשיינען אַ נאָטיץ און מ'האָט זיך געהאַלטן אין וווּנדערן: „צי לעבט ער נאָך?" ער איז שוין מער נישט געווען קיין נייעס. איינע פון די מערקווערדיקסטע און דינאַמישסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער דור האָט געהאַט אַ נעבעכדיקן סוף. נישט קיין לעגענדע, נישט קיין העלד וואָס מען באַוויינט, נאָר אַ שטיק חומר.

שטעלט אייך פאָר: דער העלדישער פּאַרטיזאַנען־פירער, דער שאַפער פון אַ נאַציע פון פינף עטנישע נאַציאָנאַלע גרופּעס, דער אומאָפּהענגיקער שטאַטסמאַן, וואָס האָט, דער ערשטער צווישן קאָמוניסטן, זיך קעגנגעשטעלט דעם סאָוויעטישן קאָלאָס, דער טעאָרעטיקער פון יוגאָסלאַווישן

נוסח פון קאָמוניזם, דער פירער פון דער דריטער וועלט איז געלעגן אין אָנמאַכט און באַוווּסטלאָזיקייט. נאָר אַ גרויסער פּאָעט איז בכּוח צו באַ־שרייבן אָט דעם טראַגישן עפּילאָג.

די טיטאָ־טראַגעדיע האָט אויפגעוועקט אויף אַ שטאַרקן און בולטן אופן דעם וויכּוח וואָס גייט אָן וועגן „רחמנות־מאָרד". צי מעג מען און דאַרף מען קינסטלעך פאַרלענגערן דאָס לעבן פון דעם אומהיילבאַרן, דעם אויף זיכער צום טויט פאַראורטיילטן פּאַציענט, אָדער צי ס'איז בעסער פאַר אים און זיינע נאָענטסטע אים צו באַפרייען פון דיליידן און איבעררייסן דעם טעכ־נישן אָדער פאַרמאַצעווטישן מיטל וואָס דערהאַלט אים ביים לעבן? די געוויסן־דילעמע ווערט נאָך מוראדיקער ווען עס שטעלט זיך די פראַגע נישט בלויז פון אָפּהאַלטן דעם טויט, נאָר וועגן צואיילן דעם אומפאַרמייד־לעכן סוף. האָבן מיר דאָס רעכט צו אינטערווענירן אין דעם מיסטעריעזן און געטלעכן פּראָצעס פון לעבן און טויט? איז נישט דעם דאָקטאָרס מיסיע צו היילן, צו פאַרלענגערן דאָס לעבן אונטער אַלע באַדינגונגען און נישט ווערן אַ שופט?

אַוודאי איז דאָס אַ ריין טעאָרעטישע פראַגע. אין דער ווילדסטער פאַנ־טאַזיע קען מען זיך נישט פאַרשטעלן, אַז דאָס יוגאָסלאַווישע פאָלק האָט געלאָזט „דערמאָרדן זיין גאָט" און טיטאָ האָט געצאָלט דעם טייערן פּרייז פון גרויסקייט און פּאָפּולאַריטעט און פון זיין, מיר גלייבן, דער ערשטער פאַל פון אַ וועלטהערשער אין אַזאַ מצב.

דער ענין אַליין עפנט אויף אַ טריפנדיקע געוויסן־וווּנד און וועקט אויף אַ פראַגע. פאַר וועלכער עס איז נישטאָ קיין ענטפער, קיין אויטאָריטעט צו באַשטימען און די חוצפּה צו פּסקענען.

## חילול השם

„אין מערב־בערלין הייבט זיך אויף דער פאַרהאַנג איבער אושוויץ", דאָס איז דאָס קעפּל פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דזשאָן ווינאָקור פון בערלין, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „ניו־יאָרק־טיימס". ער דערציילט דאָרט וועגן אַ מאָדערניסטישער, אַוואַנגאַרדיסטישער פאָרשטעלונג פון חורבן. די

„פרייע פּאַלקסבינע״ האָט אויסגעקליבן אַלס עקספּערימענט דווקא אָט די הייליקע טעמע. באשר בכן דאָס אַלגעמיינע פּובליקום ווייזט צום באַדויערן אַרויס אַ גלייכגילטיקייט צו דעם ענין, דאַרף מען דעריבער אָט די גלייכגילטיקייט היילן דורך „שאָק״, דורך סקאַנדאַל, להכעיסדיקע אַרויסרופעריִשקייט, ניבול־פּה און אַפילו פּאָרנאָגראַפיע.

מיר האָבן די פאָרשטעלונג נישט געזען, אָבער דאָס וואָס עס גיט איבער דער קאָרעספּאָנדענט איז גענוג כּדי צו ביילן די פויסטן פון כּעס.

דער טעקסט איז גענומען מיט שינויים פון דער פּיעסע פון פּיטער ווייס „די אויספאָרשונג״. מ'האָט איינגעהאַלטן די דיאַלאָגן פון אוישוויץ־פּראָצעס אין פראַנקפורט, אָבער מ'האָט זיי אַרומגעריגלט מיט טעלעוויזיע־פּלוידערייען, אַ סצענע פון „דאָס איז דיין לעבן״ און שמועסן פון שיכּורים.

דער עולם זיצט אויף נאַכטקלוב־בענקלעך און קוקט זיך צו צו דעם רייצנדיקן ספּעקטאַקל, ווי אַזוי די לאַגער־דאָקטוירים לויפן אַרום ווי יינגלעך און טאַנצן סענסועלע טאַנגאָס מיט זייערע קרבנות. דאָס עדות־זאָגן ווערט געמאַכט אויף אַ נודנעם, מאָנאָטאָנעם אופן און די „סטאַרס״ קוקן אויף זייערע צושויערס מיט ביטול און זילזול. עפּעס ווי עס וואָלט זיי געגאַנגען אין לעבן צו זיין וואָס עקלהאַפטער.

די פאָרשטעלונג ווערט דורכגעפירט דורך אַקטיאָרן, פינף מענער אין ווייסע אָנצוגן און דריי פרויען אין עלעגאַנטע אָוונט־קליידער. זייערע פּנימער זענען פאַרגרימירט אין ווייסן אויף אַ צירקשטייגער. זיי גייען איבער פון ראָלע צו ראָלע, אַ מאָל פון קרבנות און אַ מאָל פון זייערע פּייניקערס.

דער זאַל איז באַלויכטן מיט קאָלירפולע לעמפּלעך ווי אין אַ בורלעסק־פאָרשטעלונג און די אַרטיסטן וואַרפן אַרויס פון זייערע מיילער אַזעלכע פּערל ווי „כ'האָב געמיינט, אַז דער רויך קומט פון אַ בעקעריי״ און „ס'איז נישט געווען מיין אויפגאַבע אויסצוגעפינען, וואָס עס קומט פאָר אין די גאַזקאַמערן״.

אָט די באַשרייבונג פון באַקאַנטן זשורנאַליסט (וואָס איז גענוג „מאָדערן״ און ברייטהאַרציק כּדי צו ריידן וועגן דעם אויף אַן אָביעקטיוון און געלאַסענעם אופן) איז בלויז מסתּמא אַ רמז, אַ פראַגמענט פון דעם „מייסטער־

ווערק", וואָס דער מחבר האָט געוואָלט אָנרופן מיטן פּרעטענציעזן נאָמען „אַן אָראַטאָריע פון זיבן לידער".

ווי עס דערציילט ווינאַקור, נעמט דער עולם אויף די פּיעסע מיט גאַנץ שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. ער ווערט גאָרנישט סקאַנדאַליזירט...

אַוודאי האָט מען פּראָטעסטירט. די וויכטיקסטע צייטונגען אין דייטש־לאַנד האָבן אָנגערופן די פאַרשטעלונג „אַן עקלהאַפטע אויפפירונג", „אַן אַטאַקע אויף מענטשלעכער ווערדע". דער פאָרזיצער פון דער ייִדישער קהילה גאַלינסקי האָט געפאָדערט אַראָפּצונעמען די פּיעסע פון דער בינע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכּוח אין דער פּרעסע מיט די שטענדיקע סטערעאָטיפּן וועגן פרייהייט פון קונסט אאַז"וו, אאַז"יי. מ'פּרווט, ווי שוין געזאָגט, רייניקן דעם שרץ מיט הויכע מאָטיוון. דאָס דייטשישע פּובליקום האָט זיך צוגעוווינט צו באַהאַנדלען דעם חורבן מיט טרויער־צערעמאָניעס, מיט אָפיציעלן דרך ארץ און דאָס איז פאַר אים גענוג צו „באַרויִקן דעם געוויסן". דאַרף מען אים, אַזוי צו זאָגן, „אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט".

אין אַלגעמיין איז עס אַ מין איזדיעקעווען זיך איבער די הייליקסטע געפילן. זאָל מען בישט דערציילן קיין באָבע־מעשׂיות וועגן דעם נייעם טעאַטער און זיין גרויסן איינפלוס. מיר צווייפלען צי עס איז טאַקע אַזוי אין דער ווירקלעכקייט, און אויב אַפילו יאָ, איז מוחל טובֿות. ביי אונדז פון דער ווייטנס זעט עס אויס וואַנדאַליזם איבער קבֿרים. עס איז אַזוי אומגלויבלעך, אַז עס גרענעצט זיך מיט פּאַטאָלאָגיע, מיט אַלע בייזע רוחות. ס'איז נישט קיין פאַרשטעלונג וועגן אוישוויץ, ס'איז אוישוויץ אַליין, אין אַ נייער אויפלאַגע.

1980

## באַגעגעניש מיט ווילי בראַנדט

כ'האָב דערוואַרט די זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט מיט ווילי בראַנדט מיט גרויס אינטערעס און שפּאַנונג. ערשטנס איז עס געווען מיין ערשטע

געלעגנהייט צו זען זיך פּנים אל פּנים מיטן גאַסט, וואָס איז אַן ספק איינער פון די גרעסטע שטאַטסמענער פון אונדזער דור. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט זען ווי אַזוי און מיט וואָס איז אַנדערש דער פאַרשטייער פון דער אַנדערער דייטשלאַנד? איז ער אַ בעל־תשובה? טראָגט ער אין זיך דאָס געפיל פון שולד פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו צו וועלכן ער געהערט? וויפל איז דאָ טיפע איבערלעבונג און וויפל קאַלטער חשבון אין זיינע פּאָליטישע צוגן לגבי מדינת ישראל? באַטייט עס פאַרשריט, אָדער צוריקגאַנג אין די קאָמפּליצירטע און עמאָציע־אָנגעלאָדענע אין די באַציִונגען צווישן די ביידע מדינות?

מיר זענען אויך געווען צופרידן, וואָס מיר באַגעגענען אים גראָד אין דעם און נישט קיין אַנדערן פאָרום, אויף אַ זיצונג פון דער הערשנדיקער אַרבעט־פּאַרטיי, אַזוי צו זאָגן צווישן סאָציאַליסטן, צווישן „אידעישע גע־נאָסן", צווישן פּאַרטייען, וואָס ביידע שטייען ביים רודער פון דער מאַכט און פירן אַן אַקטיוו מיט דער מדינה און מיט דער געזעלשאַפט; נישט אויפן מלוכה־פאָרום, נישט ביי אַן אָפיציעלער אויפנאַמע, אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, נאָר אין אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן פאָרום פון אַזוי צו זאָגן אייגענע מענטשן, וואָס האָבן אַ באַשטימטן געמיינזאַמען באָדן.

עס האָבן זיך פאַר מיר אויסגעשיילט פיר גאַנץ באַזונדערע עלעמענטן אין דער פּערזענלעכקייט פון בראַנדטן און אין דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. פּערזענלעך איז ער אַן אַנטציקנדיקע געשטאַלט. ער האָט עפּעס אין זיך פרישס און יוגנטלעכס אין זיין דערשיינונג, אַ פאַרכאַפּנדיקן שמייכל, אַ בליק, וואָס איז אי שטיפעריש, אי פאַרטרוימט, אַפילו חן־גריבלעך פון אַ וואַרעמען אינדיווידוום. די מילדקייט און די פאַרפירערישע גראַציע, וואָס פאַרשטעלט נישט דעם אויסדרוק פון אַנטשלאָסנקייט און מוט.

כ'האָב זעלטן ווען עס איז באַגעגנט אַ צוניפמיש, וואָס איז אין פלוג קעגנזעצלעך. יעדעס וואָרט איז קאָנטראָלירט און פאַרזיכטיק. יעדער גע־דאַנק גייט דורך דורך דער פּריזמע פון קאַלטן אַנאַליז און פון דעסטוועגן זעט אַלץ אויס ספּאָנטאַן, אומדירעקט און שמועס־אַרטיק. איך בין זיכער, למשל, אַז דער פּאָעטיש־לירישער קאַפּיטל תהילים פון חרטה, וואָס ער האָט געלייענט אין „יד־ושם", איז געווען קלוג און זאָרגפעליק צוגעגרייט

פון פאַרויס, אַזוי ווי אויך זיין קניען ביים דענקמאָל פון וואַרשעווער געטאָ איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון אַ פּלוצעמדיקער איבערלעבונג. אָבער ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז אַ פייערלעכער און סימבאָלישער ווערט אין זיין פילזאָגנדיקן באַטייט פאַרלירט דורך דעם וואָס ער ווערט צוגעגרייט פון פאַרויס?

ער איז אָן ספק אַ מענטש, וואָס דענקט אין ברייטע אידעישע טער־מינען און איז ווייט פון זיין נאָר אַ געשיקטער פּראַגמאַטישער פּאָליטיקער. ער האָט רעהאַביליטירט פּאָליטיש דייטשלאַנד און זיך אַליין געשאַפן אַ וועלטנאָמען און דערגרייכט היסטאָרישע שלום־רעזולטאַטן נישט צוליב געשיקטע מאַנעוורען, נאָר צוליב געוואָגטע היסטאָרישע קאָנצעפּציעס, וואָס דרינגען אַרויס פון אַ גאַנצער מערכה פון ווערטן און פּרינציפּן, וואָס ער פאַרקערפּערט און פאַרווירקלעכט מיט פלאַם און טאַלאַנט. אַ גרויסער פירער איז נישט נאָר דער וואָס „דעראָבערט״, נאָר וואָס קאָן מאַכן וויתורים און דאָס פאָלק גייט אים נאָך. איך גלויב אויך, אַז ער איז אָן איבערצייגטער סאָציאַליסט און וויסט „פון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט״, לאָזט זיך נישט פאַרבלענדן פון טאָג־טעגלעכע דערפאָלגן און האָט טיפע וואָרצלען אין וויזיע.

זיין אַנטי־נאַצי־רעקאָרד איז אַבסאָלוט. ער איז קריסטאַל־ריין אין דעם זינען און דער בלינדער מזל האָט אים געבראַכט אין גלות אַנשטאָט פאַר־פוילט צו ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיט דעם דערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס די אמתע און פאָלקסטימלעכע פריינדלעכקייט מיט וועלכער ער איז אויפגענומען אין ישראל.

ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז אַפילו די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָבן זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט זיין באַזוך און עס איז כמעט נישט געווען קיין דעמאָנ־סטראַציע, קיין פּראָטעסט, אַחוץ עטלעכע נעבעכדיקע קעגן־אַקציעס, וואָס האָבן נאָר אונטערגעשטראָכן די אַלגעמיינע, כמעט באַגייסטערטע אויפנאַמע.

מ׳קאָן דענקען אַז מ׳האָט, ווי דער שטייגער ביי אונדז, איבערגעצויגן דאָס שטריקעלע און אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. מיך פּערזענלעך האָט פאַרדראָסן די אידילישע באַגעגעניש אין אַ ישראלדיקן קיבוץ. מען מעג נישט צו פיל באַגייסטערט ווערן פון דעם „בראַנדט־פעסטיוואַל״ און מ׳קאָן

זיך פרעגן, וואָס וואָלט מען שוין מער געטאָן, ווען צו אונדז זאָל קומען טרומאַן, אָדער ניקסאָן צו לאַנגע יאָרן. אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון טאַקט און מאָס, און נישט פון פּרינציפּ און וועזן. די עצם אויפנאַמע האָט קיינער נישט קוועסטיאָנירט און קיינער פּרובירט נישט פאַרמינערן דעם היסטאָרישן באַטייט פון באַזוך אין דער שטאַרק דעבאַטירטער און אַפילו קאָנטראָווערסיאַלער מדינה דורך אַ פּרעמיער־מיניסטער פון אפשר דער שטאַרקסטער מדינה אין איראָפּע.

נישט נאָר דער מיניסטער און דער פאַכקענער, נאָר דער פּשוטער ייִד פון אַ גאַנץ יאָר אין ישראל, ווייסט, וואָס דאָס נאָך־מלחמהדיקע דייטשלאַנד טוט און וועט נאָך טאָן פאַר ישראל, וואָס איז אָרעם אין פריינד און וואָס שטייט אָפט אַ באַלאַגערטע איינע אַליין.

די צענטראַל־קאָמיטעט־זיצונג אינעם זוניקן נאָכמיטאָג אינעם אידעאָלאָגישן הויז פון בית ברל איז טאַקע געשווומען אויף רויִקע וואַסערן. אין זיין רעפעראַט אין אַ פיינעם ליטעראַרישן ענגליש האָט ער ברייט פונאַנדערגעוויקלט זיינע קאָנצעפּציעס וועגן איראָפּע, וועגן שלום, וועגן דער מעגלעכקייט פון שלום אין נאָענטן מזרח און וועגן זיין „באַלאַנסירטער פּאָליטיק" לגבי אַראַבער, געבונדן מיט אַ ספּעציעל געפיל און אייגנאַרטיקע צווישן־באַציונגען מיט ישראל. ס'האָט אין דער רעדע אימפּאָנירט דער אינטעלעקטועלער ניוואָ, די סינטעזע פון אַ דענקער, פון אַ שטאַטסמאַן און דאָס, וואָס דער פראַנצויז רופט אָן „עספּרי".

אַוודאי איז אויך זיין באַציונג צו ישראל און צום ציוניזם נישט קיין צופעליקע, נאָר אַ לאַנגיאָריקע און דרינגט אַרויס פון זיין סאָציאַליסטישן אַני־מאַמין. ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע קאַפּיטלעך וועגן זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט ישראל, וועגן זיין נאָכפאָלגן די ערנסטע דיסקוסיע אין דער סאָציאַליסטישער וועלט וועגן ציוניזם צווישן קאַוטסקי און בערנשטיין, למשל, וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער חלוצישער יוגנט. ס'איז אַ באַגרינדעטער ציוניזם פון אַ נישט־ייִד. אויך די דיסקוסיע נאָך דער רעדע איז געווען שאַקירנדיק נאָרמאַל. יונגע פּאַרטיי־פירערס האָבן גערעדט וועגן דער פּאָליטישער קיך, וועגן דעם פּראָבלעם פון יונגע אין

דער באַוועגונג, וועגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וועגן קאָאַליציע־פּראָבלעמען אא״וו.

פאַר אַ מינוט האָט מען פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין אַ יידישן לאַנד, קוים עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן. אויך דער גאַסט האָט אויסגעמיטן וועגן דעם צו רעדן, באַנוגנדיק זיך מיטן אַלגעמיינעם באַגריף פון „נישט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט״, אַ מין לעבלעכע באַצייכענונג פאַר דער שוידערלעכער טראַומע. אין דער פּאָליטישער עקספּאָזע זענען געווען עלעמענטן פון געפאַר. דאָס עקשנותדיקע זיך האַלטן ביים באַגריף פון אַ געמיינזאַמער אייראָפּעישער פּאָליטיק לגבי ישראל (אַ טייל פון זיין וועלן פאַרוואַנדלען אייראָפּע אין אַ געאָ־פּאָליטישער גאַנצקייט און כּוח), אַן ענין וואָס טראָגט מיט זיך סכּנות פאַר ישראל. דאָס אונטערשטרייכן די נאָרמאַליזאַציע פון די באַציונגען מיט אונדזער מדינה און די גלייכגעוויכט־טעאָריע מיט די אַראַבער, ווען זיי וואָלטן נישט געקומען פון אַ פריינד, וואָלטן זיי דערוועקט טיפע חשדים און דערמאָנט אין לאַנג פאַרגעסענע אַקאָרדן פון דער פריִערדיקער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וואָס האָט אפשר נישט ווייניק בייגעטראָגן צו דער 6־טאָגיקער מלחמה.

אָבער מער ווי דאָס האָט געפיינקט דאָס פאַרשוויַיגן דעם ברייטן יידישן פּראָבלעם, די באַקוועמקייט, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט דער גאַסט אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען געווען פיל יידן מיט אַ נומער אויף דער האַנט.

דער שרייבער פון די שורות האָט ביי זיך באַשלאָסן אַ ביסל איבער־צורייסן אָט דעם רויק־פּאָליטישן כאַראַקטער פון אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געפונען די גאַנצע פירערשאַפט פון דער מדינה און פון דער אַדבעטערשאַפט. נישט חלילה ווייל ער איז פילבאַרער, יידיש־לעכער ווי אַנדערע, נאָר פשוט ווייניקער באַלאָדן מיט אָפיציעלער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. איך האָב אים געפרעגט 3 פראַגעס:

1. ווי קומט עס, וואָס אין די היסטאָרישע טעקסטביכער פון דייטשישן פאָלק גייט מען אַריבער מיט שהי פּהי די שואה און מ׳פאַרשוויַיגט כּמעט דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט לגבי אַן אומשולדיקן און שוצלאָזן פאָלק? פאַר וואָס פאַרשטיקט מען דעם חרטה־

געפיל? פאַר וואָס איז מען מער נישט עולה־רגל קיין דאַכאַו? פאַר וואָס איז מען אַזוי פריי פון יעדן שפּור פון שולדיקייט־קאָמפּלעקס?

2. צי איז נישטאָ קיין דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דער אַגרעסיווער אַנטי־ישראל־שטעלונג פון דער דייטשישער לינקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיטן פאַרגעסן די שואה און מיט דעם כמעט אויסשטרייכן פון דער געשיכטע די בלוטיקע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, וואָס איז איינע פון די סיבות און טרייבקראַפטן פון שאַפן די מדינה?

3. צי ווייסט מען נישט, אַז די אַראַבישע אַמבאַסאַדעס אין דייטשלאַנד זענען אַנטיסעמיטישע אַגענטורן, וואָס רייצן קעגן דער יידישער קהילה און וואָס העלפן צו די נעאָ־נאַצישע און נעאָ־מיליטאַריסטישע כּוחות אין מערב־דייטשלאַנד, וואָס באַדראָען איר רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער?

צום שבח פון בראַנדטן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט די פראַגעס אויפגענומען מיט אַ טיפן ערנסט און מיט שטילער אויפמערקזאַמקייט. מיר דוכט זיך, אַז ער וואָלט זיך אַליין געוווּנדערט, ווען זיי וואָלטן נישט געשטעלט געוואָרן אויף אַ יידישער אַסיפה. ער האָט געענטפערט, וואָס ער האָט געענטפערט. ער האָט אָבער נישט פאַרלייקנט. ער האָט צוגעגעבן, ווייל אויב נישט דאָס, טאָ וואָס איז טאַקע די באַרעכטיקונג פאַר אַ ספּעציעלער באַציונג צו ישראל, ווי אומקלאָר און אומפאַרפליכטנדיק דער באַגריף זאָל נישט זיין?

ביי אונדז פאַרשטאַרקט זיך דער איינדרוק, אַז בראַנדטס פּעריאָד איז אַ צוריקטריט און נישט קיין פאַרויסגיין לגבי אַדענאַוערס תּקופה. מיטן לויף פון יאָרן דרייען זיך איבער די ראָלן — דייטשלאַנד האַלט אונדז אין איין טאָן טובות און מיר זענען דאַנקבאַר ביז זיך צו פאַרכלינען פון התפּעלות.

מיך שאָקירט, למשל, אַז גראַד דייטשלאַנד זאָל זיין דער פאַרמיטלער און זי זאָל אונדז ברענגען דעם שלום, צוליב איר דערפאַרונג, מאַכנדיק שלום מיט פּוילן, מיט מזרח־דייטשלאַנד און געווינענדיק פאַר דעם דעם נאָבעל־פּרייז. ס'איז אַ משל, כּחרס הנשבר. מיטן גאַנצן דרך־ארץ וואָלט איך וועלן, אַז זי זאָל צום ערשטן מאַכן שלום מיטן יידישן פאָלק, מיט

אַ צעבראָכן געמיט און טיפער הכנעה, איידער זי ראַטעוועט אונדז דורך פאַרמיטלעריי.

נאָך אַ מאָל, איך בין גרייט אָנצונעמען אַלץ, וואָס ניכטערע פּאָליטי־קערס זאָגן מיר, אַז דאָס אַלץ איז גוויטיק. ווי פלעגט זאָגן דער קלוגער ייד: „אויב מען מוז שוין עסן חזיר, איז כאָטש נישט סמאַטשקען די ביינדלעך"...

ס'קאָן זיין און מיר ווילן האָפן, אַז דער באַזוך פון בראַנדטן וועט נישט זיין אומזיסט. מ'זאָגט אונדז (און מיר זענען נישט קיין אינטעלעקטועלע סנאָבן, כּדי אין דעם מזלזל זיין), אַז ס'וועלן קומען מאַסיווע עקאָנאָמישע אינוועסטיציעס פון דייטשלאַנד קיין ישראל, אַז דאָס וועט אונדז העלפן אין פאַראייניקטן מאַרק, אַז נישט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער 4 אויגן צווישן בראַנדטן און גאָלדען ווייסן מיר, אַז דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן איז נישט אַלץ (כאָטש אויפריכטיק גערעדט, געפעלט אונדז נישט דאָס נישט אַרויסגעבן קיין געמיינזאַמען קאָמוניקאַט, ווי עס פירט זיך אַפילו ביי וויניקער פריינדלעכע מלוכות) — דאָס אַלץ איז ריכטיק. אָבער די היסטאָרישע דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט דעם „כבדהו וחשדהו".

ס'איז זיכער נישט בראַנדטס שולד, וואָס ער איז געבוירן אַ דייטש, ס'איז אָבער אויך נישט אונדזער שולד, וואָס מיר זענען געבוירן יידן. ווי וועט זיין צו אונדז, ווען מיר וועלן יעדע מינוט פון אונדזער לעבן דאָס נישט געדענקען. בוקר וערב וכל יום תּמיד. דערוויל איז עס נאָך די „בעסטע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק" פון פאָלק און פון מדינת־ישראל.

1977

# קרייסקי

מ'זאָגט אויפן פּרעמיער פון עסטרייך, ברונאָ קרייסקי, אַז ער איז אַ גאָר שטאַרקע פּערזענלעכקייט, אַ גלענצנדיקער פּאָליטיקער, אַ דורכגעטריבענער פּאַרטיי־פירער און אַן אָנערקענטע פיגור אין דער היפּשלעך קאָמפּליצירטן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אָבער מיט איין זאַך קען ער זיך נישט געבן קיין

עצה און דאָס איז, מיט דעם פאַקט — אַז ער איז געבוירן אַ ייד. אַט דער ביאָלאָגישער פאַקט יאָגט אים נאָך ווי אַ שאָטן. וויפל ער זאָל אים נישט וועלן פאַרטרייבן דורך דעם אָנשטעל פון גלייכגילטיקייט, דורך גרינג־שעצנדיקער באַציונג און באַגלייט מיט פאַרדרוס — שפּרינגט ער אַרויס מעשה שטן ביי יעדער געלעגנהייט.

וואָלט ער נישט געווען קיין פּרעמיער מיניסטער און אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, נאָר סתם — ברונאָ קרייסקי, וואָלטן מיר איבער זיינע מיינונגען אַריבער צום סדר־היום, ווייל אין זיין גאַנצער דערשיינונג איז נישטאָ קיין ברעקל אָריגינאַליטעט. ער איז טיפּיש ביז לאַנגווייל; אַן אַסימילירטער ייד מיט פיינטשאַפט־קאָמפּלעקסן לגבי זיין אָפּשטאַם. אמת, אַ ביסל אַנאַכראַניסטיש איז זיין גאַנצע וועלט־אָנשויונג און מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. די טעאָריע אַז „ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידיש פאָלק", די ביי**זוויליקע** שטעלונג צום ציוניזם, דאָס נישט געהערן צו דער יידישער קהילה א.אַ.וו. מ'קען צו אים נישט האָבן קיין טענות הלמאי ער איז נישט קיין ד'איזראַעלי, קיין לעאָן בלום, קיין מענדעס פראַנס, וואָס האָבן אין זייער הויכן מעמד נישט געפּרווט פאַרדעקן זייער יידישקייט, נאָר פאַרקערט — געטראָגן עס מיט שטאָלץ און אָפט מאָל אויסגענוצט זייער השפּעה פאַרן יידישן כלל, פאַרן ציוניזם און אסור מיר אויב ס'האָט זיי עפּעס געשאַדט אין זייער קאַריערע, דאָס האָט זיי נאָר היסטאָריש, פּאָליטיש און מאָראַליש דערהויבן. צי קען מען דען האָבן טענות צו אַ קראָ פאַר וואָס זי איז נישט קיין נאַכטיגאַל? פּונקט אַזוי וואָלטן מיר זיך אויך צוגעוווינט צו דער אויסטערליי־שער דערשיינונג, אַז גראָד דער יידישער גדול איז פון די יעניקע סאָציאַ־ליסטישע פירערס מיט אַזאַ באַציונג צו יידן, צו ציוניזם און צו ישראל, אַז ער איז דער קעגנזאַץ צו וואַנדערוועלדע, דע־ברוקער, הויסמאַנס, זשאַן לאַנגע, ווילסאָן, בראַנדט און אַנדערע גרויסע אַרבעטער־פירערס. מיר וואָלטן געזאָגט אַז ס'איז ווייזט אויס באַשערט אים צו זיין אַ ייד און אונדז — צו האָבן אַזאַ גדול.

ווען וואָלט דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען ברונאָ קרייסקי וואָלט זיך באַנוגנט מיט פּאַסיווער פיינטלעכער גלייכגילטיקייט, מיט סאַרקאַסטישער

קעגנערשאַפט און וואָלט נישט געווען אַזוי אַקטיוו אַנטי־ישראלדיק און אַזוי פּראָ־אַראַביש. דער יידישער דיבוק שטופּט אים צו אַן אומאויפהער־לעכער קייט פון מעשים און דערקלערונגען וואָס גרענעצן זיך מיט פּראָ־וואָקאַציע און ער נוצט אויס זיין שליסל־פּאָזיציע קעגן יידן אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן פון זייער געשיכטע. לאָמיר דאָ אויסרעכענען אַ ביסל פון די „מעשים טובים": דאָס שליסן די טראַנזיט־ביוראָ פאַר די סאָוויע־טישע עולים, די ליבעראַלע באַהאַנדלונג פון די טעראָריסטן, די אויפטריטן זיינע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דער שוידערלעכער וויכוח מיט וויזענטאַלן וועגן דער נאַצי־פאַרגאַנגענהייט פון זיינע קאָאַליציע־שותפים, אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל כעס און שוין גאַרנישט מיט שטאַטמענישע מאַניערן. און וואָלט ער נישט געווען קיין ייד, וואָלטן מיר געזאָגט אפילו אַנטיסעמיטיזם. אָבער אפילו דאָס איז געווען נאָר אַ פאַרשפּיל, דער אַנטי־ישראל־אַקטיוויזם גייט ביי אים „קרעשטשענדאָ": ער האָט גענומען די איניציאַטיוו און טאַקע אַנגעפירט מיט אַ ספּעציעלער „אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע" פונעם אינטערנאַציאָנאַל פאַרן נאָענטן מזרח. די קאָמיסיע זוכט מיט ליכט סאָציאַליזם אין די אַראַבישע לענדער און דעמאָקראַטיע אין סאַודיע, אין סיריע, אין די קאַליפאַטן. אָט גייט אים ממש אויס דאָס חיות צו עפּענען אַ ביוראָ פאַר דער „פּאַלעסטינער באַפרייונג־אָרגאַניזאַציע" און ער לויבט זי ביזן הימל, און ער „ווייסט באַשטימט", אַז זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טעראָר און געגעבן דערפאַר די גערעריקע גאַראַנ־טיעס (ווו, ווען, ביי וועלכער געלעגנהייט? — ב. פּ.). שוין אָפּגערעדט דערפון אַז ער נעמט אַנטייל מיטן גאַנצן האַרצן אין דעם געוועטלויף פון תהילות ותשבחות פאַר סאַדאַטן, וועגן וועלכן ער רעדט ממש מיט לירישער אַנטציק־קונג. ער איז קלוג, מענטשלעך א.אַ.וו. נאָר אין שוואַרצע שעפּס איז דאָ אין דער פאַסטאַראַלער לירישער לאַנדשאַפט פון נאָענטן מזרח — ישראל.

געבראַכט אָבער צום שרייבן דאָס אַרטיקל איז אַ זייער כאַראַקטעריסטישע ידיעה און דאָס מאָל נישט וועגן ישראל און יידן נאָר וועגן זיין אייגענער מדינה און פאָלק.

דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין ווין האָט איצט

פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאַקטן פֿון דער סאַמע לעצטער אויספֿאָרשונג וועגן נאַציסטישע נעאָ־נאַצישע שטימונגען אין עסטרייך.

אמת קיין אָפֿיציעלע, אָפֿן דעקלאַרירטע נאַציס, וואָס זאָלן אָנערקענען די סופּעריאָריטעט פֿון אַ ראַסע, דעם „פֿירער־פּרינציפּ" א. אַ. וו. זענען דאָרט נישט געבליבן מער ווי 5 פּראָצענט. דערפֿאַר אָבער איבערראַשנדיק גרויס איז די צאָל (אַפֿילו פֿאַר אַ טראַדיציאָנעל קאָנסערוואַטיוו און אַנטי־סעמיטיש לאַנד) פֿון פֿאַרבאַהאַלטענע נאַציס; נאָר 35 פּראָצענט וואָלטן זיך קעגנגעשטעלט דעם פּרוּוו אָפּצושאַפֿן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים; 40 פּראָצענט וואָלטן זיך נישט געמישט; 26 פּראָצענט — וואָלטן אַרויס־געטריבן, אַרעסטירט, אָדער אויסגעאיבט אַ שווערן דרוק אויף פּאָליטישע קעגנערס. נאָר 42 פּראָצענט האַלטן אַז אַלע אייראָפּעישע פֿעלקער זענען גלייך: 39 פּראָצ. גלויבן אַז עס זענען דאָ העכערע (פֿאַרשטענדלעך — די עסטרייכישע צווישן זיי — ב. פּ.) און נידעריקערע נאַציס א. אַ. וו.

ד״ר קרייסקי האָט זיך אַ מאָל אין אַ שמועס דערלויבט צו זאָגן (ער האָט עס קיין מאָל נישט אָפּגעלייקנט ב.פּ.), אין נוסח פֿון שלום־עליכמס טעפּל, אַז ס'איז נישטאָ קיין יידיש פֿאָלק, אָבער אויב עס עקזיסטירט יאָ, איז עס אַן עקלהאַפֿטע אומה. איז מילא, קיין יידישע קינדער אין די וויגעלעך וועלן חס ושלום נישט שטאַרבן פֿון דער אָראַגאַנטישער דערקלערונג, אָבער אין ליכט פֿון די אויבנדערמאָנטע פֿאַקטן וואָלטן מיר געראָטן דעם פּרעמיער לאָזן אונדז צו רו און זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכטן וועגן גייסטיקן פּרצוף און אידעאָלאָגיע פֿון זיין „אייגענעם" לאַנד און פֿון זיין „הייס געליבטן פֿאָלק".

ס'וואָלט אים זיכער נישט געשאַדט אַ ביסל מער פּראָפּאָרציע און זעלבסטקריטיק.

1976

# װענדונג און איבערברוך

(יוסף ערליך, דויער, ראָמאַן, פֿאַרלאַג „המנורה", תל־אביב 1978)

דאָס בוך „דויער" פֿאַרמאָגט אַלע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן פֿון דעם קרעפֿטיקן און אָריגינעלן פּראָזאַיקער יוסף ערליך. אין אַ געװיסער מאָס איז עס זיין געלונגנסטע שאַפֿונג. אויך אין „דויער" װערט דער טראָפּ געלייגט מער אויף דער געשילדערטער און מאָראַלישער לאַנדשאַפֿט, אויף די מענטשן־גרופּן און דער סביבה װי אויפֿן סיפּור המעשה. אויך דאָ פֿאַרכאַפּט דאָס בילדלעכע און קערנדיקע לשון מיט אַ נייגונג צום אידיאָמאַטישן. אָבער מיר דוכט זיך, אַז דער מחבר איז דאָ געגאַנגען אַ סך װייטער און אַז „דויער" איז אַ װענדונג און אַן איבערברוך.

מיר שטייען דאָ פֿאַר אַן אַמביציעזן פֿאַרמעסט אַרומנעמען פּאַראַלעל דריי יידישע ספֿערן: די גרינע, איינגעװאָרצלטע װעלט פֿון התישבות, די סביבה פֿון נויט, שװערע יסורים פֿון קליטה, די זון־פֿאַרשרפּעטע געצעלטן פֿון מעברות און די געשפּענסטיקע אַטמאָספֿער פֿון די לעבן־געבליבענע נאָכן היטלער־חורבן. די אַלע עולמות פֿאַרקניפּן זיך אין אַ גאַנצקייט, װאָס װערט דראַמאַטיש דורך דער יידנשאַפֿטלעכער געצוימטקייט, אין װעלכער עס האַלט זיי דער מחבר. דער צוזאַמענטרעף פֿון די דריי װעלטן װערט פּלאַסטיש אַרויסגעבראַכט דורך דער בריהשער קאָמפּאָזיציע פֿון ראָמאַן, אָבער קודם־כל גיסן זיי זיך צוזאַמען דורך דער פּערזענלעכקייט, דעם פּליט דוד. ער איז מער װי דער הויפּטהעלד פֿון דער געשיכטע. ער איז איר סאַמע רוקנביין, דער מחבר גיט אָפּ אַ סך פּרטימדיקע אויפֿמערקזאַמקייט דעם העלד און עס לוינט זיך. טראָץ דער טיפּישקייט פֿון זיינע איבערלעבונגען און בולטע קאָנטורן פֿון אויסזען און כאַראַקטער איז דוד אַ כאַראַקטעריסטישע און אינדיװידועלע פּערזענלעכקייט. אויף אים האַלט זיך דער גאַנצער קינסטלערישער בנין.

װי אינטערעסאַנט עס זאָלן נישט זיין די אַנדערע מאָטיװן און סיטואַציעס (דער ישוב אין די שפּעטע 40־קער יאָרן), די פֿיינלעכע קאָנפֿראָנטאַציע

צווישן נייע עולים און ותיקים, דער מערקווערדיקער פיינלעכער און היסטאָ־רישער עקספּערימענט פון די מעברות, די שמחות און טרויערן, וואָס ווערן געשילדערט מיט עפּישער רייפקייט, זענען זיי אייגנטלעך דער הינטער־גרונט. אַלץ דרייט זיך אַרום דודן, אַרום זיינע אָפּט זיך בייטנדיקע שטימונגען, זיין מערקווערדיקן גורל, די טראַגיק און די פרייד.

יוסף ערליך איז אַ מייסטער פון מאָלן פּייזאַזש און איר געפינט דאָ פּרעכטיקע מוסטערן פון שילדערן מדבר־פּעטע ערד, בלויע האָריזאָנטן, שטורעמס און ווינטן, דער מחבר קאָן דערציילן נישט נאָר וועגן מענטשן נאָר וועגן זידלונגען, קעגנשטאַנדן, פאַבריקן, הויפן, וועגן און סטעזשקעס — און אַלע לעבן ביי אים זייער זעלבשטענדיק לעבן. אָבער ווי שוין געזאָגט, אין דעם ראָמאַן „דויער" איז עס פון ווייניקער חשיבות. דער עיקר איז די מענטשלעכע נשמה און אירע פּיינען, קאָשמאַרן און ליידנשאַפטלעכע אויס־ברוכן און אין גענאָד פון דערלייזונג און געפונענעם גליק.

דער סיפור־המעשה איז איינפאַך און קורץ און ביי אַ קלענערן מייסטער וואָלט ער אפילו געווען באַנאַל. דוד האָט אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן אין דער שואה און ער קאָן בשום אופן נישט אָנהויבן אַ ניי לעבן. ער ווערט פאַרפאָלגט פון קאָשמאַרן. ער איז נאָר אויסערלעך און אויבערפלעכלעך אין דער רעאַלער וועלט. פאַקטיש לעבט ער אין דער פאַרגאַנגענער וועלט, געפינט זיך נישט קיין אָרט, נישט ביי די נייע עולים און נישט ביי די ותיקים, נישט אין פאַבריק און נישט אויפן פעלד און געפינט נישט קיין שלאָף און קיין טרייסט אפילו אין אַלקאָהאָל. ער גייט שנעל איבער פון ענערגישער טעטיקייט צו אָפּגעלאָזנקייט און דעפּרעסיע. אָבער אין זיין קרעפטיקן גוף און אין תוך שעפערישער נשמה ריזלען ברויזנדיקע כוחות. דאָס לעבן פאַרלאַנגט דאָס זייניקע. דער גוף פון דעם שיינעם מאַן ציט זיך און ציט צו פרויען. צוערשט נאָך עפּיזאָדן (לונאַ, רוזשאַ), שפּעטער צו דער גרויסער ליבע צו רינהן. דער ראָמאַן רינה — דוד איז אָריגינעל און אינטערעסאַנט. זיי קומען איינער צום צווייטן געלייטערטע אין יסורים און בייזע שטראָפן פון לעבן. זי פאַרלירט איר מאַן, דעם יונגן, העלדישן קאָמענדאַנט פון די גאַפירן און ער, ווי געזאָגט, אַלץ און אַלעמען. דער כמעט שטומער, אָבער פלוצעמדיקער און קעגנזייטיקער ליידנשאַפטלעכער

באַגער. דער נצחון פון לעבן איבערן פּאַטאַליזם, גיט דעם בוך אַ פרישקייט און אָריגינאַליטעט.

אַרום דודן און אַנדערע יחידים גראַוויטירן גאַנצע שיכטן פון מענטשן. אָט זענען די קאַליפּולע, אָריענטאַלישע יצחקים. אָט זענען די חלוצישע רחביהס. אָט איז דער צונויפגעזאַמלטער פּראָלעטאַריאַט פון די נייע עולים אין די קרינקיס־רעסטאָראַן, עס זענען די אָנהויבן פון דער אינדוסטריע; אָט איז די וועלט פון פלאַנצן און בעלי־חיים. אָבער מיט דעם אַלעמען איז נישט דאָס דער מחבר געווען אויסן. עס איז די געשיכטע פון אַ יידישער נשמה אין אונדזער צייט.

כ׳וויס נישט פאַר וואָס דער מחבר האָט אויסגעקליבן דעם נאָמען „דויער״. עס קאָנען אויף דעם זיין פאַרשידענע פּירושים. איינס איז אָבער זיכער: ער לאָזט איבער אַן איינדרוק וואָס דויערט. עס איז נישט קיין בעלעטריסטישע שפּינוועבס. מען זוכט אונדז דאָ נישט איבעררעשן מיט שפּראַך־אָרנאַמענטן. עס איז קאָרנדיק ברויט. עס איז קרעפטיק און... ערלעך.

1978

# די אויטאָביאָגראַפיע פון אבא אבן

געבן אַן אָפּשאַצונג און אַפילו שרייבן אַ געוויינלעכע רעצענזיע וועגן אבא אבנס בוך „מיין אויטאָביאָגראַפיע״ איז אַ קאָמפּליצירטע און ריזיקאַלישע אויפגאַבע.

ווען דאָס פּערזענלעכע לעבן פונעם מחבר איז אידענטיפיצירט מיט דער תקופה און סביבה קען אַ מאָל פּאַסירן, אַז דער רעצענזענט זאָל פאַרגעסן דעם אויטאָר און רעזומירן די פּאַסירונגען גופא, שרייבן וועגן דער ביאָ־גראַפיע פון דור און נישט וועגן בוך. אָבער דער מחבר גופא קומט אונדז דאָ צו הילף מיט זיין חוש פון באַלאַנס צווישן קאָלעקטיוון און פּערזענלעכן, מיטן טרעפלעכן איבערגעבן די איבערגעלעבטע פּאַסירונג. דאָס איז אבן

און נישט עמעץ אַנדערש, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ ראָל אין זיינע יונגע יאָרן ביי דער קאָמיסיע וואָס האָט רעקאָמענדירט די צעטיילונג און די שאַפונג פון דער יידישער רעזאָלוציע דורך דער אונ״אָ און געהאַט זיין לעגענדאַרן אויפטריט ביי דער זשענעווער קאָנפערענץ, זיינע דראַמאַטישע אינטערווענצן ביי די פירערס פון דער וועלט און די ווייטערדיקע גרויסע רעטאָרישע טריומפן אין הונדערטער אוידיענצן אין דער וועלט. דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט דער חנעוודיקער עפּיזאָדישקייט און אינטימקייט פון כמעט אַ פּערזענלעכן טאָגבוך.

ער האַלט נישט פון צו פיל באַרעדעוודיקייט ווען עס קומט צו ריין פּערזענלעכע אַספּעקטן פון זיין לעבן, אַפילו וועגן זיין ראָמאַן מיט סוזין (זיין פרוי) ווערט דערציילט כמעט פאַרבייגייענדיק, אָבער מיט רירנדיקער צערטלעכקייט. אָבער, ווי געזאָגט, קען מען אים נישט פאַרגעסן אויף קיין איין מינוט.

נישט קוקנדיק אויף דער געמיטלעכקייט פון טאָן, פעלן אין דעם בוך נישט קיין מאָמענטן פון דראַמע און שפּאַנונג. אין ישראל און אין דער יידישער וועלט האָט מען זיך געשאַפן אַ בילד פון אבנען ווי פון איינעם, וועמען די פייען האָבן געקושט ביים געבורט, ווי אַ בר־מזל, וואָס אַלץ קומט אים אָן לייכט. איז דאָס טאַקע אמת. עס רעדט זיך וועגן דער פענאָמענאַלער געראָטנקייט פון אויסדרוק, דער בליצשנעלער אָריענטאַציע און דער מזלדי־קער געלעגנהייט אויסצונוצן אין דער פולער מאָס זיינע טאַלאַנטן. דאָס איז אָבער נאָר איין זייט פון דער מטבע. דאָס בוך צעשטערט די אָנגענומענע מיינונג פון לויטער דערפאָלג. אבן האָט דורכגעלעבט שווערע מאָמענטן, צווייפלען, אַנטוישונגען. ער האָט זיך אָפט געדאַרפט ראַנגלען מיט זיך אַליין און אָננעמען באַשלוסן נאָך לאַנגע מאַטערנישן: אַ צוזאָגנדיקע גרויסע ווימנשאַפטלעכע קאַריערע, אָדער דינסט דעם ציוניזם? נאָענטקייט צו ישראל אָדער גרויסע פּאָליטישע טעטיקייטן אין די יידישע וועלט־צענטערס? מיר מעגן צוגעבן די אַלטערנאַטיווע צווישן אַ וועלט־קאַריערע און יידישער מנהיגות.

ער איז נישט דערשינען ווי אַ מעטעאָר. דער וועג פון אויפשטייג איז טאַקע געווען אַ לאַגישער אָבער נישט קיין ראַשער. מ׳האָט אים נישט

צוגעטראָגן די פּירערשאַפט אויף אַ זילבערנער טאַץ. אין בוך זעט מען דאָס קלעטערן פון די ציוניסטישע סטודענטן־צענטערס אין קעמברידזש צו דער באַרימטער ביורא פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן, פון אויסצייכענונגען אין דער מיטלשול און דרייפאַכיקע פּרעמיעס אין קאָלעדזש ביז צו דער הויכער רעפּוטאַציע אַלס אָריענטאַליסט און אַלס פירער פון מיליטעריש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס האָט אים דער־מעגלעכט דורכצופירן דעליקאַטע אויפגאַבעס און אָפּעראַציעס, פון הינטער־קוליסן־הילף ביים צוגרייטן ערשטראַנגיקע פּאָליטישע דאָקומענטן פאַר קאָ־מיסיעס, ביז צו סענסאַציאָנעלע דערפאָלגרייכע סאָלאָ־אויפטריטן פאַר אינ־טערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, וואָס הערן אים אויס מיט אַ געמיש פון באַוווּנדערונג און גענוס און מיט אַ רעספּעקט אַפילו מצד די קעגנערס.

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים איז אַז ער האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרלאָזט אויף דער גאָט־געבענטשטער אינספּיראַציע, נאָר ער האָט שווער און גרינטלעך געאַרבעט איבער זיך מיט דער האַרטער דיסציפּלין און דעם אויסדויער פון אַ וויסנשאַפטלער. אויך אין זיין וועלט־באַרימטער רעטאָריק אימפּאָנירט דער ערודיט, דער מייסטער פון שפּראַך מער ווי דער טריבון וואָס פאַרלאָזט זיך „אויף גאָטס גנאָד״. ער האָט אויך נישט די נאַטירלעכע נייגונג פון די „וווּנדערקינדער״ צו שפּילעוודיקייט און באַהעמיע. נאָר זיין ראַפינירטער, טרוקן בריטישער און סאַרקאַסטישער הומאָר מילדערט דעם ערנסט און גיט זיינע אויפטריטן דאָס געווירציקע און פּיקאַנטע וואָס אַמו־זירט דעם עולם צוהערערס. קורץ געזאָגט, ער איז נישט געקומען צו אונדז אַ גאַנצער און פאַרטיקער. ס׳האָט אים גענומען צייט ביז ער איז געוואָרן אבא אבן און, ווייל ער איז נאָך רעלאַטיוו יונג, בין איך זיכער, אַז דער פּראָצעס פון וואַקסן האָט זיך נאָך נישט געענדיקט.

די אויטאָביאָגראַפיע נעמט אַרום לאַנגע תקופות אין פאַרשיידענע מקומות, מיט באַזונדערע טעטיקייט־געביטן: קעמברידזש און לאָנדאָן, קאַירא, ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן, רחובות, הרצליה און ירושלים. מען קען נאָר באַוווּנדערן ווי אַזוי אין עטלעכע פּענשטריכן ווערן מיר אַריבערגע־טראָגן אין דער באַזונדערער אַטמאָספער, גייסטיקן און פּאָליטישן קאָלאָריט פון יעדן פּלאַץ און סביבה.

פון דער ביאָגראַפיע קריגן מיר אויך אַ באַגריף וועגן די מקורות פון זיין ברייטן אינטעלעקטועלן וויסן. העברעיִש פון דער פריסטער יוגנט אָן, דורך זיין זיידן, די קלאַסישע און מזרחדיקע האָריזאָנטן פון דער ענגלישער אַקאַדעמישער וועלט, א. אַ. וו. איינס איז קיין מאָל נישט געגאַנגען במקום אָדער אין סתירה צום צווייטן, נאָר פאַרקערט, אַ שטענדיקע באַפרוכפּערונג און קעגנזייטיקע יניקה. דאָס זעלבע בנוגע זיין פילאָלאָגישער בקיאות און חריפות סיי אין וועלטשפּראַכן (פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן אים פאַרן בעסטן ענגליש־רעדער נאָך טשערטשילן) און סיי פון אָריענטאַלע לשונות (אגב, מעג מען האָבן די חוצפה און ביי דער געלעגנהייט פרעגן אבנען, ווי קומט עס וואָס ער האָט זיך נישט אויסגעלערנט מאַמע־לשון? אסור, אויב ס'האַלט אים אָנגעקומען שווער...). אין דער גאַנצער שפּע זיינער זענען אָבער דאָ דריי קלאָרע און שאַרף אָנגעצייכנטע ליניעס פון מוח און האַרץ: די ברייטע וועלט פון וויסנשאַפט, יידישקייט, ציוניזם און הומאַניטאַרער, דעמאָקראַטי־שער סאָציאַליזם. זיי זענען נישט אידענטיש, אָבער ביי אבנען לעבן זיי בשלום און אין אַן אידעלער מאָזיאַיק.

☆

ס'איז אַ בוך פון אַ דזשענטעלמאַן. ליידער, זענען אָפט מאָל די אויטאָ־ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן זייער קליינלעך אין אינהאַלט; ס'איז אַ געלעגנהייט צו מאַכן חשבונות, פון זיך אָפּרעכענען. כ'האָב גענוג נאָכגע־פאָלגט אבנען אין די תפוצות, אין ישראל און אין דער באַוועגונג, כדי צו וויסן אַז ס'האָבן אים נישט געפעלט קיין אָפּאָנענטן, נישט־פאַרגינערס און נישט תמיד האָבן אים קעגנערס און נאָך מער אייגענע פאַרטיי־חברים, „געשאַנעוועט". איר געפינט פון דעם נישט קיין שפור אין דעם בוך. איר באַגעגנט דאָרט כאַראַקטעריסטיקעס פון צענדליקער, אויב נישט הונדערטער מענטשן. ער דערציילט וועגן מענטשן מיט וועלכע ער האָט ענג צוזאַמענ־געאַרבעט, מיט זיי, אונטער זיי אָדער איבער זיי. און ס'איז זייער נאַטירלעך, אַז ס'זענען פאָרגעקומען רייבונגען און קאָנפליקטן, אָבער איר האָט דעם איינדרוק אַז ס'גייט אים ממש אין לעבן אַרויסצוברענגען אין זיי דאָס ליכ־

טיקע און פּאָזיטיווע. ער האַלט זיך אַפילו איין פון דעם שוין דערמאָנטן סאַרקאַזם מיט וועלכן ער קען ממש קוילענען אַן אַ מעסער. דערביי איז ער ברייטהאַרציק און נעמט נישט אַלע אויפטועו און דערגרייכונגען פאַר זיך אַליין. ער קען זיך פאַרגינען זיך צו טיילן מיטן לויתן פון באַרימטקייט. דאָס איז אַוודאי ריכטיק בנוגע פערזענלעכקייטן, צו וועלכע ער פילט אַ באַזונדערע וואַרעמקייט און דאַנקבאַרקייט, צו לערערס, וועגווייזערס און עלטערע קאָלעגן ווי: שרתּ און חיים ווייצמאַן.

אפשר איז כדאַי צו פאַרענדיקן דעם איבערזיכט מיט דער פּרשה פון די באַציונגען צווישן אַבא אבן און זיין באַוועגונג, צו וועלכער ער געהערט פון דער פריסטער יוגנט אָן.

ס'איז אים נישט לייכט אָנגעקומען אַריינצוגיין אין דעם אינערלעכן ענגן קרייז פון דער פירערשאַפט פון דער באַוועגונג, נישט קוקנדיק אויף (ביזע צונגער זאָגן צוליב) זיינע פעיקייטן. כאָטש ער איז שטענדיק געווען געטריי און לאָיאַל צו דער פאַרטיי און איז מיט דער צייט נישט נאָר גע־וואָרן איר פירנדיקער וואָרטזאָגער, נאָר אויך אידעאָלאָג, האָט מען לאַנג געזען אין אים אַ פרעמדן, אַ וויטן. מען האָט אויך געשאַפן פון אים אַן אימאַזש פון אַן אויסטייטשער, אָבער בּנשט פון קיין וועגווייזער און פירער.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז זיין זיידע זאָל פאַרלאָזן יאַנושקע און אבן זאָל זיך דערציִען אין מערב־אייראָפּע און אים זאָל פעלן די סביבה און דער קאָלאָריט פון שטעטל, פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, פון החלוץ, בקיצור, אונדזער אייגענער אָקספאָרד.

כאָטש ער קען גענוי די באַוועגונג און אירע דאָמינירנדיקע געשטאַלטן (זע די טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון שרתן, אַרלאָזאָראָוון, גאָלאָמבן, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיינע בני־דור פון דער באַוועגונג), האָט מען עפּעס אַלץ נישט געטרויט זיין אינערלעכער, אָרגאַנישער לפני און לפנים קרובהשאַפט מיט דער מחנה. מען דאַרף בלויז האָפן, אַז די אויטאָביאָגראַפיע וועט אויך אָפּשאַפן די פאָראורטיילן.

אַוודאי וועט ער אַריין אין דער געשיכטע ווי „די שטים פון זיין פאָלק”. אָבער זייט ווען איז דער ווירטואָז ווייניקער וויכטיק ווי דער קאָמפּאָזיטאָר? ווי קען מען צעטיילן צווישן פאָרם און סובסטאַנץ? דער סטיל איז דער

מענטש און דער געדאַנק באַלעבט דאָס קונסטווערק און באַפרייט אים פון גולמדיקן חומר. אַזוי האָבן מיר אויך געפילט, ווען מיר האָבן געלייענט די אויטאָביאָגראַפיע. פאַר דער געדאַנקען־עשירות און געניטס דריקן מיר די האַנט פון מחבר מיט דאַנקבאַרקייט און יישר כוח.

1978

# „דאָס בשמים־ביקסל" און אַנדערע דערציילונגען פון יצחק יאַנאַסאָוויטש

(פאַרלאַג „קיום" — תל־אביב — בוענאָס־איירעס, 1979)

עס זענען אונדז אומבאַקאַנט די מאָטיוון פון יצחק יאַנאַסאָוויטש פאַרן אָנרופן זיין נייעם בוך „דאָס בשמים־ביקסל". איינס איז זיכער: די גאַנצע זאַמלונג פון דערציילונגען איז אַ בשמים־ביקסל; אַן אַנטיק, אַ דעליקאַט־קינסטלערישער חפץ, אַ זעלטנקייט. יצחק יאַנאַסאָוויטש איז איינער פון אונדזערע פיל־געשטאַלטיקע שרייבער, מיט אַ געראָטענער האַנט און ליטעראַרישע זשאַנערס: אַ פּאָעט, אַ פּובליציסט, זשורנאַליסט און עסייאיסט, קריטיקער און רעדאַקטאָר. אויך ווי אַ דערציילער האָט ער זיך דערוואָרבן אַ בכבודיק אָרט מיט אַן אייגענעם נוסח און סטיל. איר געפינט אויך אין דער איצטיקער סעריע גוט־באַקאַנטע מאָטיוון און טעמעס און דער עיקר זיין מערקווערדיקע שפּראַך. דאָך איז די זאַמלונג ניי און איבערראַשנדיק, נישט בלויז פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל, נאָר פון און פאַר אים אַליין.

ס'איז שווער צו קלאַסיפיצירן דאָס בוך. אַלץ איז אַרומגעוויקלט מיט פּאָעטישן נעפּל. מיר זענען אַפילו נישט זיכער, צי דאָס זענען דערציילונגען אין קאָנווענציאָנעלן זין פון וואָרט, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי האָט נישט קיין סיפּור־המעשה. דאָס זענען מאָנאָלאָגן, סובטעלע, ווייטע זכרונות,

חסידישע מעשהלעך. אָפּט מאָל ווערן זאַכן איבערגעגעבן בכּיוונדיק אין אַ פּאַרמלאָזער ספּאָנטאַנישקייט. דעריבער האָט ער טאַקע אויסגעקליבן דעם מאָנאָלאָג פּאַר זיינע העלדן און די שמועס־אַרטיקע דערציילונג פֿאַר זיך אַליין.

דאָס בוך נעמט אין זיך אַריין אַן עולם ומלואו פון טעמעס: דעם חורבן אין זיין גרויליקסטער, ברוטאַלסטער און טראַגישסטער פאָרם („דער ערש־טער טאָג״), די דערהויבנקייט און די גרויסע גבורה פון קליינע מענטשעלעך אין פאַרוואָרפענע געגנטן פון סאָוויעטישן אַזיע („אין די טאַלגאַרער בערג״, „אין דער פרעמד״), די יסורים און איבערלעבונגען פון אימיגראַנטן אין זייערע נייע היימען, מיט אַלטע קאָמפּלעקסן און נייע צרות, צוזאַמען מיט טשיקאַווע לאַנדסמאַנשאַפטן־קוריאָזן („אַ משפּט צווישן לאַנדסלייט״, „דאָס בשמים־ביקסל״, „צוויי מעשות וועגן יורשים״). די איינציקע אין זייער מין: זכרונות פון דער פריסטער קינדהייט, אַלט־פרענקישע חסידישע מעשהלעך, זכרונות פון זיין שטעטל, ליטעראַרישע מעמוארן און אַפילו פּאָליטישע סאַטירע („טויבן און קראָען״). מיר האָבן זעלטן געזען אַזאַ עשירות אין סך הכּל 20 דערציילונגען. די קאָנדענסירטקייט ווערט נאָך מער בולט, ווען מען נעמט אין אַכט די באַרעדעוודיקייט פון די העלדן פון זיינע מאָנאָלאָגן און די בנעימותדיקייט און געלאַסנקייט פון זיינע שילדערונגען, וואָס מאַכן יאַנאַסאָוויטשן פאַר אַ גלענצנדיקן „סטאָרי טעלער״.

דאָס בוך האָט שאַרף אָנגעצייכנטע דריי טיילן: די גרויסע דערציילונ־גען אויף ערנסטע טעמעס, די מעשיות פון זיין שטעטל און די קינדער־זכרונות. דאָס זענען באַזונדערע וועלטן: יעדע אָפּטיילונג וואָלט געקענט אַרויסגעגעבן ווערן ווי אַ באַזונדער בוך. פון דעסטוועגן זענען עס נישט קיין אָפּגעריסענע פראַגמענטן, וואָס אונדזער דערציילער האָט צונויפגעז־זאַמלט אונטער איין דאַך. אין דער פאַרשיידנקייט איז פאַראַן אַן איינהייט־לעכקייט. ס׳איז נישט קיין אַנטאָלאָגיע און אַפילו נישט קיין אָפּקלייב.

די איינהייטלעכקייט געפינט זיך אין דער פערזענלעכקייט פון מחבר און זיין קינסטלערישער אייגנאַרטיקייט. ס׳איז יאַנאַסאָוויטש אין זיינע רייפע, מילדע און כאַראַקטעריסטישע שעהען פון יצירה. ס׳איז פאַראַן די קונסט פון שמועס, דער פיינער הומאָר און אַפילו סאַטירע, וואָס גייט צוזאַמען

מיט דער ווייכקייט און לירישקייט פון געמיט און דאָס אומוואָרשיינלעכע אין די כּלומרשט גרויע און טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען.

אַוודאי ווייסן מיר, אַז עס איז בלויז אַ טייל פון יאַנאַסאָוויטשעס וועלט. אין בוך שפּיגלען זיך נישט אָפּ די אַלע לענדער און סביבות, אין וועלכע ער האָט געלעבט און געשאַפן און וועלכע האָבן אַגב געקראָגן זייער אויס־דרוק אין אַנדערע ביכער — ווי למשל סאָוויעט־רוסלאַנד, פראַנקרייך, ישראל. אָבער מיר ווילן אים דאַנקען פאַר דעם וואָס ער האָט אונדז גע־געבן. ווי געזאָגט אין אַנהויב, איז עס אַ בשמים־ביקסל, אַ קידוש־בעכער, אַלץ וואָס מיינט סובטעלער געניוס.

1979

# אַ ווערטפול בוך

„אַן אַמעריקאַנער חלוץ־סאָלדאַט אין ישראל", פון בן ציון אילן (ענגליש). אַריינפיר פון גאָלדע מאיר. רעדאַגירט פון נחום גוטמאַן און שירלי לאַשנער.

די ליטעראַרישע ווערט פונעם צאַרטן און באַשיידענעם בוך געפינט זיך אין... זיין נישט־ליטעראַרישקייט; אין מאַנגל פון פּובליציסטישע און וויסנשאַפטלעכע פּרעטענזיעס. אויבן־אויפיק זעט עס אויס ווי אַ רייע פראַגמענטן צונויפגעקליבן און אָפּגעקליבן דורך דער געניטער האַנט פון די רעדאַקטאָרן. אָבער פאַקטיש איז דאָס בוך „אַן אַמעריקאַנער חלוץ און זעלנער אין ישראל" (אגב, אַ קעפּל, וואָס זעט אונדז אויס צופיל אַלגעמיין און צו־טרוקן. עס האַרמאָניזירט נישט מיטן אָריגינעל־פּערזענלעכן און אינטימען טאָן פון בוך) אַריבערגעוואַקסן די דימענסיעס און כּוונות פון זיינע אַרויסגעבערס.

ס'איז דערמיט נישט בלויז געשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט פאַר אַ קעמפערישער, בויערישער און אָריגינעלער פּערזענלעכקייט; נאָר עס איז אויך אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַ־

ליסטישער באַוועגונג און חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין ישראל און אין אַמעריקע.

ס׳איז אַ טאָפּלטער ווונדער פון פאָרם און אינהאַלט. אין בוך זענען בלויז פאַראַן עטלעכע אויספּירלעכע אָפּהאַנדלונגען: אַ גרעסערע אַרבעט וועגן בערל קאַצענעלסאָן; דער רוף צו דער יידישער יוגנט, וועלכער איז ממש אַ קלאַסישער דאָקומענט; דער זייער וואָגיקער מעמאָראַנדום וועגן דער שארית־הפליטה, וואָס ער האָט צוגעשיקט צוזאַמען מיט חוטר ישי צו אייזענהאַוערס הויפּט־קוואַרטיר אין אייראָפּע; די רעדע בעת זיין אָפּי־ציעלער שליחות צום הסתדרות־קאַמפּעין. דאָך מאַכט דאָס ביכל אַן איינ־דרוק פון שפע. ס׳איז נישט „אַלץ צו ביסלעך״, נייערט אַ גאַנצקייט.

וואָס איז אין דעם ווערק נישטאָ? ביאָגראַפישע נאָטיצן פון די קינדער־יאָרן, איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און ליידן אין קיבוץ. טשיקאַווע שיל־דערונגען פון דינסט אין זיין מאַיעסטעטס אַרמיי, אין דער יידישער בריי־גאַדע, דערשיטערנדיקע באַגעגענישן מיט די מענטשן פון די לאַגערן בער־גען־בעלזען און דאַכאַו, ווערטפולע מעדיטאַציעס וועגן אינערלעכע פּראָ־בלעמען פון קיבוץ, אַ רייזע־פּנקס... און ווידער־אַמאָל: דאָס אַלץ ווערט געגעבן אין לאַקאַנישער טרוקנקייט. יעדער פראַגמענט וויברירט ממש מיט לירישער פרישקייט.

דאָס וויכטיקסטע אין דער זאַמלונג איז בעני אילן אַליין: אַן עכטער מוסטער פון אַן אַמעריקאַנער חלוץ. אַוודאי איז ער, צום גליק, נישט דער איינציקער צווישן אַמעריקאַנער עולים, וועלכע האָבן געלייגט זייער אַרי־גינעלן שטעמפּל אויף דער ישראלדיקער געזעלשאַפט. אָבער ער איז אייגנ־אַרטיק. אין אַ געוויסער מאָס איז ער ענלעך צו זיין עלטערן חבר, דעם מאַרטירער און העלד, לערער און דערציער ענצאָ סערעני, וועמען בעני האָט געזוכט (נאָך זיין אומקום) אין די לאַגערן.

וואָס האָט ער אַלץ נישט דורכגעמאַכט אין זיין שטורמישן און אין תוך גליקלעך־שעפערישן לעבן? ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער ציוני־סטיש־סאָציאַליסטישער און גלייכצייטיק טראַדיציאָנעלער היים פון ד״ר ישראל אַפּלבוים, ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, שפּעטער אַליין אַ דערציער. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר

און פירער פון אַמעריקאַנער טייל פון קיבוץ אפיקים, אַן אמתער שד״ר, וועמען מען האָט אומאויפהערלעך אַרויסגעריסן פון זיין היים און געשיקט אין שליחותן: אין דער ערשטער עליה־דעלעגאַציע פון די ערשטע פאַר־שטייערס צום יוניטעד דזשואיש אַפּיל; אַ ספּעציעלער שליח פון דער הגנה אין אַמעריקע; דער אָנפירער פון נחל־דעפּאַרטאַמענט; טוער פון פּאָליטישער אַרבעט ווי מיטגליד פון מפא״י־סעקרעטאַריאַט; אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין רפ״י.

ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין אידעאָלאָג און האָט נישט פּרעטענ־דירט דאָס צו זיין, כאָטש די אויסגעקליבענע פראַגמענטן באַווייזן אַ טיף אַריינדרינגען אין פּראָבלעמען און שיינקייט פון סטיל. ס׳איז ביי אים געווען, ווי ביי אַ סך אַנדערע פון זיין מין, דער גאָט־געבענטשטער סינטעז צווישן מעשה און מחשבה. ס׳איז שווער פונאַנדערצוטיילן וואָס עס קומט פריִער.

ער איז שטענדיק געווען באַוווסטזיניק און דורכגענומען מיט דער אחריות פון זיין שליחות: „איך האָב געדעקט צענדליקער טויזנטער קילאָ־מעטערס, זעלטן געשלאָפן, נישט־רעגולער געגעסן און געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק: ראַטעווען די רעשטלעך פון מיין פאָלק" און „ווען איך שרייב איצט, ווערן געבוירן נייע זאַכן. די בריגאַדע שטייט אויפן שוועל פון דעם גרעסטן עקזאָדוס פון אייראָפּע און איך בין איינער פון די אויס־דערוויילטע, וועלכע האָבן דעם שליסל צו עפענען די טויערן".

גאָלדע מאיר, צו וועלכער ער — ווי זיין גאַנצע משפחה — זענען געווען זייער נאָענט, שטעלט זיך אָפּ אין איר „וויכטיקן אַריינפיר צום בוך וועגן דעם אידעאַליזם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דאָס איז צו אים געקומען, קודם כל, פון טיפער ייִדישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווי זאָגט ער עס? (זייט 88) „מיר דאַרפן גיין און גרייכן צו די סאַמע וואָרצלען פון אונדזער באַוועגונג און פאַרשטאַרקן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט טראַדיציע. מיר דאַרפן אַנטוויקלען אין זיך דאָס געפיל פון צער־האומה, צוזאַמען מיט אהבת ישראל".

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך „צוריקגעצויגן", אָבער פּאַקטיש האָט ער זיך פאַרנומען מיט טעכנאָלאָגישע פאָרשונגען און אַר־

בעטן פֿאַר דער באַרימטער אפּיקים־פֿאַבריק. ער האָט ווי אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל, וואָס איז אָבער ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן דורך זײַן פּריי־צײַטיקן טויט. מ׳קען וועגן אים זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געשריבן וועגן קאַצענעלסאָנען. ער האָט געהאַט די ערנסטקייט, זאָרג און אומרו, וואָס איז קאָנטראַלירט געוואָרן דורך אמונה, דורך עשקנותדיקן גלויבן — אָן אַנטשלאָסנקייט, וואָס קומט פֿון אידלקייט און צאַרטקייט.

די אַלע, וואָס האָבן זיך מטפּל געווען מיט אַרויסגעבן דאָס בוך דורך „די לעיבאָר זאַיאָניסט לעטערס", קומט אַ האַרציקער יישר כּוח.

1979

## פּרעמדע פֿעלדער — אייגענע ערד

„פּרעמדע פֿעלדער — אייגענע ערד" פֿון יחיאל גראַנאַטשטיין, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ

יחיאל גראַנאַטשטיין האָט געדאַרפֿט אַריבערקומען אַ סך מכשולים, כּדי זײַן בוך „פּרעמדע וועלדער — אייגענע ערד" זאָל אַרויסקומען אַזוי געראָטן, איינדרוקספֿול, טיף רירנדיק — אַ וואָגיקער בייטראַג צו דער חורבן־ליטעראַטור.

ערשטנס: די „טעמע". וויפֿל הונדערטער ביכער זענען שוין (נאָך אַלץ צו ווייניק) געשריבן געוואָרן וועגן חורבן, אַ סך דורך אונדזערע גרעסטע יידישע און העברעיִשע שרייבערס? דאָך איז גראַנאַטשטיינען געלונגען אָנצושלאָגן אַן אייגענעם אָריגינעלן טאָן, אפֿשר איז דאָס בזכות דאָס אינטים־פּערזענלעכע, כּאָטש נישט דירעקטע אויטאָביאָגראַפֿיע, וואָס וואַלט דאָס בוך פֿאַרוואַנדלט אין אַ זכרונות־אַלבאָם אָדער אין נאָך אַ דאָקומענט צווישן אַנדערע.

צווייטנס: די „טענדענציעזקייט". ס׳איז אַ בולטער, אָפֿענער רעליגיעז־ציוניסטישער בוך. די ראַפֿינירטע קריטיקערס און רעצענזענטן, וואָס זענען

געוווינט מיט דער מאָדערנער אידעענלאָזער ליטעראַטור, וועלן אין דעם זיכער געפינען אַ פּגם. ס'האָט געקענט ווערן אַ מין „רעאַליסטישער ציוניזם" (לויטן שטייגער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם). ס'האָט אָבער גראַנאַטשטיינען געראַטעוועט זיין גרויסער טאַלאַנט און, דעם אמת זאָגנדיק, עס איז נישט דער עיקר. דער הויפּט־העלד, ר' מרדכי־פייוול צווייגענרייך וואָלט געקענט נישט זיין ביידע זאַכן און דאָך פאַרבלייבן אַ טראַגיש־העראָישע פיגור, אַ פאַרקערפּערונג פון וויטאַליטעט, יסורים און ליידן און ווידערשטאַנד.

אַוודאי קען מען האַלטן פאַר אַ חסרון די „שוואַרץ־ווייסע" צעטיילונג צווישן די ייִדיש־חסידישע טיפּן און די גויים, וואָס זענען אַלע (אויסער דער ליכטיקער געשטאַלט פון סאָלטיס אַלעקסי) רשעים גמורים. אַפילו אין דער טראַגישער חורבן־ווירקלעכקייט זעט עס אויס אַ ביסל מעכאַניש. די ייִדישע העלדן זענען צו פיל „טלית שכולה תכלתדיק", אָן קאָמפּליקאַציעס און צו ווייניק מענטשלעך. אָבער דאָס ווערט דורכן לייענער פאַרגעסן. אַזוי גרויס איז די ליבע פונעם מחבר צו זיינע אומגעקומענע לאַנדסלייט, אַזוי גרענעצלאָז זיין בענקשאַפט צו זיי, אַז ער רייסט אונדז אַלעמען מיט. אויך מיר ווערן „נישט־אָביעקטיוו" און סענטימענטאַל.

דער געבוי אַליין פון ראָמאַן איז שוין גאָר נישט קיין געוויינלעכער און אַן אַנדער מחבר וואָלט זיך דאָ געקענט לייכט אויסגליטשן. דאָס ווערק איז צעטיילט אין צוויי ראַדיקאַל פאַרשיידענע טיילן. דער ערשטער איז אין גאַנצן געווידמעט דעם שטעטל, וואָס ער באַשרייבט בנעימותדיק און דער צווייטער — צו די גרוילן פונעם חורבן. פון דעסטוועגן איז דאָס ווערק האַרמאָניש און איינהייטלעך. דאָס זענען אַפילו נישט קיין צוויי באַזונדערע קאַפּיטלען. אָט די גאַנצקייט דאַרף מען נישט בלויז פאַרדאַנקען דער איינהייטלעכקייט פון סטיל און דעם דערציילערישן נוסח, נאָר עפּעס טיפערס: אויך אין דער שטילער סביבה פון שטעטל הערן זיך שוין די פאַרשטיקטע דונערן פון די אָנקומענדיקע געוויטערס (ווי למשל: אין דער פרעכטיקער דערציילונג וועגן אביגדור סטעלמאַך, וואָס דערהויבט זיך צו עפּישער גרויסקייט און דערהויבנקייט, אָדער דער טויט פון ר' מרדכי־פייוולס טאָכטער חנהלע, אַלס רעזולטאַט פון אַ כוליגאַנישן אָנפאַל). אין דער

באַשרייבונג ווידער פון דער שואה איז ער נישט געגאַנגען אויף די ברייטע מיט בלוט פאַרגאָסענע שליאַכן, נאָר אויסגעקליבן דעם זייטיקן וועג פון די איבערלעבונגען פון יחידים. נישט דעם אויסגעמאָרדעטן כּלל ישראל, נאָר ר׳ ישראל, וואָס איז ר׳ מרדכי־פּייוול און זיינע ידידי נפש.

ס׳בלייבט אונדז נאָך אַנטקעגנצוקומען און אָפּוואַרפן אַ כּמעט זיכערע קריטיק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ צו שטאַרקער השפּעה פון שלום אַש און אַז ר׳ מרדכי־פּייוול איז אַ ווערסיע פון ר׳ שלמה נגיד. אַוודאי זענען פאַראַן צווישן זייביידן ענלעכע שטריכן. ביידע זענען פּאַטריאַרכאַלע פיגורן, גבירים, מצוות־אָפּהיטנדיקע און גוטהאַרציקע. אָבער פּונקט אַזוי זענען בולט די קעגנזאַצן; ר׳ שלמה נגיד איז ערדישער, סענסועלער, עולם הזהדיקער. ער איז קודם כּל דער גביר און דערנאָך דער מענטש. ר׳ מרדכי־פּייוול איז קודם כּל דער פרומער ייִד, דער חסיד און דערנאָך דער גביר. אין זיין פאָטער־געשטאַלט (אפשר אַן עכאָ פון זיין אייגענעם טאַטן) האָט גראַנאַטשטיין געוואָלט פאַרקערפּערן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן. ס׳איז אַ ספק צי ר׳ שלמה נגיד וואָלט זיך געקענט דערהויבן צו דער גבורה און טראַגישער טיפקייט פון ר׳ מרדכי־פּייוול, וועלכער האָט געקעמפט מיט אַלע פּורעניות און זיי בייגעקומען.

וואָס איז דער סוד פון דער גרויסער ווירקונג פון בוך? מיט וואָס פאַראַ כּוח געלינגט עס אים אונדז צו צווינגען מיט אים מיטצוגיין, סיי אין די פרעמדע וועלדער און סיי אין דער אייגענער היים? פאַר וואָס לעבן מיר מיט מיט דעם חורבן, אַפילו די צווישן אונדז וועלכע זענען אין טרעבלינקע נישט געווען? פאַר וואָס, ווען מיר לייענען דאָס בוך, שטייט אונדז דער טויט פאַר די אויגן? אונדז דוכט זיך, אַז מיט דעם ווערק איז געשען דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן פילם „האָלאָקאָסט”, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוואַלדיקע השפּעה, טראָץ דער אָרעמקייט און דאָ און דאָרט וווּלגאַריטעט. גראַנאַטשטיינס ראָמאַן איז אומפאַרגלייכלעך טיפער, קאָמפּליצירטער, אָבער אין ביידע פאַלן האָט מען אַרויסגענומען דעם חורבן פון די אַלגעמיינע ממש אומאָננעמבאַרע דימענסיעס און זיך קאָנצענטרירט אויפן איינצלנעם. זעקס מיליאָן איז אַן אַבסטראַקציע. איין משפּחה און איר אומגליק איז קאָנקרעט און באַשיימפּערלעך. אַ מענטש איז מער ווי אַ

מענטשהייט און אַ יחיד איז אַ סך נענטער ווי אַ גאַנצע עדה מענטשן.

„פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד" איז די דערציילונג פון אַ וואַלד־סוחר, זיינע טעכטער, זיין ווייב, איטע, זיינע חסידישע פריינד, די לעוזער־טאָווער גאַס, דער כּמעט הייליקער איטשע־בער, די שמחות און טרויער (ווי דער טויט פון זיין יונג טעכטערל חנהלע), זיין ערשטער פּרווו עולה צו זיין קיין ישראל און דאַן, און דאַן זיין ענדגילטיק איינוואָרצלען זיך אין דער מדינה און לסוף דער אומקום פון זיין גאַנצער משפּחה און זיינע איבערלעבונגען. עס ווערט נישט געמאַכט קיין פּרווו פון אַ ברייטער קאַנווע, פון אַן עפּישן פאַרנעם. אויך דער חורבן ווערט געשילדערט כּמעט אין שטילע טענער, אויב אַזוינס איז מעגלעך אין אַזאַ שוידערלעכער צייט. ר' מרדכי־פייוול לעבט יאָרן אין אַ גרוב, אָבער דאָס איז אויך נישט קיין אויסנאַם. צום סוף קומט די גליקזעליקייט, די געטלעכע שלווה פון אַקערן די אייגענע ערד (אגב, איז דאָרט פאַראַן אַ סצענע, וואָס דערמאָנט די פיגור פון אריה לפידות פון ברענערן, וואָס איז אַ פּערסאָניפיקאַציע פון א. ד. גאָרדאָן). דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט אַזאַ טייטש־חומש־פּשטות, מיט אַזאַ הויכער קוואַליטעט פון סטיל, מיט אַזאַ בילדערישקייט פון לשון, אַז דער לייענער אידענטיפיצירט זיך מיט די העלדן און ווערט ממש איינער פון זיי.

מ'דאַרף אויך אונטערשטרייכן אַ צווייטן מאָמענט: גראַנאַטשטיין גיט זיך באַזונדערס אָפּ מיט די „לאָקאַלע רוצחים", מיט די פּוילישע שותּפים פון די מערדערס. ער דרינגט אַריין זייער טיף אין דער פינצטערער פּסי־כאָלאָגיע פון אָט די אוממענטשן, ער שטעלט אויף פּאַר אונדזערע אויגן די געשטאַלטן (אויב מ'קען באַנוצן אַזאַ באַצייכענונג) פון טאָמאַס דעם סטרוזש, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געהייצט די הרובע און גערייניקט די קלאָזעטן ביי יידן און פּלוצלינג איז ער „אויפגעקומען" און געירשנט יידיש האָב און גוטס, דעם כוליגאַנישן באַנדיט טעדעק און אַנדערע רויבפויגל, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די געפייניקטע קערפּערס פון די קדושים.

מיט דעם גאַנצן חורבן און גרויל איז עס אויך אַ ווערק פון טיפן גלויבן, פון רעליגיעזקייט, פון עכטן יידישן אָפּטימיזם.

מיר פאַרענדיקן מיט ציטירן אַ פראַגמענט, וואָס איז דער סיום פון בוך.

„אַ מערב־ווינטל האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן בלאָזן. די צווייגן פון אייל־בערט־בוים, אונטער וועלכן ער איז געזעסן, האָבן זיך צעוויגט, די פייגעלעך זענען זיך צעלאָפן, איינס דאָ, איינס דאָרט, און דאָס דינע כאַלאַטל זיינס האָט זיך אויך צעהוידעט, אַריינבאַקומען חיות.

האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איז צו צום קראַן אין מיטן פעלד, געוואַשן דאָס פּנים און די הענט, האָט אויפגעצויגן אויף זיך דאָס כאַלאַטל, אַרומגעגאַרטלט זיך און געדאַוונט מנחה. אַ שטיל געשעפּטש האָט זיך צעטראָגן אין אָנהייב־אָוונטיקן חלל. און עס האָבן די בלעטער צוגעצישעט, מיטגעדאַוונט, מיטגעבויגן זיך און צוגעטראָגן די תּפילה — „מודים אנחנו לך...״

אויך מיר דאַנקען גראַנאַטשטיינען פאַר דער שיינער מתּנה, וואָס ער האָט צוגעטראָגן דער יידישער ליטעראַטור און אונדז אַלעמען.

1980

## „פון לאַנד צו לאַנד״ פון אָשר שטשוטשינסקי

(פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1979)

דריי לענדער: פּוילן, קובאַ און אַמעריקע, דריי יידישע ישובים — אַ געוואָגטער פאַרמעסט פאַר אַן ערשטן בוך דערציילונגען. דער פאַרנעם ווערט אָבער מעגלעך אַ דאַנק דעם גרעאָטענעם אויסוואַל פון מאָטיוון און פאַסירונגען, ווי אויך דורכן אויפכאַפּן דורכן מחבר דאָס וועזנטלעכסטע און סימפּטאָמאַטישע. דער לירישער אַריינבליק פאַרנעפּלט און פאַרטושט מרחקים אין צייט און אין שטח.

דאָ זענען פאַראַן עטלעכע און דרייסיק בדרך־כּלל קורצע (אויסער דער גרויסער אַרבעט „אין פאַרמעסט״) דערציילונגען. אויב איר ווילט, זענען עס מיניאַטורן און סקיצעס, אין וועלכע דער מחבר האָט אַריינגענומען אַן עולם ומלואו אין בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט: די אַלטע היים, די וואָגל־סטאַנציע אין קובאַ און די ערשטע אַמעריקאַנער איינדרוקן. ווי מאָגער דער מאַטעריאַל זאָל נישט זיין, באַקומט זיך ביים לייענער אַ געפיל פון שפע און אַ שלל פון איינדרוקן.

די „היים אין שטעטל" דערשיינט פאַר אונדז ווי אין אַ נעפּל, פון אַ פּערספּעקטיוו און נאָסטאַלגישער ווייטקייט. ס'זענען קינסטלעריש אויפ־געכאַפּטע שטריכן און סובטעל געמאָלטע העלדן. כמעט אַלע דערציילונגען זענען דורכגעדרונגען מיט עצבות, רחמים צו די הויפּט־פיגורן. דאָס זענען בדרך־כּלל פּראָסטע און שטילע מענטשן, וואַסער־טרעגערס, גלעזערס, וואַלד־סוחרים. די געשעענישן זענען בפירוש ניט קיין דראַמאַטישע, אָבער אָפט מאָל פּילסטו דאָס אומגעוויינטלעכע וואָס דאַרף פּאַסירן. פאַראַן דער־ציילונגען, וועלכע זענען סימבאָליש און אַלעגאָריש ווי: „דאָס הויז אויפן בערגל" וועגן דער שוחטקע, וועלכע לעבט אין אַ דירה אויפן באַרג אַראָפּ, וואָס קען אַוועקגעטראָגן ווערן דורך שנייען און זאַווערוכעס און קען זיין אַן אָנדייט אויפן ערב־חורבן. עס זענען פאַראַן מאָטיוון פון הונגער און יסורים, געשריבן מיט טיפן מיטלייד („דאָס העפט"), די אָנהויבן פון עמיגראַציע, און עלעמענטן פון ליידנשאַפט, ליבע און קנאה.

עס פילט זיך שטאַרק דאָס פּערזענלעכע. אַוודאי זענען עס נישט קיין דירעקטע זכרונות; אָבער דער מחבר איז זיכער „איינער פון דעם קהל" און ער גיסט זיך צונויף מיט זיינע ברידער, וועגן וועלכע ער דערציילט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט.

צו דער אַלגעמיינער עצבות טראָגן צו די לאַנדשאַפט (ווינטער, שניי) און די מאָטיוון (אָרעמקייט, געזעגענונג). ס'איז נישט דאָס שטעטל, נאָר אַ שטעטל. ס'איז נישט קיין אידעאַליזאַציע און נישט קיין גראָטעסקע, נאָר בלעטער פון אַן אַלבאָם איבערלעבונגען און דערמאָנונגען.

די קובאַנער דערציילונגען זענען דאָס האַרץ פונעם ווערק. ס'איז אַן אַנדער וועלט. די טעמאַטיק איז אַ דרייסטע, אַ רעאַליסטישע, די העלדן — „פליייש און ביין"; די קינסטלערישע פאַרבן — בונטע און גליִענדיקע. דאָס איז אַ רעלאַטיוו נייע טעמע אין אונדזער ליטעראַטור ווו דער מחבר קען אַ סך מחדש זיין און אַנטפּלעקן אַן עקזאָטישע און נישט צו פיל באַקאַנטע וועלט. כאָטש עס ווערט דאָ דערציילט וועגן יידישע עמיגראַנטן, ווי למשל: אין דער גלענצנדיקער נאָוועלע „נח דעם מילנערס", ווערט דער עיקר־טראָפּ געלייגט אויף דער קובאַנער לאַנדשאַפט, און מענטשן געשילדערט מיט אַ סך סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש. דער ראָמאַן „אין

פאַרמעסט" איז, אויף וויפל איך ווייס, אייגנאַרטיק אין זיין מין. עס ווערט דורכגעפירט פאַר אונדזערע אויגן די גאַנצע יידישע עמיגראַציע אין קובאַ, אירע פעדלערישע און פראָלעטאַרישע אָנהייבן, די חבלי לידה פון אַ נייעם ישוב, די יסורים פון איינגלידערונג, די אַסימילאַציע און די בענקשאַפט צו וואָרצלען און צו דער היים.

אין גאַנצן דריי דערציילונגען זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג, דערפאַר אָבער פון די בעסטע און געשליפנסטע: די חנעוודיקע איבערלעבונג ביי אַ שערער מיט וועלכן מ׳פאַרשטייט זיך כלומרט אויפן ווונק און ס׳קומט אַרויס פאַרקערט און לסוף דערוויסט מען זיך, אַז ער איז גאָר אַ לאַנדסמאַן („אָן אַ שפּראַך"), אַ ראָמאַן צווישן שארית הפליטה־ייִדן און די טראַגעדיע פון צוזען ווי מען צעוואָרפט אַ שכנותדיק הויז, וואָס איז אַ שטיק לעבן פון אַ משפחה. שפּעטער קומט די ריי אויף דער אייגענער דירה. אַכזריותדיקע קאָנסעקווענצן פון טעכנאָלאָגיע.

וואָס פאַרבינדט די אַלע טיילן? אַ גוטסקייט און צערטלעכקייט. ס׳זענען כמעט נישטאָ קיין נעגאַטיווע טיפּן. דער מחבר קען גאָרנישט פאַרטראָגן דאָס בייזע און דאָס ציניש; אָבער ער באַווייזט בולט, אַז דאָס גוטע קען זיין נישט ווייניקער שפּאַנענדיק און אינטערעסאַנט. ס׳איז ממש אַ גאַלעריע פון גוטע מענטשן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם לשון פון מחבר וואָס איז מאַלעריש, פּאָעטיש און גלייכצייטיק יאָדערדיק און פאָלקסטימלעך־אידיאָמאַטיש. די לאַנדשאַפט איז מער ווי אַ הינטערגרונט און באַגלייטונג צום סיפּור־המעשה. זי איז אַן אַקטיווער און אָרגאַנישער טייל פון דער שאַפונג.

אין אונדזער בייזער וועלט איז גוט אין אַ נאָווינע צו געניסן פון אַזאַ צאַרטן אויסדרוק פון ליבע און צוטרוי צום מענטש.

1980

# צום נומער הונדערט פון „די גאָלדענע קייט"

דער פילפאַרביקער נומער 100 פון „די גאָלדענע קייט" פאַרשפּאַרט אונדז אַ לענגערע אָפּשאַצונג פונעם אפשר בעסטן ליטעראַרישן זשורנאַל אויף יידיש. פּונקט ווי „די גאָלדענע קייט" קאָנדענסירט אין זיך כּמעט די גאַנצע ליטעראַרישע יצירה פון אונדזער דור, אַזוי אויך איז דער איצטיקער נומער אַ תּמצית, אַ מוסטער פון איר אַליין. זעלטן־ווען איז אין איין אויסגאַבע קאָנצענטרירט אַזאַ רייכער מאַטעריאַל, אַזאַ שלל פון שרייבקונסט. העכער 60 פּאָעטן, שריפטשטעלערס, עסייאיסטן, פּראָזאַיִקערס, קריטיקערס און רעצענזענטן, באַטייליקן זיך דאָ מיט גרעסערע און קלענערע אַרבעטן. דערביי איז אויך פאַראַן גאָט־געבענטשטע איכות. וועגן דעם עצם יובל, וואָס באַצייכנט איינעם פון די גרעסטע אויפטוען אין אונדזער ליטעראַטור, ווערט דאָ זייער ווייניק גערעדט. דער גרינדער און רעדאַקטאָר, א. סוצקעווער, באַנוגנט זיך בלויז מיט אַ בכּיוונדיק קורצן אַריינפיר. פון דעסטוועגן פילט זיך אין דעם נומער אַ שטילע יום־טובדיקייט, די פרייד מיטן גאָלדענעם שניט.

דעם וויכטיקסטן טייל פון דעם נומער פאַרנעמען דערציילונגען. דערמיט ווערט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעלייקנט די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז אונדזער היינטצייטיקע ליטעראַטור איז איבערגעלאָדן מיט פּאָעזיע און אַז די צאָל פּראָזאַיִקערס ווערט אַלץ קלענער. נישט בלויז זענען אונדזערע באַדייטנדיקסטע פּאָעטן (ח. גראַדע, י. יאַנאַסאָוויטש און טאַקע סוצקעווער אַליין) אויך גרויסע נאָוועליסטן און דערציילערס, נאָר דער גאַנצער נומער איז אָנגעפּילט מיט דערציילערישע פּערל. אָנהייבן וויל איך דווקא מיט דער נישט־פאַרענדיקטער יצירה פון חוה ראָזנפאַרב „בינהלע". איך וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז אַ געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור; ממש אַ רעוועלאַציע. ס'איז אַן אַמביציעזער פּרווו אַרומצונעמען דאָס פאַרמלחמהדיקע לאָדזש, וואָס לעבט דאָ אויף מיט אירע אויסטערלישע העלדן, אָרעמקייט־שיכטן, הונגער, יסורים, רעוואָלוציאָנערע אָנהייבן — אַלץ געזען דורכן לעבן און גערעדל פון דער מערקווערדיקער העלדין בינהלע.

ישעיה שפּיגל איז פּאָרטראָטן מיט איינער פון זיינע בעסטע שאַפונגען „אל מלא רחמים". איר געפינט אין דער נאָוועלע אַלע עלעמענטן פון זיין דיכטערישן אוצר: די טראַגישע שפּאַנונג, די בילדערישקייט און רייכקייט פון דער שפּראַך, די דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען, די הערא‌ִישע קוואַליטעט פון זיינע פשוטע און דאָך סימבאָלישע און אַפילו מיסטישע העלדן, דאָס צוזאַמענפּאָרן פון אויטאָביאָגראַפישן שטאָף און סיפור־המעשה, די דינסטע נאַטור־שפּירעוודיקייט און די ריינע ליריק. די גאַנצע דערציילונג איז אויפן פּאַן פון אַ בית־עולם. דער העלד איז אַ קברן. דער דערציילער איז אַ צאַרט יינגל, דער מחבר אַליין. אַרום זיי אַנטוויקלט זיך ממש אַן עפּאָפּעע פון גרויל און זינד, פון צער און גרויס רחמנות.

אין מרדכי צאַנינס „פּאַרפישופטע הינער" זענען פאַראַן די סגולות פון זיין אידיאָמאַטישן לשון און דערציילערישן טאַלאַנט, אָבער עס איז אַ נייע טעמע, די וועלט פון כישוף, וועלכע ווערט אַ וויכטיקער מאָטיוו אין זיין שאַפן, אַן דעם גראָטעסקן, עראָטישן און דעמאָנישן פון באַשעוויס־זינגער. א. קאַרפּינאָוויטש איז טריי זיין ווילנע און אירע העלדן. אָבער דאָס מאָל האָט ער אויסגעקליבן אַ יוצא־דופנדיקן און אויסטערלישן טיפּ: דעם שוסטער פּרענטשיק, מיט זיין „זוויערינעץ". דער שוסטער וויל פאַרגוואַלדיקן די נאַטור: צונויפזאַמלען אַלע מיני חיות, באַשעפענישן און זיי פאַרוואַנדלען אין נייע ברואים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז איבער זיינע כּוחות. דאָס איינציק איבערגעזעצטע ווערק אין יובל־נומער איז עגנונס דערציילונג „אַ ספר וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען". כאָטש געשריבן אין העברעיִש, איז עס לכתחילה מאַמע־לשונדיק. עס איז אַ „פּשוטע מעשה" וועגן דעם פּירוש פון אַ גאון, וועלכן דער מחבר האָט ווי אַ יינגל איבערגעשיקט אין דער גנזי־יוסף־ביבליאָטעק און עס איז קיין מאָל נישט אָנגעקומען. ווידער דערקוויקט מען זיך מיטן לויטערן נוסח, מיטן ניגון, מיט דער גאָטספאַרכטיקער שיינקייט פון דעם גרויסן מייסטערס דערציילונגען. קאַ. צעטניק צעשיידט זיך נישט אין זיין דערציילונג „די ערד" פון דער חורבן־טעמאַטיק. אָבער דאָס מאָל איז עס אַן אַנדער וואַריאַציע. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער נאַכט פון יו־ען־באַשלוס צו שאַפן אַ ייִדישע

מדינה. די קרבנות קערן זיך אום צום לעבן דורך ליבע. ס'איז גרויל פֿאַר־וואַנדלט אין חסד און גיהנום אין ערד.

דער פּאָעטישער טייל הויבט זיך אָן מיט חיים גראַדעס פּאָעמע „שלום עליכם". עס איז אַ צעזונגענע אָדע; די דערהויבנקייט פֿון שפּראַך, די פֿעיִקייט אַרויסצוברענגען אַזוי פֿיל אין געשליפֿענע פֿערזן, דאָס לעבעדיק מאַכן פּאָעטיש די העלדן פֿון שלום עליכמס שאַפֿונגען. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז דער ערשטער גרויסער פּרוּוו „אָפּצושאַצן" אַ קלאַסיקער אין אַ דיכטערישער פֿאָרם, אויף אַזאַ טרעפֿלעכן, אינטערעסאַנטן און רירנדיקן אופֿן. דעם לייענער דערוואַרט אַ פֿריידיקע איבערראַשונג: איציק מאַנגערס אַ ליד פֿון זיין ליטעראַרישן איבערבלייב „אַמוזאַנטער אָוונט". ס'איז מאַנ־געריש דורך און דורך: דער וויין און שענק, די ציגיינערין מיטן צימבל, די איינזאַמקייט, דאָס מיידל אין טאַנץ, צערטלעכקייט און ווילדקייט און נאָגנדיקע מעלאַנכאָליע. בינעם העלער, וועגן וועלכן יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג לכּבֿוד זיין 70־יאָריקן יובל, האָט עטלעכע לידער —ביישפּילן פֿון די צוויי עלעמענטן אין זיין שאַפֿן: ריינע ליריק און געמיט פֿון צייט. עס באַטייליקן זיך אויך אין דער זאַמלונג הדסה רובין, מאיר חרץ, חיים מאַלטינסקי, רבקה באַסמאַן, משה וואַלדמאַן, משה שולשטיין, מלכּה חפֿץ־טוזמאַן, משה יונגמאַן. די ראַם פֿון אַ רעפּאָרטאַזש דערלויבט מיר נישט זיך אָפּצושטעלן אויף יעדן איינעם פֿון זיי. זיי אַלע זענען נישט קיין פּנים חדשות, נאָר רייפֿע קינסטלערס מיט אַן אייגענעם פּראָפֿיל און כאַראַקטער.

אויפֿן געביט פֿון עסייאיסטיק איז כּדאַי אויסצוטיילן די אַרבעט פֿון יעקב י. מייטליס „פּראָזאַיִקערס פֿון דער היינטיקער ליטעראַטור". ס'איז אַ קאָמפּעטענטע אָפּשאַצונג פֿון די ווערק פֿון באַשעוויס־זינגער, דער פּראָזע פֿון חיים גראַדע און דעם ראָמאַן „ערבֿ" פֿון עלי שעכטמאַן. די אָפּטיילונג פֿאַר קריטיק איז אין דעם נומער (ווי בכלל אין דער איצטיקער ליטעראַטור) אַ ביסל אָרעם. אויסער דער פֿריִער־דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג פֿון י. יאַנאַ־סאָוויטש וועגן בינעם העלער, איז כּדאַי צו דערמאָנען אַן ערנסטע (ווי שטענדיק) אָפּהאַנדלונג פֿון קונסט־קריטיקער און איבערזעצער מ. ליטווין וועגן דער פּאָעזיע פֿון מילאָש. דוד ספֿאַרד שרייבט וועגן סקולפּטאָר מיכאל

מילבערגער (וואָס האָט, אגב, אַ בראָנז־סקולפּטור פון אליעזר פּינעס, דעם מיט־רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט"). עס געפינט זיך דאָ אָבער אַ גרעסערע צאָל רעצענזיעס פון אלכּסנדר שפּיגלבלאַט, ל. פּאָדריאַטשיק, נחמן ראַפּ, הירש אָשעראָוויטש, נח גריס. דער נומער איז אויך רייך אילוסטרירט מיט בילדער און סצענעס פון בן־חיים, שאַגאַל, יאָסל בערגנער, משה בערנשטיין, רינאַ סוצקעווער, שמואל באַק, מילבערגער און אַנדערע. פּראָפ' חנא שמערוק האָט דאָ אַ ליטעראַטור־פאָרשונג „צי קען דער קיימ־ברידזשער מאַנוסקריפּט שטיצן די שפּילמאַן־טעאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור"? — אַ רעפּעראַט געהאַלטן אויף דער אָקספאָרדער קאָנפערענץ פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך.

מיטן גאַנצן געניוס פון דעם כּל טוב, קענען מיר זיך נישט איינהאַלטן פון אַ קריטישער באַמערקונג. איינע פון די הויפּט־חסרונות אין דער רייכער זאַמלונג איז איר צופיל... ליטעראַרישקייט. זי איז ווי לגמרי אויסער צייט און רוים. די האָט פּונקט אַזוי געקענט אַרויסגיין אין 1950 למשל, ווי 1979. ס'איז נישטאָ קיין שום אַרטיקל, אַרבעט, אָפּהאַנדלונג וועגן יידן און זייער פּראָבלעמאַטיק. וועגן ישראלס (ווו דער נומער דערשיינט) גייס־טיקע פּראָבלעמען. ס'וואָלט חלילה גאָרנישט פּוגם געווען אין דער קוואַ־ליטעט, בפרט נאָך ווען „די גאָלדענע קייט" האָט שטענדיק פּאַרעפנטלעכט דעם מין אַרבעטן. איך ווייס נישט, אויב מ'האָט גענוג זיך באַמיט צו געפינען די געהעריקע שרייבערס וועגן אָט די וויזנטלעכע ענינים. אָבער דאָס איז בלויז ווי אַ פלעק אויף דער זון. נאָך אַלעמען איז עס נישט קיין אַפּשלוס־נומער, חלילה. און „ס'איז נאָך נישט צעריסן די קייט".

עס וועט זיין כּמעט באַנאַל צו באַדאַנקען סוצקעווערן, וואָס אויסער זיין אייגענעם בייטראַג פון די ווירטואָזישע, טיפע לידער, איז ער דער הויפּט־„שולדיקער" אין אָט דער מתּנה, וואָס עס האָט באַקומען (מיט אָט דעם נומער) דער יידיש־ליבהאָבער אין דער וועלט. אומעטום פילט זיך זיין געניטע און זיכערע רעדאַקטאָרישע האַנט.

1980

# „אַ וואַלפיש אין יפו"

## פון שמואל איזבאַן

(י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 1980)

אין זיין נייעם בוך „אַ וואַלפיש אין יפו" האָט ש. איזבאַן געגעבן דעם תמצית פון זיין קינסטלערישן איך. ס׳זענען דאָ בולט אַלע עלעמענטן פון זיין שרייבערישן נוסח: דער הייסער אָטעם פון מדבר און ים־לאַנדשאַפט, טיפע ליבע צום אָריענט בכלל און צו ייִדישע מזרח־שבטים בפרט, די אומגעצוימטע און אָפט מאָל ווילדע עראָטיק, די פעיִקייט אויפצולעבן תקופות, סביבות און לעבנס־שטייגער און אַ פאַרביק־מאַלעריש לשון.

דאָך איבערראַשט אונדז דאָס בוך. ס׳איז מער ווי אַ ווידער־באַקאַנט־שאַפט. ס׳איז אַן אַנטפּלעקונג. דאָס דאַרף מען נישט צושרייבן דער קינסט־לערישער אויסרייפונג פון שרייבער. עס קומט, לויט אונדזער מיינונג, פון אַ נייער פּערספּעקטיוו. איזבאַן איז אַוועק פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אין זיינע היסטאָרישע טעמעס און איז, אין דעם בוך, אַריבער צום נאָענטן עבר; אַפילו צו היינטצייטיקייט. אַוודאי זענען דאָס נאָך נישט קיין רעַ־אַליסטיש־מאָדערניסטישע דערציילונגען. עס בלייבט נאָך אַלץ דער אַראָמאַט פון מזרח און די שלייערן פון לעגענדע. פון דעסטוועגן אָטעמען זיי שוין מיט גערודערנגלען פון נאַציאָנאַלע מאָטיוון און פּאַסירונגען פון אונדזער צייט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט בלויז ווייסט ער ווי אַזוי, נאָר ער האָט אויך וואָס צו זאָגן.

איך ווייס נישט, צי דער נאָמען „דערציילונגען" איז דאָ צוגעפּאַסט. עס זעט מיר גיכער אויס ווי ברייטקאַנוויקע יצירות. יעדע איינע פון זיי איז אַ וועלט פאַר זיך. „דער וואַלפיש אין יפו" איז אַ געשיכטע פון דער פּאַרצוקנדיקער חיה, וועלכע ווערט באַהערשט דורכן צויבער פון אַנטציקנ־דיקע טענדענצן. „דער תקיף", ווו עס ווערט געשילדערט אַ מין אָריענטאַ־לישער „שלמה נגיד", דער גביר מיט גרויסע פאַרמעגנס און נאָך גרעסערע

אַפּעטיטן; אַ פּאַרטרעט פון אַן אַראַבישן הערשער, אַ געמיש פון כיטרעקייט, בייזקייט, מענלעך רייף און גיריק.

אַט איז אַ מיסטיש־לירישע דערציילונג: „דער טלית"; אַ באַשעוויס־אַרטיקע דערציילונג פון אַ פּרוי, באַהערשט דורכן סעקסועלן דעמאָן אין געשטאַלט פון אַן אַראַבער. און אַט אַן אַריגינעל־עקזאָטישער סיפור־המעשה ווי טרוים און גרויל גיסן זיך צונויף אין דער דערציילונג „אַ חלום אין מדבר". אפשר איז די קרוין פון אַלע דערציילונגען „די ים־וויטלס", וווּ דער שרייבער פאַרמעסט זיך אַמביציעז מיט דער מעפּילים־טעמע; די אַוואַנטורע פון אַ שיף פון דער שארית הפליטה וועלכע רייסט זיך קיין ישראל. ער ראַנגלט זיך דאָ מיט אַן אויסערגעוויינטלעך־דראַמאַטישן שטאָף און ער קומט אַרויס מיט אַ נצחון. איזבאַן ברענגט אַרויס פאַרשידענע טעמעס, טיפּן, פּאַסירונגען. דאָך זענען דאָס נישט קיין אָפּגעריסענע בלומען, קינסטלעריש צוזאַמענגעבונדן אין אַ קראַנץ. ס'איז נישט קיין צופעליקע זאַמלונג, נאָר אַ בפירושער קענצייכן פון זשאַנער און סטיל.

דאָס איז קודם כל עראָטיק. איזבאַן איז אין דעם פּרט איינער פון די אויסנאַמען אין אונדזער טראַדיציאָנעל־פּוריטאַנישער ליטעראַטור. דאָס איז דער כוח וואָס באַוועגט אַלץ און אַלעמען. די תּאוהדיקע מענער, אָפט מאָל אין זייערע מיטליאָרן; די צערטלעכע ליידנשאַפטן פון יונגע העלדינס — אַלץ פאַרבלענדט דער יצר־הרע. דאָס אַלץ איז געמאָלן דרייסט און עס בלייבט נישט קיין סך קיין אָרט פאַר פאַנטאַזיע. אַפילו אין די נאַציאָנאַלע פּאַטאָס־אָנגעפילטע דערציילונגען פעלט נישט דאָס אייביק־ווייבלעכע. דערביי איז אָבער נישטאָ קיין שפּור פון געקינצלטן רייץ און אויפרייצונג; נישט קיין פּערווערסיע. נישטאָ קיין סימן פון פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן אָדער ניבול־פּה, וואָס איז היינט אַזוי אין מאָדע אין דער וועלט; און אַפילו ביי אונדז.

אינטערעסאַנט, ווי אונדזער היימיש־איראָפּעישער איזבאַן איז געוואָרן דער געטרייסטער באַשרייבער, דער מאָלער און באַזינגער גראַד פון דער ייִדיש־ספרדישער וועלט. אין דעם פּרט דערמאָנט ער אונדז חיים הזזן אין דער העברעישער ליטעראַטור. ס'איז אַ צויבער־פּרדס, וואָס דער מחבר עפנט אויף מיט געניטקייט און היימישקייט, ממש צו באַוואונדערן. און פּונקט

ווי מ׳קען נישט מאַלן דאָס שטעטל אָן די „גוים״, אָן די סלאַווישע מאַטיוון פון לאַנדשאַפט און לעבנס־שטייגער, אַזוי קען מען נישט מאָלן יידישע מזרח־כאַראַקטערן אָן אַן אַריינבליק אין דער אָריענטאַלער וועלט בכלל. דאָ געשעט דאָס פּאַראַדאָקסאַלע: דער פּאַטריאַטישער, פלאַמיקער ייד — וואָס איז זיכער נישט קיין „טויב״ אין זיין פּאָליטישן באַנעם — האָט ליב... דעם אַראַבער. ער איז איינער פון די ווינציקע, וואָס האָט אָפּגעהיט לגבי זיי אַ געפיל פון ראָמאַנטיק, אפשר איז דאָס, אין אַ געוויסער מאָס, אַ מין עכאָ פון זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען וועגן אַמאָליקע שבטים און פיגורן, וואָס די עפּענדיס און פעלאַכן זענען זייערע עפּיגאָנישע יורשים.

אין אַלע דערציילונגען איז דאָ דראַמאַטישקייט און שפּאַנונג. דער צוזאַמענפלעכט פון נאַטור־עלעמענטן און מענטשן, פון גורל, פון געראַנגל. כאַראַקטעריסטיש פאַרן בוך איז רישא און סיפא. עס הויבט זיך אָן מיט אַ קאַמף קעגן חיה און עס ענדיקט זיך מיט געראַנגל קעגן מענטשלעכע חיות. אָבער איןביידע איז דאָ סטיכיע, מוט און בראַווקייט פון מענטש אין געראַנגל מיטן בייזן און פאַרצוקנדיקן. דאָס אַלץ איז געגעבן דורך אַ פולבלוטיקן פּראָזאַיִקער מיט אַ פאַרביקן סטיל, וועלכער האָט נאָך זיכער נישט געזאָגט זיין לעצט וואָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

1980

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| ✶ . . . . . . . . . . . | 5 |
| נייע אויספאָרשונג וועגן געמישטע חתונות . . . | 7 |
| יידן און די אַמעריקאַנער פּאָליטיק . . . . . | 10 |
| „שמע" — אַן אינטערעסאַנטער זשורנאַל | 14 |
| מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע . . . . . . | 19 |
| איינזייטיקייט . . . . . . . . | 25 |
| קערנער פון דער צוקונפט . . . . . . | 31 |
| אַ באַוועגונג פאַר גיור . . . . . . . | 34 |
| ציוניסטישער מוסר־השכל . . . . . . | 39 |
| אַמעריקאַנער יידן ווי אַ פּאָליטישער כוח . . . . | 44 |
| מער ווי אַסימילאַציע . . . . . . . | 50 |
| פּאַלידאָקסן . . . . . . . . . | 54 |
| יידישקייט דורך אַ שליח . . . . . . . | 58 |
| קריסטלעך־יידישע באַציונגען . . . . . . | 63 |
| אויפן הימל אַ יריד . . . . . . . | 68 |
| אַ פּרעמדע חתונה . . . . . . . | 73 |
| פּרצופים פון אַנטיסעמיטיזם . . . . . . | 77 |
| פּראָטאָקאָלן פון די שונאי־ציון . . . . . | 82 |
| וועלטלעכע יידישקייט . . . . . . . | 88 |
| ליבעראַליזם און די יידן . . . . . . . | 94 |
| די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג און<br>די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע . . . . . | 100 |
| דער קריזיס אין דער רעפאָרם־באַוועגונג . . . . | 106 |
| ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם . . . . . . | 114 |
| אין גראַנגל . . . . . . . . | 118 |
| אַנטיסעמיטיזם און אַנטי־ציוניזם . . . . . | 125 |
| סאָוויעט־רוסלאַנד און דער יידישער מוח . . . . | 131 |
| די וואָס ווען פאַרבלייבן . . . . . . | 133 |
| דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין ליכט<br>פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען . . . . . | 138 |
| סאָוויעטיש יידנטום פון אינעווייניק . . . . . | 145 |
| אומעטיקע גרויקייט . . . . . . . | 150 |
| שפלות . . . . . . . . . | 154 |
| באַבי־יאַר אָן יידן . . . . . . . . | 156 |
| איידעלע ווערטער . . . . . . . . | 157 |

באַבי־יאַר . . . . . . . . . . 159
אַן אַנדער יעטוועטושענקאָ . . . . . . . 161
אַ פּיינלעכער דאָקומענט . . . . . . . 165
מיט געמישטע געפילן . . . . . . . . 168
אַ שרעקלעכער דאָקומענט . . . . . . . 172
אַ התחלה . . . . . . . . . 174
אַן אַלטער וויכוח . . . . . . . . 177
טעזעס פאַרן ציוניסטישן
אַרבעטער־פאַרבאַנד־צוזאַמענפאַר . . . . . . 184
וועגן שליחים און שליחות . . . . . . . 191
איינדרוקן פון אַ באַזוך אין דרום־אַפריקע . . . . 196
די שיף פון געשפּענסטער . . . . . . . 206
אַן אויסטערלישער פאַרשלאַג . . . . . . 209
די שואה — אַן עקומענישער ענין ? . . . . . 214
פלעקן אויף דער זון . . . . . . . . 218
אַ שנעלער באַזוך אויפן ווייטן מזרח . . . . . 223
דער פּלאַץ פון דריי קולטורן . . . . . . 228
מיאַמי־ביטש און תל־אביב . . . . . . . 231
„כנרת" . . . . . . . . . . 235
באַגעגענישן . . . . . . . . . 237
אין סיני . . . . . . . . . . 241
אַ באַזוך אין „קלויסטערס"־מוזיי . . . . . 245
צוריקקער אָדער צוריקגעשטאַנענקייט . . . . . 248
מוקצה מחמת מיאוס . . . . . . . . 252
ספרדישער ראָמאַנסעראָ . . . . . . . 255
שיילאָק אין ירושלים . . . . . . . . 256
יידיש־קאָנפערענץ אין קאַנאַדע . . . . . . 260
מעדיטאַציעס . . . . . . . . . 236
באַגעגעניש מיט ווילי בראַנדט . . . . . . 266
קרייסקי . . . . . . . . . . 272
ווענדונג און איבערברוך . . . . . . . 276
די אויטאָביאָגראַפיע פון אבא אבן . . . . . 278
„דאָס בשמים־ביקסל" און אַנדערע
דערציילונגען פון יצחק יאַנאַסאָוויטש . . . . . 283
אַ ווערטפול בוך . . . . . . . . 285
פרעמדע פעלדער — אייגענע ערד . . . . . 288
„פון לאַנד צו לאַנד" פון אשר שטשוטשינסקי . . . 292
צום נומער הונדערט פון „די גאָלדענע קייט" . . . 295
„אַ וואַלפיש אין יפו" פון שמואל איזבאַן . . . . 299